STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01305

ALEKSANDER DER ERSHTER

Dmitry Sergeyevich Merezhkovsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. מערעזשקאווסקי.

אלעקסאנדער דער ערשטער

אידיש: ד. קאסעל.

[illegible]־טער באנד.

№ 19

פארלאג
יודיש
ווארשע

אַלעקסאַנדער .1

אויף דער נעוואַ, געגענאיבער דעם אַדמיראַליטעטסבערג, האָט זיך געטרונקען די פלאַכע באַרקע, וואָס אויף איהר האָט זיך געשטיצט די איסאַקיעווסקי בריק. דאָס וואַסער האָט אויפגעהויבען די בריק, ווי אַ באַרג, און האָט זי צוריסען אויף שטיקער. און די שטיקער זענען צושוואומען געוואָרען אין פערשידענע זייטען. איבער דער פלאַכער באַרקע, וואָס האָט געזונקען אין וואַסער, זענען אומגעלאָפען מענשען, זיך געדרענגט און געצאַפּעלט, פונקט ווי מוראַשקעס. די קייזערין האָט דורכ׳ן פענסטער דערקאָנט דאָס דעזשורנע שיפעל מיט אַכטצעהן רודערס פון גוואַרדישען עקיפּאַזש, וואָס איז געגאַנגען צו הילף דער באַרקע. איג׳ם ווייס-מוטנעם נעבעל פון אוראַגאַן האָבען די כוואַליעס געשפּיעלט מיט׳ן שיפעל, ווי מיט׳ן שאָלעכטס פון אַ נוס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט עס איינזינקען אינ׳ם וואַסער. אָבער אויב דער קייזער איז דאָרט?

און לאַנגינאָוו איז פערפאַלען געוואָרען. אפשר שיקען וואַלועוואַ? אָבער ניין, זי איז נאַריש און וועט גאָרנישט העלפען.

אַ יונג אָפיצירל איז דורכגעלאָפען דעם צימער, אינגאַנצען פערנעצט — אפנים, נאָר-וואָס געווען אין וואַסער ביז׳ן גאַרטעל. דאָס פּנים — פּשוט און ליעב, ווי ביי אַ דאָרפסיונגעל, אָבער עס איז בלוי פון קעלט און אין די אויגען שפּיגעלט זיך אָב יענער פרעהליכער פּחד, וואָס די קייזערין האָט פריהער געשפּירט. דערזעהן די קייזערין, האָט ער זיך געשטעלט אין פראָנט.

— ווייסט איהר נישט, וואו איז דער קייזער?

— איך ווייס נישט, אייער מאַיעסטעט, — האָט ער געענטפערט. איהם האָט געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן און ער האָט זיך געסטאַרעט איינצוהאַלטען דעם שמייכעל. — מאַנכע זאָגען, אַז ער איז דאָ, אין פּאַלאַץ, און אַנדערע — אַז ער געפינט זיך אין שיפעל מיט׳ן גענעראַל-אַדיוטאַנט בענקענדאָרף.

— נו, גוט, איהר קאָנט אייך גיהן.

ער איז אַוועקגעלאָפען און איבערגעלאָזט קאַלושעס נאַסער אויף דער פּאַדלאָגע.

צולעצט איז געקומען לאַנגינאָוו.

—קיינער ווייס גאָרנישט. כאָטש נעהם און צערייס זיך! מען קאָן גאָרנישט דערגעהן. אַלע האָבען פערלאָרען די קעפּ און מען פליהט-אום, ווי משוגע...

—אַך, ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש, אָבער מען קאָן דאָך נישט אַזוי!— האָט זי אויסגעשריען מיט טרעהרען אין קול—גאָט מיינער! גאָט מיינער! נו, וועל איך אַליין געהן, אויב איהר קאָנט גארנישט טהאָן...

—מאַיעסטעט!..

—קומט מיט מיר!

און אַלע דריי זענען אַוועקגעלאָפען: די קייזערין, וואָלטיעוואַ און לאַנגינאָוו.

אויפ׳ן וועג האָבען זיי אָנבעגעגענט דעם קאַמערדיענער מעלניקאָוו. ער האָט אויך נישט געוואוסט, וואו עס געפינט זיך דער קייזער.

—מיר זוכען איהם אַרום. איהר מאַיעסטעט, די קייזערין מאַריע פעאָדאָראָווגע בעאונרוהיגט זיך זעהר! און מיר קאָנען איהם אַלץ נישט געפינען,—האָט זיך מעלניקאָוו געקלאַפּט איבער די לענדען מיט אַזאַ מינע, פּונקט ווי אַ נאָדעל וואָלט פערפאַלען געוואָרען.

—נאַרישער קאָפּ!—האָט די קייזערין אַ געשריי געטהאָן אויף פראַנצויזיש און אַוועקגעלאָפען ווייטער.

גענעראַלאַדיוטאַנט פירשט מענשיקאָוו האָט זי עטוואָס בערוהיגט. ער האָט איהר מיטגעטיילט, אַז מען האָט דעם קייזער געזעהן אונטען, אויף די קאָמענדאַנטען-שטיגען. אויב מען זאָל זיך לאָזען אַהין, בעדאַרף מען אַדורכגעהן אַ סך צימערן.

דער פּאַלאַץ איז געווען עהנליך צו אַ פונאַנדערגעגראָבענעם בערגעל פון מוראַשקעס: עס האָט געשוויבעלט און געגריבעלט מיט פערשמייטע און צוטראָגענע מענשען, וואָס זענען אומגעלאָפען, זיך צוזאַמענגעשטויסען, געשריען, זיך געזידעלט און איינער דעם צווייטען נישט פערשטאַנען.

דער קייזערין האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַלץ האָט זי שוין אַמאָל געזעהן אין חלום: אויך אַזוי, ווי איצט, איז זי אַרומגעקראָכען איבער אונענדליכע שטיגען, געזוכט דעם קייזער און

נישט געפונען—און זי וועט איהם שוין קיינמאָל נישט געפינען.

פון די פערגאָסענע צימערן האָבען סאָלדאַטען געטראָגען איבער די שטיגען בעגילדעטע און מיט זייד בעצויגענע מעבעלמיילען, בילדער, וואַזעס, קאַנדעליאַבערס, שפיגלען, קיך-געפעס און פערשיעדענע הויז-מכשירים. אַ ריזיגער סאָלדאַט מיט אַ גוטמוטיגען פנים, האָט געשלעפט אַ גרויסען געשמידטען קאַסטען, אויף וועלכען עס איז געזעסען אַ בעט מיט אַ נאַסער פערינע און אין די צייהן האָט ער געהאַלטען אַ שטייגעל מיט אַ טשיזשיק.

איינעם פון די קאָרידאָרען האָט מען גאָרנישט געקאָנט אדורכגעהן. עס האָט זיך געהערט אַ טופעריי פון קאָפּיטעס און אַ הירזשעריי פון פערד. לאָנגינאָוו איז גאָר אַריינגעקראָכען אין פערדענמיסט: דער קאָרידאָר איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שטאַהל פאַר פערד. די פערד פון דער גרויספירשטין מאַריע פּאַוולאָוונע, וואָס זענען פריהער געשטאַנען אויפ'ן פּאַלאַצפלאַץ, האָט מען אויסגעשפּאַנט און געבראַכט אַהער, אין דעם אונטערשטען שטאָק, צו ראַטעווען זיי פון געוויסער.

אונטען, אויף די געדרעהטע און טונקעלע שטיגען, האָט עמיץ אויסגעשריען מיט אַ גראָבען קול—יענער האָט נישט דערקאָנט די קייזערין.

—וואוהין קריכט איהר? מען קאָן דאָ נישט געהן: וואַסער!

און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז פערבאָרגענע כוואַליעס שעפּטשען זיך איבער אין דערפינסטער, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך צונויפגערעדט וועגען עפּיס שרעקליכעס—און דאָס האָט אויך דערמאָהנט אָן אַ חלום.

אונבעקאַנטע מענשען האָבען פאַרבייגעטראָגען עפּיס אַ ווייסע זאַך.

—וואָס איז דאָס?—האָט די קייזערין געפרעגט.

—אַ דערטרונקענע,—האָט זי בעקומען אַ ג'ענטפער.

חאַליעוואַ האָט זיך צויאָמערט און האָט שוין געהאַלטען ביי חלשות: זי האָט זיך שטאַרק געשראָקען פאַר טויטע.

אויף די קאָמענדאַנטען-שטיגען האָט זיך די קייזערין דערוואוסט, אַז דער קייזער איז דאָ געווען, אָבער ער איז אַוועק

אין ערמיטאַזש. וואוהין עס איז געבראַכט געוואָרען אַ גרויסע שיף פון דער מיליאָנאַ - גאַס... האָט מען בעדאַרפט לויפען צוריק איבער דיזעלבע שטיגען, אָבער דאָ האָט עמיץ אויסגעשריען, אַז דער קייזער איז נישטאָ אין פאַלאַץ: ער איז נאָר-וואָס אַוועקגעפאָהרען אויף אַ שיף.

דורכגעלאָפען די אייגענע צימערן, האָט די קייזערין דערזעהן, אַז דער טיש איז געגרייט צו פריהשטיק און האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי קאָן מען עס עסען. אָבער לאַנגינאָוו האָט אַ כאַפּ געטהאָן אַ שטיקעל ברויט מיט קעז און בעגעסען לויפענדיג.

אין די גרויסע סאַלאָנען איז נאָך אַלץ געווען רוהיג. הינטער'ן פענסטער עקט זיך די וועלט, אָבער ביים פענסטער זיצען זיך צוויי אַלטע קאַמערהערן און שמועסען געמיטליך וועגען דעם גייעם באַלעט—זעפיר און פלאָרע.

דערזעהן די קייזערין, האָבען זיי מיט גרויס דרך-ארץ פערנויגט זייערע גלאַטע פליכוואַטע קעפּ.

דידאָזיגע רוהיגע פּנים'ער האָבען זי אויך עטוואָס בערוהיגט. אָבער אין דער אייגענער רגע האָט זי אַ טראַכט געטהאָן: „דידאָזיגע לייט וועלען אַזוי אויסזעהן אַפילו דעמאָלט, ווען די וועלט וועט אונטערגעהן.”

אויפ'ן דיוואַן, אין בלויען סאַלאָן, איז געשטאַנען די גרויספירשטין אַלעקסאַנדרע פעאָדאָראָווגע און די הויפדאַמע פליסקאָוואַ מיט אויפגעהויבענע קליידלעך.

—אַי! אַי!—האָט געיאָמערט די הויפדאַמע—איך האָב אַליין געזעהן, אייער מייעסטעט: אַ סך, אַ סך זענען זיי דאָ! איבער די וועגד קריכען זיי אַרום...

—וואָס מיינט איהר?

—מייז, אייער מייעסטעט. אָבער אַחינע בייזע! שיקער נישט איינגעביסען מיר דעם פוס!

וואַלויעוואַ האָט אויך גענומען שרייען און איז אַרויפגעשפרונגען אויפ'ן דיוואַן: פאַר מייז האָט די זיך געשראָקען נישט וועניגער ווי פאַר מתים.

—פון אונטען לויפען די, פון די קעלערן־אָון די אונטערשטע געוועלבער, — האָט געמיאַמלעט דער דעמיסיאָנירטער קאַמערפוריער איזאָטאָוו, אַ געבויגענער, צוקנייטשטער און אָבגעקראָכענער אַלטעטשקער, עהנליך צו אַ פּרייס.—דאָס געוויסער, וואָס איז געווען אין יאָהר 1777, האָט אויך אַזוי פערגרעסערט אין פּאַלאַץ די צאָהל מייז און די שצורעס, און די קייזערין יעקאַטערינע אַלעקסעיעוונע, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָל זי האָבען, פלעגט אַליין אויסשטעלען די מייזפּאַסטקעס...

—איהר געדענקט נאָך יענס געוויסער?—האָט געפרעגט די קייזערין; זי האָט געוואָלט עפּיס זאָגען און נישט געקאָנט געדענקען, וואָס.

—טאַק טאָטשנאָ,—אייער מאַיעסטעט. איך געדענק די געוויסערס פונ׳ם 18 נאָוועמבער 1755 און פון 25 אויגוסט 1762 און פון 20 נאָוועמבער 1764—אַלע געוויסערס געדענק איך. איך האָב מיך אַליין געטרונקען און דער טאַטע און דער זיידע, דעריבער שרעק איך מיך פאַר וואַסער: פון פייער קאָנסטו אַנטלויפען, אָבער וואוהין קאָן אַ מענש לויפען פון וואַסער?

אַנטשוויגען געוואָרען און דערנאָך פון דאָסניי גענומען מורמלען פאַר זיך, פונקט ווי איינער, וואָס רעדט פון היץ:

—אַלטע לייט דערצעהלען, אַז אויף דער פּעטערבורגער זייט, ביי דעם דרייפאַלטיגקייטס־קלויסטער איז געוואַקסען אַ הויכער אָלכענבוים, און מיט צעהן יאָהר צוריק, איידער די שטאָדט איז געבויט געוואָרען, איז דאָ געווען אַזאַ געוויסער, אַז עס האָט פערגאָסען דעם אָלכענבוים ביז איבער׳ן שפּיץ. און דעמאָלט האָט עמיץ נביאות־געזאָגט: אויב אויף דעמדאָזיגען אָרט וועט נאָכאַמאָל זיין אַזאַ געוויסער, מוז קומען אַ סוף צו סאַנקט־פּעטערבורג, און די שטאָדט וועט ווערען וויסט און לער. אָבער אַז דער קייזער פּאַוועל אַלעקסעיעוויטש האָט דערהערט דערפון, האָט ער געהייסען אויסהאַקען דעם אָלכענבוים, און די מענשען, וואָס וועלען ריידען דערפון, זאָל מען אויס׳הרג׳ענען אָהן רחמנות. אָבער דאָס איז דאָך אַן אמת, אינדער היילינגער שריפט שטעהט דאָך

געשריבען: „זיי זעהען עס נישט, ביז עס קומט דאָס וואַסער און נעהמט זיי צו...“

מיט אימה און שרעק האָבען איהם אַלע אויסגעהערט און דידאָזיגע נבואה האָט אויסגעזעהן ווי אַנ׳אמת: דאָרט, וואו עס איז געווען פעטערבורג, ליעגט אַ גרויסער שטח וואַסער, פון וועלכען עס שטעקען-אַרויס, ווי מאַסטבוימער, צוויי שפּיצען פון די פערטרונקענע בנינים: פון דעם אַדמיראַליטעטס - בנין און פון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג.

פלוצלונג האָט זיך די קייזערין דערמאָהנט אָן אַ צווייטער פערגעסענער נבואה: דאָס יאָהר 1777 איז דאָס יאָהר, ווען דער קייזער איז געבוירען געוואָרען. דעמאָלט איז געווען זעהר אַ גרויס געוויסער. אָבער אַזאַ וואַסער-פערפלייצונג בעדאַרף אויך פאָרקומען אין דעם יאָהר, ווען דער קייזער וועט שטאַרבען.

אין צימער איז אַריינגעלאָפען דעם קייזערס מוטער.

—ליזע! ליזע! וואו איז ער? וואו איז דער קייזער?

—איך ווייס נישט, מאַמעלע, איך זוך איהם אַליין אַרום..

—גאָט אין הימעל! וואָס קאָן עס זיין?.. און ניקס זיבצעבען, דאָרט, אין אַניטשקין - פּאַלאַץ, און ווייס נישט, וואָס מיט אונז געשיהט. ער מוז אודאי טראַכטען, אַז מיר זענען דערטרונקען געוואָרען. ווערמען צו שיקען איז אויך נישטאָ. קיינער פאָלגט נישט און אַלע האָבען אונז פערלאָזט... און וואָס שטעהט איהר דאָ? לאָמיר לויפען, לאָמיר גיכער לויפען צום קייזער!

אַלע זענען אַוועקגעלאָפען. בלויז דער אַלטעטשקער איזאָטאָוו איז געבליבען שטעהן אויף זיין אָרט און האָט געמיאַמלעט, פונקט ווי אין היצרייד:

—דערדאָזיגער אָרט וועט בלייבען וויסט און לער, וויסט און לער...

אַז מען איז געלאָפען איבער די זאַלען, וואָס זענען אַרויסגעקומען אויפ׳ן פּאַלאַצפּלאַץ, האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ פּלאַצערייַ, פונקט ווי פון צובראָכענעם גלאָז. די טהירען האָבען זיך אויפגעמאַכט און אַ ווילדער צוקווינד האָט מיט אַמאָל גענומען רוישען און פייפען. דער כח פון שטורם איז געווען אַזוי גרויס,

אַז אויף די דעכער זענען די אייזענבלעכן צונויפגעוויקעלט גע־וואָרען אין רעהרלעך און אַראָבגעשליידערט געוואָרען. זיי האָבען זיך אומגעטראָגען אין לופטען, ווי שטיקלעך פּאַפּיר. איין אייזענבלעך האָט אַ זעץ געטהאָן אין אַ פּאַלאַצפענסטער און צו־האַקט די שויבען אויף שטיקלעך.

דעם קייזערס מוטער האָט זיך אַ ווײַלע צוגעשטעלט, אַ געשריי געטהאָן און געלאָפען ווייטער. אַלע זענען געלאָפען נאָך איהר, אויסער דער קייזערין. קיינער האָט נישט בעמערקט, ווי זי איז געבליבען אַליין. די טהירפאָרטיערען, אויפגעבלאָזען פון ווינד, האָבען זי אַרומגעכאַפּט און שיער נישט אומגעוואָרפען. אַז זי איז אַריינגעלאָפען אין דעם דערבייאיגען צימער, האָט זי דערזעהן דאָס צובראָכענע פענסטער. עס האָבען זיך נאָך געשאָטען שטיקלעך שויבען. דער ווינד, וואָס האָט געשמעקט מיט וואַסער, האָט זיך אַריינגעריסען אין פענסטער אַריין. און אין דעם גערויש פון די נאָהנטע וואַלען און אין דעם געיאָמער פון'ם שטורמווינד האָט זיך געשפּירט דער שרעקליכער געשריי פון די אַלע, וואָס טרינקען זיך.

זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן, אַז אַלע האָבען זי פערלאָזט; כמעט אַ גע'חלש'טע אַנידערגעפאַלען אין אַ פאָטעל און פערדעקט דאָס געזיכט.

אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי געהערט, ווי דער גראַף מילאַראַדאָוויטש, דער פּעטערבורגער גענעראַלגובערנאַטאָר האָט גערעדט עפּיס צו איהר, אָבער זי האָט נישט פערשטאַנען.

—וואו איז דער קייזער?—האָט זי שוין געפרעגט אָהן האָפנונג און בלויז פון געוועהנהייט איבערגע'חזר'ט דידאָזיגע ווערטער.

—דאָ, אין דעם ווייסען זאַל, אייער מאַיעסטעט. זאָל איך בעגלייטען אייער מאַיעסטעט?

—גראַף, גיט מיר אַ ביסעל וואַסער.

ער האָט גענומען זוכען וואַסער, אָבער ער האָט נישט געפונען און האָט שוין געוואָלט אַוועקלויפען אין אַ צווייטען צימער.

—ניין, מען בעדאַרף גישט,—האָט זי איהם אָבגעהאַלטען,—קוֹסם.

—וואַסער איז פאַרהאַן אַ סך און קיין וואַסער איז ניטאָ!—האָט ער געפּרובט שפּאַסען פון העפליכקייט; נאָכדעם האָט ער זיך עלעגאַנט פערנויגט, אַ שאַר געטהאָן מיט די פיס, ווי אויף אַ באַל, און האָט איהר דערלאַנגט די האַנד.

ער האָט געהאַט אַ טאַנצענדיגען גאַנג און איינס פון יענע געזיכטער, וואָס קוקען שטענדיג אין שפּיגעל אַריין און האָבען הנאה פון זיך אַליין: „וואָס פאַר אַ שענער יונג!"

און ווי עס טרעפט שטענדיג אין אַ מאָמענט פון צורודערונג און צומישעניש, איז דער קייזערין געקומען אויפ'ן זכרון עפּיס אַ נאַרישער וויץ: דער גראַף, וואָס איז געווען אַ גרויסער ליעבהאָבער פון מאַזורקע, האָט זיך אַליין געלערנט טאַנצען ביי זיך אין קאַבינעט. איינמאָל האָט ער געמאַכט זיינע פּאַ פאַר'ן שפּיגעל און האָט איהם אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן קאָפּ. דער שפּיגעל איז צובראָכען געוואָרען, אָבער ער האָט אַזוי שטאַרק איינגעשניטען דעם קאָפּ, אַז ער האָט געמוזט טראָגען אַ בינט.

ער איז געגאַנגען מיט איהר און בעת מעשה גערעדט פון דער וואַסערפערפליייצונג, ווי פון אַ פרעהליכער פּאַסירונג, ווי אַ רעגענדל, אַ שטייגער, וואָלט געפּאַלען בשעת אַ פּערוויילונגסשפּאַציר מיט דאַמען.

—אַלע שרייען: אַנ'אימה! אַ שרעק! אָבער איך זאָג: גאָט איז מיט אייך, ווי קומען מיר, אַלטע סאָלדאַטען, וואָס טריבקען זיך אין בלוט, צו ציטערן פאַר וואַסער?

אַריין אין ווייסען זאַל.

דער קייזער איז געזעסען פאַר'ן טיש, ביי דער גלעזערנער טהיר, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צו דער נעוואַ; ער איז געזעסען אַנ'איינגעבויגענער, אַנ'איינגעקאָרטשעטער, מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און מיט האַלבפערמאַכטע אויגען, ווי אַ מענש, וואָס איז זעהר מיד און וויל שלאָפען.

אין אָנהויב געוויסער האָט ער געמאַכט פעראָרדנונגען, אַרומגעלאָפען, געהאַוועט, געשמייעט, פּונקט ווי אַלע. ווען קיי-

קיינער האָט זיך נישט בעשלאָסען צו פאָהרען אויפ׳ן שיפעל, איז ער געווען גרייט אַליין צו פאָהרען; אָבער בעגקענדאָרף האָט עס נישט דערלאָזט: ער האָט פאַר דעם קייזער אין די אויגען אַראָבגענומען דעם מונדיר, אַריין ביז׳ן האַלז אין וואַסער, דערקראָכען ווי-עס-איז צום שיפעל און אָוועקגעפאָהרען. נאָך איהם זענען אַוועקגעפאָהרען אַנדערע, אָבער קיין איינער האָט זיך נישט צוריקגעקעהרט. אַלע וועגען זענען אָבגעשניטען געוואָרען. דער פּאַלאַץ האָט אויסגעזעהן ווי אַ פעלז אָדער ווי אַ שיף אין אַ מיטען ים. און דער קייזער האָט פערשטאַנען, אַז מען קאָן דאָ גאָרנישט מאַכען.

ער האָט נישט בעמערקט, ווי עס איז אַריין די קייזערין. זי האָט זיך נישט דערוועגט צוצוגעהן צו איהם און האָט פון דערווייטענס געקוקט אויף איהם. אין דעם חלשות-טונקעלען שיין פון טאָג האָט זיין פנים אויסגעזעהן טויט-בלאַס. איצט איז אין איהם מעהר ווי אַנ׳אַנדערש מאָל געווען דאָס, וואָס סאָפיע האָט אין איהם פריהער בעמערקט: שטילקייט, גוטסקייט, געהאָרכזאַמקייט: „אַ ווייס קעלבעלע״. אַ שטומע לאַם, אַ שווייגענדיג חיה׳לע, וואָס ווערט געפיהרט פאַר אַ קרבן; און נאָך עפּיס אַזוינס—יענער אויסדרוק, וואָס די קייזערין האָט נעכטען בעמערקט אין איהם, בשעת זי האָט געגומען ריידען פון דער געהיימער געזעלשאַפט. דעמאָלט האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ מענש, וואָס ווערט משוגע, אָבער ער ווייס עס און שרעקט זיך, אַז אַנדערע זאָלען עס נישט בעמערקען.

איצט האָט איהר אויסגעזעהן נאַריש איהר פריהערדיגער פּחד: דאָ, אין דעם נישט-געפעהרליכען צימער, איז זיך דאָ מעהר וואָס צו שרעקען פאַר איהם, איידער פאַר די צובושעוועטע וואַלען. איצט האָט זי שוין מעהר נישט געצווייפעלט דערין, אַז ער האָט איהר נעכטען נישט אַלץ געזאָגט, אַז ער האָט פערבאָרגען דאָס סאַמע וויכטיגסטע.

דער אָבערפּאָליצמייסטער גלאַדקאָוו האָט אָבגעגעבען דעם קייזער אַ בעריכט פון דעם אַלעם, וואָס קומט-פאָר אין שטאָדט. אויף דער פעטערבורגער זייט, אין דעם וויבאָרגישען

שטאָדטטייל און אין דער קאָלאָמנע-פאָרשטאָדט, וואו אַלע הייזער זענען דאָס רוב הילצערנע, זענען אַראָבגעשווענקט געוואָרען גאַנצע גאַסען. אין גאַלערען-האַפען האָט זיך דאָס וואַסער אויפגעהויבען ביז 16 פוס און אַלץ איז דאָרט כמעט הרוב-געוואָרען.

דער קייזער האָט געהערט און אַזוי ווי נישט געהערט.

אַלע פינף מינוט זענען איינע נאָך די אַנדערע געקומען פליגעלאַדיוטאַנטען און געמאָלדען, אַז דאָס וואַסער שטייגט.

עלף פוס און צוויי מיט אַ האַלבער צאָהל. זעקס צאָהל. אַכט. ניין. צעהן מיט אַ האַלבער.

איצט איז שוין דאָס וואַסער אויף 2 פוס מיט 4 צאָהל העכער, ווי אין יאָהר 1777. אַזאַ וואַסערפערפלייצונג האָט נאָך די שטאָדט קיינמאָל נישט געזעהן.

שוין געווען דריי אַ זייגער נאָך האַלבען טאָג.

—אויב דער ווינד וועט דויערן נאָך אַ צוויי שעה, איז אַ סוף צו דער שטאָדט,—האָט עמיץ געזאָגט.

דער קייזער האָט עס דערהערט, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך איבערגע׳צלמ׳ט—און אַלע האָבען איהם נאָכגעטהאָן. און דערנאָך איז געוואָרען אַזוי שטיל, ווי אין אַ צימער פון אַ גוסס. אין דעם הייפעל פּאַלאַצדיענער, וואָס זענען געשטאַנען אין דער זייט, האָט זיך עמיץ צוכליפּעט.

—גאָט האָט אונז בעשטראָפט פאַר אונזערע זינד!

—נישט פאַר אייערע, נאָר פאַר מיינע,—האָט דער קייזער שטיל, אַזוי ווי צו זיך, געזאָגט און האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

—ליזע, איהר זענט דאָ, און איך האָב נישט געוואוסט,—האָט ער, צולעצט, דערזעהן די קייזערין און צוגעגאַנגען צו איהר.—וואָס איז מיט אייך?

—גאָרנישט, זיך עטוואָס איינגעמאַטערט. אַרומגעלאָפען, געזוכט אייך...

—נו, צו וואָס? ווי נישט פאָרזיכטיג? אומעטום געהען אַרום צוקווינדטען און איהר זענט אַזוי אויך פערקיהלט.

זעהר אויפמערקזאַם פעררוכט אויף איהר דעם מאַנטעל, וואָס זי האָט לויפענדיג, אַרויפגעוואָרפען אויף זיך. און פון דעם

גערדאנק, אַז ער קאָן זיך בעאונרוהיגען וועגען איהר אין אַזאַ מאָמענט, איז זי רויט געוואָרען, ווי אַ פערליעבט מיידעלע.

—אָט וואָס פאַר אַנ׳אומגליק עס איז געשעהן, ליזע,—האָט ער ארויסגעזאָגט מיט יענעם נעבעכדיגען, אַזוי ווי פערשולדיגטען שמייכעל, וואָס פלעגט זיך איהם עפּטער ווייזען בשעת זיין לעצטער קראַנקהייט,—געדענקסט איהר, ווי עס שטעהט אין דער היילינער שריפט: „אין די הענד פון לעבעדיגען גאָט איז שרעקליך אַריינצופאַלען"...

ער האָט געוואָלט נאָך עפּיס זאָגען, אָבער ער האָט דערשפּירט, אַז ער וועט סיי-ווי נישט זאָגען דאָס סאַמע וויכטיגסטע, און ער האָט בלויז איבערגע׳חזר׳ט:

—אין די הענד פון לעבעדיגען גאָט איז שרעקליך אַריינצופאַלען.

עמיצער האָט אָנגעוויזען אויף דער נעווא. אַלע האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן צו די פענסטער. דאָס וואַסער האָט געטראָגען אַ באַרקע און הינטער איהר איז געגאַנגען אַ ריזיג הערינגשיפעל, וואָס איז אָבגעריסען געוואָרען פון די קייטען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שיפעל וועט באַלד אָניאָגען די באַרקע און וועט זי צוהאַקען אויף שטיקער. מאַנכע פון די מענשען, וואָס האָבען זיך געפונען אויף דער באַרקע, זענען געשטאַנען אויף די קניה—וואַהרשיינליך, צו גאָט געבעטען, און די איבעריגע האָבען אויסגעצויגען די הענד צום ברעג און גערופען נאָך הילף.

דער קייזער האָט געהייסען עפענען די טהיר אויפ׳ן באַלקאָן און איז אַרויסגעגאַנגען. די אומקומענדיגע האָבען איהם, דאַכט זיך, בעמערקט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער פייפעריי פונ׳ם שטורמווינד האָט ער געהערט זייער געיאָמער. אָבער די הערינגשיף האָט זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט דער באַרקע און די מענשען זענען פערשוואונדען געוואָרען אין די וואַלען. דער קייזער האָט בעדעקט מיט די הענד דאָס געזיכט.

זיך אומגעקעהרט צוריק אין צימער, אַנידערגעזעצט זיך, ווי פריהער, אַ געבויגענער, אַנ׳איינגעקאָרטשעטער, מיט אַנ׳אראָב-

געלאָזטען קאָפּ. טרעהרען האָבען זיך איהם געקויקעלט איבער די
באַקען, אָבער ער האָט זיי נישט געשפּירט.

ביים אָנהויב פון דער וואַסערפערפלייצונג איז דער פלי-
געלאַדיוטאַנט, פאָלקאָוניק הערמאַן, אַרויסגעשיקט געוואָרען פון
פּאַלאַץ אין דער קאָלאָמנע-פאָרשטאָדט, אין די קאַזאַרמעס פונ'ם
גוואַרדיע-עקיפּאַזש, זיי זאָלען אַרויסשיקען שיפלעך. דעם גאַנצען
טאָג האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט ראַטעווען מענשען פון וואַ-
סער. אַז ער איז, אַ מידער, אַ דערפראָהרענער און אַ נאַסער, דורכ-
געפאָהרען די טאָרגאָווע-גאַס, האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז דאָ
וואוינט זיין פריינד, פירשט אָדאָיעווסקי, איז ער אַראָב צו
איהם—זיך דערוואַרימען ביי איהם מיט אַ גלאָז טיי. נאָכדעם ווי
ער האָט זיך אַ ביסעל אויסגערוהט, האָט ער פאָרגעלעגט דעם
בעל-הבית און זיין גאַסט, דעם פירשט וואַלעריאַן, זיי זאָלען
מיטפאָהרען מיט איהם אויפ'ן שיפעל.

עס איז פריה פינסטער געוואָרען. קיין לאַמטערנעס האָט
מען נישט געקאָנט אָנצינדען, און די שטאָדט איז באַלד פערזונ-
קען געוואָרען אין נאַכט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז
די לעצטע נאַכט, און נאָך איהר וועט שוין מעהר נישט קומען
קיין טאָג.

דורך דער אָפיצירען-גאַס, דורכ'ן קרוקאָוו-קאַנאַל און דורך
דער גאַלערניאַ-גאַס זענען זיי אַרויסגעפאָהרען אויף דעם סע-
נאַטפּלאַץ.

דאָ האָט דער שטורם נאָך שטאַרקער געהאַלטען, און אי-
בער דעם שוים, וואָס האָט געבלייכט אין דערפינסטער, האָט זיך
געהויבען אַ דענקמאָל: אַ ריז מיט אַנ'אויסגעשטרעקטען אָרי-
אויף אַ פערד פון בראָנז. און מען האָט נישט געקאָנט פער-
שטעהן, וואָס דאָסדאָזיגע בעדייט: צי דאָס האַלט-איין דעם
שטורם, צי עס צובלאָזט איהם נאָך שטאַרקער.

אין דער אייגענער צייט איז פון דער צווייטער זייט צו-
געשוואומען דעם גענעראַל בענקענדאָרפס שיפעל מיט אַ ברענענדי-

נען פאַקעל. אַ רויטער שיין מיט שוואַרצע שאָטענס זענען גע-פאַלען אויפ'ן בראָנזענעם רייטער און ער האָט זיך בעוועגט, פונקט ווי ער וואָלט אויפגעלעבט. דער פּאָסטאַמענט פון גראַניט איז פערגאָסען געווען מיט וואַסער. דאָס שוואַרצע וואַסער, בע-גאָסען מיט אַ רויטען שיין, האָט אויסגעזעהן, ווי בלוט. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער רייט איבער רויטע וואַלען.

גאָליצין האָט אַ קוק געטהאָן דעם ריז אין פּנים אַריין, און פלוצלונג האָט איהם אויסגעוויזען, אַז אינ'ם גערויש פון די וואַלען און אין דער פייפעריי פון ווינד הערט ער די אויסגע-שרייען פון אַ פאָלקסאויפשטאַנד.

און ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי מיט אַ האַלב יאָהר צו-ריק איז ער דאָ געשטאַנען מיט פעסטעל'ן. ער האָט דעמאָלט געטראַכט פון דער געהיימער געזעלשאַפט און האָט איהם בעת-מעשה אַ פרעג געטהאָן:

—מיט איהם אָדער געגען איהם.

און, ווי דעמאָלט, איז אויך איצט קיין ענטפער נישט גע-קומען.

און אַ געוואַלטיגע שרעק איז איהם בעפאַלען, פונקט ווי דאָס אַלץ איז שוין אַמאָל געווען—געוועזן און וועט זיין.

דריטעס קאַפּיטעל.

נאָך דער וואַסערפערפלייצונג האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען פרעסט. אין די הייזער, וואָס זענען געווען פריי פון וואַסער, האָט מען נישט געקאָנט וואוינען צוליעב קעלט, די נאַסע ווענד זענען בעצויגען געוואָרען מיט אייז און פראָסט און הייצען האָט מען נישט געקאָנט, ווייל דאָס וואַסער האָט צושטערט די אויווענס; מען האָט דאָס וואַסער אויך נישט געקאָנט אויספּאָמפּען, ווייל עס איז פערפראָרען געוואָרען. אָהן קליידער, אָהן אַן אָבדאַך, אָהן עסען, זענען מענשען פּשוט אומגעקומען. און אין דער נעוואַ האָט דאָס וואַסער יעדען טאָג געשטייגט און האָט געשראָקען מיט נייע קאַטאַסטראָפעס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז גאָט אַליין וויל אומברענגען דידאָזיגע אומגליקליכע שטאָדט.

דער קייזער האָט געזוכט די מעהר געליטענע ערטער—די קאָלאָמנע-פאָרשטאָדט, די וואַסיליעווסקי-אינזעל, דעם האַפען און די טשוהון-זאַוואָדען.

—איך בין געוועזן אין בלוטיגע שלאַכטען, אָבער מען קאָן זיי נישט פערגלייכען דערמיט, וואָס דאָ איז געשעהן,—האָט ער געזאָגט צו זיינע בעגלייטער.

איינמאל איז ער ארויף אויפ'ן סמאלענסקער בית-עולם. אין דער גאנצער ברייט פון בית-עולם זענען געשטאנען טרומנעס מיט דערטרונקענע. דער קייזער האט זיך צעוויינט און צוזאמען מיט איהם אויך דאס גאנצע פאלק.

דערנאך איז געגרינדעט געווארען א קאמיטעט, צו פער-העלפען די געליטענע פון דער וואסער-פערפלייצונג. דער עולם האט דערצעהלט פערשידענע מעשיות. מען האט דערצעהלט פון עפיס א זקנה, וואס האט זיך אבגעזאגט פון א פוטער, בשעת עס זענען געטיילט געווארען ווארימע מלבושים: „איך האב ארויס-געראטעוועט מיין אייגען פעלצעל, שענקט מיר בלויז א פאר זא-קען"; וועגען איינעם א בעאמטען איוואנאוו, וואס האט מקבר-גע-ווען ארימע לייט אויף זיין רעכנונג; וועגען א קינד, וואס איז אין א צוקער-קאסטען דערשוואומען צו א נ'אלטען בחור און יענער האדעוועט איצט דאס קינד.

געווען אויך פרעהליכע מעשיות: אין א שטוב האט זיך אב-געקעצעלט די קאץ און האט איבערגעטראגען די קעצלען פונקט אויף יענעם ארט פון די שטיגען, וואו דאס וואסער איז געבלי-בען שטעהן; אין קעלער פון דער עפענטליכער ביבליאטעק איז אריינגעשוואומען א ים-פארעל, און דער ביבליאטעקאר איוואן אנדרעיעוויטש קרילאוו האט איהם געפאקט, אבגעקאכט און אויפ-געגעסען; א פראווינצער פריץ האט געמיינט, אז ער איז ארויב פון זינען, ווען ער איז אויפגעשטאנען אינדערפריה און האט דערזעהן דעם פאליצמייסטער טשיכאטשעוו, שווימענדיג אין א שיפעל איבער'ן הויף; און די גרעפין טאלסטאי איז צוליעב דער פערפלייצונג אזוי ברוגז געווארען אויף פעטער I, אז פארביי-פאהרענדיג פארביי דענקמאל, האט זי איהם ארויסגעשטעלט א צונג.

די צענזור האט אבסאלוט פערוועהרט צו דרוקען וועגען דער פערפלייצונג, און אין מאסקווע האט מען פערזיכערט, אז דאס וואסער האט זיך אויפגעהויבען איבער דעם טורמשפיץ פון די אדמיראליטעטס-בנינים. דער המון האט געשמועסט, אז גאנס כעס איז אויסגעגאסען געווארען אויף דער רעזידענצשטאדט פאר די מיליטערישע ישובים און צראקטשייעווס רציחות.

דער פאָטער פּעאָדאָסי לעוויצקי האָט גע׳דרשנ׳ט, „אַז די פערפלייצונג איז נישט קיין איינפאַכע און בלינדע ווירקונג פון די נאַטור-כחות, אַז דאָס איז פשוט אַ שטראָף פון גאָט, וואָס בעצאָהלט אונז שטענדיג פאַר אונזערע מעשים און וועט אונז ווייטער אויך בעצאָהלען, כל-זמן די רעגירונג וועט נישט אַרויף אויפ׳ן וועג פון תשובה".

ביינאַכט זענען געקומען צוויי פעלדיעגערס צום פאָטער פעאָדאָסי און אַוועקגעפיהרט איהם, אָבער מען האָט נישט געוואוסט וואוהין. ערשט דערנאָך האָט מען זיך דערוואוסט, אַז מען האָט איהם אַוועקגעפיהרט קיין קאָנעוועץ, ביי דער לאַדאָגער אָזערע.

די נעוואַ האָט זיך דאָך געשטעלט. דאָרט, וואו עס האָבען פריהער געבושעוועט די וואַלען פון דער פערפלייצונג, איז איצט געווען אַ ווייס פעלד. עס האָבען געסקריפּעט שליטענס, קינדער זענען אומגעלאָפען אויף גליצאייזענס, גאַסענהענדלער האָבען פרעהליך צוגעטאַנצט אין פראָסט און פינער האָבען אויף זאַטעפערד געפיהרט געהאַקטען אייז, וואָס האָט דורכזיכטיג-גרין געלויכטען אויף דער זון.

די גאַסען זענען בעדעקט געווען מיט גרויסע קופּעס שניי.

אָנשטאָט די רוישיגע וועגענס זענען געקומען די שטילע שליטענס, און אַלץ איז פלוצלונג פערגליווערט, פערשטומט און פערשטאָרבען געוואָרען. בלויז דער שניי האָט געקנאַקט אונטער די פיס פון פאַרבייגעהער און דער קול פון אַ מענשען האָט געקלונגען אויף דער גאַס, ווי אין אַ צימער.

פעטערבורג איז געוואָרען אַ מין פערוואָרפען! דערפעל, פערשאָטען פון שניי-זאַוויערוכעס. די שטאָדט איז איינגעשלאָפען, ווי אַ קינד אין וויעג אונטער אַ ווייסען צודעק אָדער ווי אַ טויטער אין קבר אונטער אַ ווייסער מצבה. און דידאָזיגע וויעג-קבר-שטילקייט האָט זיס און טומבע איינגעלולעט.

די קייזערין איז געווען קראַנק. ד איז קראַנק געוואָרען בשעת דער פערפלייצונג און האָט שוין נישט געקאָנט קומען צו די כחות. דאָקטוירים האָבען זיך געשראָקען פאַר שווינדזוכט, „די איבענע קראַנקהייט, וואָס ביי סאָפיע׳ן, — האָט דער קייזער

געטראַכט, — צוויי פערמוטשעטע פערד: איינס איז געפאַלען. איצט פאַלט דאָס צווייטע."

ער האָט פערבראַכט נעבען איהר בעט גאַנצע טעג. די דאָקטוירים האָבען איהר פערבאָטען צו ריידען: אַז זי פלעגט ריידען, פלעגט זי הוסטען. פלעגט ער ריידען, און זי פלעגט איהר ענטפער אָנשרייבען אויף אַ פּאַפּיר.

דער שמועס וועגען דער געהיימער געזעלשאַפט, וואָס איז איבערגעריסען געוואָרען אין דעם אָוענד פאַר דער פערפלייצונג, איז שוין מעהר נישט בעריהרט געוואָרען. אָבער אַז זי פלעגט קוקען אויף איהם מיט אויגען פון אַ טויטפעריאָגטען פערד, פלעגט ער וויסען, פון וואָס זי טראַכט, און ביידע פלעגען שווייגען. שטיל איז געווען אין צימער, שטיל אויף דער גאַס — אַ וויעג-קבר-שטילקייט.

ער האָט פערוואָרפען אַלע ענינים. זיי האָבען איהם אויס-געוויזען נישטיג, פונקט ווי ער וואָלט בשעת דער פערפלייצונג פערשטאַנען, אַז די מאַכט האָט קיין מאַכט נישט. איצט האָט ער זיך איינגאַנצען איבערגעגעבען צו יענער שרעקליכער טויטער פוילקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך פריהער געראַנגעלט, און ער איז עהנליך געווען צו אַן׳אויסגעמאַטערטען שווימער, וואָס ווערט אַוועקגעטראָגען מיט׳ן שטראָם.

אַלעקסאַנדער סעמיאָנאָוויטש שישקאָוו, דער נייער מיני-סטער פאַר פאָלקס-בילדונג, איז שוין אַלט געווען איבער אַכטציג יאָהר. ער איז איינגאַנצען ווייס געווען פון אַלטקייט, דאָס פּנים טויט-בלאַס, די אויגען איינגעפאַלען; דער קאָפּ האָט זיך געשאָ-קעלט, די ליפּען האָבען געקייט, געשמאַקעט. איינמאָל איז ער געקומען צום קייזער מיט אַ בעריכט, האָט ער נישט געקאָנט עפענען דעם פּאָרטפעל, — אַזוי האָבען געציטערט די הענד פון שוואַכקייט. דער קייזער איז איהם געקומען צו-הילף, אַרויסגע-נומען די פּאַפּירען און אַליין זיי דורכגעלייענט.

שישקאָוו איז געווען אַ פאַנאַטיקער אין דער פּאָליטיק. דעם צנזור-אוסטאַוו, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט, האָט מען גע-רופען „טשוהונענער אוסטאַוו", איהם אַליין — „ליכטלעשער" און

דאָס מיניסטעריום פאַר פאָלקסבילדונג — „מיניסטעריום פאַר פאָלקס-פערפינסטערונג”.

זיינע בעריכטען זענען געווען בלויז מסירות.

— דער אַזויגערופענער צייטגייסט איז דער גייסט פון גאָטלאָזיגקייט, דער גייסט פון רעוואָלוציע, דער גייסט, וואָס אָטעמט מיט רציחה און פערניכטונג, וואָס גראָבט-אונטער די מלוכה-מאַכט, לאָזט שטומען דאָס געזעץ, צוטרויסעלט די טראָנען און רופט-אַרויס בלוטפערגיסונגען. דידאָזיגע סכנה איז נאָך שרעקליכער פון אַ שרפה און אַ פערפלייצונג...

שאַמקעט, שאַמקעט מיט די ליפען אַזוי לאַנג, ביז ער בע-מערקט, אַז דער קייזער הערט איהם נישט. דעמאָלט לאָזט ער אַראָב דעם קאָפּ, שווייגט אַ ווײַלע, גיט אַ קיי מיט די ליפען און צויאָמערט זיך פלוצלונג, מעשה-יתום:

— אַלמעכטיגער קייזער! איך בין אַ זקן און טראָג אַ צו-שווערע לאַסט אויפ׳ן רוקען. איך פיהל, אַז איך פאַל-אַוועק אונ-טער איהר. דער צייטגייסט האָט אומעטום איבערגענומען די אויבערהאַנד: אין סענאַט, אין סאָוועט, אין דער געזעלשאַפט און אפילו אין הויף געפינט ער שוץ. וואָס קאָן מען טהאָן דערצו? מיט׳ן קאָפּ די וואַנד וועסטו נישט דורכברעכען... ביז איצט האָט דער בורא-עולם בעשיצט רוסלאַנד, אָבער היינט האָט דיך, קענטיג, אָבגעטהאָן זיין האַנד פון אונז... עס וועט זיין שלעכט... עס וועט זיין שלעכט...

ער קראַקעט און קראַקעט ווי אַ קראָה, און פון דעמדאָזי-גען קראַקען ווערען נאָך טונקעלער די טונקעלע ווינטערדיגע טעג און די וויעג-קבר-שטילקייט ווערט נאָך גרעסער.

דער קריעגסמיניסטער טאַטישטשעוו, דער יוסטיצמיניסטער לאָבאַנאָוו און דער מיניסטער פאַר אינערליכע ענינים לאַנסקאָי — אַלע זענען אַזוי אַלט און טויט, עהנליך צו גייסטער.

„אָט אין וואָסערע הענד עס איז אָבגעגעבען געוואָרען דער גורל פון רוסלאַנד, — האָט דער קייזער געטראַכט, — מיט וואָס פאַר אַ יוגענדליכקייט איך האָב אָנגעהויבען און מיט וואָס פאַר אַנ׳אַלטקייט איך ענדיג!”

דאָס פאָלק, ווידער, האָט נישט אויפגעהערט צו ריידען פון שרעקליכע רמזים און סימנים: אין מאַנכע קלויסטערס האָבען די גלאָקען אַליין געקלונגען ווי צו אַ לויה; עפּיס אַנ׳אונבעקאַנטער פויגעל איז ביינאַכט אַרויסגעפלויגען אויפ׳ן דאַך פון פּאַלאַץ און האָט דאָרט יאָמערליך געשריען; מאָדנע בּרואים ווערען געבּוירען: אַ קינד מיט אַנ׳עק פון אַ פיש און אַ קאַלב מיט אַ מענשליכען קאָפּ.

סוף פעברואַר איז וואַרימער געוואָרען. דער צוגאַנגענער שניי איז טונקעל געוואָרען, פון די דעכער האָט געקאַפּעט, דער אייז האָט גענומען פּלאַצען אין די דאַכרינעס און געשראָקען די פאַרבייגעהער; די פערד האָבען גענומען קאָפּען אין די שטינקענדיגע זומפּען. ווי פליגען האָבען מענשען גענומען פאַלען פון זומפּפיבער. שוואַרץ-געלבע נעבלען זענען אַרויסגעקראָכען און האָבען זיך געוויעגט און געוויעגט, ביז פון זיי האָט זיך אויסגעשיילט עפּיס אַ קאָמיש שרעקבּילד—אַ פּאָפּ מיט הערנער.

צוערשט האָט ער זיך געוויזען ביי דעם דרייפאַלטיגקייטס-קלויסטער אין דער צייט פון אַ תפילה. דאָרט האָט ער אַרויסגעשטעקט זיין מאָרדע פון ארון און האָט גענומען מעקען ווי אַ ציג; דערנאָך האָט מען איהם געזעהן ביים קלויסטער ניקאָלאַמאָרסקאָי און, צולעצט, אין קאַזאַנישען סאָבאָר. עס האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסער המון אַרום סאָבאָר. דער פּאָליצמייסטער גשיכאַטשעוו האָט געהייסען, מען זאָל זיך פונאַנדערגעהן, אָבער דער עולם האָט נישט געפאָלגט און זיך געשטויסען צו די טהירען פון סאָבאָר. די טהירען פון סאָבאָר זענען אָבער געווען געשלאָסען און פּאָליציי איז דאָ געשטאַנען, און דעריבער איז דער עולם נאָך שטאַרקער געוואָרען אין דער דעה, אַז אין קלויסטער איז זיכער בעהאַלטען דער פּאָפּ מיט די הערנער. דערצו זענען די גלחים נישט אַרויס פון דאָרטען. מען האָט געשמועסט, אַז דער מיטראָפּאָליט אַליין בעט צו גאָט, ער זאָל מוחל-זיין דעם פּאָפּ און די הערנער זאָלען איהם אַוועקגענומען ווערען.

אין דעם שוואַרץ-געלבען נעבעל, אינ׳ם טונקעלען ליכט פון נאַכטטאָג האָבען זיך אַזוי ווי אַרומגעדרעהט שאָטענס און

גייסטער. מען קאָן נישט וויסען, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיגט, ווען עמיץ זאָל נישט אַרויסלאָזען אַ קלאַנג, אַז דער פּאָפּ איז אַוועקגעפיהרט געוואָרען דורך אַן׳אונטערערדישען וועג.

און אויף מאָרגען האָט זיך נאָך אַ גרעסערער המון פערזאַמעלט ביי דעם אַלעקסאַנדער-נעווסקי-קלויסטער. דעם פּאָפּ האָבען שוין אַ סך מענשען געזעהן; מאַנכע האָבען פערזיכערט, אַז ער איז עהנלי׳ך צו אַראַקטשייעוו׳ן, אַנדערע — צו פאָטיוס׳ן. די מאָנאַכען האָבען פערשלאָסען די טויערן, דער המון האָט געפאָדערט, מען זאָל עפענען.

— וואָס הערען מיר זיי, ברידער? לאָמיר אַליין עפענען, ברענגט נאָר אַ לויטער אַהער! — האָט עמיץ אַ געשריי געטהאָן.

אָבער עס האָט זיך בעוויזען אַ ראָטע סאָלדאַטען, און אַלע זענען זיך צולאָפען. און אין אָווענד האָט מען שוין געוואוסט, אַז אין אַ סך הייזער זענען געמאַכט געוואָרען גנבות, בשעת די דיענערשאַפט איז געלאָפען זעהן דעם פּאָפּ.

פון פעטערבורג האָט זיך דער פּאָפּ אָבגעטראָגען, אָבער דערפאַר האָט ער זיך בעוויזען אין אַנדערע מקומות פון דער רוסישער אימפעריע.

אַז שישקאָוו און דער אָבערפאָליצמייסטער גלאַדקאָוו האָבען געמאָלדען דעם קייזער וועגען פּאָפּ, אָבער מיט אַזאַ מינע, פונקט ווי עס וואָלט זיך אָנגעהויבען אַ רעוואָלוציע, איז דער קייזער אין כעס געוואָרען, אָנגערופען גלאַדקאָוו׳ן אַלטע באַבע און געהייסען אַראַקטשייעוו׳ן, ער זאָל אויספאָרשען די זאַך.

האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער פּאָפּ מיט די הערנער איז גאָרנישט קיין אויסגעקלערטע מעשה. אין אַ פערוואָרפען אוקראַאינישען דערפעל האָט אַ גלח געקוילעט אַ באָק און אָנגעטהאָן זיין פעל מיט די הערנער, צו פערשטעלען זיך פאַר אַ שד: ער האָט געוואָלט „ווייזען אַ שטיקעלע לצנות”. אָבער די קלעפיגע פעל האָט זיך צוגעקלעפּט צום קערפּער און דער פּאָפּ האָט אויפגעהויבען אַ גוואַלד: ער האָט געמיינט, אַז די פעל איז איהם צוגעוואַקסען געוואָרען צום לייב. אויף די גוואַלדען איז זיך צונויפגעלאָפען אַ היבשער המון און נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך דער- 390

וואוסס. נאטשאלסטווא האט געמאכט אַנ׳אויספאָרשונג און די זאך האט אָנגעשפּאַרט אַזש אין סינאָד. פון דאַנען איז עס, נאַטיר־ליך, צוטראָגען געוואָרען איבער דער גאַנצער שטאָדט.

פערשוואונדען געוואָרען דער פּאָפּ, האט זיך בעוויזען עפּיס אַנ׳אַנדער וואונדער: יעדען טאָג האט דער טורמשפּיץ פון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג געגומען לייכטען מיט אַ רויטען ליכט. האט מען לכתחילה געמיינט, אַז דאָס גלאַנצט־אָב פון דעם זונאונטערגאַנג. אָבער אויך אין כמאַרנע טעג האט דער שפּיץ געלויכטען רויט, און דער קייזער אַליין האט געזעהן: פּונקט ווי דער שאַרף פון אַ דין מעסער וואָלט בלוטיג־רויט גע־לויכטען אין טונקעלען הימעל. די סבה פון דעמדאָזיגען רויטען ליכט איז אַזוי פערבליבען אונבעוואוסט. בלויז אין אַ צייט אַרום איז מען דערגאַנגען, אַז אויף דעם לעדיגען פּלאַץ, נעבען דער פעסטונג, האט מען געברענט וואַפּנע, און דאָס פייער פון אוי־ווען, וואָס איז געווען פערשטעלט פון הייזער און פּאַרקאַנעס, איז דירעקט געפאַלען אויפ׳ן טורמשפּיץ.

דער נאטשאַלניק פון דער בעהיימפּאָליציי פאָן־פּאָק האט ממש פערוואָרפען דעם קייזער מיט מסירות.

אינמיטען העלען טאָג האט איינער אַ צווייטען געזאָגט אויפ׳ן נעווסקי פּראָספּעקט: „אינגיכען וועט זיין אַ רעוואָלוציע!״ אַ סיססשיק האט זיך אַפילו אַ וואָרף געטהאָן כאַפּען דעם פּער־בּרעכער, אָבער יענער איז פערשוואונדען געוואָרען צווישען די גאַס־דורכגעהער. לויט אַ צווייטער מסירה איז פאַרגעלעגט געוואָ־רען צו שטעלען אויף דער נאַכט אַ וואַך ביי די קלויסטערטורמס, „כדי מען זאָל נישט קאָנען קלינגען אין די גלאָקען, וואָס זאָל זיין אַנ׳אויפרוף צו דער רעוואָלוציע״ אין די גראַמאַטיקאַלישע טאַבעלען פונ׳ם פּערפאַסער גרעטש, ספּעציעל פאַר די למודים פון די סאָלדאַטען, זענען געפונען געוואָרען שרעקליכע ביישפּיעלען: „די קייזערין איז אַ וואַכטעל. דאָרט, וואו עס איז דאָ מאַכט, ווערט אַנטרונען דאָס געזעץ. די מאַכט איז אַלץ. אַ וואַסער קאָן אַפילו דער צאַר נישט אויסמיידען.״ די טאַבעלען זענען פערבאָטען געוואָרען און גרעטש איז איבערגעגעבען געוואָרען

אונטער דער פּאָליציייאויפזיכט.

אָבער אַז דער קייזער האָט זיך דערוואוסט, אַז אַראַק־טשייעוו אַליין געפינט זיך אויך אונטער דער פּאָליציייאויפזיכט, האָט ער אַ טראַכט געטהאָן, אַז פאָן־פּאָק איז משוגע געוואָרען. ער האָט זיך אפילו גענומען אויפרעגען, אָבער ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד: „טהוט, וואָס איהר ווילט".

קיינער האָט זיך נישט דערוועגט צו ריידען מיט איהם איבער דער געהיימער געזעלשאַפט, אָבער איהם האָט אויסגעוויזען, אַז אַלע וויסען פון איהר און אַלע טראַכטען, אַז פון פּחד טהוט ער גאָרנישט, און מען לאַכט פון איהם.

„זיין מאַניע אַלץ חושד־צו־זיין איז דערגאַנגען ביז דער העכסטער מדרגה",—האָט מאַריע אַנטאָנאָוונע דערנאָך דערצעהלט— עס איז גענוג געווען, ער זאָל דערהערען ווי עמיץ לאַכט אויף דער גאַס אָדער ער זאָל דערזעהן אַ שמייכעל ביי איינעם פון זיינע הויפלייט און איהם האָט זיך שוין אויסגעוויזען, אַז מען לאַכט פון איהם.

איינמאָל, אין אָוועגד, בשעת ביי מאַריע אַנטאָנאָוונע'ן איז געזעסען איהרע אַ קוזינע, אַ יונג פוילישע מיידעל, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען צו פאָהרען, און מען האָט דערלאַנגט טיי, האָט דער קייזער איין טעצעלע טיי אָנגעגאָסען דעד ווירטין, אַ צווייט טעצעלע — דער גאַסט. און מאַריע אַנטאָנאָוונע האָט דער גאַסט איינגערוימט אויפ'ן אויער:

— אַז איהר וועט קומען אַהיים, וועט איהר זיך מסתמא איבערנעהמען, וואָס דער קייזער האָט אייך אָנגעגאָסען טיי."

— אָ, געוויס וועל איך מיך איבערנעהמען, — האָט יענע געענטפערט.

דער קייזער האָט צוליעב זיין טויבקייט נישט געהערט, וואָס זיי ריידען, אָבער ער האָט געזעהן, אַז זיי שמייכלען און ער האָט זיך תיכף אָנגעוואָלקענט, און אַז ער איז געבליבען אַליין מיט נאַרישקינ'ען, האָט ער געזאָגט:

—זעהט איהר, איך ווער אומעטום לעכערליך... און איהר, 392 און איהר, מיין אַלטער פריינד, ווען איך האָב שטענדיג גע

שרויט, קאָנט זיך אויך נישט איינהאַלטען פון לאַכען איבער מיר. זאָגט-זשע מיר, איך בעט אייך, זאָגט מיר, וואָס איז דאָ אין מיר לעכערליכעס?

די גענעראַל-אַדיוטאַנטען קיסעלעוו, אָרלאָוו און קוטוזאָוו זענען געשטאַנען אין פּאַלאַץ ביים פענסטער, דערצעהלט אַנעקדאָטען און געלאַכט. פּלוצלונג איז אַריין דער קייזער. האָבען זיי, נאַטירליך, באַלד אויפגעהערט, אָבער אויף זייערע פּנים׳ער איז נאָך געווען קענטיג געלעכטער. דער קייזער האָט בלויז אַ קוק געטהאָן אויף זיי און באַלד אַרויסגעגאַנגען, זיך נישט אָבגעשטעלט און אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער געשיקט רופען קיסעלעוו׳ן. אַז יענער איז אַריינגעקומען, האָט ער דערזעהן, ווי דער קייזער שטעהט פאַר׳ן שפּיגעל און דרעהט זיך, קוקט זיך אַרום דאָ פון איין זייט, דאָ פון דער צווייטער זייט.

—פון וואָס האָט איהר געלאַכט? וואָס איז אין מיר דאָ לעכערליכעס?

קיסעלעוו איז געבליבען שטעהן אַ מטושטש׳ער און האָט קוים געקאָנט אַרויסמורמלען, אַז ער פערשטעהט נישט, וואָס דער קייזער בעוויליגט צו פרעגען.

—נו, נו, פּאַוועל דמיטריעוויטש,—האָט דער קייזער ווייך געזאָגט,—איך האָב דאָך געזעהן, ווי איהר האָט געלאַכט פון מיר. זיי אַ גוטער און זאָג מיר דעם אמת: האָב איך נישט היגטען, אויף מיין מונדיר, עפּיס אַזוינס, פון וואָס מען זאָל לאַכען?

טייל מאָל פלעגען זיך איהם חלום׳ען שרעקליכע עקעלהאַפטע חלומות: ער האָט זיך, צום ביישפּיעל, געפונען ערגעץ אויף אַ באַל אָדער אין אוידיענץ-זאַל, אין דער פולער אוניפאָרם מיט אַ לענטע איבער׳ן אַקסעל, אָבער אָהן הויזען. אַלע האָבען געקוקט אויף איהם און ער האָט געפיהלט, אַז ער האָט זיך פער׳מאוס׳ט אויפ׳ן גאַנצען לעבען. אַזאַ געפיהל האָט ער געהאַט אויך איצט אויפ׳ן וואָהר.

נישט בלויז מענשליכע פּנים׳ער האָבען געלאַכט—עס האָבען אויך געלאַכט טויטע זאַכען. פון די אָווענד-נעבלען, וואָס האָבען זיך געקנוילט אויפ׳ן הימעל, האָט אַרויסגעקוקט עפּיס אַ

קאָמיש שרעקבילד—אַ פּאָפּ מיט הערנער. אין זומערגאָרטען האָבען קראָהען געקראַקעט, ווי אין יענער שרעקליכער נאַכט, דעם 11-טען מערץ, בשעת די סעמיאָנאָווער באַטאַליאָנען האָבען זיי איבערגעשראָקען. און דער ווינטערדיגער טונקעל-רויטער זונאונטערגאַנג, וואָס האָט געשפּיעלט אויף די וועגד פון מיכאַילאָווער פּאַלאַץ און זיך אָבגעשלאָגען אינ'ם שוואַרצען וואַסער פון קאַנאַל, האָט דערמאָהנט אָן בלוט.

פון די פּעטערבורגער נעבלען און שאָטענס-גייסטער האָט ער זיך געראַטעוועט אין צאַרסקאָיע סעלאָ.

דאָ, אין איינזאַמקייט, איז איהם לייכטער געווען. ווינטער האָט ער דאָ געוואוינט אין דריי פּשוט'ע, קליינינקע, כמעט אָרימע צימערלעך, אינ'ם קלויסטער-פליגעל—אַ קאַבינעט, אַ שלאָפצימער און אַנ'עסצימער. דאָ פלעגט איהם אויסזוייזען, אַז ער האָט זיך שוין אָבגעזאָגט פון טראָן און וואוינט איצט אַ פּרייער

איינמאָל, נאָכמיטאָג-צייט, איז ער אַליין געזעסען אין קאַבינעט ביים קאַמין. דער טאָג איז געווען אַ גרויער, אָבער טייל-מאָל פלעגט אַרויסקוקען די זון פון צווישען די וואָלקענס. דאָס פייער אין קאַמין איז געווען ווייס און דורכזיכטיג און אויף די פערפראָהרענע פענסטער האָבען געשפּיעלט פּראָסט-בוימעלעך. הינטער'ן פענסטער זענען געשטאַנען די בוימער אין פּראָסטטוי און זיך געווייסט אויפ'ן בלייאיג-טונקעלען הימעל. דאָרט, אין פּערשנייטען פּאַרק, איז געווען ליכטיג, ווייס און שטיל, ווי פּאַר אַ צוויי־טויזענד וויאָרסט פון דער שטאָדט: עס איז געווען אַ וויעגקבר-שטילקייט.

ער האָט געטראַכט פונ'ם קינפטיגען זעהן זיך מיט'ן פירשט אַלעריאַן גאָליצין.

ער האָט נישט פערגעסען דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געגעבען סאָפיע'ן. ער האָט אויך נישט פערגעסען דעם פירשט וואַלעריאַנס געזיכט אין יענער אייביגער רגע פּאַר סאָפיעס טרומנע, בשעת ער האָט פּלוצלונג דערפיהלט, אַז די ליעבע צו דער טויטער פעראייניגט זיי און אַז דערדאָזיגער פיינד זיינער איז דער איינציגער מענש, וואָס איז איהם נויטיג און נאָהנט. דעמאָלט

איז זעהר לייכט געווען צוצוגעהן צו איהם און פערפיהרען מיט איהם אַ שמועס, אָבער וואָס מעהר ער האָט געטראַכט פון דעמ־דאָזיגען צוזאַמענקומען, אַלץ שווערער האָט עס איהם אויסגעווי־זען. גאַנצע חדשים זענען אַוועק און ער האָט אַלץ אָבגעלעגט. גאָליצין האָט געוואַרט, אָבער, צולעצט, אויפגעהערט צו וואַרטען. ער האָט געוואָלט אַוועקפאָהרען, געבעטען אורלויב, נאָר דער קייזער האָט נישט דערלאָזט. אָבער איצט איז דער קייזער גע־ווען זיכער, אַז דאָס צוזאַמענקומען וועט פאַר ביידען זיין שווער, פאַלש און מאוס. איבערהויפּט אָבער וועט עס זיין לעכערליך מיט יענער שרעקליכער לעכערליכקייט, וואָס פערפאָלגט איהם אומעטום.

דאָך האָט ער מיט עקשנות, דורשטיג און פּיינליך גע־טראַכט פון ד'עמדאָזיגען זעהן זיך, פּונקט ווי ער וואָלט מיט הנאה זיך געגראָבען אין דער אייגענער וואונד. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם גאַנצען שמועס מיט די סאַמע קלענסטע פּרטים, האָט צוגעגרייט פראַגען און תשובות, האָט זיך טיילמאָל שטאַרק אַריינגעצויגען דערין און בעת-מעשה גערעדט הויך אויפ'ן קול פאַר ביידען, פּונקט ווי אַנ'אַקטאָר, וואָס לערנט זיין ראָל פאַר'ן שפּיגעל.

פריהער פון אַלץ וועגען סאָפיע'ן:

—ווען איך רייד מיט אייך, פירשט, דערפיל איך איהר לעצטען רצון. זי האָט מיר אפילו געזאָגט, און איך ווייס עס אייך, אַז אויב איהר האָט זי ליעב געהאַט, קאָנט איהר מיר נישט זיין קיין שונא, און איך בעט אייך אין איהר נאָמען, איהר זאָלט נישט ריידען מיט מיר, ווי אַנ'אונטערטאַן מיט אַ קייזער, נאָר ווי אַ מענש מיט אַ מענשען, ווי אַ זוהן מיט אַ פאָטער. איך גלויב, אַז זי הערט אונז און איך וואָלט געוואָלט, איהר זאָלט אויך גלויבען דערין...

דערנאָך וועט ער שווייגען אַ ווײַלע און אַ קוק טהאָן איהם גלייך אין די אויגען אַריין. דער פירשט וועט, נאַטירליך, נישט בײַשטעהן דעמדאָזיגען בליק און וועט אַראָבלאָזען די אויגען.

—גאָליצין,—וועט ער פון דאָסניי אָנהויבען ריידען,—איך

ווייס, אַז איהר געהערט צו דער געהיימער געזעלשאַפט און מיר זעגען אויך בעוואוסט די אויפגאַבען פון דערדאָזיגער געזעלשאַפט: בעגרענצען די אַליינהערשאַפט, געבען אַ קאָנסטיטוציע. צי ווייסט איהר אָבער גישט, אַז דאָס איז אויך מיין ציעל?

ווערט ער גוטמוטהיג אַ שמייכעל טהאָן.

—איהר ווילט זיין מיינע פיינד, אָבער איהר זענט מיינע פריינד, מיינע קינדער, מיין אייגען פלייש און בלוט. אָהן מיר וואָלט איהר אויך נישט געווען. איך האָב אַלעמאָל געטראַכט און טראַכט אויך איצט, אַז די פרייהייט איז די שענסטע מתנה פון גאָט. וואָס-זשע, אַלזאָ, טיילט אונז פונאַנדער? פאַרוואָס זענען מיר געגנער?

—איז אייער מאַיעסטעט בעוויליגט צו וויסען די וואָהרהייט?

—גאָליצין, די וואָהרהייט, בלויז די וואָהרהייט.

—מאַיעסטעט, איהר ווייסט אַליין, אַז די געהיימע געזעלשאַפט איז נאָר דעמאָלט געגרינדעט געוואָרען, ווען עס איז פערלאָרען געגאַנגען יעדע האָפנונג, אַז די פרייהייט ווערט רוסלאַנד געשענקט ווערען דורך דער קרוין...

וואָלט עמיץ אַריינגעקוקט אין צימער, וואָלט ער זיכער אַ טראַכט געטהאָן, אַז דער קייזער איז משוגע געוואָרען. אַנטקעגען איהם איז געשטאַנען אַ לעדיגער פאָטעל, און דער קייזער האָט גערעדט צו איהם, ווי צו אַ לעבעדיגען מענשען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער רעדט זעהר שטיל, אָבער אין דער׳ אמת׳ן האָט ער גערעדט אַזוי הויך, אַז מען האָט געהערט אין דעם דערבייאיגען צימער. ער האָט אויך געמאַכט מיט די הענד, געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, געענדערט דעם טאָן. דאָ האָט ער גע- שמייכעלט, דאָ זיך אָנגעוואָלקענט, בייז געוואָרען—אַנ׳אמת׳ער אַקטאָר פאַר׳ן שפיגעל.

—אָבער שוין-זשע, גאָליצין, שוין-זשע פאַלט די גאַנצע שולד נאָר אויף מיר אַליין? אַזוינע ווי איך, ווי איהר, זענען פאַרהאַן צעהנדליגער, נו, הונדערטער אין רוסלאַנד, אָבער די איבעריגע זענען דאָך מיליאָנען. אַז איך און ספעראַנסקי האָבען

בעוואָלט דורכפיהרען די ערשטע רעפאָרמען, האָט מען געקוקט אויף איהם ווי אויף אַ פעררעטער, און איך בין געצוואונגען גע־ווען צו אָפּפערן מיט איהם...

„נו, דאָס איז אפילו נישט אינגאַנצען אַזוי, אָבער דאָך כמעט אַזוי,— האָט ער אַ טראַכט געטהאָן—וועגען ספעראַנסקי'ן מוז מען אונבעדינגט עפּיס זאָגען.״

—און ווייסט איהר, גאָליצין, וואָס קאַראַמזין האָט מיר דעמאָלט געשריבען? ביז היינטיגען טאָג געדענק איך עס אויף אויסווענינ: „איינע פון די וויכטיגסטע סבות, וואָס די רוסען זענען נישט צופרידען מיט דער היינטיגער רעגירונג, איז דאָס, וואָס די רעגירונג האָט אַ צו־שטאַרקע נייגונג צו רעפאָרמעס, וועלכע קאָנען בלויז צוטרויסלען די מלוכה, אָבער די פעולה פון זיי איז אַ גאַנץ צווייפעלהאַפטע.״ אויב קאַראַמזין, אַ מענש זעהר אַנ'אויפגעקלערטער, טראַכט אַזוי, טאָ ווי זאָלען שוין טראַכטען די איבעריגע? נאָך אזאַ פאַקט איז דאָך אויף דער גאַנצער וועלט נישט פאַרהאַן: אַ קייזער, וואָס שענקט פרייהייט זיין פאָלק, און אַ פאָלק, וואָס וויל נישט אָננעהמען דידאָזיגע פרייהייט? מענשען, וואָס געפינען זיך אונטער'ן שטעקען, קאָן מען נישט פריי מאַכען מיט איין קלאַפּ. איינער אין פעלד איז נישט קיין העלד. און איך בין איינער, אָהן מיטהעלפער. ביי וועמען זאָל איך זוכען הילף? אומעטום איז בלויז רמאות, גנאַרעריי. קאָנען מיר, מלכים, וויסען אַלץ, וואָס ביי אונז ווערט געטהאָן? אַז איך טראַכט דערפון, שטעלען זיך מיר די האָהר קאַפויר! אינ'ם מיליטער, אין דער פערוואַלטונג, אין דער קירך—אומעטום איז נישט, ווי מען בעדאַרף. אָבער איין מענש קאָן דאָך נישט העל־פען. מען בעדאַרף אַריינגעהן אויך אין מיין לאַגע. טאָ בעדאַכט זיך, פערשטעהט מיך, זאָגט זיך אָב פון אייערע פערברעכערישע פלענער, און איך וועל אָננעהען אייער חרטה מיט פאָטערליכער ליעבע... איבערהויפּט אָבער פערשטעהט מיך, פערשטעהט, אַז איך וויל אויך דאָס אייגענע, וואָס איהר, לאָמיר זיין צוזאַמען, לאָמיר פעראייניגען אונזערע קרעפטען פאַר'ן וואוילשטאַנד פון אונזער פאָטערלאַנד...

וואָס ער וועט נאָך זאָגען, האָט ער נאָך גוט נישט געוואוסט, אָבער ער האָט געשפּירט, אַז דאָס, וואָס ער וועט זאָגען, וועט זעהר ריהרען. און יענער וועט נישטביישטעהן—ער וועט זיך צעוויינען, צו די פיס וועט ער איהם פאַלען. צורעדט ער, און דערנאָך די איבעריגע. אַלע וועלען קומען מיט חרטה. און ער וועט זיי מוחל-זיין, ווי אַ פאָטער איז מוחל זיינע קינדער, וואָס זענען אַראָב פון גלייכען וועג. און טאָמער וועט מען איינעם אויפהענגען, וועט מען. עס אויך אין דער אַלגעמיינער שמחה נישט בעמערקען.

אָבער ווי וועט זיין, אַז זיי וועלען נישט גלויבען, אַז זיי וועלען טראַכטען: פשוט, ער שרעקט זיך, ער מאַכט אַנ׳אָנשטעל, שפּיעלט אַ צווייידייטיג שפּיעל און וויל זיי אַריינשלעפּען אין אַ בעך, צו מאַכען גיכער אַ סוף פון דער פערשווערונג? און וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלען זיך דערמאָהנען נאַפּאָלעאָנס ווערטער: „אַלעקסאַנדער איז דין, ווי אַ נאָדעל, שאַרף, ווי אַ ראַזירמעסער, פאַלש, ווי דער שוים פון ים. ווען ער זאָל אָנטהאָן פרייענקליידער, וואָלט ער געווען זעהר אַ כיטרע פרוי.” אָדער דער באָבעס ווערטער: „דער הער אַלעקסאַנדער איז, לויט זיין נאַטור, אַנ׳אַקטאָר, אַ גרויסער מייסטער פון שענע קערפּערליכע בעוועגונגען.” ער מאַכט נאָך איצט פאַר׳ן שפּיגעל שענע בעוועגונגען. אָבער עס איז שוין שפּעט: דער שפּיגעל איז צובראָכען. ער וועט קיינעם נישט אָבנאַרען. עס וועט בלויז זיין נאָך געלעכטער, נאָך חרפּה און בושה. „האָב איך נישט פון הינטען עפּיס לעכערליכעס?”

ער איז דער קרבן און זיי זענען די רוצחים, אָדער זיי זענען די קרבנות און ער איז דער תלין: דאָס וועסטו מיט קיין שום ווערטער נישט פערדרעהען. אָבער נישט קיין ווערטער בעדאַרף מען, נאָר מעשים. מען בעדאַרף די רוצחים אויפהענגען: „מען בעדאַרף און מען קאָן נישט, מען קאָן נישט און מען בעדאַרף”—ווידעראַמאָל ווי דעמאָלט, דעם 11-טען מערץ. ער וועט קיין זאַך נישט בעשליסען, ער וועט קיין זאַך נישט טהאָן, אַ פינגער צו אַ פינגער נישט אַ קלאַפּ טהאָן. ער געפינט זיך, ווי

אין אַ לעטאַרגישען שלאָף—ער הערט אַלץ און ווייס אַלץ און שפּירט אַלץ, און קאָן דאָך קיין צייכען נישט געבען, מען זאָל איהם נישט מקבר-זיין לעבעדיגערהייד.

—און זיי לאַכען!.. און זיי לאַכען!..

דער קאָמערדיענער אַניסימאָוו האָט שוין לאַנג געהערט פון דעם שכנ'ישען צימער, ווי דער קייזער רעדט עפּיס מיט עמי-צען. צי איז עמיץ נישט אַריין דורך אַ צווייטער טהיר? ער איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און צוגעלעגט זיין אויער צום שלאָס-לאָך. בשעת דער קייזער האָט אַרויסגעזאָגט: „און זיי לאַכען! און זיי לאַכען!"—האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער רופט איהם: „אַניסימאָוו! אַניסימאָוו!" האָט ער געעפענט די טהיר און אַריין אין צימער.

—וואָס ביזטו געקומען?

—אייער מאַיעסטעט רופט מיך?

—אַרויס פון דאַנען!—האָט דער קייזער אַ געשריי געטהאָן. ער איז אויפגעשפּרונגען און גענומען טופען מיט די פיס פון גרויס גרימצאָרן.

אין עטליכע מינוט אַרום איז ער אַראָב פון די שטיגען, אָנגעטהאָן אין שינעל און אין היטעל.

אונטען איז געשטאַנען אַ וואַכסאָלדאַט. „און דער לאַכט אויך?"—האָט דער קייזער אַ טראַכט געטהאָן. ער האָט זיך אָב-געשטעלט, אַ קוק געטהאָן איהם שאַרף אין די אויגען אַריין און געפרעגט:

—נו, דו וואָס?

—זדראַוויאַ זשעלאַיו, אייער קייזערליכע מאַיעסטעט!—האָט יענער אַרויסגעקאָטעוועט מיט אַרויסגעקאָטשעטע אויגען און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דעם קייזער איז לייכטער געוואָרען אויפ'ן האַרצען.

—ווי הייסטו?

—איוואַן אָכראַמענקאָ, אייער מאַיעסטעט!

—נו, איוואַן, זאָג דיין ראַטנעס, אַז איך האָב דיך געמאַכט פאַר אַנ'אונטעראָפיציר.

„פונקט ווי דער פאָטער,--האָט ער אַ טראַכט געטהאָן,—דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון בוים.״

אַריין אין פאַרק. דער וועג, איבער וועלכען ער פלעגט שפּאַצירען, פלעגט אָבגערייניגט ווערען פון שניי און פלעגט בעשאָטען ווערען מיט געלען זאַמד אויף עטליכע וויאָרסט. ער איז געגאַנגען ביים ברעג פון דער גרויסער אָזערע, וואו עס האָט זיך געצויגען אַנ׳אַלעע, געדיכט פערשטעלט פון אַלטע, שטאַרק-בעשנייטע יעגלבוימער.

דרויסען איז געפאַלען אַ שניי, צוטרשט אין שיטערע שטערענדלעך און דערנאָך אין גרויסע שטיקער. דער שניי איז נאָך נישט געווען נאַס, אָבער זעהר ווייך, קלעפּיג און האָט פאָרגעזאָגט אַ וואַרים וועטער, פונקט ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ וואַרימער, אַ דושנער.

צוגעגאַנגען צום וואַלדוועג, האָט ער זיך דורך אַ קליינע שטעגעלע פערקירעוועט און אַריין טיפער אין וואַלד. דאָרט איז ער אַרויס אויף אַ קליינעם פּלאַץ, אַרומגערינגעלט מיט הויכע בוימער. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק און האָט לאַנג געקוקט, ווי עס פאַלט דער שניי—אַ ווייסע נעץ אין אַ טונקעלער לופט, אַ ווייסע טונקעלקייט, וואָס שיט זיך און שיט זיך איינטעניג, וואָס פערבלענדט און מאַכט שווינדלען דעם קאָפּ.

„דער קאָפּ שווינדעלט...—האָט ער אַ טראַכט געטהאָן.—וואָס איז דאָס? וואָס האָב איך געוואָלט?.. יאָ...

...Cet esprit de vertige et d'erreur,

De la chute des rois funeste avant-coureur.

„דאָס איז יענער קאָפּשווינדעל, וואָס זאָגט פאָרהער אָן, אַז מלכים ווערען אַראָבגעוואָרפען...״

דאָס זענען געווען ליעדער פון אַ פראַנצויזישע רטראַגעדיע, וואָס ער און נאַפּאָלעאָן האָבען געהערט אין ערפורט.

—דער קאָפּ וואָלט מיר געשווינדעלט פון אַזאַ הויך!—האָט ער איינמאָל גע׳חוזק׳ט איבער דער קליינער בראָנזענער קוקלע אויפ׳ן זיעגער-סלופּ פון וואַנדאָמער פּלאַץ. אָבער נאָכדעם ווי עס איז גענומען געוואָרען פּאַריז, און די בעזיעגטע האָבען

לכּבוד דעם זיגער אַראָבגעשלעפּט מיט שטריק דידאָזיגע קוקלע אונטער ווילדע געשרייען פון המון: „אַראָב מיט נאַפּאָלעאָנ׳ען! וויוואַט אַלעקסאַנדער!“—האָט איהם דער קאָפּ באמת גענומען שווינדלען, כאָטש ער איז געווען דער זיגער. פאַר יעדען קומט זיין צייט. פריהער האָט מען אַראָבגעשלעפּט נאַפּאָלעאָנ׳ען און איצט שלעפּט מען איהם, אַלעקסאַנדער׳ן, אַראָב ביי אַלגעמיינעם געלעכטער, ווי אַ קליינינטשקע קינדערשע קוקלע, וואָס דרעהט זיך אויף אַ דינעם פאָדים.

און נאָך וואָס? יאָ, נאָך דער מפלה אונטער אויסטערליץ, איז ער ביינאַכט געלעגען, אַ פערלאָזטער פון אַלעמען, אין אַ לעדיגען הייזעל, אויף שטרוי, און האָט געהאַט אַזוינע שרעקליכע לייבשמערצען, אַז דער דאָקטאָר ווילי האָט זיך געשראָקען פאַר זיין לעבען און האָט איהם אַלץ געגעבען צו טרינקען רויט-ווייןן, נאָך וועלכען ער פלעגט ספּעציעל פאָהרען אין עסטרייכישען לאַגער און דאָרט אויף די קניה אויסבעטלען אַ האַלבע פלאַש. און איהם, דעם קייזער, פלעגט זיך דאַכטען, אַז דידאָזיגע שרעקליכע בויכשמערצען זענען אַ רעזולטאַט פון שרעק, אַז דאָס איז געווען אַ מין בערן-קראַנקהייט. און אָט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען יענער שרעקליכער געלעכטער, וואָס מאַכט איהם איצט משוגע.

און נאָך, און נאָך וואָס? דאָס סאַמע לעכערליכסטע, דאָס סאַמע שרעקליכסטע? דער 11-טער מערץ און די געהיימע געזעלשאַפט זענען בלויז די אויסערליכע בלעזלעך פון דער קראַנקהייט. אָבער וואו איז דער מקור פון אַלץ? ער ווייס, וואו, און ער ווייס, וואָס. ער וויל נישט וויסען, אָבער ער ווייס. איז עס אפשר נישט דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט דעמאָלט, ווען מען האָט איהם געשלעפּט אויפ׳ן בלוטיגען טראָן, ווי קצבים שלעפּען אַ קעלבעל אין שעכטהויז אַריין און ער, „דאָס בידנע קעלבעלע“, האָט זיך איינגעשפּאַרט, נישט געוואָלט געהן? „דאָס איז אַ פערשאָלטענער אָרט, האָט ער דעמאָלט געזאָגט—שטעלסטו זיך אַרויף, פאַלסטו אַראָב. אַלע ביז מיר זענען אַראָבגעפאַלען און איך וועל אויך אַראָבפאַלען“. דעמאָלט האָט ער עס געוואוסט, דערנאָך האָט

ער עס פערגעסען און איצט איז עס איהם פון דאסניי געקומען אויפ׳ן זכרון. אבער עס איז שוין שפעט: דער קאפ ליעגט שוין אונטער׳ן האק, דער שטריק איז אויפ׳ן האלז ביים בידנעם קעל-בעלע, אויף א פערשאלטענעם ארט האט ער זיך אנידערגעשטעלט און איז אראבגעפאלען. נאך דעמאלט האט מען בעדארפט אוועק-געהן, אנטלויפען, וואוהין די אויגען טראגען, אבער איצט איז שוין שפעט: אראבנעהמען די קרוין, הייסט אראבנעהמען דעם קאפ. און די אלע טרוימען וועגען דעם זענען בלויז שענע בע-וועגונגען, אקטארישע קונצשטיק פאר׳ן שפיגעל, בלויז ליגען, שאנד און שפאט.

פערדעקט מיט די הענד דאס געזיכט, געוואלט וויינען און נישט געקאנט.

זיך אויפגעהויבען, א ווארף געטהאן דאס היטעל, דעם שי-בעל, זיך אראבגעלאזט אויף די קניה, צוזאמענגעלעגט די הענד און אויפגעהויבען די אויגען. געוואלט צו גאט בעטען—און נישט געקאנט. וואס, צו וועמען בעטען? „צו זיין אנ׳אליינהערשער, בעדארף מען זיין א גאט.” דאס פלעגט ער אליין זאגען, דאס פלעגען אלע איהם זאגען, און דאך האבען זיי איהם, א מענשען, בעמאכט פאר א גאט.

און דער שניי איז אלץ געפאלען און געפאלען אין דער טונקעלער לופט און בעדעקט דעם טויטען מיט תכריכים.

אַלעקסאַנדער I.

פּיערטעס קאַפּיטעל.

די קייזערין יעליזאַוועטאַ אַלעקסעיעוונאַ האָט געהאַלטען איהר טאָגבוך אין אַ בעזונדערער, שטענדיג גוט פערשלאָסענער קאַסעטע. דרייסיג יאָהר האָט זי געשריבען איהר טאָגבוך און קיינעם נישט געוויזען, אויסער איהר פריינד קאַראַמזינ׳ען.

פריהלינג, בשעת זי איז שווער קראַנק געוואָרען און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי שטאַרבט אַוועק, האָט זי, פאַר דער נסיעה פון פעטערבורג קיין צאַרסקאָיע און פון דאָרט קיין טאַגאַנראָג, געמאַכט אַנ׳אָרדנונג אין איהרע פאַפּירען: „מען בעדאַרף צו אַלץ זיין גרייט, אפילו צום טויט״,—האָט זי אין דעם אייגענעם טאָג געשריבען איהר מוטער.

שפּעט ביינאַכט, אַז זי איז געבליבען אַליין, האָט זי געעפענט די קאַסעטע, אַרויסגענומען דאָס טאָגבוך און גענומען לייענען. געשריבען איז עס געווען אין פראַנצויזיש, מיט בעזונדערע רוסישע און דייטשע אויסדרוקען. געלייענט האָט זי נישט כסדר, נאָר יענע זייטלעך, וואָס האָבען זיך איהר שטאַרקער איינגעקריצט אין זכרון. אַמאָל האָט זי גאָרנישט אַריינגעקוקט

אין איהם. אָבער אין די לעצטע צוויי יאָהר—25—1824 פלעגט זי עס עפטער דורכבלעטערן.

זי האָט געלייענט:

„פון אַ בלימעל דער ריח, פון לעבען דער טרויער. צו אָוועגד ווערט שטאַרקער דער ריח פון די בלומען, און אויף דער עלטער ווערט דאָס לעבען טרויעריגער.

ווען קאַראַמזין האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין געבוירען געוואָרען האַלב טויט, האָט ער געזאָגט:

—איהר האָט געצווייפעלט, צי איהר זאָלט אָננעהמען דאָס לעבען.

מיר דאַכט זיך, אַז איך צווייפעל נאָך ביז היינט. איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט אָננעהמען דאָס לעבען, אַריינגעהן אין איהם, ווי געהעריג.

דעם מענשענס ליידען זענען נישט קלאָר, דאָך זענען זיי אַ ריכטיגער שפּיגעל. מען בעדאַרף נאָר אַריינקוקען אין איהם—און מען קאָן זיך דערזעהן און דערקאָנען. אין מיין טונקעלען שפּיגעל זעה איך מיך נישט אַלס מאַיעסטעט, אַלס אַלרוסישע קייזערין, נאָר ווי אַ קליין עופ׳עלע, וואָס וויל נישט געבוירען ווערען, אָדער ווי אַ זקנה, וואָס וויל נישט שטאַרבען.

דער 11-טער מערץ. אין דעם טאָג פאָהרען מיר אַלעמאָל מיט׳ן קייזער אין דעם פעטראָפּאַוולאָווסקער סאָבאָר צו דער מע-סע נאָכ׳ן קייזער פּאַוועל. געוועהנליך דערמאָהנט דער קייזער די פערגאַנגענע צייטען, אָבער שוין אַ צייט, ווי דער קייזער זאָגט מיר אַלץ אַלעמאָל מיט אַ גרעסערן טרויער:

—וואו וועלען מיר דאָס זיין אין אַ יאָהר אַרום און צוועלען מיר זיין אינאיינעם?

יאָהרען געהען. דרייאונצוואַנציג יאָהר—דרייאונצוואַנציג רגע׳ס. וואָס ווייטער, אַלץ נעהנטער. אַלץ, ווי נעכטען.

מיר ריידען נישט, אָבער ביידע טראַכטען מיר פון איין זאַך. מיר דערמאָהנען יענעם געשפּרעך פאַר דער שרעקליכער נאַכט פונ'ם 11-טען מערץ.

—און אויב בלוט?—האָט ער אַ פרעג געטהאָן—וואָס-זשע שווייגסטו? אפשר מיינסטו, אַז מיר בעדאַרפען דורך בלוט?..

—איך ווייס נישט,—האָב איך אָנגעהויבען, אָבער ער האָט מיך איבערגעשלאָגען.

—ניין, ניין, שווייג, בעוועג זיך נישט! אויב דו וועסט זאָגען, וועט גאָט נישט מוחל-זיין...

אָבער איך האָב דאָך דערזאָגט, וואָס איך האָב געוואָלט:

—איך ווייס נישט, צי גאָט וועט פערגעבען, אָבער מיר בעדאַרפען.

דעמאָלט האָב איך געוואוסט, אַז מיר בעדאַרפען, איצט אָבער ווייס איך נישט. אָדער ווי ער האָט דעמאָלט געזאָגט: „מיר בעדאַרפען און בעדאַרפען נישט, מען מוז און מען טאָר נישט, מען טאָר נישט און מען מוז.“

און דערנאָך אין מאָסקווע, בשעת דער קרוינונג, איז ער שעה'ענווייז געזעסען אונבעוועגליך, אַ פערגליווערטער און האָט אָהן אַ שום זין אויסגעשטעלט די אויגען אין איין פּינטעל אַריין. מען האָט זיך געשראָקען פאַר זיין פערשטאַנד. קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אַריינצוגעהן צו איהם. בלויז דער פירשט טשאַר-טאָריזסקי פלעגט איהם בעזוכען און פלעגט זיך סטאַרען צו בע-רוהיגען און אויפצומונטערן איהם.

—ניין, דערצו קאָן מען גאָרנישט העלפען,—פלעגט דער קייזער זאָגען.—איך מוז ליידען. ווי, איהר ווילט, איך זאָל נישט ליידען? דערדאָזיגער צושטאַנד וועט בלייבען אויף שטענדיג...

יאָ, דער צושטאַנד איז פערבליבען אויף אַלעמאָל. ער פלעגט נאָר פערשווינדען אויף אַ קורצער צייט און דערנאָך קומען פון דאָסניי. אָט קומט ער אויך איצט, דרייאונצוואַנציג יאָהר—דרייאונצוואַנציג רגע'ס. וואָס ווייטער, אַלץ נעהנטער. אַלץ, ווי בעכוונן.

אַ שווערד איז אַדורך זיין נשמה. האָט אונז אפשר דער-

דאָזיגער שווערד פונאַנדערגעטיילט? מיר ווילען זיך אַלץ פער-איינינגען און קאָנען נישט. אַזוי נאָהנט און אַזוי פרעמד. האָט זיך אפשר נישט געלעגט צווישען אונז ביידען דאָס בלוט פונ'ם דער'הרג'עטען קייזער פאַוועל, ווי אַ פעסטע שטאַרקע וואַנד, וואָס קאָן נישט איינגעבראָכען ווערען?

ווען איך וואָלט דעמאָלט נישט געזאָגט: „מיר מוזען", וואָלט אפשר גאָרנישט געווען. נישט ער, נאָר איך בין שולדיג אין אַלץ—בלויז איך אַליין. טאָ זאָל-זשע גאָט נישט איהם, נאָר מיך בעשטראָפען!

עס קומט מיר אויפ'ן זינען זיין קראַנקהייט. איצט, בשעת זיין קראַנקהייט האָט שוין געמידען, פערבאָרגט ער שוין נישט פון מיר, אַז ער האָט זיך געפונען אויף אַ האָהר פון טויט: די רויז-ענטצינדונג אויפ'ן פוס האָט געקאָנט איבערגעהן אין בראַנד. איך האָב איהם קיינמאָל נישט געזעהן אַזאַ גוטען אין זיינע ליי-דען. דאָס האָט מיך אַמשטאַרקסטען געשראָקען.

איצט איז ער שוין כמעט געזונד. אַז ער איז דעם 22-טען פעברואַר אַרויסגעפאָהרען צום ערשטען מאָל, האָבען זיך די פאַר-בייגעהער געשטעלט אויף די קניה, זיך גע'צלמ'ט און געוויינט פון שמחה.

איך פרעה מיך אויך, אָבער דאָך טהוט עפּיס באַנג. נאָר וואָס? שוין-זשע טהוט מיר באַנג אויף יענער צייט, בשעת ער איז געווען קראַנק, געהאַט גרויסע יסורים און איך צוזאַמען מיט איהם? יאָ, מיר זענען געווען צוזאַמען, אָבער אַזוי נאָהנט, ווי נאָך קיינמאָל נישט. איך געדענק, וואָס ער האָט מיר איינמאָל געזאָגט, מיט יענעם שמייכעל פון אַ קראַנקען קינד,—אַזאַ שמיי-כעל האָט ער פריהער קיינמאָל נישט געהאַט און איך שרעק מיך פאַר איהם און האָב איהם ליעב:

—אָט זעהט איהר, ליזע, אויב איך וועל געזונד ווערען, וועל איך עס נאָר אייך אַליין האָבען צו פערדאַנקען.

ווי איך בין גליקליך געווען! עס איז אפילו נישט שען,

וואָס איך האָב געקאָנט זיין אַזוי גליקליך, בשעת ער האָט געליטען אַזוינע יסורים.

דאָס איז געווען נאָך דער ערשטער רוהיגער נאַכט. ער האָט רוהיג פערבראַכט די נאַכט צוליעב דעם קישען, וואָס איך האָב ערפונדען. זיצענדיג האָט ער געמוזט שלאָפען, ווייל אין אַ ליעגענדיגער פּאָזע פלעגט איהם דאָס בלוט צופליסען צום קאָפּ. מיין קישען האָט איהם בעפרייט פון דעמדאָזיגען בלוט-צופלוס. איך האָב אויך צוגעטראַכט אַ בענקעלע פאַר זיין קראַנקען פוס, און דאָסדאָזיגע בענקעלע פלעגט איהם געבען אַ מעגליכקייט צו זיצען אין פאָטעל ביים טיש.

טעג און נעכט האָב איך פערבראַכט מיט איהם. איך האָב מיך נישט געשראָקען, ווי אַלעמאָל, צו שטערען איהם. ער איז אינגאַנצען מיינער געווען, און מיר זענען געווען אַליין, פּונקט ווי מיר וואָלטען זיך דערווייטערט אויף טויזענדער ווייאָרסט פון די אַלע, וואָס פלעגען איהם דערעסען און פייניגען, בשעת ער איז געווען געזונד. קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אַריינצוגעהן. עס איז געווען גוט, היימליך און שטיל.

—ווי גוט, ליזע, וואָלט נאָר אַלעמאָל אַזוי געווען!—פלעגט ער זאָגען.

ער האָט ראַמאַנסירט מיט מיר און איז געווען זעהר ליעבליך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין נישט זיין ווייב, נאָר אַ געליעבטע.

איצט איז געקומען אַ סוף צו אַלץ. איצט בין איך ווידער אַליין, און ווידער גאָרנישט: נישט קיין ווייב, נישט קיין געליעבטע. אַ וואַכטערין בין איך, אַ וואַכטערין, וואָס האָט בעקומען איהר געצאָהלט און קאָן אַוועקגעהן. איך שרעק מיך שוין ווידער צו שטערען איהם און איך סטאַרע מיך נישט צו קומען אויף זיינע אויגען. אַז איך געה, האַלט איך מיך ביי דער וואַנד, אַז קיינער זאָל מיך נישט בעמערקען. ביינאַכט פער'גנב'ע איך מיך צו איהם און קוש איהם אַ שלאָפענדיגען: אין שלאָף איז ער נאָך מיינער.

נו, מילא, זאָל זיין אַזוי! איך בין דאָך שוין געוועהנט;

אויפ'ן וואָהר—צוטיילט, אין חלום—צוזאַמען, אפשר אויך אינ'ם לעצטען חלום פון לעבען. אַלץ, וואָס אין לעבען, שיידט אונז פונאַנדער, אָבער אַז מיר וועלען אַרויס פון לעבען, וועלען מיר זיך צוריק בעהעפטען. אונזער פערבאַנד איז נישט קיין ערדישער; מיר זענען נישט קיין מאַן און ווייב, נאָר געליעבטע, וואָס זענען אויף אייביג צושיידט געוואָרען.

מען זאָגט, אַז דער נאַכטפויגעל פערשרייט דעם טאָגפויגעל. איך בין שטענדיג געוועזן פאַר איהם אַ נאַכטפויגעל, אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פערשרייען דעם טאָגפויגעל. אַ שרעקליכער פויגעל בין איך פאַר איהם: אויב איך בין נאָהנט, איז אַ סימן, אַז איהם וועט זיין שלעכט: איהם שלעכט און מיר גוט. וואָס ערגער עס איז איהם, אַלץ בעסער איז מיר. אַז איך זאָל זיין מיט איהם, בעדאַרף ער זיין קראַנק, אומגליקליך, געפעהרליך. אַזוי איז געוועזן דעם 11-טען מערץ, אַזוי איז אויך געוועזן אין 12-טען יאָהר און אַזוי איז אויך איצט. שוין-זשע וועט עס שוין שטענדיג אַזוי זיין?

אָ, איך פערשטעה, אַז ער האָט מיך נישט ליעב, אַז ער האָט מורא מיך ליעב צו האָבען!

די טעג געהען אַוועק און ברענגען אַלץ מעהר אַנגסט, אָבער איך קלאָג מיך נישט. אַזוי בעדאַרף עס צו זיין. אַלץ, ווי פריהער, אַלץ, ווי עס בעדאַרף צו זיין. איך סטאַרע מיך צוצוגעוועהנען צו יסורים, כּדי עס זאָל מיר אויסווייזען נאַטירליך, אָבער נישט אַלעמאָל געלינגט עס. סאָפיע סטראָגאַנאָוואַ איז גערעכט, בשעת זי וואַרפט מיר פאָר, אַז מיינע קריסטליכע געפיהלען זענען שוואַך. איך וויל גלויבען, אַז פאַר'ן אייביגען לעבען דערציהט דער גרויסער גאָט מיין נשמה דורך פּיין און לייד, איך וויל מיך איהם אָבגעבען מיט געבונדענע הענד און פיס. איך זאָג: אַלץ, וואָס ער וועט וועלען, אַלץ, וואָס ער וועט וועלען. וואָלט איך נאָר געוואוסט, וואָס איך בעדאַרף טהאָן: וואָס בעדאַרף איך טהאָן? טיילמאָל וויים איך עס נישט און פּיעל

זאָכען פערשטעהט איך נישט. אָבער סאָפיע זאָגט, „אַז אויב מען פערשטעהט נישט, הייסט עס, אַז מען בעדאַרף נישט".

עס מוזען זיין מענשען, וואָס זיי איז נישט בלויז נישט געגעבען געוואָרען, נאָר זיי איז פשוט נישט דערלויבט צו זיין גליקליך. בשעת איך בין גליקליך, ווייזט מיר אויס, אַז איך האָב אַוועקגע'גנב'עט עפּיס אַ פרעמדע זאַך. עס איז מאוס און שרעקליך און איך ווייס, אַז איך וועל בעשטראָפט ווערען.

איך האָב נישט מעהר וואָס צו האָפען דאָ, אויף דער ערד, איך בעדאַרף מיך פון אַלץ אָבזאָגען, זיך אונטערגעבען און שוויי־גען ליידענדיג—קיין אַנדער רעטונג האָב איך נישט.

איך טאָר נישט זיין גליקליך—דאָס איז דער סוד פון מיין לעבען. איך בעדאַרף ליידען. גאָט ווייס, צו וואָס דאָס איז נויטיג, אָבער ער וויל נישט, איך זאָל עס וויסען.

טאָ זאָל זיין לויט זיין רצון און זאָל ער מיך אָננעהמען פאַר דער לעצטער פון די לעצטע, אָבער נאָר נישט אָבשטויסען פון זיך!

היינט איז דער יאָהרצייט נאָך ליזעלעס טויט. איצט וואָלט זי אַלט געווען 18 יאָהר.

איך בין געווען אויפ'ן בית-עולם פונ'ם אַלעקסאַנדער-נעווסקי-קלויסטער, וואו ליזעלע רוהט צוזאַמען מיט מאַשעלע'ן (מיין מיימעלע). דערביי ליעגט אויך אַליאָשע. אויף זיין מצבה שטעהט געשריבען: „דער שטאַבראָטמיסטער פונ'ם קאַוואַלערגאַרדישען פאָלק, אַלעקסעי יאַקאָוולעוויטש אָכאָטניקאָוו, געשטאָרבען דעם 30-טען יאַנואַר 1807, איך עלטער פון 26 יאָהר."

קיינער וועט קיינמאָל נישט וויסען, וואָס פאַר אַ סוד איך האָב דאָ אונטער דערדאָזיגער אויפשריפט.

אַז איך בין פאַר זיין טויט געקומען צו איהם דאָס לעצטע מאָל, האָט ער מיר געזאָגט:

—איך שטאַרב אַ גליקליכער, אָבער שענקט מיר עפּיס צום אָנדענק.

 איך האָב מיר אָבגעשניטען אַ לאָק האָאר און איהם דער-

לאנגט. ער האט געהייסען, מען זאל עס איהם אוועקלעגען אין קבר אריין. דער לאק האהר איז אויך איצט דארט, זאל מיך גאט בעשטראפען, אבער איך האב נישט קיין חרטה דערויף און איך וועל נישט אוועקנעהמען דאס, וואס איך האב געגעבען.

לאנג בין איך ארומגעגאנגען איבער'ן בית-עולם. אין שאטען איז נאך געלעגען שניי, אבער אויף דער זון האט געגרינט דאס גראז און געלבע פריהלינגס-בלימלעך האבען זיך געזעהן. איך האב אנגעריסען דריי הויפענס בלימעלעך: איינעם האב איך אוועקגעלעגט אויף ליזעלעס קבר, איינעם-אויף מאשעלעס און דעם דריטען—אויף אליאשעס.

נישט אלע, וועמען איך האב ליעב, אבער אלע, וואס האבען מיך ליעב געהאט, זענען דא. אלע דריי צוזאמען—אויף'ן בית-עולם, אזוי ווי אין מיין הארצען.

מען זאגט, אז אין א שלעכט וועטער טהוען וועה די אלטע וואונדען. עס פייניגען מיך די אלטע וואונדען מיינע—וואס פאר א ניי געוויטער בעדארף זיין?

איך דערמאהן מיך אן ליזעלעס טויט, אן מאשעלעס טויט און ווידער איז קיין צייט נישטא. וואס ווייטער, אלץ נעהנטער אלץ, ווי נעכטען.

מאשעלע'ן איז געווען זעהר שלעכט, אבער איך האב נאך אלץ געהאפט, אין דער לעצטער נאכט, נאך די שרעקליכע קראמפען און ברעכען, האט זי זיך פארטאג איינגערוהיגט, פונקט ווי זי וואלט איינגעשלאפען. איך האב מיך אנידערגעלעגט דערביי אויפ'ן דיוואן און אויך איינגעשלאפען, ווייל איך האב א סך נעכט נישט צוגעמאכט מיט אנ'אויג. אבער אז איך האב מיך אויפגעכאפט, האב איך געזעהן, אז זי שטארבט-אוועק. אפשר האט זי מיך גערופען און איך האב נישט געהערט? זי איז געלעגען אויף מיינע הענד אהן אנ'אטעם און איך האב נאך אלץ נישט געגלויבט, „וואס איז דאס? וואס איז דאס?" האב איך אלץ איבערגע'חזר'ט.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז מעהר קאָן מען שוין נישט ליידען, אָבער איך האָב דעמאָלט קיין העלפט אויך נישט געליטען פון דעם, ווי איך האָב געליטען דערנאָך, בשעת ליזעלע איז אַוועקגעשטאָרבען. יאָ, אָט וואָס עס איז שרעקליך: מען קאָן קיינמאָל נישט וויסען, ווי אַזוי מען וועט נאָך ליידען, ווי אַזוי מען קאָן נאָך ליידען און צי איז סתם פאַרהאַן אַ גרענעץ צו די ליידען. נישטאָ, דאַכט זיך, קיין גרענעץ. ווען איך וואָלט נישט געגלויבט אין גאָט, וואָלט איך מיר גענומען דאָס לעבען.

אין די אַלע טעג בלאָנקע איך אַרום איבער'ן הויף, ווי אַ נשמה, וואָס האָט קיין תקומה נישט. איך בין פריהער אַריין אין ליזעלעס צימער און האָב מיך אָן אַלץ דערמאָהנט. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער, ווי משוגע, איבערגע'חזר'ט אַלע איהרע ווערטלעך און זיך געסטאַרעט זיי נאָכצומאַכען. „נע, נע,— פלעגט זי זאָגען, אָנשטאָט „ניין" און אויף ענגליש: „אופ, אופ", ווען זי האָט געוואָלט, מען זאָל זי אויפהויבען אויף די הענד. און זי פלעגט אויך זאָגען: „יאָ", ווען איך פלעג זי פרעגען אויפ'ן אויער: „דו ביזט מיין קליינינטשקע ליזעלע?"—יאָ! יאָ!— פלעגט זי ענטפערן מיט אַ קלוג מינעלע, פונקט ווי זי וואָלט פערשטאַנען, וואָס איך רייד צו איהר. און אַז מען האָט איהר אָבגעריכט דעם הייליגען אָבענדמאָל, האָט זי אויף ענגליש געשריען: „נאָ! נאָ!" צום קייזער האָט זי זיך נישט געקאָנט צוגעוועהנען. זי האָט זיך געשראָקען פאַר איהם און פלעגט וויינען.

איהרע לעצטע ווערטער פאַר'ן טויט זענען געווען: „טאַנץ! טאַנץ! Dance! Dance! בשעת איהר קראַנקהייט האָט זי ליעב געהאַט, מען זאָל זי אַרומטראָגען אויף אַ קישען איבער'ן צימער און זינגען איהר אַ פרעהליך ליעדעלע. וויפיעל מאָל האָב איך איהר געזונגען, שלינגענדיג די טרעהרען!

אָט דערמאָהן איך עס אין וויפיעל יאָהר אַרום, און דער וועהטאָג איז דאָך דער אייגענער. די ערשטע אַנגסט-מינוטען זענען נישט די סאַמע שרעקליכסטע—דער אַנגסט פער'שכור'ט און פערשרייט דעם וועהטאָג, אָבער דערנאָך, ווען די שכרות געהט איבער, דערשפירט מען שטאַרקער דעם וועהטאָג.

ליזעלע איז געשטאָרבען פון צייהנדלעך אין צעהן טעג צייט. די דאָקטוירים האָבען אַלץ בערוהיגט, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָבען זיי זיך דערשראָקען און נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן. מען האָט איהר געגעבען מאָשוס. אָ, דערדאָזיגער ריח פון מאָשוס אינ׳ם האַלבטונקעלען צימער מיט אַראָבגעלאָזטע שטאָרען! זי האָט אָנגעהויבען קאָנוואולסירען און ברעכען, פונקט ווי מאַשעלע. דערנאָך איז זי פערגליווערט געוואָרען, פונקט ווי זי וואָלט זיך דערשטיקט. מען האָט אויפגעהויבען די שטאָרען, צוגעטראָגען זי צום פענסטער. איך האָב געוואָלט וויסען, צי זי לעבט און האָב זי אַ רוף-געטהאָן: „ליזעלע!״ און זי, אינגאַנצען אַ בלויע, האָט פּלוצלונג אויפגעהויבען דאָס הענדטעל און אָנגעריהרט מיין באַק. און אין איהר פּנים׳ל איז געלעגען עפּיס עלענדעס, נישט-קינדישעס, וואָס דערפון ווערט מיר נאָך ביז היינטיגען טאָג צוריסען דאָס האַרץ.

און אַז זי איז געלעגען אין טרומנע, האָבען זיך אינ׳ם דערבייאיגען צימער צוזונגען איהרע געליעבטע פויגעלעך.

פאַרוואָס ליידען קינדער? נו, מיר, דערוואַקסענע, קויפען-אַיס דורכדעם אונזערע זינד. אָבער קינדער פאַרוואָס? אפשר פאַר די זינד פון די פאָטערס? ניין, איך פערשטעה גאָרנישט, גאָרנישט.

ווי איוב האָב איך געקאָנט ענטפערן מיינע טרייסטער: „איך האָב שוין אַ סך געזעהן אַזויגס, אָרימע טרייסטער,—איהר זענט אַלע נוצלאָזע דאָקטוירים!״

יאָ, איצט איז אין מיר פאַרהאַן ווייניגער געהאָרזאַמקייט, איידער אין די ערשטע מינוטען פון אַנגסט. גאָט מיינער, גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ געדולד בעדאַרף מען האָבען, נישט צו פרעגען ביי דיר: צו וואָס? פאַרוואָס? אָס זאָג איך מיר אַלץ: מיר לעבען דאָ אויף דער ערד נישט בעליעב גליק, נאָר בעליעב ליידען, און גאָט ווייס בעסער פאַר אונז, צו וואָס מען בעדאַרף עס. „אַלץ צו בעסער, אַלץ צו בעסער!״ אַזוי זאָגט דער קיינער אָבער דאָס העלפט אויך נישט.

סאָפיע איז גערעכט: איך האָב ווייניג קריסטליכע געפיהלען

אָבער איך וויל נישט זיין פאַלש, איך וויל נישט אויסווייזן בעסער, ווי איך בין אין דער׳אמת׳ן. ווען איך וואָלט מיך גע-קאָנט אונטערגעבען, וואָלט איך אפשר ווייניגער געליטען, אָבער איך וויל נישט ליידען ווייניגער און וויל זיך נישט אונטערגע-בען. איך וויל מיך שפּאַרען מיט גאָט, ווי איוב:

„אָ, ווען אַ מענש וואָלט זיך געקאָנט ראַנגלען מיט גאָט, ווי אַ בן-אדם מיט זיין גלייכען. אָט שריי איך: מען האָט מיך באַליידיגט! און קיינער הערט מיך נישט. איך הויב-אויף מיין קול—און קיין משפט איז נישטאָ.”

פאַרוואָס ליעב איך דאָס גאַנצע לעבען איין מענשען, וואָס האָט מיך נישט ליעב? פאַרוואָס האָב איך ליעב בעקומען אַליאָ-שע׳ן? פאַרוואָס איז ער טויט? פאַרוואָס איז געשטאָרבען מאַ-שעלע? פאַרוואָס איז געשטאָרבען ליזעלע? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

און טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך ווייס, פאַרוואָס, איך ווייס, פאַרוואָס.

איך האָב צופיעל ליעב מענשען, איך האָב זיי ליעבער פון גאָט, און דערפאַר בעשטראָפט ער מיך. איך בעדאַרף נאָר עמי-צען ליעב בעקומען—און גאָט נעהמט מיר איהם באַלד צו. שוין בעסער קיינעם נישט צו ליעבען. איך שרעק מיך פאַר ליעבע.

גריבלען זיך אין דער אייגענער נשמה, רייצען אַלטע וואונ-דען—דאָס איז אַ שלעכטע געוועהנהייט.

—איהר בעשעפטיגט זיך צופיעל מיט זיך,—האָט מיר גע-זאָגט די פערשטאָרבענע עסטרייכישע קייזערין.

דער לייב-דאָקטאָר ווילי עצה׳ט אָנשטאָט רפואות,—„לע-בען נאַריש.”

„איך ווינש אייך רוה און געזונדטע גלייכגילטיגקייט, ווי עס דריקען זיך אויס די פילאָזאָפירענדיגע מעדיקער”,—שרייבט מיר קאַראַמזין. און מיין פריינד, דער באַשקיר, וואָס האָט מיר צו-

געגרייט קומיס אין צאַרסקאָיע סעלאָ, פלעגט זאָגען, קוקענדיג אויף מיר מיט בעדויערונג:

—קראַנק ביזטו, מוטערל, ווייל דו ביזט צו־קלוג און טראַכסט אַ סך. און די רפואות, וואָס מען גיט דיר, פערערגערן נאָך דאָס געזונד.

נו, מילא, וועל איך מיך סטאַרען צו „לעבען נאַריש”. פּי־גאַראָ איז, דאַכט זיך, גערעכט, זאָגענדיג, אַז „אַלע קלוגע מענ־שען זענען טפשים.”

צו וואָס זיך קאַליע מאַכען דאָס לעבען? מען בעדאַרף עס געהמען אַזוי ווי עס איז—דעמאָלט וועסטו די ביטערקייט נישט שפּירען. מען בעדאַרף נישט צולעגען די נאָז צום לעבען, ווי צו דער צימער־לופט פון אַ טויטען.

די פּאַטריאָטישע געזעלשאַפט, די יתומים־שול, די עמערי־טאַל־קאַסע, דאָס האַנדווערקער־הויז, מאָדעלירען, מאָלען, קאָרטען, דאַמקעס, העלצלעכשפּיעל—אָט וויפיעל אַרבייט עס איז דאָ!

און זומער—באָדען זיך, רייטען. אַז איך טונק מיך אונטער אין וואַסער מיט אָפענע אויגען, זעה איך אַ סודות־פולע האַלב־טונקעלקייט און אַז איך רייט אויפ'ן פערד און דער ווינד פייפט מיר אין פנים, פערגעס איך אָן די אַלע פּלאָג פון לעבען.

מיט דער גרויספירשטין אַנע, קאָנסטאַנטינס ערשטע פרוי, בין איך איינמאָל אין אָראַנענבוים אַרומגעלאָפען מיט נאַקעטע פיס ביים ברעג ים; מיר האָבען דעמאָלט אַזויפיעל געלאַכט און גע־שטיפט, אַז די שטאַטס־דאַמע האָט זיך געקלאָגט פאַר דער קיי־זערין. דאָס איז געווען מיט פינפאונצוואַנציג יאָהר צוריק, אָבער אין מיר איז אויך איצט דאָ דאָסדאָזיגע פרעהליכע מיידעלע.

ווירקליך, איך האָב נאָך ליעב אַ סך זאַכען אין לעבען: איך האָב ליעב אין אָווענד צו זיצען אין פעטערהאָף אויף אַ שטיין ביים ברעג ים און אָהן מחשבות צוקוקען זיך צו די ווייסע זעגלען און ים־פויגעל. איך האָב ליעב צו שפּאַצירען אינ־דערפריה אויף דער קאַמעני־אינזעל, בשעת די לאָדענס זענען צו־געמאַכט און אַלע שלאָפען נאָך; איך האָב דאָרט ליעב צו געהן מיט יענעם שטילען שטעגעלע, איבער וועלכען איך פלעג אַזוי

...פּעס שפּאַצירען מיט אַליאָשע'ן; איך האָב ליעב דאָס געזאַנג פון נאַכטיגאַלען, וואָס ווירקט אַזוי מאָדנע; איך האָב ליעב דעם ריח פון פריהלינגס-בעראָזעס אונטער אַ שפּריי-רעגענדעל, וואָס איז וואַרים און שטיל, ווי די טרעהרען פון גליק.

אָט די אַלע פערגעניגענס האָט סאָפיע גערופען „בלומען ביים פוס פון קרייץ.“ צו וואָס אַזוי מליצה'דיג?

ביי זיך אין קאָסטעט האָב איך נישט לאַנג געפונען שטריק-נאָדלען און האָב מיך לאַנג נישט געקאָנט דערמאָהנען, פון וואַנען זיי קומען אַהער. צולעצט, האָב איך מיך דערמאָהנט, אַז אין 12-טען יאָהר האָבען מיר געשטריקט וואָהלענע זאָקען פאַר די סאָלדאַטען.

אַנ'אויג פאַר אויג, טאָג און נאַכט, וועל איך שטריקען מיין לעבען, ווי אַנ'אַלטע גוטע דייטשקע אַ וואָהלענעם זאָק.

און נאָך אַ טויט—סאָפיע נארישקינס. אָרים מיידעלע! זי איז מיר געווען ווי אַנ'אייגענע טאָכטער.

דער קייזער איז ווידעראַמאָל אומגליקליך און איז ווידער מיט מיר. אויף לאַנג?

שפּעט ביינאַכט בין איך געקומען פון נארישקינס זומער-וואוינונג, וואו איך האָב מיך געזעגענט מיט דער טויטער. ער איז נישט אַריין צו מיר און האָט בלויז צוגעשיקט אַ צעטעלע: „זי איז געשטאָרבען. גאָט האָט מיך בעשטראָפט פאַר אַלע מיינע זינד.“

און איך שרעק מיך אַזוי צו פערשאַפען איהם עפּיס אונאַנגענעהמעס, אַז איך דערוועג מיך נישט צוצושיקען פרעגען איהם אינדערפריה, ווי אַזוי ער שפּירט זיך. מען זאָגט, אַז די וואונד האָט זיך פון דאָסניי געעפענט אויף זיין פוס.

מאָרגען פאָהרט ער מיט אַראַקטשייעוו'ן אין די מיליטערישע קאָלאָניעס. אָבער ער וועט אַלצאיינס קומען צו מיר: איצט האָט ער נישט וואו צו געהן.

ניין, ער האָט, וואו צו געהן: צו דער פרוי נאַרישקינאַ. סאָפיעס טויט האָט זיי דערנעהנט. איצט בעדאַרף ער אונז ביי-דען האָבען. איך בין אַ וואַכטערין, אַ געליעבטע, זי איז אַ ווייב, אַ מוטער. עס איז נאָך נישט געווען דער פאַל, אַז זי זאָל זיין מיט איהם צוזאַמען אין אַ צער. שטענדיג איז שוין אַזוי געווען: אָדער זי—אין גליק, אָדער איך—אין אומגליק. אָבער אַט זענען מיר צוזאַמען.

איך שפּיר זיי נאָך און פון דער זייט דערוויס איך מיך, ווען ער קומט צו איהר. איבעריגענס, בעדאַרף איך מיך גאָר-נישט דערוויסען פון אַנדערע. אַליין ווייס איך עס: איך האָב אַ שפּירנאָז פון אַ הונד. פון איהם, דאַכט זיך מיר, הער איך איהר ריח, דעם ריח פון מאָשוס, וואָס דערמאָהנט דאָס האַלבטונקעלע צימער מיט די אַראָבגעלאָזטע שטאָרען.

שוין-זשע בין איך נאָך אַלץ אויפּעררעגט צו דערדאָזיגער חיה-רעה? בפירוש: ח י ה-ר ע ה. דאָס איז נישט קיין זידעל-וואָרט, נאָר אַ געטרייע בעצייכנונג. שוין-זשע קאָן מען אויספּלעטען אַ פרוי אויף דער לאָטעריע, ווי ער האָט זי אויסגעפּלעט מיט פלאַטאָן זובאָוו'ן? צי דען קאָן מען ליעבען מיט פעראַכטונג? ער מיינט, איבעריגענס, אַז מען קאָן גאָר אַנדערש נישט.

—צו ליעבען די פרוי, בעדאַרף מען זי עטוואָס פעראַכ-טען,—האָט ער מיר איינמאָל בעזאָגט, אָבער שוין זעהר לאַנג, נאָך דעמאָלט, בשעת מיר פלעגען ריידען פון ליעבע.

דאָס איז געווען אַ קאָמפּלימענט: ער האָט מיך צופיעל געשעצט, אום צו ליעבען. שטענדיג האָט איהם אַזוי ווי אויסגע-וויזען, אַז מיר זענען שוועסטער און ברודער, אַ גייסטיגער צווי-ליגג, און פיזישע ליעבע איז פאַר אונז אַ מין בלוטשאַנד...

אָבער ווער פערהאַסט פון זיי אַמשטאַרקסטען, ווייס איך נישט.

איינמאָל, אויפ'ן הויפבאַל (דאָס איז געווען מיט אַ צוואַנ-ציג יאָהר צוריק, איך געדענק עס, ווי איצט), האָב איך גע-פרעגט די פרוי נאַרישקינאַ:

—וואָס מאַכט איהר?

—עפּיס נישט מיט אַלעמען,—האָט זי געענטפערט און גע-קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין,—מיר שיינט, אַז איך שוואַנגער.

זי האָט געוואוסט, אַז איך ווייס, פון וועמען.

אָבער אַז זי פעראַכט מיך, פעראַכט זי איהם אויך.

—איך האָב מיך שוין לאַנג אָבגעזאָגט פון ליעבע, אפילו פון פלאַטאָנישער. שוין צייט אין דימיסיע,—האָט דער קייזער נישט לאַנג געזאָגט צו איינער אַ דאַמע, מיט וועלכער ער האָט אַמאָל ראָמאַנסירט.

ער האָט ליעב צו דערצעהלען פאַר מיר זיינע ליעבע-שטי-פערייען און איז שטענדיג זיכער אין מיין בעטייליגונג.

וואָלט ער כאָטש איינער געליעבט מיט אַנ׳אמת געפיהל, וואָלט מיר לייכטער געווען. אָבער עס איז נישטאָ אין ליעבע, נאָר אַ סך ליעבעס. סוחר׳ישע ווייבער, אַקטריסעס, ווייבער פון אַדיו-טאַנטען, ווייבער פון סמאָטריטעלעס אויף די סטאַנציעס א. ד. גל.

בלאָנדע דייטשקעס-מענאָניטינס און די פּרייסישע קעניגין לואיזע און די קעניגין האָרטענזיע. מיט אַ סך איז עס דערגאַנ-גען בלויז ביז קושען.

—מענער,—זאָגט ער,—קאָנען זיך נישט אָבהאַלטען אין דער נויטיגער מינוט. ליעבע איז נישט קיין געאָמעטריע: דאָ איז אַמאָל איין טייל מעהר פון גאַנצען.

און אפשר האָט ער נישט ליעב קיין פרויען, ווייל ער איז אַליין צופיעל פרוי. אַ „קאָקעטין", ווי די קעניגין האָרטענזיע פלעגט איהם רופען. אַנ׳אייביגער פאַצעט, וואָס קוקט-אַריין אין די אויגען פון פרויען, ווי אין אַ שפּיגעל, און האָט הנאה פון זיך אַליין.

אין וויען, בשעת׳ן קאָנגרעס, איז ער געקומען אויף אַ באַל אין אַ שוואַרצען פראַק, זאָקען און שיכעלעך און האָט זיך בעת-

מעשה געסטאַרעט, די דאַמען זאָלען פערגעסען אין איהם דעם קייזער.

—איך בין אפילו דער צפונ׳דיגער באַרבאַר, אָבער איך קאָן זיין גאַלאַנט מיט דאַמען.

די ליעבע פערבייט ער אויף גאַלאַנטעריע, ווי די אַמאָליגע הויף־קאַוואַלערן פון לודוויג XIV.

אָט שפּיעלט קלאַוויר די בלויאויגיגע דייטשקע עמיליע און ער שטעהט דערביי—דעם רעכטען פוס אַרויסגערוקט פאָראויס מיט געצירטער גראַציע, דער הוט ליעגט איהם אין דער האַנד אַזוי, אַז דער קנאָפּ פון דער קאָקאַרדע זאָל זיך אַרויסזעהן צווישען צוויי פינגער און ער קוקט אין לאָרנעט אַריין און מישט די נאָטענבלעטער.

—איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז איהר זאָלט זיך שרעקען פאַר מיר,—רוימט ער איהר איין אויפ׳ן אויער.

—איך שרעק מיך, אַז איך וועל נישט צופרידענשטעלען זייער מאַיעסטעט...

—אָ, ביי גאָט, פערגעסט אָן מיין מאַיעסטעט! דערלויבט מיר צו זיין אַ פשוט׳ער מענש—דעמאָלט פיהל איך מיך אַזוי גליקליך.

און אָט איז אַנ׳אַנדער דייטשקע (ער האָט מזל צו זיי), זמאַלכען, וואָס זינגט איהם פאַר׳ן צושיידען זיך: „עס וואַר איין קעניג אין טולע” און פערלירט בעת־מעשה אַ טרעהר אויף דעם בלויען געהאָפטענעם בייטעלע—איהרע אַ מתנה צו זיין אַוועקפאָהר.

איינמאָל איז ער אַ גאַנצען זומער געפאָהרען אַלע נאַכט אויף ראַנדע־וואוס קיין פאַרגאָלאָוואָ, און כדי דער וועג זאָל זיין וואָס קירצער, פלעגט ער רייטען דורך פערזייהטע פעלדער. האָבען די פויערים אַרומגעגראָבען די פעלדער מיט קאַנאַוועס. אָבער ער פלעגט אַריבערשפּרינגען איבער זיי. נאָר די פויערים, וואָס האָבען נישט געוואוסט, ווער איז דאָס אַזוינס דער רייטער, האָבען אָנגעגעבען אַ פּאַפּיר, אַז מען מאַכט זיי קאַליע די פעלדער. דעמאָלט האָט ער געהייסען בעצאָהלען זיי פאַר׳ן היזק און איז געווען צופרידען. ער האָט ליעב צווישען באָקאַטשיאָ׳ן מיט

ווערטער׳ן, ציווידייטיגע זאַכען מיט צאַרטע, פיהלבאַרע.

אין 12-טען יאָהר אין ווילנאַ, זענען די שפּיטאָלען פער-וואָרפען געווען מיט קופּעס טויטע קערפּער און צווישען זיי פלעגט זיך טיילמאָל בעוועגען מיט אַ קרעכץ אַ פערוואונדעטער; די שענע פאַנאַ דאָראָטעיע איז דעמאָלט געשטאַנען אין שפּיטאָל און געצופּט קאָרפּיע, און ער האָט איהר בעת-מעשה געקושט די הענדטלעך און געזאָגט:

—צו בענוצען דידאָזיגע קאָרפּיע, וואָלט איך געוואָלט זיין אַ פערוואונדעטער.

—דאָס קאָן קיין שום פאָלגען נישט האָבען,—האָט איהם נאַפּאָלעאָן געטרייסט אין ערפורט, בשעת ער האָט זיך איהם אָפען מודה-געווען אין זיינע ליעבע-שטיפעררייען,—אָבער דאָך, מיין ליעבער, בעדאַרפסט איהר אַ טראַכט טהאָן וועגען אַ טראָנ-פאָלגער...

און ער האָט איהם אויסגעפרעגט וועגען דעם בוי פון מיין קערפּער, געגעבען מעדיצינישע עצות און אויף׳ן פּנים האָט ער, וואַהרשיינליך, געהאַט די אייגענע גוטע מינע, מיט וועלכער ער פלעגט זיינע אַדיוטאַנטען רייסען פאַר׳ן אויער.

„נישטאָ קיין אייביגעס אויף דער וועלט און די ליעבע אַליין איז אויך נישט אייביג״,—פלעגט אונז זאָגען די גרעפין שובאַלאָוואַ, בשעת מיר האָבען נאָר-וואָס חתונה-געהאַט. ער האָט זיך דאָס גוט אריינגענומען אין זינען און דאָס גאַנצע לעבען זיך געהאַלטען ביי דעמדאָזיגען ווערטעל. דאָס שפּיעל אין ליעבע איז פאַר איהם געווען אַ שפּיעל אין העלצלעך.

וואָס איז איצט געשעהן?

„זי איז געשטאָרבען. איך בין בעשטראָפט געוואָרען פאַר אַלע מיינע זינד.״

אָדער ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס קאָן נישט פער-בלייבען אָהן פאָלגען?

אין די אַלע טעג איז מיין נשמה, ווי אַ שטיק רויה פלייש.

ער האָט נאָך אַלץ נישט בעשלאָסען, ווער עס איז איהם נויטיגער—איך, צי נאַרישקינאַ. פון מיר געהט ער צו איהר, פון איהר צו מיר. היינט ווערט מיר געזאָגט: „איהר זענט מיין מלאך, מיין שיצער, דער ערשטער נאָך גאָט", און מאָרגען ווערט מיר געגעבען צו פיהלען, אַז מען נויטיגט זיך נישט אין מיין ליעבע. עס איז אַנ'אייביגעס אויפשטייגען און אַנ'אייביגע ירידה— אָט פון וואָס מיין נשמה איז טויט-מיעד.

איך האָב געליטען, איך לייד און וועל ליידען. אָבער צי איז אַמאָל נישט דאָס ליידען אַ געמיינהייט?

איך בין ווי אַ הונד, וואָס ליעגט אונטער'ן מעסער און, אַרויסלאָזענדיג דעם לעצטען אָטעם, לעקט ער דעם וויוויסעקטאָר די האַנד.

היינט ביינאַכט בין איך אַדורכגעגאַנגען דעם פּאַלאַץ און דערהערט שפּיעלען מוזיק. איך האָב מיך אָבגעשטעלט און אַ קוק געטהאָן אין די אָפענע פענסטער פון דערבייאיגען זאַל. איך האָב מיך דערמאָהנט, אַז ביי דער קייזערין-מוטער איז אַ באַל.

הינטער מיר האָב איך געהאַט דעם געאָרגי-זאַל מיט דעם קייזערטראָן אין דער-טיעף און פאַר מיר האָבען פּאָרלעך גע- טאַנצט, אין בעלויכטענע פענסטער, און ווי שאָטענס אַנטרונען געוואָרען איינע נאָך די אַנדערע. עס איז אַ ווייסע נאַכט, ליכטיג, ווי בייטאָג. און די נאַכט-פייערן האָבען אויסגעזעהן, ווי לויה-פייערן און די פרעהליכע פּאָלקעס האָבען געקלונגען טריב און שוואַך, ווי די ליעדער פון קראַנקע קינדער.

ווען מענשען וואָלטען געקאָנט קומען פון יענער וועלט, וואָלטען זיי געשפּירט דאָס אייגענע, וואָס איך. אָרימע מענשען! אָרימע קינדער! אפשר וועלען מיר דאָרטען לאַכען פון דעם, איבער וואָס מיר האָבען דאָ געוויינט, און די יאָהרען פון טרויער, די יאָהרען פון ליידונג וועלען אונז אויסווייזען, ווי אַנ'אויגענבליק?

אַליאָשע, מאַשעלע, ליזעלע זענען געווען מיט מיר. מיר אַלע צוזאַמען האָבען פון דאָרטען געקוקט אַהער, און קלאָר

J. אַלעקסאַנדער

איז געווען די נאַכט, ווי דער שמייכעל אויפ'ן געזיכט פון אַ מת.

„די אייגענע היימישע מענשען זענען דעם מענשענס פיינד"‚— דאָס האָב איך אַליין געשפּירט אויף זיך.

קאַראַמזין זאָגט:

—צווישען מענשען זענט איהר, ווי אַ פאַרפאָרוואַזע צווישע־ טשוהונענע טעפּלעך.

נו, קיין פאַרפאָרוואַזע בין איך אפילו נישט, אָבער אַנ'־ אומגליקליך ליים־טעפּעל יאָ. דערפאַר זענען יענע, די טשוהונע־ נע, אַזוי גליקליך! און דאָס סאַמע גליקליכסטע, דאָס סאַמע טשוהונענע טעפּעל איז די קייזערין־מוטער.

פון אַ געוויסער צייט איז זי גאָרנישט צו דערקאָנען. זי איז תמיד געווען אַ קוועטשערין און משוגע אויפ'ן עטיקעט, אָבער דאָ האָט זי זיך פּלוצלונג אויף די עלטערע יאָהרען אַרומגעריג־ געלט מיט הויפמיידלעך, מיט אָפיצירען־יונגלעך און שטיפט מיט זיי, פונקט ווי איהר וואָלט געווען נישט זעכציג, נאָר זעכצעהן יאָהר: בעלער, פּיקניקעס, מאַסקאַראַדען, אָווענדברויטען, קאָנצער־ טען, פייערווערק, אילומינאַציעס. זי האַלט אין איין אַרומפליהען,— און אַלע נאָך איהר מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער—פון פּעטער־ בורג קיין פּאַוולאָווסק, פון פּאַוולאָווסק קיין גאַטשינע, פון גאַ־ טשינע קיין צאַרסקאָיע. ביי מיר כאַפּט שווינדלען דער קאָפּ און ביי איהר איז דאָס אַ קלייניגקייט.

נישט לאַנג איז איהר איינגעפאַלען אויסצופּוצען זיך אין מענער־קליידער: ספּעציעל צום רייטען. האָט זי אָנגעטהאָן אַ פּיאָלעטענעם קאַפּטאַן, אויסגעהאָפּט מיט גאָלד, אויפ'ן קאָפּ אַ היטע־ לע מיט אַ פּעדער, אויף די פיס אַ ווייס טריקאָט, שטאַרק איינ־ געצויגען. אַזוי ווי פאַר איהר דיקקייט איז עס נישט זעהר אָנ־ שטענדיג, ווערט דאָס פּובליקום נישט אַריינגעלאָזט אין פּאַרק. דער דעזשורנער קאַמערפּאַזש לויפט פאָראויס און דרעהט אין דער האַנד אַ טשוהונענעם קלאַפּער.

יאָ, נישט זעהר אָנשטענדיג, אָבער מיט וואָס פאַר אַ הנאה 421

זי לעבט! מיט הנאה טרינקט זי איהר שטאַרקע קאַווע און לעגט־
אויס אַ גראַנד־פּאַסיאַנס; מיט הנאה אָטעמט זי איין די קיהלקייט,
בשעת זי עפענט־פונאַנדער די פענסטער און קיהלט אַלעמען צו;
מיט הנאה בעל־הבית'עוועט זי אין פּאַוולאָווסקער מילכהייזעלע,
אַ רויטע, אַ קלאָרע, אַ פרישע, און עס דאַכט זיך, אַז פון איהר
שמעקט אויך מיט רויהען מילך, ווי פון דער מויד, וואָס דרעהט
זיך אַרום די קיה. מיט הנאה זאָגט זי: „מיינע ליעבע בהמה'־
לעך, קעלבעלעך! מיין ליעבער פּאַוולאָווסק מיט מיינע אַלע גוטע
קינדערלעך!" און מיט נאָך מעהר הנאה קויפט זי זיך איין די
יענע וועלט דורך פילאַנטראָפּיע. „אין מיין לעבען,—זאָגט זי,—
וואָלט איך נישט געקאָנט האָבען אַזויפיעל פערגעניגענס, ווען
עס וואָלטען נישט געווען קיין אָרימעלייט!"

בין איך איהר נישט מקנא צומאָל, ווייל איך אַליין לעב
אַזוי אָהן הנאה? טיילמאָל טראַכט איך: אָט ווי מען בעדאַרף
זיין; אָט ווער עס איז אַריין אין לעבען, ווי געהעריג, האָט
נישט געצווייפעלט—אָנצונעהמען עס אָדער נישט. אָהן צווייפעל
איז זי געבוירען געוואָרען, אָהן ספקות האָט זי קינדער געהאַט.
„כלעבען, מאַדאַם, איהר זענט אַ גרויסער בריה צו פּראָדו־
צירען קינדער אויף דער וועלט,"—פלעגט איהר זאָגען די באָבע.
און אפשר איז דאָס טאַקי די אמת'ע רעליגיע: פערלאָזען זיך
אינגאַנצען אויף גאָטס חסד און נישט קאַליע מאַכען זיך דאָס
בלוט דורך זאָרגען און אַנגסט.

אָבער איך—וואָס פאַר אַ נאַר איך בין!

פּאַוולאָווסק איז אַ גן־עדן, אָבער מיר עקעלט פון דעמדאָ־
זיגען גן־עדן. די פּאַרק־רייניגער שלעפען טיילמאָל אַרויס פון די
זומפען ביים ליעבע־אינזעל—אַ גע'פגר'טע קאַץ אָדער אַ בלאָט־
צייטונג. אין די שטענדיגע נעבלען שפירט זיך אַ זיסער טשאַד
פון די טאָרף־שרפות צוזאַמען מיט'ן קאַמפאָרגערוך פון די זומ־
פען. עס שמעקט מיט רויזען און עס שמעקט מיט פראָשען. דאָ
איז די מלוכה פון פראָשען. די קייזערין האָט זיי ליעב, און

איהר הויפּדיכטער זשוקאָווסקי קאָן מאַכען אַ פיין מאכל פון פּראָ-
שענפליש, צוגעריכט מיט אַ זויערן סאָאוסל. אַלע לעקען די פינ-
גער דערפון, אָבער מיר עקעלט.

אין ראָזען פּאַווילִיאָן האָט מען זיך היינט, ביים טיי, צו-
שמועסט איבער לייבקנעכטשאַפט, איבער פויערים.

זשוקאָווסקי, קאַראַמזין, קרילאָוו, נעלעדינסקי, דער בייער
מיניסטער שישקאָוו און נאָך עטליכע אַלטעטשקע, זקנים, סענאַ-
טאָרען, וואָס שטעהען שוין מיט איין פוס אין קבר. אַלע זענען
איינשטימיג דערין, אַז מען בעדאַרף נישט קיין פרייהייט. איך
האָב מיך דערוועגט אַרויסצוזאָגען זיך געגען זייער מיינונג. איך
האָב אייגענטליך געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב שטענדיג געטראַכט.

—מען בעדאַרף מאַכען אַנ׳עק מיט דער לייבקנעכטשאַפט
פון די פויערים. דאָס איז די ערשטע אויפגאַבע פון רוסלאַנד.

די לייט זענען פלוצלונג אַנטשוויגען געוואָרען, ווי פער-
שעמט, פונקט ווי איך וואָלט געזאָגט עפּיס נישט-אָנשטענדיגעס.
קאַראַמזין האָט פּאַוואָליע גענומען אויסבעסערן מיין נאַרישקייט
און דערוויזען, אַז „אונזער פאָלק, וואָס איז וויט דערפון, צו
האַלטען זיין צושטאַנד פאַר אַ צושטאַנד פון קנעכט, איז מיט לייב
און זעלע צוגעבונדען צו דערדאָזיגער לעבענספאָרם און געפינט
דערין זיין גליק.״ און אַז די קייזערין-מוטער האָט נאָך געלעגט
איהר הסכמה דערויף, האָבען זיך אַלע אַרויפגעוואָרפען אויף מיר.

—גאָט איז מיט איין, די רוסישע פויערים לעבען דאָך אַ
גן-עדן-לעבען!—האָט זשוקאָווסקי אויסגעשריען.—עס איז דאָך
קלאָר ווי דער טאָג, אַז אין דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ קיין
בעסערס, ווי דאָס לעבען פון אונזערע פויערים ביי זייערע גוטע
פּאָמעשטשיקעס.

—פאַר די פויערים, וואָס בלויז דורך זייער אויסערליכקייט
שיידען זיי זיך אונטער פון קיה, איז די פרייהייט נישט מעהר
ווי פוילקייט און צולאָזענקייט,—האָט נעלעדינסקי געזאָגט.

—אין דער מלוכה זענען די הערן פּאָמעשטשיקעס דאָס

אייגענע, וואָס די פינגער אויף דער האַנד. לאָז נאָר אַרויס די לייצעס פון דער האַנד, און די פערד וועלען אַוועקטראָגען אין כף-הקלע,—האָט איינער פון די אַלטעטשקע אַרויסגעשאַמקעט.

—מען קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ קאַשע עס וואָלט זיך פערקאָכט פון דער פרייהייט,—האָט אַרויסגעשאַמקעט אַ צווייטער אַלטעטשקער.

שישקאָוו איז בלאַס געוואָרען און האָט געציטערט מיט אַלע אברים.

—שוין-זשע האָבען אַלע שרעקען פון אייראָפאַ נאָך נישט בעוויזען אונז. אַז די פרייהייט, דערדאָזיגער אָבגאָט פון די בלינדע אויסלענדער, פיהרט צו רשעות, זנות און פאַלען פון דער מאַכט? אָבער דער אויבערשטער היט אונז אויס דערפון. וואָס בעדאַרף מען נאָך בעסער?

אָבער קרילאָוו, די סאַמע דיקסטע פראָש, האָט געשוויגען. דאָך איז פון זיין פנים געווען קענטיג, אַז ער טראַכט פון פרייהייט.

איך האָב דערשפירט, אַז איך וועל נישט אויסהאַלטען, אַז איר וועל זאָגען נאָך גרעסערע נאַרישקייטען, האָב איך מיך אויפגעהויבען און אַרויסגעגאַנגען.

זשוקאָווסקי האָט מיך דעריאָגט. ער ווייס, אַז איך האָב איהם נישט זעהר ליעב, אָבער דאָס בעאונרוהיגט איהם: ווער איך זאָל נישט זיין—אַ קייזער! בין איך דאָך.

ער האָט זיך אָנגעהויבען ענטשולדיגען פאַר זיין מיינונג וועגען פרייהייט און האָט פאַר איינוועגס אַ פרעג געטהאָן, צי איך בין נישט ברוגז אויף איהם.

—וואָס רעדט איהר, וואַסילי אַנדרעיעוויטש... זעהט בעכער, וואָס פאַר אַ לבנה עס שטעהט אויפ׳ן הימעל.

מיר זענען געגאַנגען דורך אַ שטילער אַלעע ביי דער אָזערע.

—יאָ, איך קאָן זי, די לבנה,—האָט ער זיך פערקרימט,— מען ווער נאָך הייסען, איך זאָל שרייבען אַ בעריכט וועגען איהר...

פאַר דער אַלטער קייזערין פלעגט ער שרייבען בעריכטען אין ליעדער וועגען די לבנה-נעכט אין פּאַוולאָווסק.

דאָך האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף דער לבנה און ביסלעכ-ווייז גענומען טרוימען און פילאָזאָפירען.

—דער טויט, אין זיין אמת'ען זין, איז בעסער פאַר'ן לע-בען. אויף דער ערד איז נישטאָ קיין אונפּערגענגליכעס. דאָס וועלען מיר ערשט האָבען אויף יענער וועלט. אָבער דאָס בעסטע אויף דער וועלט איז—חלומ'ען...

איך האָב געהערט און געטראַכט: פאַרוואָס האָב איך איהם נישט ליעב? ער איז גוט און קלוג, זיינע ליעדער פאַר'כשופ'ען. אָבער איך האָב איהם נישט ליעב...

דיק, קיילעכיג, פּליכעוואַט, ווי אַ כינעזער קוקלע אינ'ם פענסטער פון אַ טייגעשעפט, וואָס שאָקעלט כסדר מיט'ן קאָפּ, פונקט ווי זי וואָלט געזאָגט: „אַלץ צו בעסער!" אויפ'ן געזיכט פון זיין עקסעלענץ איז אָנגעשריבען: „אַ שבח דעם מלך אויף דער ערד און דעם מלך אויפ'ן הימעל. און איך בין מיט אַלעם צופרידען—סיי מיט מיין געהאַלט און סיי מיט דער גראַטיפי-קאַציע."

פון אַלטען ראָמאַנטישען טרויער האָט ער נאָך פערשטאָ-פונגען אין לעבער, און, לויט דער עצה פון דאָקטוירים, רייט ער פון מאָציאָן וועגען אויף אַ הילצערנעם פערדעל.

אַז מען האָט געפרעגט ביי געטהע'ן, ווי האַלט ער פון זשוקאָווסקי'ן, האָט ער געזאָגט: „ער וועט געהן ווייט: ער איז שוין, דאַכט זיך, אַ ווירקליכער שטאַטסראַט?" וועגען איהם געהט אויך אַרום וויאַזעמסקיס אַ ווערטעל: זשוקאָווסקי לעבט אפילו און איז געזונד, דאָך ווילט זיך זאָגען: „געווען אַ בראַוער מאַן, אַ ליכטיגען גן-עדן זאָל ער האָבען!"

אַ הויפדיכטער, וואָס רוהט אויף די רויזען פון פּאַוולאָווסק, אַ הויפקיכער פון האָבערנעם קיסעל און פראָש-געבראָטענס. נישט לאַנג האָט ער פערטיידיגט די טויטשטראָף און האָט דערוויזען, אַז מען קאָן פון איהר מאַכען אַ „קריסטליכען סאַקראַמענט."

—קיין אַנדער פילאָזאָפיע קאָן נישט זיין, אויסער דער פי-

לאָזאָפיע פון קריסטענטום: פון גאָט צו גאָט,—האָט ער איצט גערעדט, קוקענדיג אויף דער לבנה.—בעגעהרן עפּיס מיט גרויס ליידענשאַפט איז דאָס אייגענע, ווי אַריינצומישען זיך אין גאָטס ענינים. יעדער מענש בעדאַרף זיך אויסוועהלען דעם מיטעל-וועג.

—דעם גאָלדענעם מיטעל-וועג,—האָב איך, צולעצט, נישט אויסגעהאַלטען.—און געדענקט איהר, אייער עקסעלענץ...

קינדער, דער האָבער־קיסעל שטעהט שוין אויפ׳ן טיש,
זאָגט די תפילה אָב...

—דאָס איז שוין מיין שוואַכקייט, אייער מאַיעסטעט. איך האָב ליעב דעם האָבער-קיסעל, און אויך איהר וועט איהם ווען-עס-איז ליעב בעקומען.

איך האָב אַ קוק געטהאָן אין זיינע כינעזישע אויגלעך און גאָרנישט געענטפערט. אָבער ער האָט, דאַכט זיך, פערשטאַנען, אַז מיר עקעלט.

דעם קייזערס נסיעה איבער די מזרח-גובערניעס וועט פאָרקומען אין הערבסט. אין אויגוסט וועט ער אַוועקפאָהרען און צוריקקומען אין נאָוועמבער. אין צאַרסקאָיע וועל איך בלייבען אַליין און איך טראַכט דערפון מיט גרויס שרעק. מיט וואָס פאַר אַ פערגעניגען וואָלט איך געפאָהרען מיט איהם צוזאַמען! אָבער ער וויל גאָרנישט הערען דערפון.

אָט די שטענדיגע אַוועקפאָהרענישען זענען דאָס גרעסטע אומגליק אין מיין לעבען. מאַכט ער נישט דורך פאַר אַ יאָהר אַ צוועלפטויזענד וויאָרסט, פיהלט ער זיך נישט גוט. און פאַר זיין גאַנץ לעבען האָט ער דורכגעמאַכט נישט וועניגער פון אַ 200,000 וויאָרסט. דאָס איז אַנ׳אמת׳ע קראַנקהייט. „צום בעסטען,— זאָגט ער,—פיהל איך מיך אין עקיפּאַזש: נאָר דאָרט בין איך רוהיג.“

עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיך נישט געפינען קיין אָרט, פונקט ווי ער וואָלט אַנטלאָפען פון נאָכיאָגער: ער לויפט, ברעכענדיג האַלז און אַקען, און טאָמער פעריאָגט ער־

די פערד צו טויט. פאָהרט מען עטוואָס לאַנגזאַמער, ווערט ער בייז: „איך האָב שוין אַזוי אויך,—זאָגט ער—פערשפעטיגט אַ וואָ-סער האַלבע שעה געגען דעם מאַרשרוט.”

אייביג איילט ער זיך, פונקט ווי ער וואָלט מורא-געהאַט צו פערשפעטיגען ערגעץ. און אייביג פערזיכערט ער, אַז ער בעדאַרף נויטיג עפּיס נאָכזעהן, בעטראַכטען. אָבער דאָס איז בלויז אַנ׳אויסרייד. ער פאָהרט אָהן אַ שום צוועק. און לאַכט אַליין פון זיך:

—איך בין דער אייביגער יוד. איך טויג שוין צו גאָרנישט און קאָן בלויז אַרומוואַנדערן איבער דער וועלט, פונקט ווי איבער מיר וואָלט געזאָגט געוואָרען די נבואה: „זאָלסט וואַנדערן פון איין אָרט אויף אַ צווייטען.”

ער איז אַוועקגעפאָהרען. איך בין אַליין. איך וואוין אין צאַרסקאָיע. אין הערבסט איז דאָ גוט—איינזאַם, שטיל. אין די ליטערע נעכט קוקט די לבנה אין די פענסטער אַריין. די לבנה איז מיין איינציגער פריינד. אָבער ווי אַ נאַריש מיידעלע פאַר דער לבנה, בענק איך צו פערציג יאָהר נאָך אַ געליעבטען.

קאַראַמזין איז אויך דאָ. עפּטער זעה איך מיך מיט איהם. איך לייען איהם מיין טאָגבוך. מאַנכע שטעלען האָב איך קיין מוט נישט צו לייענען איהם.

דעמאָלט ווייז איך איהם אָן די שטעלען און ער לייענט זיי שווייגענדיג. טיילמאָל זעה איך טרעהרען אויף זיינע אויגען, אָבער איך שעם מיך נישט: ער האָט מיך ליעב.

—איך קאָן,—זאָגט ער,—קוקען פון דערווייטענס אויף אייך מיט יענעם געפיהל, וואָס איך וועל מיטנעהמען מיט זיך אויף יענער וועלט: פאַר אמת׳ער ליעבע איז דאָס לעבען אויף דער ערד צו-קורץ.

מיר בלאָנקען-אַרום זאַלבענאַנד איבער די איינזאַמע אַלעען, וואו עס פאַלען געלע בלעטער.

—„מיין אָוועגדלעבען”...—האָט ער איינמאָל בעמערקט. ווי

שען עס איז געזאָגט: אָוועגדלעבען. מיר זענעןביידע אַל-טע, מידע, אָוועגדיגע. מיר טוליען זיך צו איינאַנדער, קרעכצען און זיפצען.

—איך בין, מאַיעסטעט, זעהר פראַקטיש געוואָרען אין רעי-ומאַטישע קראַנקהייטען,—האָט ער געזאָגט: ער האָט זיך אָנגע-שפאַרט אויפ'ן שטעקען און צוגעהונקען—נישט-געקוקט אויף דער גוטער ווירקונג פון דער אַטמאָספערישער לופט, פיהל איך דאָך עפּיס אַ מידקייט, בשעת איך מאַך מיין טעגליכען שפּאַציר.

און, ווי צוויי זקנים, האַלטען מיר איינאַנדער אונטער דער האַנד, און די געלע בלעטער פאַלען.

אין קיין אָרט קומט מיר נישט אַזוי מיין יוגענד אין זכרון, ווי דאָ, אין צאַרסקאָיע, אין שפּעטיגען הערבסט. אויף אָט דער וויזע—אַמאָל האָבען מיר זי גערופען רויזענפעלד, ווייל זי איז איינגאַנצען בעדעקט געווען מיט רויזען—פלעגט זיצען דעם קיי-זערס באָבע, זי איז שוין געווען אַ קראַנקע, און מען פלעגט זי דאָ אַרומפיהרען אויף אַ פאָטעל מיט רעדלעך. מיר, קינדער, פלעגען אַרומלויפען אַרום איהר, פלעגען שפּיעלען און שטיפען. מיין חתן איז געווען אַ זעכצעהניעהריג יונגעל, און איך, די כלה, בין אַלט געווען פערצעהן יאָהר.

די באָבעשי איז נישט צופרידען געווען, וואָס מען גנב'עט דאָ רויזען בייגאַכט און האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואַכסאָלדאַט. יאָהרען זענען געלאָפען, די רויזען זענען ווילד געוואָרען, אָבער דער וואַכסאָלדאַט שטעהט נאָך אַלץ אויף זיין פּאָסט, ווי מיט פופציג יאָהר צוריק—ער היט די רויזען, וואָס זענען שוין לאַנג נישטאָ, די זכרונות-רויזען. און מיר דאַכט זיך, אַז דאָ לויפט נאָך אַלץ אַרום אַ זעכצעהניעהריג יונגעל מיט אַ פערצעהניעהריג מיידעלע.

געוואָלט האָט איינמאָל גאָט אַמאָר
די שענע פּסיכע כאַפּען...

אָבער אַרום איז לער—די לעצטע רויזען זענען פערוויאַלעט געוואָרען, די בלעטלעך אַראָבגעפאַלען, געבליבען זענען נאָר זייע-רע נאַקעטע שוואַרצע הערצלעך.

—אַלץ זעהט-אויס, ווי אַ חלום, אָבער דאָס האַרץ טהוט וועה, ווי אויפ׳ן וואָהר,—זאָגט קאַראַמזין מיט אַ שטילען קול, ווי דער שאָרך פון די הערבסטבלעטער.—מיר ווערט אומעטיג אפילו פון אַ שמחה. די וועלט שטאַרבט-אָב פאַר מיר, אָדער איך שטאַרב-אָב פאַר איהר. אָבער אַזוי בעדאַרף עס צו זיין. מען מוז פריהער פערלאָזען די וועלט, איידער זי פערלאָזט אונז. עס זאָל לעבען די פּאָראויסזעהונג! עס האָט זיך כמעט געוואָלט זאָגען: עס זאָל לעבען דער טויט!..

נישט לאַנג האָט ער מיר געלייענט אַ ליעד, וואָס איז מיר געווידמעט:

אַ חלום איז דאָ אַלץ. דער חלום ווערט צורונען.
איך האָב דיך אין מיין חלום לאַנג געפונען.
איך וועל דיך אויך געפינען אויפ׳ן וואָהר...

ער האָט זיך צעוויינט און אַ קוש געטהאָן מיר אין האַנד און איך איהם—אין פליכוואַטען קאָפּ.

איך האָב געזעהן, ווי די קלאָרע הערבסטפעדעמלעך פעראייניגען די שוואַרצע הערצעלעך פון די פערוועלקטע רויזען, און האָב איבערגע׳חזר׳ט זיינע ווערטער:

אַלץ זעהט-אויס, ווי אַ חלום, אָבער דאָס האַרץ טהוט וועה, ווי אויפ׳ן וואָהר...

דער קאַמער-יונקער פירשט וואַלעריאַן גאָליצין, אַ פלימעניק פון געוועזענעם מיניסטער, וואוינט צוזאַמען מיט קאַראַמזינ׳ען אין כינעזישען הייזעל. ער איז געווען קראַנק, שיער נישט אַוועקגעשטאָרבען. איצט ווערט ער געזונד. טיילמאָל זעה איך איהם פון וויטען.

קאַראַמזין האָט מיר געזאָגט, אַז גאָליצין איז אַ מיטגליד פון דער געהיימער געזעלשאַפט.

—וואָס פאַר אַ געהיימע געזעלשאַפט?

—איהר ווייסט גאָרנישט?

—איך ווייס נישט.

האָט ער לכתחילה געפּרובט פערגלעטען, נישט געוואָלט

ריידען, אָבער אַז איך האָב איהם שטאַרק געבעטען, האָט ער מיר דערצעהלט פון אַלץ.

דאָ, אין פעטערבורג און אויך אין דער דרום-אַרמעע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ פערשווערונג, וואָס איהר צוועק איז איינ-צופיהרען אין רוסלאַנד אַ קאָנסטיטוציע. די פערברעכער ווילען אויפהעצען דאָס מיליטער, און אויב דאָס וועט נויטיג זיין—דער-הרג'ענען דעם קייזער.

דער קייזער ווייס שוין לאַנג דערפון. פאַרוואָס אָבער האָט ער מיר גאָרנישט געזאָגט?

איצט דערמאָהן איך מיך, אַז איך האָב געהאַט עפּיס אַ פאָרגעפיהל. איך האָב מיך אַלץ געסטאַרעט צו פערשטעהן, וואָס ער האָט אויף דער נשמה, וואָס פייניגט איהם און וואָס טראַכט ער. טראַכט ער, אַלזאָ...

נאָך אַ נייעס: דער גרויספירשט ניקאָלאַי איז טראַנספּאָלגער. דאָס האָב איך מיך דערוואוסט פון אַ צופעליגען געשפּרעך: ניקס, אַלעקסאַנדרע און די קייזערין-מוטער האָבען געשמועסט אין מיין געגענוואַרט. פאַר מיר שטערט מען זיך בכלל נישט. די קייזע-רין-מוטער האָט מיך אַ פרעג געטהאָן:

—שוין-זשע האָט אייך דער קייזער גאָרנישט דערצעהלט?

זי האָט געזעהן, ווי איך האָב מיך געשעמט און ווי דאָס האָט מיר וועה געטהאָן: מעגליך, אַז צוליעב דעם האָט זי אויך פערפיהרט דעם שמועס.

קאַראַמזין האָט מיר ווידער דערצעהלט על-פי-סוד: וואָרום אַז דער קייזער, האָט ער מורא, וועט זיך דערוויסען, וועט ער זיך בייזערן.

ניקאָלאַי איז טראָנספּאָלגער. דאָס איז אַ בעשטימטע זאַך. קאָנסטאַנטין האָט זיך שוין אָבגעזאָגט פון טראָן, און דער קייזער וועט נאָך אפשר ביי זיין לעבען אָבזאָגען זיך לטובת ניקאָלאַי'ען.

אַ מאַניפעסט, אַ צוואה אָדער עפּיס אַזוינס איז שוין ערגעץ בעהאַלטען געוואָרען, אָבער דערווייל ווייס נאָך קיינער גאָרנישט.

אויפ׳ן גרונד פון עפּיס אַ געהיימער צוואה ווערט רוסלאַנד איבערגעגעבען פון האַנד צו האַנד, ווי פּריוואַטאייגענטום. דער גורל פון פאָלק ווערט בעהאַנדעלט, ווי עפּיס אַ פאַמיליען-אָנגעלעגענהייט. נאָך דעם טויט פון בעל-הבית וועט מען עפענען די צוואה און דעמאָלט ערשט וועט מען זיך דערוויסען, צו וועמען רוסלאַנד געהערט.

. . . .

איך קאָן מיך נישט צוגעוועהנען צו דעמדאָזיגען נייעס. ניקאָלאַי, ניקס איז דער אַליינהערשער פון רוסלאַנד!

נאָך איצט געדענק איך, ווי דער קליינינקער ניקס פלעגט זיך שלאָגען מיט מיכלע׳ן. דאָס איז געווען אַ ווילדער יונג. אַז ער פלעגט אַריינפאַלען אין גרימצאָרן, פלעגט ער מיט אַ העקעל צוהאַקען די צאַצקעס און דעם אָרימען מיכלע׳ן פלעגט ער שלאָגען מיט אַ שטעקען, אָדער מיט אַלץ, וואָס פלעגט איהם נאָר קומען אין דער האַנד אַריין. איינמאָל, בשעת ער האָט זיך געטוליעט צום לעהרער, האָט ער איהם איינגעביסען דאָס אויער. דאָך איז ער געווען אַ פּחדן אַ יונגעל: פון געוויטער פלעגט ער זיך בעהאַלטען אונטער׳ן בעט, און אַז מען האָט איהם בעדאַרפט אַרויסרייסען אַ קרומען צאָהן, האָט ער זיך אַזוי געשראָקען, אַז ער האָט עטליכע טעג געוויינט, נישט צוגעמאַכט מיט אַנ׳אויג און נישט געגעסען. דערפאַר פלעגט ער מאַכען די ביקס-איבונגען אַזוי גוט, ווי דער בעסטער סאָלדאַט. אויך שפּעטער האָב איך קיין בוך נישט געזעהן אין זיין האַנד. זיין איינציגע בעשעפטיגונג איז געווען—דער פראָנט און סאָלדאַטען.

—איך האָב גאָרנישט געדאַכט פונ׳ם טראָן,—פלעגט ער אַליין זאָגען,—מען האָט מיך דערצויגען, ווי אַ קינפטיגען בריגאַדע-גענעראַל.

אַז ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער יונג, האָט ער איינמאָל אין טווער, אינ׳ם גאָרטען פון דער גרויספירשטין יעקאַטערינע פאַוולאָוונע, פון פערגעניגען וועגען אויפגעריסען

מיט פולווער אַנ׳אַפּאָלאָן-סטאַטוע. ער איז אפילו אַליין שען, ווי־
אַפּאָלאָן, אָבער ער איז עפּיס שטענדיג נישט גוט געשטימט:
אַנ׳אַפּאָלאָן, וואָס ליידט אויף צייהנווערטאָג.

נישט לאַנג האָט ער ביי די פראָנט-איבונגען אָנגערופען
די אָפיצירען חזירים און געסטראַשעט, אַז ער וועט אַלע „פילאָ־
זאָפען" אַריינטרייבען אין שווינדזוכט.

עמיץ האָט זיך אויסגעדריקט וועגען איהם: „ער האָט אין
זיך היבש פון אַ פּראַפּאָרשטשיק, אָבער ווייניג פון פעטער דעם
גרויסען."

ווי אַזוי וועט ער עס רעגירען?

איבעריגענס, ווייס איך אַליין נישט, ווער עס איז בעסער
פון זיי—ניקאָלאַי, צי קאָנסטאַנטין?

קאָנסטאַנטין האָט עפּיס אַנ׳אָנגעבוירענעם עקעל צום טראָן.

—מען וועט מיך,—זאָגט ער,—דערשטיקען, ווי מען האָט
דערשטיקט דעם פאָטער.

אַז איך קוק אויף זיין געזיכט מיט דעם פּעררויסען נעזעל,
מיט די בלוי-נעבעלדיגע אויגען, מיט די העלע צוזאַמענגעצויגע־
נע ברעמען און מיט די העלע העהרעלעך אויפ׳ן שפּיץ נאָז,
וואָס הויבען זיך אויף אין אַ מינוט פון כעס, קומט מיר שטענדיג
אויפ׳ן זכרון דער שאָטען פונ׳ם קייזער פּאַוועל.

איך פערשטעה נישט,—פלעגט די באָבע זאָגען—פון וואַנען
קומט צו קאָנסטאַנטינ׳ען אַזאַ פּאָדלער סאַנקיולאָטיזם*).

איינמאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט וועגען זיין מוטער,
וואָס האָט געשוואַנגערט:

—נאָך אַזאַ בויך האָב איך אין מיין לעבען נישט געזעהן.
דאָ קאָנען דאָך זיצען אַ פּיר מענשען!

---

*) סאַנקיולאָטען אויף פראַנצויזיש: „אָהנהויזענדיגע". אין אָנהויב פון
דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז דאָס געווען דער חוזק-נאָמען פון די נ־
דעריגע קלאַסען און זייערע פאָרשטעהער. אין דער עפּאָכע פון טעראָר האָבען אַזוי
געהייסען אַלע עקסטע רעוואָלוציאָנערן.

איך האָב אַליין געלייענט זיינעם אַ בריף צו לאַהאַרפּין, וואו ער האָט זיך אונטערגעשריבען: „דער אייזעל קאָנסטאַנטין.“ מעגליך, אַז דאָס איז די אויפריכטיגע הכנעה פון אַ סאַנקיולאָט, ווייל ער איז באמת אויפריכטיג און גוטמוטיג אויף זיין שטייגער.

אָבער אַז איך טראַכט פון איהם, שטעהט פאַר מיר אויף דער שאָטען פון פרוי אַראַאוזשאַ, וואָס איז דורך אַ באַנדיט געשענדט און געטויט געוואָרען אין מאַרמאָרפּאַלאַץ. אין דמיון קומט מיר אויך אַליאָשע, וואָס איז דער׳הרג׳עט געוואָרען דורך אַ געזוּנגענעם מערדער.

און דאָך איז בעסער קאָנסטאַנטין, איידער ניקאָלאַי.

איצט פערשטעה איך, פאַרוואָס זיי אַלע זענען אַזוי גרויס געוואָרען ביי זיך: די ממשלה פונ׳ם קייזער אַלעקסאַנדער האָט זיך געענדיגט און עס האָט זיך אָנגעהויבען די ממשלה פון קייזער ניקאָלאַי.

מיר דאַכט זיך אַלעמאָל, אַז דער קייזער איז דורך זיי פערראַטען און פערקויפט.

וואָס וועט עס זיין מיט רוסלאַנד?

איך טראַכט אַלץ פון דער געהיימער געזעלשאַפט. דידאָזיגע רוצחים האָבען אַ וואָהרהייט—און דאָס איז שרעקליכער פון אַלץ. און פאַרוואָס „רוצחים“? האָבען מיר זיי נישט געוויזען דאָס ביישפּיעל פון 11-טען מערץ? האָב איך דען נישט געפרעדיגט רעוואָלוציע, ווי אַ משוגע׳נע? האָב איך דען נישט געזאָגט: „מיר מוזען אויך דורך בלוט“?.. דעמאָלט—מיר, איצט-זיי, בלוט פאַר בלוט.

מעגליך, אַז איך פערשטעה גאָרנישט אין פּאָליטיק-זאַכען. דאָך אָבער ווייזט מיר אויס, אַז אין רוסלאַנד געהט נישט אַלץ צו ווי געהעריג.

איך דערמאָהן מיך אָן מיין שמועס מיט׳ן גענעראַל קיסעלעוו—דער שטאַבשעף פון דער דרום׳דיגער אַרמעע, וואו עס געפינט זיך די הויפּטנעסט פון די פערשווערער. מען זאָגט, אַז ער

איז אויך מיט זיי, אָבער איך גלויב נישט דערין: ער איז טריי דעם קייזער. קיסעלעוו האָט געזאָגט:

—אין אַ משך פון 24 יאָהר האָט אונז די רעגירונג געפּעהרט מיט ליבעראַלע אידעען. אַז מען זאָל איצט נעהמען און פערפאָלגען פאַר פרייזיניגקייט, וואָלט עס געווען דאָס אייגענע, ווי שלאָגען אַ בלינדען, ביי וועלכען מען האָט אַראָפּגענומען די בעלמעס, דערפאַר וואָס ער זעהט דעם שיין פון טאָג. אין 12-טען יאָהר האָט מען אונז געפּרעדיגט די פרייהייט דורך אויפרופען, מאַניפעסטען און פאָלק-בעפעהלען. מען האָט געלאָקט דאָס פאָלק, וואָס האָט מיט זיין גוט האַרץ געגלויבט און וואָס האָט נישט געשאַנעוועט—נישט זיין בלוט און נישט זיין האָב און גוטס. נאַפּאָלעאָן איז אַראָפּגעוואָרפען געוואָרען, אייראָפּאַ איז בעפרייט געוואָרען און דער קייזער האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט גרויס רוהם. אָבער דאָס פאָלק, וואָס האָט איהם געגעבען דעם וועג צום רוהם, האָט כאָטש בעקומען עפּיס אַ הנחה? ניין. די ראַטניקעס, אַז זיי האָבען זיך אומגעקעהרט אַהיים, האָבען די ערשטע גענומען בונטעווען: „מיר האָבען פערגאָסען אונזער בלוט און אונז צווינגט מען צו פראַצעווען אויף די פּריצים. מיר האָבען בעפרייט דאָס פאָטערלאַנד פון אַ טיראַן און אונז פּייניגען די פּריצים-טיראַנעס.״ אַלע, פון סאָלדאַט ביז'ן גענעראַל, האָבען אַלץ געזאָגט: „ווי גוט דאָס איז אין אויסלאַנד און פאַרוואָס איז ביי אונז נישט אַזוי?״

—אָט וואו עס ליעגט דער מקור פון פרייזיניגקייט אין רוסלאַנד,—האָט קיסעלעוו פערענדיגט,—און אויב מען זאָל איהם וועלען אויסוואָרצלען, בעדאַרף מען פערניכטען אַ גאַנצען דור מענשען, וואָס זענען געבוירען און אויסגעזעצט געוואָרען אונטער דער איצטיגער רעגירונג...

און אָט, זאָג איך פון זיך, איז דער מקור פון דער געהיימער געזעלשאַפט.

יאָ, זיי האָבען אַ וואָהרהייט. דער קייזער ווייס עס [illegible] דערפאַר פּייניגט ער זיך אַזוי.

אָבער פאַרוואָס האָט ער מיר פון דאָסניי נישט געזאָגט? וואָס מאַכט ער פון מיר?

איך מוז ריידען מיט איהם און זאָל זיין, וואָס עס וויל.

...געווען קראַנק אַ גאַנץ ווינטער. איך האָב מיך פערקיהלט בשעת דער פערפלייצונג.

איצט איז בעסער. מען זאָגט, אַז בעסער. מיר איז אַלצ-איינס. איך גייה אום, בעוועג מיך, אָבער אַזוי ווי דאָס וואָלט געטהאָן אַנ'אַנדערע, נישט איך. איך בין אַזוי אָבגעשוואַכט, אַזוי מאַכטלאָז, אַז מיר דאַכט זיך,—ווען איך וואָלט געקאָנט אויסטרינ-קען עטוואָס לעבען פון אַ לעפעלע, ווי מען טרינקט אַ רפואה, וואָלט מיר בעסער געוואָרען.

ווידער בעלער, מאַסקאַראַדען, קאָנצערטען, אָוועגדברויטען און וויזיטען און קרובים, קרובים—פערציגטויזענד קרובים: וויר-טעמבערגער, אָראַנער, ווייִמאַרער, רוסישע—אַלע בעלאַגערן מיך. איך מוז זיין העפליך מיט אַלעמען, אָבער אַז זיי געהען אַוועק, פאַל איך אַנידער, ווי אַ פערמוטשעט פערד.

היינט האָב איך געוואַרט אין אַ צוקווינד ביי אַלעקסאַנ-דרע'ן, אין איהר קאַלטען גאַסטצימער. דערנאָך בין איך געווען מיט אַ נישט-געווינשטען וויזיט ביי דעם קייזערס מוטער און ביי-געאַכט אויף אַ מאַסקאַראַד. און מען זאָגט נאָך: „ווערט געזונד!"

בעקומען פון קייזער אַ בריוועלע: „אויב איהר בעדאַרפט האָבען מיין הילף, בין איך גרייט אָבצושטעלען מיינע אַלע וויזיטען. אָבער איך בעט אייך, איהר זאָלט זיך אויפהערען צו קלעמען און צו פייניגען." דער לייבדאָקטאָר שטאָפּרעגען האָט איהם אָפען געזאָגט, אַז מען פערקירצט מיר די יאָהרען.

בשעת איך גייה אויף די טרעפּ פון ווינטערפּאַלאַץ—73 טרעפּ—האָב איך אַזאַ געפיהל, אַז איך וועל דאָ אַמאָל אַני-ער-פאַלען אַ טויטע.

י. טערעשקאָווסקי.

איך בין ווי אַ סאָלדאַט אויפ'ן פּאָסט, וואָס טאָר נישט אַוועק פון זיין אָרט. איך האָב פיינט צו עסען ברויט אומזיסט און נאָך ערגער—מען זאָל רחמנות האָבען אויף מיר. אפילו ביי זיך אין צימער ווען איך טיילמאָל מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען שלייער— איך זאָל נישט שפּירען די רחמנות-בליקען: „אַך, נעבעך! סאַראַ קראַנקע, סאַראַ אומגליקליכע פרוי!"

דאָס איז עהנליך צו די ענוים פון אַ מענשען, וואָס איז, אַ נאַקעטער און אַ בעשמירטער מיט האָניג, אַרויסגעשטעלט געוואָרען אין דרויסען, אַז די פליגען זאָלען איהם צופרעסען.

די דאָקטוירים מיינען, אַז איך האָב שווינדזוכט. איך גלויב זיי נישט. שוין אַ סך יאָהרען, ווי איך פיהל דאָס קלאַפּען פון אָדער אונטער'ן האַרצען. עפּיס קלאַפּט דאָרט אין מיר, ווי אַ פערוואונדעטער פויגעל.

איך געדענק נישט, ווער דאָס האָט געזאָגט: „אינ'ם לעבען פון יעדען מענשען קומט-אָן אַ צייט, ווען זיין האַרץ ווערט אָדער פערשטיינערט אָדער צובראָכען."

מיין האַרץ איז נישט פערשטיינערט און נישט צובראָכען געוואָרען. אַ בידנע ליים-טעפּעל צווישען טשוהונענע בין איך!

די דאָקטוירים מיינען, אַז איך בין קראַנק, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז איך שטאַרב-אַוועק. מיין קערפּער איז ווי אַנ'אָבגעניצטער בגד. יעדע קלייניגקייט מאַכט אַ נייעם ריס דערין, אָבער פערריכטען קאָן מען נישט, ווייל עס איז נישטאָ קיין לעבעדיגער אָרט. עס וועט זיך נאָך ערגער צוקריכען, ווי נאַס פּאַפּיר.

אין הערבסט וועט מען מיך, מסתמא, אַוועקפיהרען קיין טאַגאַנראָג. דאָס איז מיר אַלצאיינס. אַבי נישט קיין איטאַליען! 430

אָס בילד פון אַ קראַנקער קייזערין, וואָס ווערט אַרומגעפיהרט ון שטאָדט צו שטאָדט, איז זעהר אַ העסליך בילד.

איך וואָלט אין ערגעץ נישט געקאָנט לעבען, אויסער אין רוסלאַנד, ווען אפילו די גאַנצע וועלט זאָל מיך פערגעסען. און שטאַרבען וויל איך אויך אין רוסלאַנד.

דער קייזער וועט מיך אָבפיהרען קיין טאַגאַנראָג און אויף ווינטער וועט ער זיך אומקעהרען צוריק קיין פעטערבורג. אָבער איך וועל בלייבען אַליין, פּון דאָסניי אַליין.

איך וואָלט זיך געוואונשען אַנ׳איינזאַם גרין ווינקעלע ביים ים, און איבערהויפט מיט׳ן קייזער צוזאַמען. אָבער דאָס איז צו-גוט פאַר מיר. אַלע זאָגען: „איך פאָהר אַהער, אַהין.” מיין שטאַלמייסטער זאָגט: איך פאָהר אין אַ ים-באָד”. איך קאָן עס אָבער נישט זאָגען.

איך וואָלט שוין לאַנג געזונד געוואָרען, ווען מען וואָלט מיר געלאָזט מאַכען אַ רייזע, בשעת מיר האָט זיך עס געוואָלט. אָבער דער קייזער האָט בשום אופן נישט איינגעשטימט דערצו, כאָטש איך ווייס נישט, פאַרוואָס. איצט איז שוין שפּעט.

איך האָב שטענדיג געבעטען ביי גאָט, ער זאָל מיר העלפען איינברעכען זיך, ער זאָל אויסוואָרצלען אין מיר יעדען פערלאַנג. איך האָב אַלץ מקריב-געווען פאַר׳ן קייזער, סיי אין גרויסען, סיי אין קליינעם. פון אָנהויב איז שווער געווען. אָבער ער האָט נאָר בעדאַרפט זאָגען: „איהר זענט דאָך אַזאַ בעדאַכטע,” און איך האָב שוין געטהאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט. איך האָב צונויפגעמישט די געהאָרזאַמקייט צו איהם מיט דער געהאָרזאַמקייט צו גאָט, און דאָס איז געווען מיין רעליגיע. איך האָב מיר געזאָגט: „ער וויל אַזוי”,—און דאָס שווערע איז געוואָרען לייכט און דאָס ביטערע—זיס; אַלץ לייכטער און לייכטער, אַלץ זיסער און זיסער.

נו, אָט האָב איך מיך איינגעבראָכען. איך האָב שוין נישט מעהר קיין פערלאַנגען, קיין ווילען, גאָרנישט, פונקט ווי איך וואָלט אַליין אויך נישט געווען.

אָבער פאַרוואָס איז פלוצלונג שרעקליך געוואָרען אויף דער נשמה? פאַרוואָס ווייס איך נישט, צי איך בין גערעכט, צי ער איז גערעכט?

—דו האָסט אַ פאַלש בושה-געפיהל—פלעגט מיר די מאַמע-לע עפטער זאָגען—אַז עמיץ שטערט דיך, נעהמסטו באַלד און פערבאָרגסט זיך אַליין. דו שעמסט זיך און גנב'עסט דיך ביי דער וואַנד, מען זאָל דיך נישט בעמערקען. מען בעדאַרף זיין מעהר זיכער אין זיך. אין דיין לאַגע איז עס דורכאויס נויטיג.

יאָ, דאָס גאַנצע לעבען גנב'ע איך מיך ביי דער וואַנד און מאַך אַנ'אָנשטעל, אַז איך בין נישטאָ. איך סטאַרע מיך נישט צו זיין, ווי עס שטעהט אין דער הייליגער שריפט: „לאָזט אייעַ-רע ווייבער שווייגען.”

איך בין בלויז חייב, צופיעל ווייב.

בין איך גערעכט, וואָס איך האָב מיך איינגעבראָכען, וואָס איך האָב מיך מקריב-געווען פאַר איהם? אפשר וואָלט איך מעהר גערעכט געווען, ווען איך וואָלט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד?

אָבער איצט איז שוין שפּעט. איצט בעדאַרף ער מיך האָ-בען. מעהר ווי פריהער בעדאַרף ער איצט האָבען מיין ווילען, מיין כח, מיין הילף. אָבער איך קאָן איהם גאָרנישט געבען, ווייל איך האָב אַליין אין זיך גאָרנישט. איצט בין איך אַ טויטע נע-בען אַ לעבעדיגען. טיילמאָל קומט ער צו מיר, פונקט ווי ער וואָלט נאָך נישט פערלאָרען די האָפנונג; ער וויל עפּיס זאָגען, אָבער ער וואַרט, אַז איך זאָל אָנהויבען ריידען. אָבער איך האָב נישט קיין ווערטער אויף דער צונג און מיר שווייגען ביידען אויב מיר ריידען יאָ, איז דאָס אַ שמועס צווישען טויבשטומע.

איך ווייס נישט, וואָס איז מיט איהם. איך זעה נאָר, אַז איהם איז שווער, אַזוי שווער, ווי נאָך קיינמאָל נישט. אָבער

איך קאָן איהם נישט העלפען, איך קאָן גאָרנישט טהאָן. איך מוז נאָר צוזעהן, ווי ער געהט-אונטער און איך קאָן גאָרנישט, גאָר-נישט טהאָן.

מיר זענען נור צוויי מענשען, וואָס טרינקען זיך: מיר האַלטען זיך אָן אייגאַנדער און אייגאַנדער שלעפען מיר צום גרונד.

אויב איך בין שולדיג, טאָ זיי מיר מוחל, גאָט! דו אַליין האָסט מיך אַזאַ בעשאַפען. איך קאָן גאָרנישט, איך וויל גאָרנישט. איך ווייס גאָרנישט—איך האָב נאָר ליעב.

אָבער אויב מיר זענעןביידע שולדיג, טאָ בעשטראָף מיך אַליין און נישט איהם, נעהם-צו מיין וועל, אָנשטאָט זיינער.

געענדיגט לייענען, האָט זי צוגעמאַכט דאָס טאָגבוך מיט אַזאַ געפיהל, פונקט ווי זיין סוף איז אויך איהר סוף.

רויטע טראָפּעלעך טריוואַקס זענען געפאַלען אויפ'ן וויסען פּאַפּיר, ווי טראָפּעלעך בלוט. מיט אַנ'אַלטען שטעמפּעל, וואָס זי האָט נאָך געהאַט אין איהרע מיידעלשע יאָהרען, מיט אַ הערב פון באַדען, האָט זי עס פערזיגעלט און אָנגעשריבען: „פערברע-נען נאָך מיין טויט."

פערשלאָסען דאָס טאָגבוך אין קאַסעטע.

דערנאָך פערדעקט מיט די הענד דאָס געזיכט. זי האָט נאָך אַליין צו גאָט געבעטען—ער זאָל בלויז זי בעשטראָפען און איהם—מוחל-זיין.

געוועזען אויך אַנ'אַנדער תפילה אין איהר נשמה, אָבער זי האָט כמעט נישט געוואוסט פון איהר, און ווען זי וואָלט יאָ גע-וואוסט, וואָלט עס איהר זעהר גע'חדוש'ט און געשראָקען—אַ תפילה, אַז גאָט זאָל איהר אויך אַזוי מוחל-זיין, ווי זי איז מוחל גאָט.

פֿינפֿטעס קאַפּיטעל.

באַטעריל, אייער מאַיעסטעט! אַלאוּנטערטעניגסט טוּ איך מיט אייער קייזערליכער מאַיעסטעט, אַז דער קאַמאַנדירטער פּאָלדיעגערישער אָפֿיציר לאַנג האָט געבראַכט אַהער דעם אונטעראָפֿיציר שערוואוד פֿון 3-טען אוקראַאינישען פּאָלק פֿון גראַף וויט. דערדאָזיגער שערוואוד האָט מיר געמאָלדען, אַז ער האָט מיטצוטיילען אייער קייזערליכער מאַיעסטעט אַזוינס, וואָס בעלאַנגט נישט צו די מיליטערישע ישובים, נאָר צו דער אַרמעע. דאָס האַנדעלט זיך וועגען עפּיס אַ פֿערשוועררונג, וואָס ער וויל עס קיינעם נישט פֿערטרויען, בלויז אייער קייזערליכער מאַיעסטעט פֿערזענליך. איך האָב איהם ווייטער נישט אויסגעפֿרעגט, ווייל ער וויל מיר אויך נישט זאָגען און, אגב, בעלאַנגט עס נישט צו די מיליטערישע ישובים. האָב איך איהם דעריבער אָוועקגעשיקט קיין סאַנקט-פּעטערבורג צו דעם שעף פֿון שטאַב, דעם גענעראַל-מאַיאָר קליינמיכעל, וועלכער זאָל איהם האַלטען בײַ זיך אין הויז און ערגעץ נישט אַרויסלאָזען, ביז אייער מאַיעסטעט וועט נישט בעוויליגען צו בעפֿעהלען, וואו איהם פֿאַרצו-

שטעלען. איך האָב אויך געהייסען לאַנג׳ן, ער זאָל נישט איינ־מעלדען דעם אונטעראָפיציר שערוואוד ביי דער זאַסטאַווע פון שטאָדט. וועגען דעם אַלעם מעלד איך אַלאונטערטעניגסט אייער קייזערליכער מאַיעסטעט.

דער טרייער אונטערטאַן פון אייער קייזערליכער מאַיעסטעט גראַף אַראַקטשייעוו.״

דעמדאָזיגען בריף פון גרוזינאָ האָט דער קייזער בעקומען אויף דער קאַמעני־אינזעל, אינמיטען יולי. נאָך פריהער האָט איהם שערוואוד געשריבען, דורך דעם לייבדאָקטאָר ווילִיע, אָהן דער פערמיטלונג פון אַראַקטשייעוו׳ן, אַז מען זאָל איהם אָבפיהרען קיין פעטערבורג, ווייל ער האָט מיטצוטיילען זעהר אַ וויכטיגע זאַך, וואָס האָט אַ שייכות צום קייזער גופא.

דער קייזער האָט געוואוסט, אַז שערוואוד איז אַ געהיים־אַגענט ביים גענעראַל וויט, דעם הויפטשעף פון די דרום׳דיגע מיליטערישע ישובים; אויף דעמדאָזיגען גענעראַל איז נאָך מיט פינף יאָהר צוריק אַרויסגעלעגט געוואָרען די פליכט נאָכצושפירען די דרום׳דיגע ערטער, זיך בענוצען מיט שפיאָנען און וועגען אַלץ מעלדען אין פעטערבורג.

פערשידענע מאוס׳ע מעשיות האָט מען דערצעהלט וועגען דעמדאָזיגען גענעראַל.

—דער גענעראַל וויט איז אַזאַ קאַנאַליע, אַז אויף דער וועלט איז נישטאָ נאָך איינער צו איהם. ער איז אַ „גאַלגענפוי־געל״, ווי מען דריקט זיך אויס אויף פראַנצויזיש,—האָט געזאָגט דער גרויספירשט קאָנסטאַנטין פאַוולאָוויטש.

דערדאָזיגער גענעראַל וויט האָט נישט געקאָנט אָבגעבען אַ רעכנונג פון עטליכע מיליאָנען מלוכה־געלדער און ער איז גרייט געווען צו פערקויפען זיין נשמה דעם טייוועל, אַבי אַרויס־צודרעהען זיך פון דערדאָזיגער אַפערע. מיט דער געהיימער גע־זעלשאַפט האָט ער געשפּיעלט אַ צווייזייטיג שפּיעל: פון איין זייט האָט ער געשאָטען מסירות אויף איהר, פון דער צווייטער—איז ער אַליין געוואָרען אַ מיטגליד מיט דער כוונה צו פערראַ־טען דעם אָדער יענעם צד, די פערשווערער אָדער די רעגירונג.

ווער עס וועט נאָר האָבען די איבערהאַנד.

דעם קייזער האָט טיילמאָל אויסגעוויזען, אַז דער מסור איז געפּעהרליכער פון פערשווערער.

—איהר ווייסט, אייער מאַיעסטעט, אַז איך בין אַ געגנער פון אַלע מסירות, ווייל יעדער אויסוואורף קען בעשמוצען און אומגליקליך מאַכען אַנ׳עהרליכען מענשען,—איז איהם געקומען אויפ׳ן זינען קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטשעס ווערטער.

ער האָט זיך שטענדיג בעצויגען מיט עקעל צו אַלץ. די באָבע פלעגט איהם רופען „רייניטשקער". ער איז געוועזען עהנליך צו אַ הערמעלין, וואָס וויל זיך בעסער אָבגעבען אין די הענד פון יעגער, איידער איינצושמוצען זיין ווייס קלייד—דאָס קלייד פון מלכים.

נישט לאַנג האָט ער אַריינגעוואָרפען אין אויוועז אַריין דעם קאַפּיטאַן מאַיבאָראָדעס אַ מסירה און דערביי געזאָגט:

—אַנ׳אויסוואורף, וויל שטייגען דורך מסירות!

און דאָך האָט ער בעשלאָסען אויפצונעהמען שערוואוד׳ן: די שרעקען פון נייגיריגקייט זענען געווען שטאַרקער פון עקעל.

ער האָט זיך בעדאַרפט זעהן מיט איהם דעם 17-טען יולי, פינף אַ זייגער בייטאָג, אינ׳ם פּאַלאַץ אויף דער קאַמעני-אינזעל.

דערדאָזיגער פּאַלאַץ איז געווען עהנליך צו אַ געוועהנלי־כער פּעטערבורגער זומערוואוינונג. עטליכע טרעפּלעך, פערשטעלט מיט שפּעקטפּלאַנצונגען, האָבען געפּיהרט פון באַלקאָן אין גאָרטען אַריין. פריהלינגסציייט האָבען די דאַטשניקעס, וואָס פלעגען אַרומ־פאָהרען פון פערגעניגען וועגען אויף דער קליינער נעווא, גע־קאָנט זעהן דעם קייזער, ווי ער שפּאַצירט אַרום אין גאָרטען און פאַכט מיט אַ ווייס טיכעלע איבער די בליהענדיגע בעז-בוימע־לעך—דער ריח זאָל אויף איהם פּאַלען. אויסער דעם סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אין ביידעל ביים טויער, איז קיין שום וואַך נישט געווען. דער גאָרטען איז געווען אַ דורכגעהענדיגער, און פערשידענע מענשען, אפילו פשוט׳ע פּויערים, פלעגען אַדורכגעהן סאַמע אונטער דעם קייזערס פענסטער.

דער 17-טער יולי איז געווען אַ דושנער טאָג. נישט לאַנג

איז געגאַנגען אַ רעגען און די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פייכטקייט. אויף דער ערד איז געלעגען אַ נעבעל, ווי ווייסע וואַטע. די דעכער האָבען געגלאַנצט, פון די בוימער האָט געקאַפּעט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ שוויצט, ווי אַ חולה אין היץ אונטער אַ פּערענע. ערגעץ אויפ'ן צווייטען ברעג פון דער קליינער נעוואַ, מסתּמא אויף דער אַפּטייקער-אינזעל, האָט עמיץ געשפּיעלט אומעטיגע גאַמעס, און אַנ'איינזאַמער פויגעל האָט אַלץ געזונגען איינס-און-דאָסזעלבע: „טילי-טילי-טי"‚—פּונקט ווי ער וואָלט געוויינט. אַ ווײַלע שווייגט ער און דערנאָך ווידעראַמאָל: „טילי-טילי-טי". אויף אַלץ איז געלעגען איין-און-דערזעלבער סרויער, ווי אויף אַלע פּעטערבורגער זומערוואוינונגען, סוף זומער, ווען עס פיהלט זיך אין דעם מידען טונקעלען, כמעט שוואַרצען גרינוואַרג דער אָטעם פון הערבסט.

פּונקט פינף אַ זייגער איז דעם קייזער געמאָלדען געוואָרען וועגען קליינמיכל'ען און שערוואוד'ן. דער קייזער האָט דעמאָלט געמיטאָגט. ער האָט געהייסען וואַרטען און די גאַנצע צייט פון מיטאָג איז ער געזעסען מיט אַזאַ רוהיגער מינע, אַז קיינער האָט גאָרנישט בעמערקט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען, אַרויסבעגאַנגען אין גאַסטצימער, זיך בעגריסט מיט קליינמיכל'ען, געוואָרפען אַ קורצען בליק אויף שערוואוד'ן און געהייסען, ער זאָל אַריין אין קאַבינעט. קליינמיכל איז פערבליבען אינ'ם דערבייאיגען גאַסטצימער.

אַריין אין קאַבינעט, האָט דער קייזער פערשלאָסען די טהיר און פערמאַכט די פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטען. דאָרט האָבען זיך נאָך אַלץ געהערט די גאַמעס און דער פויגעל האָט געוויינט. דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט בײַם שרייבטיש, גענומען אַ בלייפעדער און פּאַפּיר, און, נישט-קוקענדיג אויף שערוואוד'ן, האָט ער גענומען צייכענען פּאַסיקלעך, קרייצעלעך און שלייפעלעך. שערוואוד איז געשטאַנען גלייך ווי אַ סטרונע, מיט אַראָבגעלאָזטע הענד בײַ די זייטען.

—ביזטו נישט אַ זוהן פון יענעם שערוואוד, וואָס איז מיר בעקאַנט? ער דיענט אין דער אַלעקסאַנדער-פאַבריק אין מאָסקווע?

—אַ זוהן, אייער מאַיעסטעט.
—נישט קיין רוס?
—ניקאַק ניעט, אייער מאַיעסטעט.
—וואו ביזטו געבוירען געוואָרען?
—אין קענט, נעבען לאָנדאָן.
—אין וועלכען עלטער ביזטו געקומען קיין רוסלאַנד?
—אין עלטער פון צוויי יאָהר, צוזאַמען מיט די עלטערן.

אין יאָהר 1800 איז מיין פאָטער אויסגעשריבען געוואָרען קיין רוסלאַנד דורכ'ן פערשטאָרבענעם קייזער פאַוועל, און ער האָט דער ערשטער איינגעפיהרט אין רוסלאַנד די טוכפאַבריקען.

די פראַגען און דער ענטפער זענען געמאַכט געוואָרען אין ענגליש. „ער לייגט, דאַכט זיך, נישט"—האָט דער קייזער אַ טראַכט געטהאָן.

—וואָס-זשע האָסטו מיר געוואָלט זאָגען?

—איך גלויב, אייער מאַיעסטעט, אַז עס עקזיסטירט אַ פער-שווערונג געגען דער רוה פון רוסלאַנד און אייער קייזערליכער מאַיעסטעט.

פאַרוואָס גלויבסטו אַזוי?

דאָס ערשטע מאָל האָט ער אויפגעהויבען די אויגען פון פאַפיר און אַ קוק געטהאָן אויף שערוואוד'ן.

קיין שום בעזונדערעס: אַ פנים ווי אַ פנים. אַ ריין, אונ-בעשטימט און געוועהנליך פנים, „אָהן בעזונדערע סימנים", ווי עס ווערט געזאָגט אין די פאַספאָרטען.

שערוואוד האָט אָנגעהויבען דערצעהלען פון דעם שמועס וואָס ער האָט אונטערגעהערט אונטער אַ טהיר, אין אַ פרעמדער חאוינונג, אין דער שטאָדט אַכטירקאַ, פאָלטאַווער גובערניע. גע-רעדט האָט דער פּאָרוטשיק גראַף בולגאַרי און דער פראַפּאָר-שטשיק וואַדקאָווסקי. וואַדקאָווסקי האָט פאָרגעלעגט אַ קאָנסטיטו-ציע. בולגאַרי האָט געלאַכט: „פאַר די רוסישע בערען אַ קאָנסטי-טוציע? משוגע געוואָרען! האָסט פערגעסען, אפנים, וואָס פאַר אַ דינאַסטיע מיר האָבען—נו, וואָס וועלען מיר מאַכען מיט איהר?"

און וואַדקאָווסקי זאָגט: „וואָס הייסט, וואָס וועלען מיר מאַכען מיט איהר?..“

שערוואוד האָט זיך אָבגעהאַקט:

—ענטשולדיגט, אייער מאַיעסטעט... שרעקליך פון מויל ארויסצוברענגען...

—ניש'קשה, רייד,—האָט דער קייזער געזאָגט און האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטהאָן אויף איהם: דאָס פּנים בלאַס, אָהן לע-בען, נאָס פון שוויס, ווי יענע גיפּסענע מאַסקעס, וואָס ווערען אַראָבגענומען פון טויטע. בלויז דאָס לינקע אויג פינטעלט—ער פיבערט, וואהרשיינליך, און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט צוגעוואונקען. און דערפון עקעלט זעהר. „אַט אַ כאַם!“—האָט דער קייזער פלוצלונג אַ טראַכט געטהאָן און האָט זיך אַליין גע'חדוש'ט אויף זיין עקעל.—„דאָס איז דערפאַר, ווייל איך ווייס, אַז ער איז אַ מסור.“

אַראָבגעלאָזט די אויגען, האָט ער פון דאָסניי געזומען ציי-כענען קרייצעלעך, פּאַסיקלעך, שלייפעלעך.

—„וואָס הייסט, זאָגט ער, וואָס וועלען מיר מאַכען מיט איהר?—האָט שערוואוד אונטערגעוואונקען,—דער'הרג'ענען.“

דער קייזער האָט געדריקט מיט די אַקסלען.

—נו, וואָס ווייטער?

ער איז עפּיס געווען איבערצייגט, אַז דאָס וואָרט „דער'-הרג'ענען“ האָט מען נישט געזאָגט.

—אַז מיר זענען פערבליבען אַליין, איז וואַדקאָווסקי צו-געגאַנגען צו מיר, אַ בלאַסער, און געזאָגט: „הער שערוואוד, זענט מיר אַ פריינד. איך וועל אייך פערטרויען זעהר אַ וויכטיגען סוד.“ האָב איך מיך אָנגערופען: „מיט סודות איילט זיך נישט. איך האָב נישט ליעב קיין סודות.“ זאָגט ער: „ניין,—זאָגט ער,—אונ-זער געזעלשאַפט קאָן אָהן אייך נישט זיין.“ זאָג איך: „דאָ,—זאָג איך,—איז נישט די צייט און נישט דער אָרט דערצו, אָבער איך גיב אייך מיין עהרנוואָרט, אַז איך וועל קומען צו אייך וואו איהר שטעהט מיט'ן פּאָלק.“

און אין באָגאָדוכאָווע, אויף דער פּאָסטסטאַנציע, איז איינ-

מאָל, ביינאַכט, פאָרגעקומען אַזאַ שמועס צווישען שערוואוד׳ן און אַ דורכפאָהרענדיגער דאַמע, מסתמא, זיין געליעבטע, די דאַמע האָט געזאָגט: „שווערט מיר צו, אַז קיינער אין דער וועלט וועט נישט וויסען, וואָס איך וועל אייך זאָגען.״ האָט ער געשוואָרען און זי האָט געזאָגט: „איך פאָהר צו מיין ברודער. איך שרעק מיך פאַר איהם: גאָט ווייס זיי דאָרטען, זיי האָבען געמאַכט עפיס אַ פערשווערונג געגען קייזער, און איך האָב איהם זעהר ליעב. מיר האָבען נאָך קיינמאָל אַזאַ קייזער נישט געהאַט...״

—ווער איז די דאַמע?—האָט דער קייזער געפרעגט.

—אייער מאַיעסטעט, איך בין שטענדיג געגאַנגען מיט׳ן גלייכען וועג און האָב טריי אָבגעהיט מיין שבועה. איך בין גרייט מקריב-צו-זיין מיט׳ן לעבען און אויפדעקען די פערשווע-רונג. אָבער איך בעט אייער מאַיעסטעט, נישט צו פרעגען מיך דעריבער: איך האָב געגעבען אַ שבועה...

„אויך—אַ ריטער!״—האָט דער קייזער אַ טראַכט געטהאָן און זיך געסטאַרעט נישט צו פערקרימען זיך, ווי פון אַ שלעכטען ריח.

—דאָס איז אַלץ, וואָס דו ווייסט?—האָט דער קייזער גע-פרעגט. ער האָט אויפגעהערט צו שרייבען די פאַסיקלעך מיט די שלייפעלעך און אָנגעהויבען שרייבען אויף פראַנצויזיש דידאָזיגע ווערטער: „קאַנאַליע, קאַנאַליע, קאַנאַליע, גאַלגענפויגעל...״

—טאַטשנאָ טאַק, אייער מאַיעסטעט. דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס אויף זיכער. און דאָס, וואָס מען רעדט און מען דער-צעהלט אַזוי, דערוועג איך מיך נישט...

—נו, זאָג אַלץ,—האָט דער קייזער געזאָגט און גענומען ברעכען אונטער׳ן טיש דעם בלייפעדער, וואַרפענדיג די צובראָכע-נע שטיקלעך אויף דער פאָדלאָגע. ער האָט געפיהלט, אַז מיט יעדער פראַגע קריכט ער אַלץ ווייטער אין שמוץ, אָבער ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטען: ווי אין אַ שלעכטען חלום, האָט ער געטהאָן אַלץ, וואָס ער האָט נישט געוואָלט טהאָן.

—ווי מיינסטו, די פערשווערונג איז גרויס?

—אַז מען זאָל זיך רעכענען מיט דער שטימונג און בכלל מיט דעם, וואָס דער עולם שמועסט, און בעזונדערס מיט די אָפי-

צירען פון דער צווייטער אַרמעע, איז די פערשווערונג זעהר שטאַרק פערשפרייט. אין דער אַרמעע הערט מען זיך שטאַרק-צו צו די פערשווערער.

—וואָס פאַרט ווילען זיי? איז זיי דען אַזוי שלעכט?

—די הינד איז צו-גוט, אייער מאַיעסטעט.

„ער איז פשוט נאַריש,"—האָט דער קייזער אַ טראַכט געטהאָן און האָט באַלד דערשפירט, ווי איהם איז לייכטער געוואָרען. און דאָך האָט ער געפרעגט:

—ווי מיינסטו, זענען דאָ נישט פערמישט קיין וויכטיגע פערזאָנען?

שערוואוד האָט געשוויגען און אַ קוק געטהאָן צו דער טהיר: ער האָט זיך, אפנים, געשראָקען צו ריידען העכער, און אַז דער קייזער הערט נישט, האָט ער בעמערקט.

—קום-אַהער, זעץ דיך דאָ,—האָט דער קייזער אָנגעוויזען איהם אויף אַ שטוהל: ער האָט ווידעראַמאָל געטהאָן דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואָלט.

שערוואוד האָט זיך אַנידערגעזעצט און גענומען שעפטשען. דער קייזער האָט זיך צוגעהערט. ער האָט צוגעשטעלט דאָס רעכטע אויער און זיך געסטאַרעט נישט צו אָטעמען מיט דער נאָז: איהם האָט זיך געדאַכט, אַז פון שערוואודס פיס שמעקט מיט שווייס—אַ ריח, פון וועלכען דעם קייזער פלעגט נישט-גוט ווערען. „פון וואָס שוויצט ער עס אַזוי? פון שרעק, צי וואָס?"—האָט ער אַ טראַכט געטהאָן מיט עקעל.

שערוואוד האָט גערעדט וועגען דער פאַלשער אויפפיהרונג פון גענעראַל וויט, וואָס גיט כלומר'שט איבער נישט אַלץ. דאָס אייגענע איז אויך מיט'ן גענעראַל קיסעלעוו, וואָס ביי איהם אין הויז טאָגט און נעכטיגט דער גרעסטער פערשווערער פעסטעל. נישט טריי זענען אויך כמעט אַלע מיניסטאָרען און אפילו גענעראַל אַראַקטשייעוו.

—אין די מיליטערישע ישובים גיט מען מענשען ביקסען אין די הענד, אָבער קיין עסען גיט מען נישט. ביי די היינטיגע אומשטענדען איז עס זעהר געפעהרליך.

„ניין, נישט קיין נאַר,—האָט דער קייזער אַ טראַכט געטהאָן—ער ווייס אַ סך און רעדט ווייניגער, ווי פיעל ער ווייס.‟

—איך מיין,—האָט שערוואוד פערענדיגט,—אַז דידאָזיגע געזעלשאַפט איז אַ המשך פון דער קאַרבאָנאַרען-געזעלשאַפט אין אייראָפּאַ. די וויכטיגסטע מענשען בעטייליגען זיך אין איהר. עס נעהמט אויך אַנטייל די גאַנצע אַרמעע. און נישט בלויז דאָס לעבען פון אייער קייזערליכער מאַיעסטעט, נאָר אויך דאָס לעבען פון דער גאַנצער קייזערליכער פאַמיליע געפינט זיך אין געפאַהר, און דידאָזיגע געפאַהר איז נאָהנט. עס וועט זיין אַזאַ שרעקליכע בלוטבאָד, וואָס נאָך אַזאַ איינע איז נישט געווען אין דער גאַנצער געשיכטע. זיי ווילען דאָך אַלעמען, אַלעמען..

„אַלעמען אויס׳הרג׳ענען‟—האָט קייזער פערשטאַנען.

—זיי טראָגען שוואַרצע פינגערלעך מיט דער צאַהל 71.

—וואָס בעדייט עס?

—זאָל אייער מאַיעסטעט געפעליגסט איבערצעהלען: יאַנואַר—31 טעג, פעברואַר—29 טעג, מערץ 11 טעג; צוזאַמען: 71 טעג. פון דעם 11-טען מערץ 1801 ביז דעם 11-טען מערץ 1826 האָבען מיר אַקוראַט פינפאונצוואַנציג יאָהר נאָכ׳ן טויט פון אייער היכזעליגען פאָטער, זיין קייזערליכער מאַיעסטעט פאַוועל I,—האָט שערוואוד אונטערגעוואונקען.—אויף דעם טאָג איז בעשטימט געוואָרען דער אַטענטאַט אויף אייער קייזערליכער מאַיעסטעט..

„דער 11-טער מערץ פאַר׳ן 11-טען מערץ, בלוט פאַר בלוט,‟—האָט ווידער דער קייזער פערשטאַנען. ער איז בלאַס געוואָרען; ער האָט געוואָלט אויפשפּרינגען און אַ געשריי טהאָן: „אויסוואורף, אַרויס פון דאַנען!‟—אָבער עס איז קיין כחות נישט געווען. ער האָט נאָר געפיהלט, ווי די גלידערים ווערען איהם קאַלט און דרעהען זיך איבער פון חיה׳שען שרעק, ווי דעמאָלט, נאָך דער שלאַכט אונטער אויסטערליץ, אין יענעם לעדיגען הייזעל, וואו ער איז געלעגען אויף שטרוי מיט אַ גרויסען וועהטאָג אין בויך.

אָבער שערוואודס אויגען האָבען געגלאַנצט פון שמחה:

„עס נעהמט! עס נעהמט!‟

דעמאָלט האָט ער אויפגעהערט צו שרעקן און גענומען רחמנות-האָבען, טרייסטען:

— די מרידה, דער אויפשטאַנד, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ קליינעם טייל אונטערטאַנען פון אייער קייזערליכער מאַיעסטעט, איז נישט דאָס געפיהל פון פאָלק, וואָס איז אייזענפעסט אין זיין טרייהייט. אַ סך צייט איז אפילו דורכגעלאָזט געוואָרען, אָבער אויב מען זאָל אָננעהמען ענעלע מיטלען, קאָן מען נאָך ראַטע-ווען. אָבער מען בעדאַרף טהאָן אַזוי ווי עס זאָגט דער משל-שרייבער קרילאָוו: „ווילסטו מיט וועלף שליסען שלום, בזוטו זיי פריהער צראָבנעהמען די פעל". — האָט ער פערענדיגט מיט אַ האַלב-פאַמיליאַרען טאָן און אויף זיין פנים האָט זיך בעוויזען אַזאַ אויסדרוק פון געמיינהייט, אַז דער קייזער האָט מיט אַמאָל דער-פיהלט, אַז דאָס איז נישט קיין מענש, נאָר אַ רוח, אפשר זיין אייגענער טייוועל-צווילינג, די געשטאַלט פון יענעם לעכערליכען און שרעקליכען, וואָס איז אין איהם גופא דאָ.

— נו, גוט, געה, קליינמיכעל וועט דיר שוין זאָגען, וואָס מען בעדאַרף. געה-זשע דיר! — האָט ער קוים אַרויסגעזאָגט און זיך אויפגעהויבען. ער האָט אויסגעצויגען די האַנד, פּונקט ווי ער וואָלט איהם געוואָלט אָבשטויסען, אָבער יענער האָט זיך גע-שווינד פערנויגט און אַ קוש געטהאָן די האַנד.

געבליבען אַליין, האָט דער קייזער געעפענט די פענסטער און די טהיר אויפ'ן באַלקאָן. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אין צימער שמעקט שלעכט. דערנאָך איז ער אַרויס אין גאָרטען, אָבער אויך דאָ, אין דעם וואַרימען נעבעל איז געווען דער איי-גענער ריח פון פיס-שוויים. פון די נאַסע, אַזוי ווי פערשוויצטע בלעטער, האָט געקאַפּעט. לאַנג איז ער געשטאַנען אין אַן'איינזאַ-מער אַלעע, צוגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ צו אַ בוים. ער האָט גע-שפּירט עפּיס אַ שרעקליכע איבעלקייט און איהם האָט זיך גע-דאַכט, אַז פון איהם גופא שמעקט אַזוי שלעכט.

אויף מאָרגען איז ער איבערגעגאַנגען פון קאַבינעט אין אַ צווייטען צימער, אויף דעם אויבערשטען שטאָק. ער האָט געזאָגט, אַז אונטען איז פייכט; אין דער'אמת'ען אָבער האָבען אויף איהם

שלעכט געווירקט די גאָהנטע טריט פון די פאַרבייגעהער.

אין דעם אייגענעם טאָג האָט ער דערזעהן וואַכטאָלדאַטען דאָרטען, וואו ער האָט זיי פריהער נישט געזעהן, און אַ נייער ווייס פאַרקאַנדעל, וואָס האָט פערשטעלט דעם וועג פאַרביי פאַלאַץ. פעראָרדענט האָט עס, אפנים, דיביטש, ווייל דער קייזער האָט קיינעם גאָרנישט געזאָגט.

ער האָט זיך דערמאָהנט אָן אַנ׳אַנעקדאָט נאָך פון יענע צייטען, ווען ער פלעגט אַליין שפאַצירען איבער די גאַסען פון דרעזדען. אַנ׳אַלטע פויערטע, וואָס פלעגט איהם זעהן שפאַצירענדיג, האָט געזאָגט: „אָט געהט דער רוסישער צאַר גאַנץ אַליין און שרעקט זיך פאַר קיינעם נישט: ער האָט, אפנים, אַ ריין געוויסען!” און איצט אַ ווייס פאַרקאַנדעל...

איינמאָל, ביינאַכט, איז אַריינגעלאָפען דער דעזשורנער אָפיציר מיט אַ דערשראָקען געזיכט.

—אַנ׳אומגליק, אייער מאַיעסטעט!

—וואָס איז געשעהן?

—נישט מיין שולד, אייער מאַיעסטעט. גאָט איז אַנ׳עדות אַז איך בין נישט שולדיג...

—אָבער וואָס איז געשעהן? רייד אַ וואָרט!

—אַנ׳אַפעלסין... אַנ׳אַפעלסין...—האָט געשטאַמעלט דער אָפיציר אָהן אַנ׳אָטעם.

—וואָס פאַר אַנ׳אַפעלסין? וואָס איז מיט דיר?

—אַנ׳אַפעלסין איז אַראָבגעפאַלען פון בוים...

אויף דער בּרעגגאַס, ביים פּאַלאַץ, זענען געשטאַנען צעפּעלסינבוימער אין צעבּערס. אויף זיי זענען געהאַנגען צייטיגע פּירות און אַ וואַכסאָלדאַט האָט געהיט, מען זאָל נישט גנב׳ענען. איין אַפעלסין איז אַראָבגעפאַלען פון רייפקייט. האָט דער וואַכסאָלדאַט געמאָלדען וועגען דעם יעפרייטאָר, דער יעפרייטאָר—דעם קאַראַאולנעם, דער קאַראַאולנער—דעם דעזשורנעם און דער דעזשורנער—דעם קייזער.

—אַרויס פון דאַנען, דוראַק!—האָט דער קייזער, אַ צוקאָכ-

טער, אויסגעשריען, אָבער דערנאָך האָט ער [illegible] רוף געטהאָן צוריק און געפרעגט, ווי ער הייסט.

—סקאַריאַטין.

סקאַריאַטין האָט זיך געפונען אין דער גרופע מערדער פון 11-טען מערץ. נאַטירליך, איז עס נישט דער אייגענער, אָבער דער קייזער האָט דאָך בעפוילען, מען זאָל איהם קיינמאָל נישט בעשטימען פאַר אַ דעזשורנעם אָפיציר.

ער איז איבערגעפאָהרען אין צאַרסקאָיע. אפשר דערפאַר, ווייל דאָרט איז זיכערער? ער האָט זיך געסטאַרעט נישט צו טראַכטען דערפון. ווי פריהער, פלעגט ער איצט אויך שפּאַצירען אַליין אין פּאַרק, אפילו ביינאַכט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך גופא וועלען איבערצייגען, אַז ער שרעקט זיך נישט.

אין אַ רעגענדיגען אָוועגד, אין מיטען אויגוסט, איז ער בעגאַנגען אין פּאַרק פון די קאַסקאַדען צו דער פּיראַמידע, דאָרט, וואו מען האָט בעגראָבען די געליעבטע הינדטלעך פון דעם קייזערס באָבע: טאָם אַנדערסען, זעמירע און דושעס.

עס איז פריה פינסטער געוואָרען. איבער׳ן הימעל האָבען זיך געטראָגען נידעריגע וואָלקענס, אין דער לופט האָט געשמעקט מיט רעגען און עס איז געווען שטיל מיט יענער שטילקייט, וואָס קומט פאַר אַ געוויטער. טיילמאָל פלעגען זיך בעוועגען די שפּיצען בוימער פון אַ פּלעצליכען ווינד און פלעגען נעהמען רוישען טריב און מרה-שחורה׳דיג, ווי אין הערבסט; דערנאָך פלעגען זיי מיט אַמאָל אַנטשוויגען ווערען, פּונקט ווי זיי וואָלטען געענדיגט זייער געהיימען געשפּרעך. דעם קייזערס ענגלישע צייגעל, פעדי, איז געלאָפען פאָראויס. פּלוצלונג איז עס געבליבען שטעהן און גענומען קנורען. עמיץ איז געלעגען אין גראָז נעבען דער פּיראַמידע: דאָס פּנים האָט זיך נישט געזעהן, פּונקט ווי יענער וואָלט זיך פערבאָרגען. דער קייזער האָט זיך אויך צוגעשטעלט און האָט מיט אַמאָל דערשפּירט אַ שרעקליכע האַרצקלאַפּעניש, אַ ווערטאָג אין די שלייפען און איבער׳ן לייב זענען אומגעלאָפען מוראַשקעס. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז יענער, אין גראָז, האָט זיך שטיל בעוועגט, פּאַוואָליע זיך אויפגעהויבען און

האלט עפּיס אין דער האַנד. פעדי האָט גענומען האַווקען. דער, וואָס איז אין גראָז געלעגען, איז אויפגעשפּרונגען. דער קייזער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם.

—וואָס טהוסטו דאָ?—האָט ער אויסגעשריען מיט אַ קול, וואָס האָט איהם אַליין אויסגעוויזען געמיין און מאוס פון שרעק, און ער האָט אויסגעצויגען די האַנד, צו כאַפּען דעם רוצח.

—ענטשולדיגט, מאַיעסטעט!—האָט ער דערהערט אַ בעקאַנ-טען קול.

—דאָס ביזטו, דמיטרי קלעמענטיטש? ווי דו האָסט...

און נישט געענדיגט. ער האָט געוואָלט זאָגען: „ווי דו האָסט מיך דערשראָקען!"

—איך שרייב מיר אָראָב די עפּיטאַפּיע פונ'ם הינדטעל, פון זעמירע'ן,—האָט געזאָגט דער לייב-כירורג דמיטרי קלעמענטיע-וויטש טאַראַסאָוו.

נישט קיין מעסער פון אַ רוצח, נאָר אַ קליין מעסערל, מיט וועלכען ער האָט פערשפּיצט דעם בלייפעדער, האָט ער געהאַלטען אין דער האַנד און האָט אָראָבגעשריבען פון זעמירע'ס מצבה דאָס פראַנצויזישע אויפשריפט, פערפאַסט פונ'ם גראַף סיוגער:

„דאָ רוהט זעמירע, און די טרויעריגע גראַציעס בעדאַרפען אַוועקלעגען בלומען אויף איהר קבר. זאָלען די געטער איהר שענקען אונשטערבליכקייט פאַר איהר טרייען דיענסט."

—דו ווייסט, טאַראַסאָוו, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַ שכור'ער אָפיציר האָט זיך דאָ אַוועקגעלעגט אָברוהען,—האָט דער קייזער אַ שמייכעל געטהאָן און האָט דערשפּירט, אַז ער רוי-טעלט זיך.—נו, שרייב דיר געזונדטערהייד. איז דיר אָבער נישט פינסטער?

—עס שאַדט נישט, אייער מאַיעסטעט, איך האָב גוטע אויגען.

דער קייזער האָט אַ פּיף געטהאָן צום הינדטעל און איז אַוועק. און טאַראַסאָוו האָט איהם לאַנג נאָכגעקוקט און זיך גע'-חדוש'ט.

 און דער קייזער אַליין האָט זיך אויך גע'חדוש'ט. ער איז

קיינמאָל קיין פּחדן נישט געווען. בשעת אַ גראַנאַט איז איבער־געפלויגען איבער זיין קאָפּ אין דער שלאַכט אונטער לייפּציג, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל: „זעהט נאָר, באַלד וועט אַ צווייטער איבערפליהען!“ און אין דער אייגענער שלאַכט, בשעת אַלע האָבען זי געהאַלטען פאַר פערשפּיעלט און נאַפּאָלעאָן האָט געזאָגט: „די ערד דרעהט זיך ווידער פאַר אונז!“, האָט בלויז ער, אַלעקסאַנדער, „דער אַגאַמעמנאָן פון דעם גרויסען קאַמף“, נישט פערלאָרען דעם מוט.

אָבער וואָס איז מיט איהם איצט? „בין איך משוגע געוואָרען?“—האָט ער אַ טראַכט געטהאָן מיט שטילען שרעק.

אין פּאַוולאָווסקער פּאַלאַץ, נעבען שלאָפציממער פון דער קייזערין־מוטער, האָט זיך געפונען אַ פערשלאָסען צימער, וואוהין קיינער איז נישט אריינגעגאַנגען, אויסער דער קייזערין און דעם קאַמערפוריער קרילאָוו. קרילאָוו איז געווען אַ טויטער אַלטעטשקער, שוין אָהן שכל און אָהן זין. ער האָט געטראָגען אַ רויטען מאַל־טישען מונדיר נאָך פון קייזער פּאַוועלס צייטען און געהאַט האָט ער אַזוינע אונבעוועגליכע אויגען, וואָס אַז מען האָט אַ קוק געטהאָן אין די שוואַרצאַפּלען אַריין, האָט מען געקאָנט זעהן דאָס, וואָס עס שלאָגט זיך אָב אין די שוואַרצאַפּלען פון אַ מענשען אין זיין לעצטער מינוט פון גסיסה. אַז קרילאָוו פלעגט אָנבעגעגענען דעם קייזער, פלעגט ער זיך פון ווייטען גריסען און באַלד אַנטרונען ווערען, פּונקט ווי ער וואָלט אַנטלאָפען.

דער קליינער סאַשע, דער זוהן פון׳ם גרויספירשט ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש, אַ זיבעניעהריג יונגעל, מיט אַ שען, עטוואָס בלאַס פּנימ׳ל, פלעגט שטענדיג מיט גרויס נייגיר פאַרבייגעהן דאָסדאָזיגע פערשלאָסענע צימער, וואָס האָט איהם אויסגעוויזען אַזוי סודות־פול, ווי יענע שרעקליכע טהיר אינ׳ם פּאַלאַץ פון דער בלוי־באָרד, וועגען וועלכער ער האָט געלייענט אין די מעשה׳־לעך. איינמאָל האָט זיך איהם גע׳חלומ׳ט, אַז ער איז אַריין אין דעמדאָזיגען צימער, וואו ער האָט דערזעהן עפּיס שרעקליכעס. ער האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט געדענקען, וואָס דאָס איז געווען.

סוף אויגוסט, עטליכע טעג פאַר'ן אַוועקפאָהרען קיין טאַ-
גאַנראָג, איז דער קייזער געקומען קיין פּאַוולאָווסק צו דער אַל-
טער קייזערין. די קייזערין איז נישט געווען אין דערהיים און
ער איז אַריין אין קאַבינעט, וואו ער האָט קיינעם נישט געטראָ-
פען, אויסער דעם יונגעל סאַשע און דער פירשטין ליווען—אַנ׳-
אַלטעטשקע שטאַטסדאַמע. ביידע האָבען געשפּיעלט אין סאָלדאַ-
טעלעך ביים קיילעכיגען טיש, וואָס איז געשטאַנען ביים פענ-
סטער. דער קייזער האָט זיך אַנידערגעזעצט און אויך גענומען
שפּיעלען. ער האָט אָבער אַזוי טרעפליך געשאָסען מיט'ן אַרבעס
פון די האַרמאַטלעך, אַז סאַשע האָט געשריען פון שמחה און גע-
פּאַטשט מיט די הענדטלעך.

דורך דער אָפענער טהיר האָט מען געקאָנט זעהן די לאַנ-
גע שורה פּאַלאַצצימערן. אין דער קייזערינס שלאָפצימער האָט
זיך פלוצלונג בעוויזען דער רויטער מאַלטישער מונדיר. דער
קאַמערפוריער סערגעי איוואַנאָוויטש קרילאָוו איז געשטאַנען ביי
דער פערשלאָסענער טהיר. אַז דער קייזער האָט איהם דערזעהן,
האָט ער זיך שנעל אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו איהם.

אין אַ דערבייאיגען צימער האָט זיך דערהערט דער קיי-
זערינס קול, פירשטין ליווען איז אַרויס צו איהר אַנטקעגען, און
דער קלייניטשקער סאַשע, וואָס איז געבליבען אַליין, האָט פער-
געסען זיינע סאָלדאַטעלעך און האָט מיט אויפגעהויבענע אויגען
שטאַרק נאָכגעקוקט, וואָס עס קומט-פאָר דאָרט, ביי דער פער-
שלאָסענער טהיר.

דערזעהן דעם קייזער, האָט זיך קרילאָוו פערנויגט און, ווי
אַלעמאָל, געוואָלט באַלד אַנטרונען ווערען. אָבער דער קייזער
האָט איהם אַ רוף געטהאָן, איז צוגעגאַנגען און געזאָגט:

—גיב דעם שליסעל.

דער אַלטער האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען, פּונקט ווי
ער וואָלט נישט דערהערט, און האָט עפּיס אַרויסגעמורמעלט אונ-
טער דער נאָז. מען האָט בלויז געקאָנט כאַפּען מיט'ן אויער:

—איהר מאַיעסטעט... בעוויליגט צו בעפוילען...

—נו, דעם שליסעל גיב אַהער, גיכער גיב אַהער! צו דיר

רעדט מען?—האָט דער קייזער אָנגעשריען אויף איהם און האָט איהם אַרויפגעלעגט די האַנד אויפ׳ן אַקסעל.

דער אַלטער האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן. זיינע שוואַרצ-אַפּלען האָבען זיך געגרעסערט, ווי די שוואַרצאַפּלען פון אַ גוסס, וואָס זעהען עפּיס אַזוינס, וואָס קיינער זעהט שוין נישט. ער האָט געוואָלט דערלאַנגען דעם שליסעל, אָבער זיינע הענד האָ-בען אַזוי געציטערט, אַז ער איז איהם אַרויסגעפאַלען פון די הענד. דער קייזער האָט איהם אויפגעהויבען, אָבגעשלאָסען און אַריין אין צימער.

עס האָט געשמעקט מיט איינגעשלאָסענער לופט, מיט אַל-טע קליידער: די אַלע זאַכען, וואָס האָבען געהערט דעם פער-שטאָרבענעם קייזער פּאַוועל I, זענען איבערגעטראָגען געוואָרען אַהער פון זיין קאַבינעט און שלאָפציםער. דער קייזער האָט דער-זעהן בעקאַנטע שטוהלען, פּאָטעלען, קאַנאַפּעס פון רויטען האָלץ, מיט בראָנזענע לייבענקעפּ; בעקאַנטע בילדער—דער מלאך גבריאל און די מאַדאָנע פון גווידאָ רעני, וואָס זענען געהאַנגען צוקאָ-פּענס איבער דער בעט; דעם סעקרעטאַר און דעם שרייבטיש און טינט און פעדער, פּאַפּיר און בריף, פונקט ווי מען וואָלט נאָר-וואָס געשריבען—און ער האָט דערקאָנט דעם פּאָטערס האַנד-שריפט; אַ נאַכטטישעל מיט אַ געברענטען ליכטעל, וואָס איז, דאַכט זיך, נישט לאַנג אויסגעלאָשען געוואָרען; אַ וואַנדזייגער מיט אַ ווייזער, וואָס איז געבליבען שטעהן אויף האַלב איינס און אָבגעבליאַקירטע זיידענע שלאָפשירמלעך מיט כינעזישע פיגורלעך.

לאַנג איז ער געשטאַנען אונבעוועגט, ווי ער וואָלט נישט געוואוסט, וואָס צו טהאָן. דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ שווערען פאַלענדיגען שריט פאָראויס און האָט אַ קוק געטהאָן הינטער די שלאָפשירמלעך: דאָרט איז געשטאַנען אַ שמאָלע פעלדבעט. דער קייזער איז בלאַס געוואָרען און די שוואַרצאַפּלען האָבען זיך איהם געגרעסערט, ווי די שוואַרצאַפּלען פון אַ גוסס, וואָס זעהט עפּיס אַזוינס, וואָס קיינער זעהט שוין נישט. און פּלוצלונג האָט ער זיך אָנגעבויגט און מיט עפּיס אַ שטיפערישען שמייכעלע אויפ-

געהויבען די דעקע. אויפ׳ן ליילעך זענען געוועזען טונקעלע פלע-קען—אַלטע פלעקען פון בלוט.

ער האָט פלוצלונג דערהערט עפּיס אַ שאָרך: נעבען איהם איז געשטאַנען סאַשע און האָט אויך געקוקט אויף די פלעקען. דערנאָך האָט סאַשע אויפגעהויבען די אויגלעך צום קייזער, מיט אַמאָל קוויטשיג אויסגעשריען און אַרויסגעלאָפען פון צימער: ער האָט, וואַהרשיינליך, דערזעהן אויפ׳ן קייזערס געזיכט דאָס, וואָס ער האָט פריהער געזעהן אין זיין שרעקליכען חלום.

איבערביידען, איבער דעם זוהן און אייניקעל פון פּאַוועל I איז דורכגעגאַנגען אַ שרעק, וואָס האָט פעראייניגט דעם עבר מיט׳ן עתיד.

דער קייזער האָט בעדאַרפט אַרויספאָהרען קיין טאַגאַנראָג דעם 1-טען סעפּטעמבער און די קייזערין—דעם 3-טען. מיט אַנ׳-אָווענד פריהער האָט ער זיך אומגעקעהרט פון פּאַוולאָווסק קיין פּעטערבורג. אין פּאַוולאָווסק האָט ער זיך צוזעגענט מיט זיין מוטער, און אין דעם בעשטימטען טאָג, פינף אַ זייגער אינדער-פריה, בשעת עס האָבען נאָך געברענט לאַמטערנעס אויף די פינ-סטערע גאַסען, איז ער אַרויסגעפאָהרען פונ׳ם פּאַלאַץ אויף דער קאַמעני-אינזעל. אַליין, אָהן דער סוויטע, איז ער פערפאָהרען אין נעווסקי-קלויסטער און אָבגעריכט דאָרט אַ גאָט-דיענסט.

אַז ער איז איבערגעפאָהרען די פּעטערבורגער זאַסטאַווע, איז שוין אויפגעגאַנגען די זון. ער האָט געהייסען דעם קוטשער זיך אָבשטעלען און אַליין האָט ער זיך אויפגהויבען אין עקיפּאַזש און לאַנג געקוקט אויף דער שטאָדט, פונקט ווי ער וואָלט זיך געזעגענט מיט איהר. אינ׳ם פריהמאָרגען-נעבעל האָבען די היי-זער, טורמס, קלויסטערשפּיצען און קופּאָלען אויסגעזעהן לייכט און לופטיג, וואָס קאָנען צוזייהט ווערען, ווי אַ חלום. דערנאָך האָט זיך דער קייזער אַנידערגעזעצט און געזאָגט:

—נו, פאָהר, מיט גאָטס הילף!

די טראָיקע האָט זיך געשווינד געריהרט פון אָרט און דאָס גלעקעלע האָט גענומען קלינגען.

אין צאַרסקאָיע האָבען זיך בעהעפט צו איהם נאָך פינף עקיפּאַזשען, וואָס האָבען געהערט צום וואָגענמייסטער פּאָלקאָווניק סאָלאָמקאָ, צום מעטר ד'אָטעל מילער, צום לייבדאָקטאָר ווילּיע, צום גענעראַל-אַדיוטאַנט דיביטש און איינער אַ רעזערוו-עקיפּאַזש.

דער קייזער האָט געהאַט אַ קליין מאַרשרוט-ביכעלע מיט די נעמען פון די סטאַנציעס און מיט צאָהלען פון די וויאָרסטען. פון פּעטערבורג קיין טאַגאַנראָג זענען סך-הכל פאַרהאַן 85 סטאַנציעס און 1894¾ וויאָרסט. דידאָזיגע נסיעה האָט ער בעדאַרפט, אַלזאָ, דורכמאַכען אין 12 טעג און די קייזערין — אין 20.

דער מאַרשרוט האָט זיך געצויגען איבער דעם ווייסרוסישען טראַקט פון דער פּסקאָווער גובערניע איבער דער טולער גובערניע, אויסמיידענדיג אומישנע מאָסקווע: עס זאָלען נישט זיין קיין שום צערעמאָניעס, קיין שום פּאַראַדען און בעגעגענישען.

מען איז פאַרבייגעפאָהרען גאַטשינע, ווירע, יאַשטשערע, דאָלגאָווקע, לוגע, גאָראַדעץ. אויפ'ן וועג האָט דער קייזער אויפמערקזאַם בעטראַכט די נאַכטקוואַרטירען, וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרען פאַר דער קייזערין, אַליין אָבער איז ער געפאָהרען אָהן אַנ'אָבשטעל און בייגאַכט האָט ער געשלאָפען אין עקיפּאַזש.

עס זענען געשטאַנען שענע שטראַהלענדיגע הערבסטטעג. אַלע טאָג איז די זון אויפגעגאַנגען אַ קלאָרע, זיך געקויקעלט איבער'ן הימעל אַ קלאָרע און פערגאַנגען אַ קלאָרע, פערשפּרעכענדיג אויף מאָרגען אויך אַזאַ ריינעם ליכטיגען טאָג. אין דער לופט האָט זיך געשפּרייט אַ לייכטער רויך און אַלץ איז געווען צאַרט און פריש, ווי אין פריהלינג. אין די דאָרפשייערן האָבען זיך געהערט מענשליכע שטימען און אַ קלאַפּעריי פון קייטען, אָבער די לעדיגע פעלדער זענען געלעגען אין אַזאַ שטילקייט, ווי יום-טוב אין אַ שטוב. אין דערדאָזיגער שטילקייט האָט מען בלויז געהערט דעם קראַניכס געשריי אונטער'ן הימעל: ער האָט זיך אויך געטראָגען אַהין, וואו דער קייזער.

וואָס ווייטער ער איז געפאָהרען, אַלץ לייכטער איז איהם געוואָרען אויף דער נשמה, פּונקט ווי עס וואָלט איהם אַראָבגע-

פאַלען אַ שווערע לאַסט פון רוקען, אַ לאַסט, וואָס האָט איהם גע-דריקט די אַלע יאָהרען, און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שרעקליכען חלום. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך שוין אָבגעזאָגט פון טראָן, אַז ער האָט פערלאָזט די רעזידענצשטאָדט און אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקעהרן אין איהר אַלס קייזער. און דאָרט, וואוהין ער פאָהרט, וועט ער געפינען פערלייכטערונג, די לעצטע בעפרייאונג. אפשר דערפאַר הערט ער אין די קראַניכגעשרייען אַ סודות-פולען רוף, אַנ'אונענדליכע האָפנונג?

אין איינער פון די ערשטע נעכט, וואָס ער האָט פער-בראַכט אין וועג, האָט ער געזעהן אַ חלום: אַ קליין שטעדטעל, קליינטשקע געלבע הייזלעך מיט שוואַרצע לאָדענדלעך, פונקט ווי הייזעלעך-צאַצקעס. דער הימעל איז טונקעלפיאָלעט, ווי עס טרעפט אין די ווינטעראָווענדען, אָבער דאָס איז נישט ווינטער און נישט אָווענד, נאָר אַ פריהלינגדיגער הערבסט, אַנ'אָווענדיגער פריהמאָרגען. די זון זעהט מען נישט, אָבער זי שפירט זיך אין אַלץ, פונקט ווי זי וואָלט פון אינוועניג לייכטען. און אַלץ זעהט-אויס אַזוי גליקליך, ליעב, קינדיש, גן-עדנ'ליך. און אָט איז אויך סאָפיע און אָט איז פירשט וואָלריאַן גאָליצין. עפּיס ריידען זיי צו איהם און ער פערשטעהט נישט וואָס, אָבער ער איז אינ-גאַנצען אָנגעזאַפּט מיט שמחה און ליכט. „איז אָט איז עס, הייסט עס, און איך האָב גאָרנישט געוואוסט!"—און ער וויינט און לאַכט פון שמחה. ער וויל צו גאָט בעטען, אָבער נישטאָ וועגען וואָס צו בעטען: אַלץ איז שוין דאָ—אַלץ איז אַלעמאָל געווען, אַלץ איז דאָ און וועט זיין.

זיך אויפגעכאַפּט. „איז אָט איז עס, הייסט עס, און איך האָב גאָרנישט געוואוסט!"—האָט ער געטראַכט אויפ'ן וואָהר, ווי אין חלום און האָט געוויינט פון שמחה.

זיך אַרומגעקוקט: נאָך פינסטער, אָבער לויט'ן ציטערן פון די שטערען איז קענטיג, אַז דער טאָג איז נאָהנט. ער האָט נישט דערקאָנט די לאַנדשאַפטען: משופּע'דיגע פעלדער און הינטער זיי אינ'ם טונקעלען שטערענשיין—אַ האַלבער בערג-קרייז, בעוואַקסען מיט וואַלד. עס הערט זיך אַ ווייטער קלאַנג פון גלאָקען, מסתמא,

פונ׳ם טעאָפּיל-קלויסטער: הייסט עס, אַז באָראָוויטש איז נאָהנט.

דער עקיפּאַזש איז אַרויפגעפאָהרען אויף אַ באַרג. אויפ׳ן ברעג הימעל, דאָרט, וואו ער פעראייניגט זיך מיט׳ן וועג, האָט ער פלוצלונג דערזעהן אַנ׳אונבעקאַנטען, גרויסען און אונגעוועהנליך-ליכטיגען שטערען. הינטער איהם האָט זיך געצויגען אַ ליכטיגער פּאַס, אָבער דער שטערען אַליין איז אַזוי ווי האַסטיג געפאַלען צו דער ערד. און אין דעמדאָזיגען פאַלען איז אויך געווען אַ סודות-פולער רוף, אַנ׳אונענדליכע האָפנונג.

און אויפ׳ן זכרון איז איהם געקומען דער קאָמעט פון 12-טען יאָהר. דערדאָזיגער קאָמעט האָט פריהער געשראָקען מיט אומגליק, אָבער באמת איז ער געווען אַ צייכען פון רעטונג — אפשר איז דער אויך אַזוי?

אַז דער עקיפּאַזש האָט זיך אויפגעהויבען אויפ׳ן שפּיץ באַרג, האָט ער געהייסען דעם קוטשער זיך אָבשטעלען. און אַזוי ווי דעמאָלט, בשעת ער האָט זיך געזעגענט מיט דער שטאָדט ביי דער פעטערבורגער זאַסטאַווע, האָט ער אויך דאָ זיך אויפגעהויבען, אַראָבגענומען דאָס היטעל און זיך איבערגע׳צלמ׳ט.

„די הימלען זינגען שירה צו גאָט און ריהמען די ווערק פון זיינע הענד״—האָט ער פרום און שטיל אַרויסגעשעפּטשעט. ער האָט זיך געפרעהט און געפיהלט, אַז דידאָזיגע פרייד וועט ביי איהם קיינמאָל נישט אַוועקגענומען ווערען. ער האָט גאָר נישט געבעטען ביי גאָט—ער האָט איהם בלויז געדאַנקט פאַר אַלץ, וואָס איז געווען, און פאַר אַלץ, וואָס וועט זיין.

ערשטעס קאַפּיטעל.

פירשט וואַלעריאַן מיכאַילאָוויטש גאָליצין איז ביי-נאַכט געקומען אין שטעדטעל וואַסילקאָוו, דריי-סיג וויאָרסט פון קיעוו, און האָט איבערגענעכטיגט אין אַ שלעכטער יודישער קרעטשמע. איינדערפריה האָט ער אָנגעדונגען די כאַטע ביים קאָזאַק אַמעל-קע באַרבאַש.

—אָט איז מיין כאַטע, פּאַניע דאָבראָדיע—האָט דער בעל-הבית געזאָגט מיט אַ פריינדליכען שטאָלץ און געבעטען דעם גאַסט אַריינגעהן אין שטוב אַריין.—דאָ האָב איך מיינע היהנער, מיין קאַלב, מיינע ביהנען און אפילו דאָס קאָרן וואַקסט מיר ביי דער כאַטע—כאָטש געה-אַרויס און שנייד. איך האָב מיר דאָ אַרום דאָס גאַנצע ביסעל מזל-ברכה פון גאָט. און מיין זשינקע קאָן אָבקאָכען אַזאַ מין באָרשטש, אַז דער גאָראָדניטשע אַליין מעג עס עסען. זי האָט ביי די פּאַנעס געדיענט און ווייס וואָס גוט איז.

אַז גאָליצין האָט בעקוקט די ווייסע כאַטקע מיט דעם ברייטען שטרויענעם דאַך, מיט דעם באָטשאַנעסט און מיט די הויפענס פעלדבלומען, פערטראָגען פון ווינד; אַז ער האָט דערזעהן

דידאָזיגע כאַטקע שטעהן אינ׳ם מחיה׳דיגען שאָטען פון אַ קאַר-שענגאָרטען מיט שורות הייסע ביהנשטאָקען, האָט ער איינגע-שטימט מיט׳ן בעל-הבית, אַז דאָ איז באמת דאָס גאַנצע ביסעל מזל-ברכה פון גאָט.

און איניועניג איז נאָך בעסער: מיט קאַלך געווייסטע ווענד, אַ ליימענע פּאָדלאָגע, אַ בעמאָלטער אויווען—אויבען מיאַאוקעט אַ קאָטער, אונטען וואָרקען טויבען; אַ בילד פון דער הייליגער מו-טער פון מעזשיגאָראָד, צוגעפּוצט מיט טרוקענע פעלדבלימלעך.

און אַז די שוואַרצ׳חנ׳עוודיגע קאַטרוסיע האָט איהם גע-בראַכט קאַלט וואַסער פון ברונען און די אַלטעטשקע באָבעשי דאָנדוטשיכע, אָמעלקעס מוטער, האָט אָבגעווישט מיט אַ ברעג קלייד די באַנק און געבעטען דעם גאַסט זיצען און בעת מעשה איהם אָנגעקוקט מיט בלינדע אויגעלעך אונטער אַנ׳אַלטער גערונ-צעלטער האַנד און נאָך אַ פרעג געטהאָן:

—אַ טי כיבאַ ניע טוטעשני?*)—האָט זיך דער גאַסט אינ-גאַנצען דערשפּירט ווי ביי זיך אין דערהיים.

דאָס גאַנצע שטעדטעלע האָט באַלד געוואוסט פון גאָליצינס קומען, און אין דעם אייגענעם טאָג, אין אָוועגד, איז שוין גע-קומען צו איהם דער פּאָדפּאָרוטשיק פון פּאָלטאַווער פּעכאָטנעם פּאָלק, מיכאַאיל פּאַוולאָוויטש בעסטוזשעוו-ריומין, אַ יונג אָפיצירל, קוים צוויאונצוואַנציג יאָהר אַלט און האָט איהם איינגעלאַדען צום דירעקטאָר פון דער וואַסילקאָווער סעקציע פון דער דרום׳-דיגער געהיימער געזעלשאַפט—צום פּאָלקאָווניק סערגעי איוואַנאָ-וויטש מוראַוויאָוו-אַפּאָסטאָל. לויט בעסטוזשעווס ווערטער, ווערען איצט ביי מוראַוויאָוו׳ן געפיהרט אונטערהאַנדלונגען דורך צווי מיטגלידער פון עפּיס אַנ׳אונבעקאַנטער געהיימער געזעלשאַפט, וואָס הייסט סלאַווען; עס האַנדעלט זיך וועגען פעראייניגען דידאָזיגע אונבעקאַנטע געזעלשאַפט מיט דער דרום׳דיגער. גאָלי-צין איז, אַלזאָ, אַקוראַט געוואונשען צו די אונטערהאַנדלונגען, אַלס פאָרשטעהער פון דער צפון׳דיגער געזעלשאַפט.

*) דו ביזט, אפנים, נישט קיין היגער

מוראַוויאָוו האָט געוואוינט אויפ׳ן קלויסטער-פּלאַץ אין אַ הילצערנעם אַלטען גרויען הייזעלע מיט ווייסע זיילען. דער בעל-הבית מיט די צוויי געסט, אַרטילערישע פּאָדפּאָרוטשיקעס, וואָס איינער פון זיי האָט געהייסען איוואַן איוואַנאָוויטש גאָרבאַטשעווסקי און דער צווייטער—פּיאָטער איוואַנאָוויטש באָריסאָוו, האָבען געטרונקען טיי אויפ׳ן גאַניקעל, וואָס איז אַרויסגעקומען אין גאָרטען. אין גאָרטען האָט געדרעמעלט אַ סאַזעווקע, בעצויגען מיט שליים און הינטער איהר האָבען זיך געצויגען ביהנשטאָקען און געמיזעבייטען. מחיה׳דיגע ריחות זענען דערשוואומען פון דאָרטען אין דער פרישער אָוועגדלופט: פּענכעל, מיענטע, האָניג און צייטיגע מעלאָנען.

—אונזער פּלאַן איז אַזאַ,—האָט בעסטוזשעוו געזאָגט—אין קינפטיגען יאָהר 1826, בשעת דער אַלערהעכסטער מושטירונג פון דער דריטער אַרמעע, וועלען די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט זיך איבערטהאָן פאַר סאָלדאַטען, און ווען די וואַך וועט זיין בייטען, וועלען זיי זיך אַריינרייסען ביינאַכט אין דעם צאַרס שלאָפצימער און איהם דאָרטען טויטען. גלייכצייטיג וועלען די מיטגלידער פון דער צפון׳דיגער געזעלשאַפט אָנהויבען דעם אויפשטאַנד אין פּעטערבורג דורכ׳ן אַוועקפיהרען די קייזערליכע פאַמיליע אין אויסלאַנד, און דורך צוויי מאַניפעסטען—צו די אַרמעען און צו דעם פאָלק—וועלען זיי פּראָקלאַמירען אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג. פּעסטעל, דער דירעקטאָר פון דער טולטשינער סעקציע, וועט אויפהויבען די 2-טע אַרמעע, וועט איינבעהמען קיעוו און איינאָרדנען דאָרט דעם ערשטען לאַגער. איך וועל אָנפיהרען מיט׳ן 3-טען קאָרפּוס און וועל געהן אויף מאָסקווע, וואו עס וועט זיך געפינען דער צווייטער לאַגער. די אַרמעען, וואָס איך וועל אָנטרעפען אויפ׳ן וועג, וועל איך, נאַטירליך, איבערציהען אויף מיין זייט. סערגעי איוואַנאָוויטש, ווידער, וועט פאָהרען קיין פּעטערבורג, וואו עס וועט איהם אָנגעטרויט ווערען די גוואַרדיע און וואו עס וועט אויך זיין דער דריטער לאַגער. מיר וועלען, אַלזאָ, האָבען דריי בעפעסטיגטע לאַגערן: פּעטערבורג, מאָסקווע און

קיעוו, און גאַנץ רוסלאַנד וועט שוין אַזוי-אַרום ליעגען ביי אונז און די הענד...

אַ קליינינטשקער, אַ מאָגערער, אַ רויטהאָהריגער, מיט זומער-שפרינקלעך, ממש אַ מענש אַ שטרויעלע. אָבער, אַז ער האָט אָנגעהויבען ריידען, איז ער אינגאַנצען אויסגעוואַקסען: דאָס פּנים איז געוואָרען קליגער, שענער, די אויגען האָבען געברענט און דער רויטער טשופּ אויפ׳ן קאָפּ האָט אויפגעפלאַמט, ווי אַ רויטע פייערצונג. ער האָט געגלויבט אין זיין חלום, ווי אין אַ ווירקליכקייט. ער האָט געגלויבט אַליין און אַנדערע געצוואונגען צו גלויבען.

—די פערדאַרטילעריע איז פּאָלקאָם גרייט, דאָס אייגענע אויך די גוסאַרען-דעוויזיע, מיט דעם פענזער און טשערניגאָווער פּאָלק קאָן מען כאָטש די מינוט זיך לאָזען אין וועג אַריין. אָבער אויך אַלע קאָמאַנדירען פון אַלע פּאָלקען זענען מרוצה אויף אַלץ... דער פּאָלקסהעלד ריעגאָ איז מיט דרייהונדערט מאַן אַדורכגעגאַנגען שפּאַניען און בעפרייט דאָס פאָטערלאַנד און מיר וועלען מיט גאַנצע פּאָלקען גאָרנישט אויפטהאָן! ווען מיר הויבען-אָן כאָטש מאָרגען, האָבען מיר באַלד אונטער׳ן ביקס אַ 60,000 טויזענד מאַן...

—נו, כאַפּ נישט איבער די מאָס, מישע, וואָס פאַר אַ זעכציגטויזענד מאַן? זאָל כאָטש גאָט געבען איין טויזענד,—האָט איהם מוראַוויאָוו אָבגעשטעלט-איוואַן איוואַנאָוויטש, אייער טיי איז קאַלט געוואָרען, געבען אייך הייסען?

דידאָזיגע פּשוט׳ע ווערטער האָבען אַלעמען ניכטער געמאַכט.

—אַלזאָ, מיינע הערן, ביי אייך איז שוין אַלץ פיקס און פאַרטיג, אָבער ביי אונז נאָך נישט,—האָט גאָרבאַטשעווסקי געזאָגט, מיט אַ נישט-גלויביגען שמייכעלע אויף זיין ברייטען ביינינגען, פער׳עקשנ׳טען און קלוגען פּנים.—מיר ווילען פּאָמעלעכעל און פּאַוואָלינקע. דערקלערן די סאָלדאַטען די נוצען פון דער איבערקעהרעניש איז אַ גאַנץ שווערע זאַך.

—איהר דערקלערט זיי דען?

—ווי קאָן אַנדערש זיין? מיר מיינען, אַז מען טאָר פון זיי גאָרנישט פערבאָרגען.

—מיר האָבען אַנ'אַנדער מיטעל,—האָט בעסטוזשעוו געזאָגט.—די סאָלדאַטען בעדאַרפען זיין בלויז אַ געוועהר, וואָס מיט זיין הילף ווערט דורכגעפיהרט די גרויסע אַרבייט. אָבער וויסען בעדאַרפען זיי גאָרנישט. מיט זיי קאָן מען דען ריידען פון פּאָליטיק? איהר ווייסט אַליין גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ מענשען די רוסישע סאָלדאַטען זענען...

—מיר ווייסען, אַז מענשען זענען ווי מענשען און אַלע שטאַמען פון אדמ'ען,—האָט גאָרבאַטשעווסקי פלוצלונג אויפגעהערט צו לאַכען.—מיר שטאַמען אַליין אויך נישט פון גרויסען יחוס און מיינען גאָרנישט צו זיין גרויסע מענשען. און דעמאָקראַטען ווילען מיר אויך זיין נישט אין דער טעאָריע, נאָר אין דער פּראַקטיק. אַז גלייכקייט, איז גלייכקייט. מיט'ן פאָלק קאָן מען אַלץ אויפטהאָן, אָהנ'ם פאָלק—גאָרנישט. דאָס איז ביי אונז אַ כלל—האָט ער פערענדיגט מיט אַ שטאַרקען טאָן.

אַ זוהן פון אַנ'אָרימען דאָרפישען גלח, אַנ'אייניקעל פון קאָזאַק אַ זאַפּאָראָזשעץ, האָט ער געגלויבט, אַז ער מעג אַזוי ריידען.

אַז ער האָט געענדיגט, זענען אַלע אַנטשוויגען געוואָרען, און פלוצלונג האָבען אַלע דערפיהלט דעם אָבגרונד, וואָס טיילט פונאַנדערביידע געהיימע געזעלשאַפטען. אין איין געזעלשאַפט געפינען זיך מענשען—מיוחסים, טשינאָווניקעס, רייכע לייט, על-פּי-רוב גוואַרדיע-אָפיצירען, גענעראַלען און פאָלק-קאָמאַנדירען און אין דער צווייטער—קבצנים, אָהן יחוס און אָהן נעמען, אַרמעאישע פּאָרוטשיקעס און פּראַפּאָרשטשיקעס; דאָרט גלאַנץ און יחוס, דאָ—קבצנות, מענשען פון פאָלק.

פּיאָטר איוואַנאָוויטש באָריסאָוו האָט די גאַנצע צייט געשוויגען: ער איז געזעסען אין אַ ווינקעלע מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען און געריכערט אַ לולקע. געווען איז ער אַ גרויאינקער, אַזוי ווי אַנ'אָבגעבליאַקירטער, אַנ'אָבגעקראָכענער און אַנ'אויסגעריבענער. ער האָט זיך אַזוי נישט געוואָרפען אין די אויגען, אַז

מען האָט בעדאַרפט איהם גוט אָנקוקען, צו בעמערקען זיין מאָגער פנימ׳ל, וואָס איז, נישט נאָך זיינע יאָהרען, בעשאָטען געווען מיט דראָבנע קנייטשעלעך, זיינע בלויע, עטוואָס אַרויסגעקאַטשעטע אויגען, וואָס האָבען איהם געלויכטען מיט אַ שטילען פייערל, זיינע העלבלאָנדע האָהר, שמאָלע אַקסלען און איינגעפאַלענע ברוסט. עפטער פלעגט ער צו-הוסטען מיט אַ טרוקענעם שווינדזיכטיגען הוסט און דערביי פלעגט ער מיט אַ שעמעדיגער מינע בעדעקען מיט דער האַנד דאָס מויל.

אַז אַלע זענען אַנטשוויגען געוואָרען, האָט ער פלוצלונג אויפגעהויבען די אויגען און אַ שמייכעל געטהאָן; ער האָט געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבער ער איז רויט געוואָרען, זיך פערהוסט און גאָרנישט געזאָגט.

—מיינע הערן,—האָט מוראַוויאָוו אַרויסגעזאָגט,—מיר שיינט, אַז איהר פערשטעהט דאָ נישט איינאַנדער.

מוראַוויאָווס פנים האָט גאָליצינ׳ען אויסגעוויזען נישט זעהר בעדייטענד, ווי עס טרעפט שטענדיג, ווען מען דערוואַרט צופיעל פון אַ מענשען. אַלט איז מוראַוויאָוו אַ יאָהר דרייסיג, אָבער ער זעהט-אויס יונגער. ער האָט געהאַט נישט קיין מעסיגע געזיכטס-שטריכען, אָבער ווייבליך-פיין; די אויגען צו-ברייט פונאַנדערגעשטעלט; די נאָז לאַנג, פערשאַרפט, פונקט ווי אַנ׳אָראָבגעצויגענע; אַ קאָמיש קליין מיילעכעל, פונקט ווי ביי אַ קינד און די באַקען אויך קינדישע—פולע, פוכקע; די האָהר—ווייכע, געדיכטע, טונקעל-בלאָנדע, פערקאַמט פון דער פאַטילניצע צו די שלייפען, לויט דער מיליטערישער מאָדע, אָבער זיי שטעקען, פונקט ווי נאָך אַ באָד. דאָס גאַנצע געזיכט איז גלאַט, ווייס, רונדיג, ווי אַנ׳איי—קיין שום קנייטשעלע, קיין שום צייכען פון יסורים. אָבער אַז גאָליצין האָט זיך בעסער צוגעקוקט, האָט ער בעמערקט עפּיס קרענקליכעס אין דער סתירה צווישען דעם שמייכעל פון די ליפען און דעם אומעטיגען קוק פון די אויגען, וואָס האָבען קיינמאָל נישט געשמייכעלט. אין דער אויבערשטער ליפּ, וואָס איז עטוואָס געלעגען אויף דער אונטערשטער, האָט ער אויך בע-

מערקט עטוואָס נעבעכדיגעס, פּונקט ווי ביי אַ קינד. וואָס וועט באַלד אויספלאַצען מיט אַ געוויין.

אַ משונה׳דיגער פערגלייך איז איהם געקומען אויפ׳ן זינען: ווען מען וואָלט ווינטער, אין אַ ברענענדיגען פראָסט, געקאָנט זעהן אַ צווייגעל מיט פריהלינגס-בלעטלעך, וואָלט עס וואָהרשיינ־ליך געמאַכט דעמזעלבען איינדרוק פון הילפלאָזיגקייט און טויט־בעשערטקייט, ווי דאָסדאָזיגע געזיכט.

שפּעטער, בשעת גאָליצין האָט געטראַכט פון איהם, איז איהם געקומען אויפ׳ן זכרון מוראַוויאָווס אַ ליעד אין פראַנצויזיש:

„איך געה-אַרום איבער דער ערד שטענדיג איינזאַם און פערטראַכט און קיינער דערקאָנט מיך נישט. אָבער ביים סוף פון מיין לעבען וועט אויפשטראַהלען אַ גרויס ליכט איבער איהם און ערשט דעמאָלט וועלען מענשען איינזעהן, ווען זיי האָבען פערלאָרען.”

—מיינע הערן, איהר פערשטעהט, דאַכט זיך, נישט איינ־אַנדער,—האָט ער ווייטער אָנגעהויבען אויף פראַנצויזיש. אָבער ער האָט זיך באַלד געכאַפּט און גענומען ריידען אויף רוסיש: פריהער האָט גאָרבאַטשעווסקי דערמאָהנט, אַז ער רעדט שלעכט פראַנצויזיש און בעט, מען זאָל ריידען רוסיש.—אַז מען קאָן גאָרנישט אויפטהאָן אָהנ׳ם פאָלק, דאָס ווייסען מיר אויך. איהר האַלט, אַז מען בעדאַרף אָנהויבען פון פּאָליטיק. מיר מיינען אָבער, אַז איצט וועט נאָך דער סאָלדאַט נישט פערשטעהן קיין פּאָליטישע שמועסען. פאַרהאַן אָבער אַנ׳אַנדער מיטעל צו ווירקען.

—וואָס פאַר אַ מיטעל?

—גלויבען.

—גלויבען אין גאָט?

—יאָ, אין גאָט.

גאָרבאַטשעווסקי האָט אַ שאָקעל געטהאָן דעם קאָפּ ... מינע כון ספקות.

—איך ווייס נישט, ווי איהר, מיינע הערן, אָבער מיר, סלאַוון, האַלטען, אַז ד פרייהייט האָט פיינט אמונה.

 —אָט-אָט,—האָט מוראַוויאָוו פרעהליך אונטערגעכאַפּט,—ווי

איהר האָט עס גוט געזאָגט: די פרייהייט האָט פיינט אמונה. בעדאַרף מען טאַקי גענוי און ריכטיג שטעלען די פראַגע: צי האָט די פרייהייט פיינט אמונה?

—איך פרעג נישט, נאָר איך בעשטעטיג. און אַלע, דאַכט זיך...

—אַלע, אַלע,—האָט ווידער מוראַוויאָוו אונטערגעכאַפּט,— אַזוי האַלטען אַלע, אַזוי ריידען אַלע. אָבער דאָס איז דאָך אַ ליגען, דורך וועלכען אַלץ אינ׳ם קריסטענטום ווערט אומגעוואָר-פען. נאָר אַ ליגען בלייבט פונדעסטוועגען אַ ליגען, און נישט אמת...

—אָבער איך בעט אייך, ווי אַזוי איז דאָס נישט אמת, אַז אין דער הייליגער שריפט ווערט קלאָר געזאָגט, אַז די מלכים ווערען געזאַלבט פון גאָט?

—איהר האָט אַ טעות, אין דער הייליגער שריפט ווערט עפּיס אַנדערש געזאָגט.

—וואָס, אַ שטייגער?

—אָט וואָס. מישע, ברענג נאָר אַהער...

אָבער נאָך איידער ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען, איז שוין בעסטוזשעוו אַוועקגעפלויגען אין אַ צווייטען צימער און געבראַכט אַ שאַכטעלע. מוראַוויאָוו האָט עס אָבגעשלאָסען, גענומען זוכען אין די פּאַפּירען, אַרויסגענומען אַ בויגעלע פּאַפּיר, געדיכט פערשריבען און עס דערלאַנגט גאָר-באַטשעווסקי׳ן.

—נאַט, לייענט.

—איך פערשטעה נישט קיין לאַטיין. אגב האַנדעלט זיך גאָרנישט וועגען דעם...

—ניין, ניין, איך וועל אייך איבערזעצען און איהר הערט. אין תנ״ך שמואל א, קאַפּיטעל ח, שטעהט געשריבען: „און אַלע עלטסטע פון ישראל האָבען זיך פערזאַמעלט און זענען געקומען צו שמואל׳ן קיין רמה. און זיי האָבען געזאָגט צו איהם: „זעה, דו ביזט שוין אַלט, און דיינע זיהן געהען נישט אין דיינע וועגען. מאַך אי-בער אונז אַ מלך, ער זאָל אונז משפּט׳ן ווי אַלע פעלקער. און די זאַך איז נישט געפעלען געוואָרען אין די אויגען פון שמואל.

און שמואל האָט געבעטען צו גאָט. און גאָט האָט געזאָגט צו שמואל'ן: הער-אויס דאָס פאָלק אין אַלץ, וואָס עס זאָגט צו דיר, וואָרום זיי האָבען נישט דיך פערוואָרפען, נייענט מיך פערוואָרפען, איך זאָל נישט הערשען איבער זיי. און זאָלסט זיי אָנזאָגען דאָס רעכט פונ'ם מלך, וואָס וועט געוועלטיגען איבער זיי. און שמואל האָט געזאָגט די אַלע ווערטער פון גאָט צום פאָלק, וואָס האָט פערלאַנגט אַ מלך.—און ער האָט געזאָגט: דאָס וועט זיין דאָס רעכט פונ'ם מלך, וואָס וועט געוועלטיגען איבער אייך: ער וועט אייך אַוועקנעהמען אייערע זיהן און אייערע טעכטער וועט ער אייך אַוועקנעהמען און אייערע בעסטע פעלדער וועט ער אייך אַוועקנעהמען, און איהר וועט זיין צו איהם קנעכט. און שרייען וועט איהר אין דעמדאָזיגען טאָג איבער אייער מלך, וואָס איהר האָט איהם אויסדערוועהלט, אָבער גאָט וועט אייך נישט ענטפערן, ווייל איהר האָט אַליין אויסדערוועהלט אַ מלך.״

—נו, וואָס, דאַכט זיך, קלאָר, וואָס קלערער בעדאַרף מען נישט. דאָס איז אַקוראַט צוגעפּאַסט צו אונז, רוסען. און שוין-זשע מיינט איהר, אַז דאָס פאָלק וועט עס נישט פערשטעהן?

—דאָס איז דאָך אָבער פון אַלטען טעסטאַמענט,—האָט גאָרבאַטשעווסקי נישט איינגעשטימט.—אין נייעם טעסטאַמענט ווערט דאָך פשוט געזאָגט: איהר זאָלט געהאָרכען די מלכים, ווי גאָט אַליין, איך געדענק נישט איצט אַקוראַט, ווי דאָרטען שטעהט...

—אָבער ווי קאָן עס זיין? זאָגט מיר, ווי קאָן עס זיין אַ סתירה אין איין געטליכער וואָהרהייט. און אויב עס ווייזט אונז אויס אַזוי, מסתמא פערשטעהען מיר דאָ עפּיס נישט...

—וואָס פערשטעהען מיר דאָ נישט? אָט דאָס ווילען דאָך טאַקי די פּאָפּען, מען זאָל נישט פערשטעהן: אין מוטנע וואַסער איז גוט פיש צו כאַפּען,—האָט גאָרבאַטשעווסקי אַ וואונק געטהאָן מיט יענער אפּיקורס'ישער וואוילויגערישקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ יונגען זוהן פון אַ פּאָפּ.

—ניין, מען קאָן, מען קאָן פערשטעהן!—האָט מוראַוויאָוו נאָך פרעהליכער אויסגעשריען און גאָרנישט בעמערקט גאָרבאַ-

טשעוווסקיס חוזק-מינעלעך.—מען מוז זיך אָבער רעכענען נישט מיט׳ן אות, נאָר מיט׳ן גייסט... איהר, אַ שטייגער, חוזק׳ט איבער דעם, אָבער דאָס פאָלק חוזק׳ט נישט. דאָס איז דאָך עפּיס נישט קיין פּוסט וואָרט: „מיר איז געגעבען געוואָרען די גאַנצע ממשלה אין הימעל און אויף דער ערד. איהר הערט? נישט בלויז אין הימעל, נאָר אויך אויף דער ערד. און אויב ער איז דער איין-איינציגער מלך אויף דער ערד, ווי אויפ׳ן הימעל, טאָ ווי קאָן ער זיין געגען דעם אויפשטאַנד פון פעלקער און געגען דער אַראָבזעצונג פון מלכים?

—אַראָבזעצען אַ מלך אין נאָמען פון קריסטוס׳ן?—האָט גאָרבאַטשעווסקי מיט גרעסערער ספקות אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.—און ווייסט איהר וואָס, מוראַוויאָוו: איך אַליין גלויב אפילו נישט אין גאָט, אָבער דאָך מיין איך, אַז דער, וואָס איז באמת דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזע געפיהלען, וועט נישט מאַכען אַזאַ הייליגע זאַך פאַר אַ געצייג צו פּאָליטיק-ענינים...

—ניין, איהר האָט מיך נישט גוט פערשטאַנען!—האָט מוראַוויאָוו פיינליך אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד איבער׳ן קאָפּ, און דידאָזיגע בעוועגונג איז געווען עפּיס אַזוי קינדיש און האַרציג, אַז אַלע האָבען אונגערן אַ שמייכעל געטהאָן, און דער תהום, וואָס האָט זיי פונאַנדערגעטיילט, איז אויף אַ ווייל אויסגעגלייכט געוואָרען.—נו, ווער מאַכט פון רעליגיע אַ געצייג פאַר פּאָליטיק? האָב איך דען נאָר-וואָס נישט געזאָגט אייך, אַז מיר בעדאַרפען איבערהויפּט דורכקומען מיט די אמונה-פראַגען, און דאָס איבעריגע וועט זיך שוין אַליין צופּאַסען. און טאַקי נאָר דאָ אין רוסלאַנד בעדאַרף אונז די אמונה דיענען פאַר אַ פּעסטונג אין פאַל פון אַנ׳אויפשטאַנד און אין דער שווערער צייט פון אַנ׳איבערקעהרעניש. און אָט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגען. פרייהייט און אמונה—ביידע ליעגען דאָ אין דער ערד, אָבער אויפלעבען מוזען אויך ביידע צוזאַמען.

—ניין, מיינע הערן,—האָט גאָרבאַטשעווסקי ענטשלאָסען געזאָגט—מיט אַזוינע מיטלען וועט קיינער פון די סלאַווען נישט וועלען אַרבייטען. וואס איז שייך צו מיר, וועל איך דער ער-

שטער אָבוואַרפען דידאָזיגע מיטלען און וועל מיך נישט צוריהרען צו דעם בלעטעל.—ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם אויסצוג פון דער ביבעל—אפשר איז עס אַנ׳ענין פאַר דייטשען, אָבער נישט פאַר אונז. דער, וואָס קאָן נאָר דאָס רוסישע פאָלק, וועט אויך זאָגען דאָס אייגענע, אַז דידאָזיגע מיטלען שטימען נישט מיט׳ן גייסט פון פאָלק. איך בין אפילו אַ פּאָפּס אַ זוהן, דאָך האָב איך נישט ליעב קיין פּאָפּען. און דאָס פאָלק האָט זיי אויך נישט ליעב. נעהמען מיר אפילו אונזערע סאָלדאַטען: איך מיין, אַז צווישען זיי זענען אויך דאָ מעהר אפיקורסים, איידער פאַנאַטיקער... און ווער וויל זיך דאָס אַמפּערן מיט זיי וועגען טעאָלאָגישע זאַכען? און ווער איז דאָס אַ בעלן היינט, בשעת די אמונה איז אויף שטענדיג און אייביג געפאַלען, אַרויסצוטרעטען, ווי אַ נייער מאַכמעד?

—נו, דאָס בעדאַרף מען נאָך בעווייזען,—האָט גאָליצין בעמערקט.

—וואָס בעווייזען?

—אַז די רעליגיע איז געפאַלען אויף אייביג.

—אָבער, מיינע הערן, בעדאַרף מען נאָך ברענגען ראיות דערצו, אין וואָס אַלע אויפגעקלערטע מענשען זענען איינשטימיג? בעדאַרף מען נאָך ערשט בעווייזען, אַז די אַלע פלאָגען, וואָס מאַכען אַ תל פון מענשליכען מין, געהען פון יענעם מזבח, אויף וועלכען עס שטיצט זיך דער קייזערליכער טראָן? אַז די יענע וועלט מיט איהר גן-עדן שטערט די מענשען צו זעהן, אַז אויף דער ערד קאָן אויך זיין גליק? אַז דער שכל איז דאָס איינציגע ליכט, אָן וועלכען מיר בעדאַרפען זיך האַלטען אין אונזער לעבען, און דעריבער איז אונזער ערשטער חוב—איינצופלאַנצען אין מענשען רעספּעקט פאַר׳ן שכל, אַז דער מענש זאָל זיין אויף דער ערד קלוג און בעדאַכט און זאָל אויף שטענדיג אַוועקוואַרפען די נאַרישע בבא-מעשיות פון רעליגיע...

ער האָט גערעדט, ווי פון אַ בוך, געשאָטען מיט פרעמדע ווערטער, מיט פרעמדע געדאַנקען—יואָלטער׳ן, האָלבאַכ׳ן, העל-וועציוס׳ן און אַנדערע אַפּיקורס׳ישע פילאָזאָפען.

—איין זאַך פערשטעה איך נאָר נישט,—האָט גאָליצין אַ קוק געטהאָן אויף איהם פון אונטער די ברילען, מיט זיין קלוג שמייכעלע,—די אמונה נעהמט איהר זיי צו, אָבער וואָס גיט איהר זיי אָנשטאָט דעם?

און אַז גאָרבאַטשעווסקי האָט גענומען דערווייזען, אַז אָנשטאָט אמונה וועט קומען—אויפקלערונג און אָנשטאָט גאָט—פילאָזאָפיע, האָבען מוראַוויאָוו און גאָליצין אונגערן א שמייכעל געטהאָן צו איינאַנדער. יענער האָט עס בעמערקט, איז ער אַנטשוויגען געוואָרען און זיך בעליידיגט.

מוראַוויאָוו האָט זיך אומגעקעהרט, צו פערבאָרגען דעם שמייכעל, און האָט גענומען אָנגיסען אַ גלאָז טיי, און אַז ער האָט עס דערלאַנגט גאָרבאַטשעווסקי'ן, האָבען זיך ביידענס הענד דערנעהנט: איין האַנד אַ גרויסע, אַ רויטע, אַ האַרטע, מיט רויטע האָהר און זומער-שפּרינקעלעך, מיט פּלאַכע נעגעל און קורצע פינגער; און די צווייטע—אַ דינע, אַ ווייסע, אַ לאַנגע, פול מיט פרויענרייץ.

„ניין, זיי וועלען קיינמאָל איינאַנדער נישט פערשטעהן,“— האָט גאָליצין אַ טראַכט געטהאָן.

און ווידער האָט מען געשוויגען און אַלע האָבען געשפּירט אַ תהום, וואָס טיילט זיי פונאַנדער. און ווידער האָט באָריסאָוו געוואָלט עפּיס זאָגען און נישט געזאָגט.

נאָכדעם האָט זיך בעסטוזשעוו צורעדט. נאָך פריהער האָט גאָליצין בעמערקט, אַז ער מאַכט אונגערן נאָך מוראַוויאָוו'ן— מיט די ווערטער, מיט די בעוועגונגען מיט די תנועות פון פּנים, מיט'ן קול, ווי עס טרעפט שטענדיג מיט מענשען, וואָס וואוינען לאַנג צוזאַמען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען קאָן איינעם זעהן און הערען דורכ'ן צווייטען, איינער איז געווען דער קלאַנג און דער צווייטער—דער עכאָ, און דער עכאָ האָט קאַליע געמאַכט דעם קלאַנג.

—דער פילאָזאָף פלאַטאָן זאָגט,—האָט בעסטוזשעוו בעמערקט—אַז עס איז לייכטער אויסצובויען אַ שטאָדט אין דער לופט, איידער צו גרינדען אַ קהילה אָהן אמונה, גאָט האָט גע-

שענקט דעם מענשען פרייהייט. קריסטוס האָט אונז איבערגעגע-
בען די ערשטע פרייהייטס-בעגריפען. ווער האָט צושטערט די
פּלענער פון די דעספּאָטען? ווער האָט אונז אַרומגעצוימט מיט
קאָנסטיטוציעס? דאָס איז פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט...

גאָרבאַטשעווסקי האָט זיך ענטשלאָסען אויפגעהויבען און
אָנגעטהאָן דעם מונדיר מיט'ן שווערד (עס איז געווען אַזוי הייס,
אַז מען האָט אויסגעטהאָן די מונדירען).

—קומען צו אַ הסכם וועט אונז זיין שווער, מיינע הערן,—
האָט ער געזאָגט און אָנגעבויגט עטוואָס דעם קאָפּ אויף אַ זייט.
דעמאָלט איז ער עהנליך געוואָרען צו אַ פער'עקשנ'טען עקסעל,
וואָס וויל אַ בריקע טהאָן מיט די הערנער.—מיר זענען פשוט'ע
מענשען, אָהן קונצען. איהר אַמפּערט זיך דאָ וועגען גאָט, אָבער
מיר מיינען, אַז אַלע פאָלקס-מרידות נעהמען זיך פון מאָגען...

—שוין-זשע בלויז פון מאָגען?—האָט מוראַוויאָוו אויסגע-
שריען.

—איך וויס, איך וויס: נישט מיט ברויט אַליין לעבט
דער מענש... הער פאָלקאָוניק, האָט איהר געפּרובט הונגערן?

—געפּרובט אַמאָל אין פעלדצוג, אַ שטייגער.

—נו, אויך מיר געהונגערט! צי האָט איהר אָבער אַזוי
געפּרובט הונגערן: די לעצטע פּאָר הויזען זענען פער'משכנ'ט
און עסען איז נישטאָ וואָס... עך, וואָס איז דאָ צו ריידען! דער
זאָטער וועט דעם הונגעריגען נישט פערשטעהן... פּיאָטער איוואַ-
נאָוויטש, מיר געהען?

—וואוהין געהט איהר, איך בעט אייך? מיר האָבען זיך
דאָך אפילו רעכט נישט איבערגעשמועסט...—האָט זיך בעסטוזשעוו
אַ כאַפּ געטהאָן.

—מיר וועלען שוין איבעררייידען אין לאַגער. דאָרט זענען
אַלע אונזעריגע דאָ און מיר קאָנען פּאַר זיי נישט בעשליסען,—
האָט גאָרבאַטשעווסקי טרוקען געזאָגט.

מוראַוויאָוו האָט איהם דערלאַנגט די האַנד.

—איוואַן איוואַניטש, זענט איהר נישט בייז אויף מיר?
אויב איך האָב אייך עפּיס נישט אַזוי, זאָלט איהר מיר ענטשול-

דיגען, איך בעט אייך...

און פון דאָסניי האָט זיך בעוויזען אין זיין שמייכעל דאָס ריהרענד-קינדישע אַזוי, אַז גאַרבאַטשעווסקי האָט נישט אויסגע-האַלטען: ער האָט אויך אַ שמייכעל געטהאָן און האָט איהם פעסט געדריקט די האַנד.

—נו, וואָס רעדט איהר, מוראַוויאָוו, שעמט זיך בעסער... קאָנען מיר דען אײנאַנדער בעליידיגען? פּיאָטער איוואַנאָוויטש, האַ, פּיאָטער איוואַנאָוויטש, קומט, גענוג אייך צו דרעהען זיך דאָרט!

באָריסאָוו האָט פּאַוואָליע אַרויסגעקלאַפּט דאָס אַש פון דער לולקע, אַריינגעשאָטען דעם טאַבאַק אין זעקעלע און פערדרעהט מיט אַ שנירעל. דערנאָך האָט ער זיך פלוצלונג אָבגעקעהרט און צו אַלעמענס וואונדער—קיינער האָט נאָך זיין קול נישט גע-הערט—געגומען ריידען שטיל, נישט קלאָר, פערהאַקט, פעראיקעט און צו יעדען וואָרט כמעט צוגעשטעלט עפּיס אַ משונה ווערטעל: „אַ צעהנטע זאַך, איך בעט אייך.״

—און איך וועל אייך אָט וואָס, אַ צעהנטע זאַך, איך בעט אייך... מען בעדאַרף נישט וועגען גאָט. גוט, אויב מיט גאָט, אָבער מען קאָן דאָך אויך אָהן גאָט זיין אַ גוטער. איך בין אפילו נישט קיין אפיקורס, אָבער בעסער, אַז מען רעדט נישט דערפון. אָט די יודען זענען חכמים: ביי זיי טאָר מען נישט דערמאָהנען גאָטס נאָמען. רייד וואָס דו ווילסט, אַ צעהנטע זאַך, איך בעט אייך, אָבער גאָטס נאָמען זאָלסטו נישט דערמאָהנען... ס׳קאָן נישט יעדער זיין אַ בעדער...

—אָהאָ, איוואַניטש, רעדסטו גאָר אין גראַמען!—האָט גאַר-באַטשעווסקי געלאַכט און אָנגעפּאַטשט איהם אין פּלייצע.—נו, לאָמיר געהן, משורר, בעסער ווערסטו שוין נישט זאָגען!

די געסט זענען אַוועק. בעסטוזשעוו האָט זיי בעגלייט.

געבליבען אַליין מיט גאָליצינ׳ען, האָט איהם מוראַוויאָוו פונאַנדערגעפרעגט וועגען די פּעטערבורגער ענינים. מען האָט גע-

שמועסט וועגען „פראוואסלאווגעם קאטעכיזיס״. מוראוויאוו האט געבראכט א מאנוסקריפט און געוויזן גאליצינ׳ען.

דער קאטעכיזיס האט זיך אנגעהויבן אזוי:

„אין נאמען פון פאטער און זוהן און הייליגען גייסט.

פראגע: צו וואס האט גאט בעשאפען דעם מענש?

ענטפער: כדי דער מענש זאל אין איהם גלויבען און זאל זיין פריי און גליקליך.

פראגע: וואס הייסט זיין פריי און גליקליך?

ענטפער: אהן פרייהייט איז נישטא קיין גליק. דער הייליגער אפאסטאל פאאול האט געזאגט: איהר זענט צו-טייער געקויפט. ווערט נישט קיין קנעכט ביים מענשען.

פראגע: פארוואס איז דאס רוסישע פאלק און דאס רו-סישע מיליטער אזוי אומגליקליך?

ענטפער: ווייל די צארען האבען אוועקגערויבט ביי זיי די פרייהייט.

פראגע: וואס הייסט אונז טהאן דאס הייליגע געזעץ?

ענטפער: זיך בעפרייען פון דער לאנגיעהריגער קנעכט-שאפט, בעקעמפען די טיראנעריי און דעם שקר און זיך שווע-רען, אז דער איין-איינציגער מלך אויפ׳ן הימעל און אויף דער ערד איז יעזוס קריסטוס.״

דעמדאזיגען קאטעכיזיס האט גאליצין געלייענט נאך אין פעטערבורג, אבער איצט, נאכ׳ן לעצטען געשפרעך, האט אלץ בעקומען פאר איהם א נייעם זין.

—זאגט דעם אמת, גאליצין, ווי מיינט איהר, מען וועט פערשטעהן?—האט מוראוויאוו געפרעגט.

—איך ווייס נישט,—האט גאליצין געענטפערט.—מעגליך, אז מען וועט איצט נישט פערשטעהן. אבער דאס איז גארנישט. וועט מען שפעטער פערשטעהן. גוט, וואס דאס איז אנגעשריבען געווארען. דאס, וואס ווערט פערשריבען, דאס ווערט אויך פער-בליבען...

און פונקט ווי ער וואלט וועלען בעשטעטיגען דאס, וואס ער האט נאר-וואס געלייענט, האט ער דערצעהלט וועגען ווייסען

צאַר, וועגען דעם קייזער פעטער III, אין „וועלכען גאָט אַליין איז געזעסען מיט זיינע הענד און פיס.״

—נו, אָט-אָט!—האָט מוראַוויאָוו אויסגעשריען און אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד פון שמחה.—זאָגט עס דאָס פאָלק אויך? זענען מיר דאָך נישט אַזוינע טפשים, ווי גאָרבאַטשעווסקי מיינט... אַך, גאָליצין, ווי גוט איהר האָט געטהאָן, וואָס איהר זעהט גע-קומען צופאָהרען! עס וועט זיין כאָטש פאַר וועמען אויסצוגיסען דאָס האַרץ. אַזוי בין איך דאָ עלענד ווי אַ שטיין...

און אַז גאָליצין האָט איהם פאַר'ן אַוועקגעהן דערלאַנגט די האַנד, האָט ער זי גענומען און לאַנג געהאַלטען אין זיינער. און ביידע זענען געשטאַנען איינער געגען צווייטען און געשוויגען.

—נו, געהען מיר, אַלזאָ, צוזאַמען? יאָ?—האָט מוראַוויאָוו צולעצט געזאָגט און זיך עטוואָס פעררויטעלט.

—יאָ, צוזאַמען,—האָט גאָליצין געזאָגט און זיך אויך פער-רויטעלט.

מוראַוויאָוו האָט אַרויסגעלאָזט זיין האַנד, אַ מינוט געקוקט איהם אין די אויגען אַריין, ווי ער וואָלט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן, פּלוצלונג זיך שטאַרקער פעררויטעלט, אַ שמייכעל גע-טהאָן, אַרומגענומען איהם און אַ קוש געטהאָן.

גאָליצין האָט געשפּירט, אַז איהם ווילט זיך ווייגען, ווי דעמאָלט, אין חלום, בשעת סאָפיע איז געווען מיט איהם, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז זי איז איצט אויך מיט איהם.

צווייטעס קאַפּיטעל

עס זענען אָנגעקומען גליקליכע טעג. גאָליצין האָט כמעט גאָרנישט געטהאָן—נישט געלייענט, נישט געשריבען, אפילו נישט געטראַכט, בלויז געקליבען פערגעניגען פון דעם זיסען אוקראַאינישען זומער. ער איז דאָ קיינמאָל פריהער נישט געווען, אָבער אַלץ איז דאָ איהם אויס געקומען בעקאַנט, פונקט ווי ער וואָלט זיך אומגעקעהרט אַהיים נאָך אַ לאַנגער נסיעה אָדער ער וואָלט זיך דערמאָהנט אָן אַ פערגעסענעם חלום פון דער קינדהייט.

וואַסילקאָוו, אַ קליין פערלאָזט שטעדטעל, איז געלעגען צעוואָרפען איבער בערג און טהאָלען. גרויע הילצערנע הייזלעך און ווייסע ליימענע מאַזאַנקעס. טיילמאָל ענדיגט זיך אַ משופּע׳דיג געסעל מיט אַנ׳אָבגרונד, פונקט ווי עס וואָלט געפיהרט אין הימעל אַריין. אונטען דרעמעלט דאָס פלאַכע און שליימיגע טייכעל סטוגנע. פון ווייטען זעהען זיך בלויע בערג, הינטער זיי לויפט דער דניעפּר. דער דניעפּר זעהט זיך אָבער נישט, ער איז ווייט. צווישען די טונקעלע בלעטער פון קאַרשענבוימער שטעהען וויי-

סע כאַטקעס. אַ כאַטקע איבער אַ כאַטקע, אַ גאָרטען איבער אַ גאָרטען און צווישען זיי פּאַרקאַנעס, אַרומגעפלאָכטען מיט קיר-בעס-צווייגען.

אין די הייזלעך האָבען געוואוינט קליינע ערדבעזיצער און לאַנדווירטען, וואָס האָבען געגעסען, געטרונקען, געשלאָפען, גע-שפּיעלט צו ביסלעך אין פּרעפּעראַנס און געפיהרט אַ וכוח ווע-גען דעם, וואָסער טאַבאַק איז בעסער—צי דער שפּאַנישער, דער בערגאַמאָטישער, אָדער גאָר דער ראָאוּלירטער אָדער האַלבראָאוּ-לירטער טאַבאַק, און צי איז טאַקי באַנאַפּאַרט אויף אַנ׳אמת גע-שטאָרבען, אָדער דאָס איז בלויז אַנ׳אָנשטעל, און ער וועט פון דאָסניי בעפאַלען רוסלאַנד. זיי פלעגען געהן אין קלויסטער, פלעגען טרייבען בראָנפען אויף קאַרשענבייגדלעך און פלעגען זע-צען חזירים צום אָטשער-יום-טוב. די מיידלעך פלעגען לייענען די נייע ראָמאַנען פון זשאַנליס און ראַדקליף, אָבער דער אַלטפרענ-קישער ראָמאַן „דאָס יונגעל ביים טייכעל”, וואָס זיין מחבר איז געוועזען הער קאָצעבו, האָט ביי זיי מעהר אויסגענומען.

—איך האָב ליעב צו לייענען וועגען שרעקליכע און פיהל-באַרע זאַכען,—האָט זיך איינע פון זיי מודה-געווען פאַר גאָ-ליצינ׳ען.

ביים פּאָלק-קאָמאַנדיר געבעל פלעגען זיין טאַנצאָווענדען. די עלטערע דאַמען פלעגען שפּיעלען אין באָסטאָן און די מיי-דלעך פלעגען טאַנצען מיט אָפיצירען אונטער די קלאַנגען פון קלאַוויר. אויף דידאָזיגע אָווענדען איז בעסטוזשעוו געווען אַ פרעהליכער און אַ גאַלאַנטער קאַוואַלער. בשעת זעהר אַ דיקע דאַמע איז איינמאָל אַנידערגעפאַלען אויפ׳ן שטוהל מיט׳ן פּעכער אין דער האַנד און האָט אויסגעשריען:

—אוף-ף-ף, ווי איך בין מיד! מעהר וועל איך נישט טאַנצען, האָט בעסטוזשעוו בעמערקט:

—איך גלויב אייך נישט: סילפען ווערען נישט מיד!

אין אַזוינע מינוטען איז שווער געווען צו דערקאָנען אין איהם דעם פערשווערער.

איינטעניג איז געגאַנגען די צייט אין איבונגען, קאַראַוי-

לען און פּאַראַדען. די אָפיצירען האָבען זיך געלאַנגווייליגט, גע-טרונקען נעזשינער שאַטאָ-מאַרגאָ, געשאָסען מיט זאַלץ אין די יודען און געשלעפּט זיי פאַר די פּאות'ן. אָדער זיי פלעגען זי-צען אונטער'ן פענסטער מיט אַ גיטאַרע אין דער האַנד און פלע-גען זינגען:

וועֶר האָט געקאָנט אַזוי הייס ליעבען,
ווי איך האָב דיך געליעבט?

און ביינאַכט האָט מען פערלעגט אַ באַנק אין דער יודי-שער קרעטשמע און זיך געסטאַרעט אָבצובריירען עפּיס אַ דורכ-פּאָהרענדיגען פּוילישען קאָרטען-זשוליק, וואָס איז איינמאָל האַל-בע נאַכט אַרויסגעפלויגען פון פענסטער מיט שרעקליכע גע-שרייען:

—פּאַנאָוויע, איך פּראָטעסטיר!

קאַטריוסיע פלעגט אַלע פריהמאָרגען אַריינקומען צו גאָ-ליצינ'ען, מיט באָרפעסע פיס, אַ פרישע און אַ שלאַנקע, ווי אַ טאָפּאָל. זי פלעגט איהם ברענגען קאַלט וואַסער פון ברונים, וואָס איז אויך געווען אַזוי ריין, ווי איהר שמייכעל, און פלעגט מיט פרישע בלומען בעפּוצען די הייליגע בילדער.

די באָבעשי דונדוטשיכע פלעגט איהם קאָרמענען מיט קליינרוסישע מאכלים און אַלע נאַכט פלעגט איהם עטוואָס וועה טהאָן דער בויך. „מען בעדאַרף עסען וועניגער"—פלעגט ער טראַכטען, אָבער אויף מאָרגען פלעגט ער זיך ווידער איבער-עסען. פאַר אַ חודש צייט האָט ער זיך אַזוי אָבגעפּאַשעט, אַז דער ענגלישער וועג-אָנצוג, וואָס איז אין פּעטערבורג צו-ברייט געווען אויף איהם, האָט איהם איצט געדריקט. ער איז אויך פויל געוואָרען און שעה'ענווייז פלעגט ער זיצען ביים פענסטער און קוקען, ווי דער זקן—דער ביהנען-שומר, דרעהט זיך אַרום אין גאָרטען און בעדעקט די וואַסערמעלאָנען מיט גרויסע לאַ-טיכבלעטער—זיי זאָלען נישט ליידען פון דער היץ; ווי דער גע-לער יונג, דעם פּאָפּס זוהנדעל, שלעפּט אַ ציג און די ציג וויל נישט געהן; ווי די באָבעשי דונדוטשיכע, מיט'ן שפּינדעל אין האַנד, טרייבט פון באַרג אַ קעלבעל און בעת-מעשה שפּינט זי

לאַנגזאַם איהר וואָהל. אַרום און אַרום איז טויט-שטיל. מען הערט נאָר ווי ביים בעל-הבית אין הייזעל קלאַפּט דאָס וועבשטוהל, ווי עס זשומט און שפּרינגט דאָס שפּינרעדעלע און הינטער די פענסטער ערגעץ בעוועגט דער ווינד די שפּיצען פון די טאָפּאָליעס.

אַמאָל, ווידער, פלעגט זיך גאָליצין אַוועקשטעלען אינמיטען מאַרק און קוקען, ווי צוויי יודען אַמפּערן זיך, און דערביי מאַכען זיי אַזוינע האַסטיגע בעוועגונגען איינאַנדער אונטער דער נאָז, אַז עס פלעגט זיך דאַכטען, זיי וועלען זיך באַלד צו׳ממית׳ן; אויף דער בלענד-ווייסער וואַנד פלעגען זיך נאָך שנעלער בעוועגען זייערע שאָטענס, פּונקט ווי די וואָלטען זיך שוין יאָ געשלאָגען. און דאָ, אויפ׳ן מאַרק, פאַר דעם איינציגען געמויערטען הויז פון די שטעדטילשע אינסטיטוציעס, ליעגט דער לאַגער פון די אָקסענטרייבער און זאַלצפיהרער. אַנ׳אָקס מיט געדרעהטע הערנער ליעגט אויף שטרוי און איז מעלה-גרה, און פון זיין לאַנציגער שוואַרצער מאָרדע ציהט זיך אַ קליין העל פּאַסיקעל גאַווער, און אַ שכור׳ער טשומאַק זיצט נעבען זיין וואָגען, אָנגעשפּאַרט מיט דער באַק אויפ׳ן האַנד, בעוועגט זיך לאַנגזאַם און שטיל און זינגט מרה׳שחורה׳דיג:

אוי, גע׳שכור׳ט, אוי, געטרונקען
האָט ער, דער טשומאַק,
און פערטרונקען אַלץ צוזאַמען,
האַק און פּאַק.

און איבער דעם גאַנצען שטעדטעל הענגט אַ פלאַמפייערדיגע היץ, אַ פוילקייט, אַ שלעפעריגקייט און אַ טויטע שטילקייט. הינד בילען נישט—שלאָפען; היהנער געהען נישט אַרום—ליעגען איינגעגראָבען אין ווייכען שטויב און שלאָפען. זעקס אָקסען, איינגעשפּאַנט אין אַנ׳אַקער, זענען געבליבען שטעהן אינמיטען גאַס; דער בעל-הבית שלאָפט, די אָקסען שלאָפען און אַלץ איז אונבעוועגליך. אַ פאַרבייגעהענדיגער סאָלדאַט וועקט-אויף דעם שלאָפענדיגען. גיט ער אַ לאַנגען גענעץ, נעהמט זיך קראַצען איז פּאַטילניצע און זאָגט גראָב אַרויס:

—אין דר'ערד אריין!

דערנאָך גיט ער אַ קלאַפּ די אָקסען: „צאָב-צאָב!" און זיי ריהרען זיך פון אָרט, אָבער עס דאַכט זיך, אַז זיי וועלען באַלד ווידער איינשלאָפען.

אין דער פייערדיגער היץ שווימט טיילמאָל אָן אַ וואָלקען און עס דערהערט זיך עפּיס אַ ברומען. אפשר אַ דונער? ניין, אַ וואָגען קלאַפּט. דער וואָלקען שווימט-אַוועק און פון דאָסניי ווערט הייס, שלעפעריג און פויל און די טויטע שטילקייט ווערט נאָך גרעסער.

—אינגיכען וועט מען אָנהויבען עפּיס צו טהאָן. מיר האָבען קאַטעגאָריש בעשלאָסען אָנצוהויבען די רעוואָלוציע אין יאָהר 1826,—האָט בעסטושעוו געזאָגט.

גאָליצין האָט געהערט און נישט געוואוסט, צי דאָס איז אַ דונער, צי אַ קלאַפּעריי פון אַ וואָגען.

אָבער מוראַוויאָוו האָט איינמאָל זיך אָנגערופען:

—דאָס, וואָס אונזערע מיטגלידער טהוען גאָרנישט—און אייבערהויפּט די צפון'דיגע מיטגלידער,—איז פאַר אונז אַזוי געפעהרליך, אַז איך וועל מיך אפשר בענוצען מיט דעם ערשטען זאַמעלפונקט פונ'ם מיליטער, כדי אָנצוהויבען...

און גאָליצין האָט באַלד געגלויבט, אַז אַזוי וועט זיין, ווי ער זאָגט. „יאָ, דאָ וועט מען אָנהויבען",—האָט ער געטראַכט און אין פּעטערבורג איז עס איהם קיינמאָל נישט געקומען אויף דער מחשבה. וואָס די שטילקייט איז גרעסער, אַלץ שרעקליכער רוקט זיך די כמאַרע, און ער האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס ווייטע ברומען איז נישט קיין קלאַפּעריי פון אַ וואָגען, נאָר טאַקי אַ דונער.

בעסטושעוו האָט איהם דערצעהלט וועגען די סלאַווען.

—געדענקט איהר, ביי ראַדישטשעוו'ן: „איך האָב אַ קוק געטהאָן אַרום זיך, און מיין האַרץ איז אָנגעזאַפּט געוואָרען מיט די ליידען פון דער מענשהייט". נו, אַזוי האָט זיך אויך ביי זיי אָנגעהויבען. די ברידער באָריסאָוו האָבען געוואוינט מיט'ן פאָטער אין דאָרף און דאָרט האָבען זיי געזעהן, ווי די פּאַנען פּייניגען

זייערע מענשען ביז בלוט. דערנאָך זענען זיי אַוועק אין דער אַרמעע און דאָ האָבען זיי ווידער געזעהן: אכזריות, קנוט און שפּיצרוטען. אָבער אַז מען האָט איין סאָלדאַט פּערשמיסען צו טויט, האָבען זיי זיך געשוואָרען מיט'ן לעבען, אַז זיי זאָלען דאָס מעהר נישט זעהן... נו, אַ ביסעל האָבען אויך די ביכער צוגעהאָלפען. פּלוטאַרכס לעבענסבעשרייבונג פון בעריהמטע מענער, די גריכען און די רוימער האָבען פון קינדוויז-אָן איינגעפּלאַנצט אין זיי די ליעבע צו פריייהייט און פאָלקסהערשאַפט. אַז זיי זענען נאָך געווען אין קאַדעטען-קאָרפּוס, האָבען זיי שוין געוואָלט גרינדען אַ געהיימע סעקטע, וואָס האָט זיך געשטעלט דאָס ציעל צו לעבען שטיל און איינזאַם, צו פאָרשען די נאַטור און פערפאָלקאָמען זיך אין גוטע מעשים, עהנליך צו די פּיטאַגאָרייער. צוויי פעראייניגטע הענד איבער אַ מזבח מיט דער אויפשריפט: „רוהם, ליעבע, איינינקייט" איז געווען זייער דעוויז. דידאָזיגע געזעלשאַפט האָט ביי זיי געהייסען „לאָזשע פון ערשטער איינינקייט". זיי האָבען געשאַפען הערעגליפען, סימבאָלען און הייליגע סימנים. איינמאָל, זומער, בשעת וואַקאַציע, האָבען זיי אינ'ם דאָרף רעשעטילאָווקע, פּאָלטאַווער גובערניע, איינגעאָרדענט לכבוד דער זון אַ פּיטאַגאָרישע פּראָצעסיע אין ווייסע קליידער, מיט געזאַנג און מוזיק. נאָכדעם, אַז זיי זענען געוואָרען אָפיצירען, האָבען זיי אין אָדעס געגרינדעט אַ מאַסאָנישע לאָזשע—„פריינד פון דער נאַטור" און האָבען צוגעגעבען צו זייערע פריהערדיגע תקנות: אָבריייניגען די רעליגיע פון פאָראורטיילען און גרינדען די בעוואוסטע פלאַטאָנישע רעפּובליק. פון דידאָזיגע צוויי לאָזשעס איז ענטשטאַנען די סלאַווען-געזעלשאַפט...

—וואָס-זשע ווילען זיי?—האָט גאָליצין געפרעגט.

—זיי ווילען פעראייניגען אַלע סלאַווישע פעלקער אין איין רעפּובליק.

—דאָס נאָר?

—לאַכט נישט, גאָליצין. ווען איהר וואָלט געוואוסט, וואָס פאַר אַ מענשען דאָס זענען! אמת'ע גריכען און רוימער. מיר דאַכט זיך, אַז אין זיי האָבען מיר געפונען דאָס, וואָס בעסטעל

האָט געזוכט—אַנ׳אָטראַד, וואָס געהט שטאַרבען פאַר׳ן וואויל-שטאַנד פון פאָטערלאַנד...

אַז גאַליצין האָט זיך דערוואוסט, אַז דידאָזיגע אַרמעאישע פּאָרוטשיקעס און פּראָפּאָרשטשיקעס האָבען בעשלאָסען אָבצוגעבען אַ צעהנט-חלק פון זייער פּענסיע אויסצוקויפען דערמיט די לייב-פּויערים און גרינדען דאָרפישע שולען; אַז ער האָט זיך דער-וואוסט, אַז די ברידער באָריסאָוו עסען ברויט מיט קוואַס און טראָגען פּינקטליך אַריין אין דער קאַסע פון דער געזעלשאַפט דעם בעשטימטען חלק פון זייער געהאַלט,—האָט ער אויפגעהערט צו לאַכען.

איהם האָט זיך זעהר געוואָלט פערפיהרען אַ שמועס מיט באָריסאָוו׳ן, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט אָנגעהויבען ריי-דען מיט איהם, פלעגט יענער נעהמען שמייכלען, אַ פערשעמ-טער, פלעגט זיך רויטלען, נישט ענטפערן קלאָר, און שטענדיג פלעגט ער צוגעבען זיין ווערטעל: „אַ צעהנטע זאַך, איך בעט אייך”. עס איז געווען קענטיג, אַז ער איז נישט קיין בעלן אויף אַזוינע שמועסען און גאַליצין פלעגט אויפהערען צו ריידען.

—אַ מאָדנער מענש! איז ער שטענדיג אַזאַ?—האָט ער גע-פרעגט בעסטוזשעוו׳ן.

—יאָ, ער איז אַ פערבאָרגענער און מען קאָן ביי איהם קיין טאָלק נישט דערגעהן. און דער ברודער זיינער, אַנדרעי איוואַניטש, איז נאָך ערגער פאַר איהם. יענער איז גאָר אַ מרה-שחורה׳ניק. זיצט שטענדיג ביי זיך אין צימער, אַ פערשלאָסענער, און ווייזט זיך ערגעץ נישט. אַמאָל געהט ער אַרויס אין פעלד בלומען קלויבען אָדער כאַפּען שמעטערלינגען...

גאָרבאַטשעווסקי האָט אָבגעלעגט די אונטערהאַנדלונגען מיט דער דרום׳דיגער געזעלשאַפט ביז די הערבסט-לאַגערן. ער האָט זיך מכין-געווען צו פאָהרען קיין נאָווגראַד-וואָלינסק, וואו עס איז געשטאַנען די 8-טע אַרטילערישע בריגאַדע. דאָ האָט ער געדיענט צוזאַמען מיט באָריסאָוו׳ן. באָריסאָוו האָט געוואָלט פאָה-רען מיט איהם צוזאַמען, אָבער ער האָט זיך נישט גערירט פון

אָרט. בעסטוזשעוו האָט איהם חושד-געווען, אַז ער האָט נישט קיין רייזע-הוצאות.

איינמאָל, אין פעלד, דאָרט, וואו די וועגען געהען זיך פונאַנדער, האָט גאַליצין בעמערקט אַן׳אַלטען בלינדען באַנדורע-שפּיעלער. ער האָט געשפּיעלט אויף זיין באַנדורע און געזונגען וועגען באָגדאַן כמעלניצקי, וועגען דער קאָזאַקען-רעפּובליק און דער אַלטער קאָזאַקען-פרייהייט...

גאַליצין האָט כמעט נישט פערשטאַנען די ווערטער, אָבער די פּשוט׳ע קאָזאַקען מיט זייערע ווייבער, וואָס האָבען זיך צוגעהערט מיט גרויס יראה, דעם זקנ׳ס בעגייסטערט געזיכט מיט די אויפגעהויבענע ברעמען, די בלינדע איינגעפאַלענע אויגען, זיין ציטעריגער קול, דאָס שטילע ברומען פון די באַנדורע-סטרונעס און די טרויעריגע לידער, וואָס האָבען אָנגעכאַפּט ביים האַרץ,— דאָס אַלץ האָט איהם מעהר געזאָגט, איידער די ווערטער.

„די קאָזאַקען-מדינה איז מיט ווילדע צמחים פערוואַקסען געוואָרען און גאָט האָט פערשאָלטען די פרייע סטעפּעס: עס וועלקען די גראָזען, די וואַסערן געהען צוריק אין דער ערד אריין און נישטאָ מעהר די אַמאָליגע פרייהייט—

ס׳איז געוועזען און פערשוואונדען

און עס וועט צוריק נישט קומען!"

האָט דער זינגער געענדיגט. עמיץ האָט אַ כליפּע געטהאָן; אַ צווייטער האָט אויסגעווישט די טרעהרען מיט׳ן אַרבעל פון דער סוויטקע; אַן׳אַלטער וויסוואָנסיגער קאָזאַק האָט זיך געהאַלטען מיטביידע הענד פאַר׳ן שטעקען, דעם קאָפּ טיעף אַראָפּגעלאָזט און ער האָט אַזוי שווער אָבגעזיפצט, פּונקט ווי ער וואָלט פּלוצלונג בעקומען עפּיס אַ שרעקליכע ידיעה.

און דעם זינגערס קול האָט געקלונגען נאָך פייערליכער:

געפאַלען איז דער קאָזאַק-קאָפּ אַצינד,

אַזוי ווי גראָז אין גרויסען שטורמווינד;

דאָך לעבט, דאָך בלייבט זיין גבורה און זיין רוהם,

וואָס וועט פון איהם דערצעהלען אומעטום.

 דאָס ליעד איז איבערגעריסען געוואָרען. די לעצטע ווער-

טער האָט גאָליצין פערשטאַנען. און עפּיס קינדישעס און ריהרענ־דיגעס האָט איהם פון דאָסניי אָנגעפילט די נשמה. איז דען די אַלטע פרייהייט, פאַר וועלכער דידאָזיגע פשוט׳ע מענשען זענען געגאַנגען שטאַרבען, נישט דאָס אייגענע, וואָס די נייע פריי־הייט, פאַר וועלכער זיי, די פערשווערער, געהען שטאַרבען?

ער איז צוגעגאַנגען צום זינגער און אַוועקגעלעגט איהם אויף דער האַנד צוזאַמען מיט די קופּערנע גראָשענס עטליכע זילבערנע מטבעות. דער אַלטער האָט זיי אָנגעטאַפּט און אָבגע־קעהרט צו איהם דאָס געזיכט.

—פאַנעלע מיינס! שוואַנעלע מיינס! גאָט זאָל דיר אַזוי העלפען, ווי דו האָסט מיר געהאָלפען!

—ביזט שוין לאַנג בלינד, זיידעניו?—האָט גאָליצין גע־פרעגט.

—שוין לאַנג, מיין טייערער. איך געדענק שוין אַליין נישט, ווי לאַנג איך געה אַזוי אַרום אויף גאָטס וועלט און זעה נישט די ליכטיגע זון...

ער האָט אָנגעשטעלט זיינע בלינדע אויגען אויף דער זון און צוגעגעבען מיט דעמזעלבען טרויעריגען קול, מיט וועלכען ער האָט נאָר־וואָס געזונגען:

—אָך, מיין ליעבע גוטע זון! כאָטש איך זעה דיך נישט, דאָך ווילט זיך נישט שטאַרבען.

און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דידאָזיגע ווערטער זענען אַ המשך פון זיין ליעד.

—נו, וואָס, פירשט, ווי איז עס אייך געפעלען?—האָט גאָ־ליצין, אַרויכגעהענדיג פון המון, פלוצלונג דערהערט באַריסאָווס קול.

—וואונדערליך!

—און איך האָב געמיינט, אַז אייך וועט עס נישט גע־פעלען.

—פאַרוואָס מיינט איהר אַזוי?

—אין פּעטערבורג האָט איהר דאָך געמוזט הערען די אי־טאַליענישע אָפּערעס. נו, ווי קאָן זיך גלייכען צו זיי אונזער

זינגער, אַ צעהנטע זאַך, איך בעט אייך...

—נו, וואָס רעדט איהר, ווי אַזוי קאָן מען זיי פערגליי-
כען. איך וואָלט איהם נישט געביטען אויף קיין שום אָפּערע אין
דער וועלט.

—באמת? האָט איהר בעדאַרפט הערען אונזער יאַוווטוך
שאַפּאָוואַלענקאָ—ווי אַזוי ער זינגט,—האָט בעריסאָוו געזאָגט און
נישט געענדיגט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך פּלוצלונג דערשראָקען.
ער האָט זיך איינגעקנוידערט און שנעל אַרויסגעזאָגט:

—נו, אַדיע, פּירשט. איך געה מיט אַנ׳אַנדער וועג...

און האָט איהם עפּיס משונה דערלאַנגט די האַנד, מיט אַ
זייט, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז גאָליצין זאָל נישט זעהן
און נישט נעהמען.

—פּיאָטער איוואַנאָוויטש, איך קאָן אייך גאָרנישט בעגלייטען?

—נו, איך ווייס דאָרטען, אַ צעהנטע זאַך, איך בעט אייך.
איך געה איצט צו די יודען. ביי זיי איז נישט גוט, אייך וועט
עקלען...

—אַ מאָדנער מענש זענט איהר, באָריסאָוו. אַ מיידעלע,
מיינט איהר, בין איך?

—ניין, נישט דאָס מיין איך, אַ צעהנטע זאַך, איך בעט
אייך,—איז באָריסאָוו אינגאַנצען פערשעמט געוואָרען,—נו, מילא,
אויב איהר ווילט, טאָ קומט.

דעם גאַנצען וועג האָט ער געשוויגען, פּונקט ווי ער וואָלט
חרטה-געהאַט דערויף, וואָס ער האָט פריהער גערעדט. אָבער גאָ-
ליצין האָט בעשלאָסען נישט אָבצולאָזען איהם. באָריסאָוו האָט
איהם אַרויפגעפיהרט אויף אַ יודישען קרעטשמע-הויף.

ווי אין אַלע אוקראַאינישע שטעדטלעך, האָבען יודען גע-
וואוינט אינ׳ם גאַנצען שטעדטעל, אָבער בעזונדערס האָבען זיי
זיך געטוליעט אין בעזונדערע קוואַרטאַלען. דאָ זענען געשטאַנען
אַלטע קליינע ליים-הייזלעך מיט שפּיציגע דעכלעך. די גאַסען
זענען זעהר שמאָלע און איינגע און די אַרויסגערוקטע הילצער-
נע קרעמעלעך מאַכען זיי נאָך איינגער. אין די פענסטער הענ-
גען שמאַטעס, אומעטום שמוץ און עיפּוש, און אינ׳ם הויפּט־

גריבלען זיך האַלבנאַקעטע יודישע קינדער און הינד. באָריסאָוו און גאַליצין זענען אַריין אין אַ הייזעל. אַ מעוברת'ע יודענע מיט אַ שווינדזיכטיגען פּנים און מיט אַ טיכעל אויף אַ געגאָלטען קאָפּ, האָט זיך געטענטעלט מיט'ן טשאָלענט אויף שבת. עס איז גע-ווען פרייטאָג, און זי האָט זיך בעדאַרפט אָבפּאַרטיגען מיט איהרע וואָכעדיגע אַרבייטען.

—נו, וואָס מאַכט ברוך?—האָט באָריסאָוו געפרעגט.

—אַי, טייערער פּאַן, זעהר שלעכט, טאַקי גאָר שלעכט...

—ניש'קשה, רבקה, גאָט וועט העלפען, וועלען מיר איהם אויסהיילען,—האָט באָריסאָוו געזאָגט און האָט איהר עפּיס דער-לאַנגט אין דער האַנד אַריין.

—איך דאַנק אייך זעהר, טייערער פּאַן! גאָט זאָל אייך בעצאָהלען דערפאַר!—האָט זי אויסגעווישט די אויגען מיט אַ ברעג פון טיכעל. דערנאָך האָט זי זיך אָנגעבויגט און געוואָלט איהם, ווייזט-אויס, אַ קוש טהאָן די האַנד, אָבער ער האָט צו-געכאַפּט די האַנד און איז שנעל אַרויסגעגאַנגען.

דורך גליטשיגע טרעפּלעך האָבען זיי זיך אַראָבגעלאָזט אין אַ קעלערשטוב. אויף דער פּאָדלאָגע האָבען זיך געוואַלגערט בערג מיט שמאַטעס און דערביי זענען געשטאַנען פולע פּאָמוניצעס מיט שמוץ. פון זיי האָט געצויגען אַזאַ עיפּוש, אַז מען האָט נישט געקאָנט אָטעמען. ביי דער מזרח-וואַנד איז געשטאַנען אַנ'ארון, פערהאַנגען מיט אַ פּרוכת. אויף אַ טשוואָק איז געהאָנגען אַ זעקע-לע מיט תפילין, אויף אַ צווייטען טשוואָק—אַ וועקסען געפלאָכטען ליכט לכבוד שבת. אַנ'אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד איז געלעגען אויף אַ קאַסטען מיט שמאַטעס, וואָס האָט געדיענט אָנשטאָט אַ בעט.

ברוך עפּעלבוים, אַ גרויסער חסיד און למדן, איז אַמאָל געווען אַ רייכער סוחר, אָבער זינט זיין געליעבטע טאָכטער איז אַנטלאָפען מיט אַ גוי'עשען פּריקאַזטשיק, איז ער אַריינגעפאַלען אין מרה-שחורה, פערלאָזט זיינע געשעפטען, בדיל-הדל-געוואָרען און, אַ טויט-קראַנקער, געקומען קיין וואַסילקאָוו צו זיינע ווייטע קרובים. ער האָט נישט געהאַט קיין אָרט, וואו דעם קאָפּ אָנצו-

שפּאַרען. באָריסאָוו׳ן האָט ברוך אַמאָל אַ גרויסע טובה געטהאָן, ער האָט איהם עפּיס אַרויסגעשלעפּט פון אַנ׳אומגליק און געליהען געלד, און איצט, בשעת אַלע האָבען פערלאָזט דעם אַלטען, פלעגט איהם באָריסאָוו עפּטער בעזוכען און פלעגט איהם אויפּפּאַסען, ווי אַ טרייע און האַרציגע וואַכטערקע.

—גאָטס אויג איז אָבגעטהאָן געוואָרען פון מיר! נישטאָ קיין גאַנצער אָרט אין מיין לייב און נישטאָ קיין מנוחה אין מיין געביין. מיינע וואונדען שטינקען און פוילען פון מיין משוגעת!—האָט ברוך געשריען, אָבער מיט אַזאַ מרה-שחורה׳דיגפייערליכען טאָן און מיט אַזאַ מינע, אַז מען האָט נישט געקאָנט וויסען, צי דאָס איז אַ תפילה אָדער גאָט-לעסטערונג.

—נו, ברודער, גענוג דיר צו שרייען. איך וועל דיך איינרייבען, וועט דיר לייכטער ווערען.

באָריסאָוו האָט איהם געהאָלפען אויסטהאָן דאָס שמוציגע צוריסענע העמד. גאָליצין האָט דערזעהן אַ טויט-בלאַסען גוף מיט אָבשטויסענדיגע רויטע פלעקען, און ער האָט נישט-ווילענדיג אומגעדרעהט דאָס געזיכט. „אַ מיידעלע בין איך, צי וואָס?”—איז איהם געקומען אויף דער מחשבה.

אָבער באָריסאָוו האָט געטהאָן זיין זאַך, ווי אַ גוטער דאָקטאָר: ער האָט פערקאַטשעט די הענד, אַרויסגענומען אַ קליין טעפּעלע מיט שמירעכטס און גענומען איינרייבען דעם אַלטען. דער אַלטער האָט געשריען, זיך געקאָרטשעט פון יסורים, ווייל דאָס שמירעכטס איז געווען שאַרף און האָט פערשאַפט גרויסע יסורים.

אַז באָריסאָוו האָט געענדיגט זיין איינרייבונג, איז דער אַלטער לאַנג געלעגען אָהן בעוועגונג, מיט צוגעמאַכטע אויגען, ווי אַ טויטער. דערנאָך האָט ער געעפענט די אויגען, אַ קוק געטהאָן אויף באָריסאָוו׳ן און געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט ווייטער געפיהרט אַנ׳איבערגעריסענעם שמועס:

—איהר האָט נישט לאַנג, וואַשע בלאַגאָראָדיע, געזאָגט, אַז ישו הנוצרי האָט אַ סך גוטס געטהאָן דעם מענשען, און איך זאָג אייך, אַז ער האָט זיי שלעכטס געטהאָן. או-וואַ, אַזויפיעל

שלעכטס האָט נאָך קיינער דעם מענשען נישט געטהאָן, ווי ישו הנוצרי...

—דו רעדסט נאַרישקייטען, ברוך, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער געטהאָן?

—אָט וועל איך אייך זאָגען, וואַשע בלאַגאָראָדיע, אָבער הערט נאָר מיך אויס. איך בין אפילו אַ פערשאָלטענער הונד, אַ פאַסקודנער זשיד, און פונדעסטוועגען וויס איך אַלץ בעסער פון אייך,—האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן מיט אַ כיטרע שמייכעלע פון אַ געאיבטען קאַזואיסט; ער האָט צוזאַמענגעמישט די רוסישע שפראַך מיט דער אוקראַאינישער, פוילישער און יודישער, אָבער זיין געזיכט, זיין קול און זיינע בעוועגונגען האָבען אויסגעדריקט אַזויפיעל איבערצייגונג, אַז גאָליצין האָט פערשטאַנען כמעט אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט.—אָט קוק איך אין פענסטערל, זעה איך: אָט געהט לייבע פון בערדיטשעוו, אָט געהט שמוליק פון נעזשין און אָט געהט ישו הנוצרי. לייבע איז אַ יודעלע, שמוליק איז אַ יודעלע, אַלע עלענדע יודעלעך, אָבער ווער איז ישו?

—ישו הנוצרי איז יעזוס קריסטוס,—האָט באָריסאָוו אַ שעפּטשע געטהאָן גאָליצינ׳ען אויפ׳ן אויער.

—אָבער הערט-נאַר, הערט-נאַר, איך וועל אייך אַלץ זאָגען,—האָט שוין דער אַלטער צו ביידען גערעדט; איהם האָט, אַפּנים, הנאה-געטהאָן, וואָס גאָליצין הערט איהם אויך.—איהר, קריסטען, ווייסט נישט, אָבער מיר, יודען, ווייסען יאָ, ווער ישו הנוצרי איז געוועזן. מיר קענען זיין גאַנצע משפחה—מיר קאָנען זיין מוטער און זיין פאָטער און זיינע שוועסטערלעך און ברידערלעך!—האָט ער כיטרע פערזשמורעט אַנ׳אויג און זיך פּלוצלונג צוגעזעצט מיט אַ דין געלעכטערל.—אין וואַרשוי האָט מיר איינמאָל אַ פאַנעלע, אַ גוטינקער און אַ קלוגינקער, ווי איהר, געגעבען צום לייענען דאָס עוואַנגעליום. „נאַ, לייען,—זאָגט ער,— ברוך, אפשר וועסטו האָבען אַ פּעולה דערפון”. האָב איך גענומען לייענען, אָבער ניין, איך קאָן נישט. „נו,—זאָגט ער,—פאַרוואָס קאָנסטו נישט לייענען?” „זענט מיר מוחל,—זאָג איך,—דאָס איז אַזאַ לעכערליכער ספר, אַז דער לעבער קאָן מיר נאָך צופּלאַצט

ווערען פון געלעכטער. „נאַרישער קאָפּ דו,—רופט ער זיך אָן צו מיר,—וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו לאַכען?" זאָג איך איהם: „או-וואַ, זענט מיר נאָר מוחל, גוטער מענש, ווי איז עס אָבער מעגליך, פרעג איך אייך, צו האָבען אַ קינד אויף דער וועלט אָהן אַ פאָטער?"

און פלוצלונג איז איהם פערשוואונדען געוואָרען דאָס גע-לעכטערל. ער האָט צוזאַמענגעקוועטשט די פויסטען און אַ מאַך געטהאָן מיט זיי אין דער לופטען און דאָס פנים האָט איהם גע-ברענט, ווי ביי אַ משוגע'נעם.

—איך דאַוונען זאָגען מיר: „שמע ישראל, יי אלהינו יי אחד". אָבער ער, אַ מענש, האָט זיך געמאַכט פאַר אַ גאָט! נישטאָ קיין ערגערע זאַך אויף דער וועלט, ווי דאָס... פערשאָלטען, פערשאָל-טען, פערשאָלטען זאָל ער זיין, דער רמאי!—האָט דער אַלטער געדונערט אין זיין הייליגען גרימצאָרן, ווי דער אויבער-גלח קאַי-פאַס האָט אַמאָל זיינע קליידער צוריסען פאַר'ן געריכט.—איך בין אַ פּאַסקודנער זשיד, אַ ברודיגער הונד בין איך, אָבער אויף אייער גאָט...—און דער אַלטער האָט פערענדיגט מיט אַ גאָטלעסטערי-שען וואָרט.

—נו, וואָס, מיין יודעל איז נישט קיין נאַר?—האָט באָרי-סאָוו געזאָגט, בשעת זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס.

—אַנ'אמת'ער פילאָזאָף, געראָטען אין זיין ברודער ברוך ספינאָזע,—האָט גאָליצין געענטפערט,—אָבער זיי אַלע פערשטעהען עפּיס נישט דעם עיקר.

—און וואָס איז דער עיקר?

—נו, דאָס וועל איך אייך נישט זאָגען. דאָ מוז מען האַל-טען ס'מויל,—האָט גאָליצין אַ שמייכעל געטהאָן.

—אַבי איך האָב מיך שוין געשראָקען, אַז איהר וועט עס מיר זאָגען,—האָט באָריסאָוו ערנסט אַ קוק געטהאָן אויף איהם; דערנאָך האָט ער פלוצלונג אַ שמייכעל געטהאָן און געפרעגט:— וואוהין געהט איהר?

 —אַהיים,—האָט גאָליצין אומישנע געזאָגט: ער האָט גע-

האָלט זעהן, צי באַריסאָוו וועט זיך, ווי אַלעמאָל דערפרעהען, וואָס מען לאָזט איהם צורוה.

—איהר זענט פערנומען היינט?

—ניין.

—סאָ קומט-אַריין צו מיר. ווייסט איהר, גאַליצין, איך האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט אייך עפּיס ריידען, אָבער איך שרעק מיך...

—וואָס שרעקט איהר זיך?

—אַט ווי מיין פאָטער פלעגט זאָגען: מיט גרויסע לייט זאָלסטו קיין קאַרשען נישט עסען, וואָרום דו קאָנסט זיך נאָך אויסשלאָגען אַנ׳אויג מיט אַ ביינדעל.

—האָט איהר אַזוי געטראַכט וועגען מיר?

—נו, זענט נישט בייז. איצט שוין נישט אַזוי...

—אָבער ווי?

—איצט,—האָט זיך באַריסאָוו צולאַכט,—זעה איך, ווי דער אַלטער ביהנען-שומר זאָגט,—אַז איהר זענט אַ מענש, ווי אַלע מענשען און נישט קיין פּאַן.

—נו, גאָט צו דאַנקען.

—איהר זענט נישט בייז?

—פאַרוואָס זאָל איך זיין בייז? איהר זענט דאָך באמת אַ מאָדנער מענש.

און גאַליצין האָט פּלוצלונג דערשפּירט, ווי באַריסאָוו דריקט איהם שטילערהייד די האַנד.

—בעסטוזשעוו האָט מיט אייך געשמועסט וועגען די סלאַ-ווען?—האָט באַריסאָוו אַ פרעג געטהאָן.

—יאָ, גערעדט.

—איהר האָט מסתמא נישט פערשטאַנען?

—נישט אינגאַנצען.

—דאָס איז דאָך אָבער אַזוי פּשוט.

—טיילמאָל איז אַמשווערסטען צו פערשטעהן דאָס פּשוט׳ע.

—אמת, אמת,—האָט באַריסאָוו אונטערגעכאַפּט.—דאָס סאַמע פּשוט׳ע איז דאָס סאַמע שווערסטע. אָבער איהר קאָנט דאָך פער-

שטעהן: דעם בלינדען האָט איהר פערשטאַנען און דעם יודען האָט איהר פערשטאַנען, וועט איהר אונז אויך פערשטעהן...

איצט האָט ער גערעדט קלאָר און פערשטענדליך, פונקט ווי ער וואָלט אַנ׳אַנדער מענש געוואָרען. און דאָס געזיכט האָט זיך איהם אויך געענדערט. „וואָס פאַר אַ ליעב געזיכט און ווי אַזוי האָב איך איהם פריהער נישט בעמערקט!“—האָט זיך גאָליצין גע׳חדוש׳ט.

באָריסאָוו האָט געוואוינט אין אַנ׳עק שטאָדט, ביי דער באָגוסלאַווער זאַסטאַווע, אין אַ קליין הייזעל מיט צוויי קליינע צימערלעך, כמעט גאָר אָהן מעבעל. „לעבט בלויז מיט ברויט און קוואַס,“—איז גאָליצינ׳ען געקומען אויף דער מחשבה.

אַז זיי זענען אַריין אין הייזעל, איז ראַפּטום און דערשראָקען אויפגעשפרונגען אַ יונגערמאַן, מיט אַ ליעבען, אומעטיגען און קרענקליכען פּנים און אויך מיט אַזוינע שטילע אויגען, ווי ביי באָריסאָוו׳ן. פריהער איז ער געזעסען ביים פענסטער און האָט עפּיס געצייכענט. דערזעהן די געסט, איז ער אָהן אַ גוטמאָרגען אַריינגעלאָפען אין צווייטען צימערל און פערשלאָסען די טהיר. דאָס איז געווען באָריסאָווס ברודער, אַנדרעי איוואַנאָוויטש.

באָריסאָוו האָט געוויזען דעם גאַסט אַ קאָלעקציע שמעטערלינגען, אינזעקטען און צייכנונגען פון חיות, פויגעל, פעלדבלומען און פלאַנצונגען.

—דאָס אַלץ געהערט צו אַנדרעי איוואַנאָוויטש׳ן. נישט זואָהר, ער קאָן?—האָט באָריסאָוו שטאָלץ געזאָגט.

די צייכנונגען זענען באמת זעהר גוטע געוועז.

—דאָ איז הייס און אַ סך פליגען. קומט אין גאָרטען,—האָט באָריסאָוו פאָרגעלעגט.

גאָליצין האָט פערשטאַנען, אַז ער וויל נישט שטערען זיין קראַנקען ברודער.

דאָס הייזעל האָט קיין גאָרטען נישט געהאַט און איז געשטאַנען אויף אַ נאַקעטען פּלאַץ. זיי זענען איבערגעקראָכען איבער אַ פּאַרקאַן אין אַ פרעמדען גאָרטען, וואָס האָט געהערט צו אַ דיאַק, און זיך דאָרט אַנידערגעזעצט אין הויכען גראָז, אין גע-

דיכטען שאָטען פון קאַרשענבוימער. אויפ׳ן ווייסען וועג, הינ־טער׳ן פּאַרקאַן, האָט די לופט געפּלאַטערט און געציטערט פון היץ. אָבער דאָ, אין שאָטען, איז געווען קיהל. אינ׳ם געדיכטען מאָך האָט געברומט אַ קליין וואַסערשטראָמעל און דאָס שטילע זשומען פון די ביהנען האָט דערמאָהנט דעם קלאַנג פון אַ ווייטער גלאָק.

—נו, זאָגט, וואָס האָט איהר נישט פערשטאַנען?—האָט באָריסאָוו אָנגעהויבען.

—אייער געזעלשאַפט וויל פעראייניגען אַלע סלאַווען אין איין רעפּובליק?—האָט גאַליצין געפרעגט.

—יאָ. אין איין פעדעראַטיווען מלוכה-פערבאַנד. עהנליך צו דעם אַלטגריכישען, אָבער אַ סך פאָלקאָמענער.

—מיט וואָסערע מיטלען ווילט איהר עס דערגרייכען?

—מיטלען? דיזעלבע, וואָס איהר, אַ צעהנטע זאַך, איך בעט אייך. נו, אַנ׳אויפשטאַנד, אַראָבוואַרפען די דינאַסטיע... און נאָך דערטען וואָס... איהר ווייסט דאָך...

גערעדט, קענטיג, אַ פרעמדע, אַנ׳אויסגעחזר׳טע זאַך, וואָס איז פאַר איהם גופא נישט וויכטיג. דערנאָך עטוואָס צוגעשוויגען און צוגעגעבען מיט אַ צאַרט און טרויעריג שמייכעלע:

—לכתחילה האָבען מיר גאָרנישט געטראַכט פון די מיטלען. מיר האָבען געמיינט, אַז מיר וועלען דורכפיהרען די רעפאָרמעס אויך מיט אַזאַ לייכטקייט, ווי די פאַריזער טוישען די אַלטע מאָדעס אויף נייע. מיר האָבען קיין שום דאגות נישט געהאַט, מיר האָבען געלעבט, ווי אין אַ גן-עדן, געוואַרט אויף נסים און געגלויבט, אַז וויבאַלד מיר וועלען זאָגען דעם באַרג: „ריהר זיך!״ וועט ער זיך ריהרען. ערשט דערנאָך האָבען מיר איינגעזעהן, ווי דאָס איז שווער... יאָ, פון אַ סך זאַכען וועט מען זיך בעדאַרפען אָבזאָגען, אויב מיר זאָלען זיך פעראייניגען מיט דער דרום׳דיגער געזעלשאַפט. אָבער עס טהוט באַנג. עס איז געווען גוט. אַזוי וועט שוין נישט זיין.

ס׳איז געוועזען און פערשוואונדען

און ס׳וועט מעהר צוריק נישט קומען...

ער האָט איהם געגעבען אַ דין העפטעל, אין אַ בלויער הילע, עהנליך צו אַ שילער-העפטעל. דאָסדאָזיגע העפטעל האָט ער מיט-גענומען מיט זיך, בשעת ער איז אַרויס פון שטוב אין גאָרטען.

—דאָס איז אונזער אוסטאַוו. לייענט אַליין. אפשר וועט איהר בעסער פערשטעהן.

גאָליצין האָט געלייענט:

„אַ סלאַוו ביזטו און אויף דיין ערד ביי די ברעגען פון די ימים, וואָס רינגלען זי אַרום, ווערסטו אויסבויען פיער האַפענס און אַ שטאָדט אינמיטען און אין שטאָדט ווערסטו אַהיעקזעצען אויפ׳ן טראָן די געטין פון אויפקלערונג, און פון דעמדאָזיגען טראָן ווערסטו בעקומען דיינע געזעצען, וועלכע דו וועסט מוזען געהאָרכען, וואָרום זיי, דידאָזיגע געזעצען, וועלען קיינמאָל נישט אָבווייכען פון דעם וועג, וואָס דו האָסט אָנגעצייכענט פאַר זיי.

„ווילסטו דאָס דערגרייכען, טאָ פעראייניג דיך מיט דיינע ברידער, פון וועלכע דו ביזט דערווייטערט געוואָרען דורך דער עם-הארצות פון די אבות.

צווישען די שורות איז אָנגעצייכענט געווען אַנ׳אַכט-עק מיט אַ פירוש.

די אַכט עקען בעדייטען—אַכט סלאַווישע פעלקער: רוסען, פאָליאַקען, טשעכען, סערבען, קראָאַטען, דאַלמאַטינער, טראַנסיל-וואַנער און מאָראַווינער. פיער אַקערס בעדייטען פיער האַפענס: ביים באַלטישען, שוואַרצען, ווייסען און מיטעללענדישען ים. די צאָהל איינס אין דער-מיט בעדייט די איינהייטליכקייט פון די-דאָזיגע פעלקער.

אין אַנ׳אָנמערקונג ווערט געזאָגט:

„דערדאָזיגער צייכען קאָן געברויכט ווערען אַלס שטעמפעל".

ווייטער זענען געגאַנגען אַפאָריזמען:

„דער גייסט פון קנעכטשאַפט איז שטענדיג גאוה׳דיג און אויפגעבלאָזען, אָבער דער גייסט פון פרייהייט איז איינפאַך.

„דו ביזט נאָר דעמאָלט אַ מענש, ווען דו דערקאָנסט אויך דעם מענש אין צווייטען."

496 „פערטרוי נישט קיינעם, אויסער דיינע פריינד און דיין

שווערד; דיינע פריינד וועלען דיר העלפען, דיין שווערד וועט דיך בעשיצען".

„די פרייהייט ווערט געקויפט נישט דורך טרעהרען און נישט דורך גאָלד, נאָר דורך בלוט."

„ציהט מען אַרויס דעם שווערד געגען אַ טיראַן, בעדאַרף מען וואָס וויטער פערוואַרפען דאָס שיידעל".

און, צולעצט, אַ שבועה:

„מיט דעם שווערד אין דער האַנד וועל איך דערגרייכען דאָס ציעל, וואָס איך האָב מיר בעשטימט. טויזענד מאָל וועל איך מיידען דעם טויט און טויזענד מניעות וועל איך אַדורכגעהן, אָבער מיין לעצטען הויך וועל איך שענקען דער פרייהייט. איך שווער אייך, מיינע פריינד, אַז פון דערדאָזיגער מינוט-אָן, וואָס איז הייליג פאַר מיר, וועל איך אייך בעשיצען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט. אויב איך וועל ברעכען מיין שבועה, זאָל דער שפּיץ פון דעמדאָזיגען שווערד, מיט וועלכען איך שווער מיך, דורכלעכערן מיר דאָס האַרץ."

גאָליצין האָט געהאַט עפּיס אַ מאָדנע געפיהל: ער האָט גאָרנישט געצווייפעלט דערין, אַז אַזוינע לייט, ווי באָריסאָוו, וועלען גערן שטאַרבען פאַר יעדעס וואָרט, פאַר יעדען אות פון דעמדאָזיגען אָרימען העפטעל, אָבער צוזאַמען דערמיט האָט ער אויך פערשטאַנען, אַז די סלאַווישע רעפּובליק איז אויך אַזאַ נאַרישקייט, ווי די פּיטאַגאָרישע פּראָצעסיעס אינ'ם דאָרף רעשעטילאָווקע.

און אפשר איז גוט אַזוי? „אויב איהר וועט נישט פערוואַנדעלט יוערען אין קינדער",—איז פון דאָסניי געקומען גאָליצינ'ען אויף דער מחשבה, ווי דעמאָלט, אין פּעטערבורג, ביי רילייעוו'ן אויף דער פערזאַמלונג.

באָריסאָוו האָט געשוויגען מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען. ער האָט גענומען דאָס העפטעל פון גאָליצינ'ען און האָט פּאַוואָליע אויסגעגלעט די פערבויגטע שפּיצען פון די בלעטלעך. גאָליצין האָט אויך געשוויגען און דאָס שווייגען איז געוואָרען פּיינליך.

—ווייסט איהר, באָריסאָוו, אַז דאָס איז גאָרנישט קיין פּאָ-

ליטיק?—האָט ער, צולעצט, געזאָגט.

—נאָר וואָס?—האָט יענער געפּרעגט. ער האָט געשווינד אַ קוק געטהאָן איף גאַליצינ׳ען און באַלד ווידער אַראָבגעלאָזט די אויגען.

—אפשר רעליגיע,—האָט גאַליצין בעמערקט.

—ווי קאָן עס זיין אַ רעליגיע אָהן אַ גאָט?

—און איהר גלויבט אין גאָט?

—ניין... איך... איך ווייס נישט, איך קאָן נישט. איך האָב שוין געזאָגט ביי מוראַוויאָוו׳ן, איהר געדענקט? איך קאָן, ווי אַ יוד, נישט דערמאָהנען גאָטס נאָמען, נישט אַרויסזאָגען עס מיט׳ן מויל. וועל איך אַרויסזאָגען, וועט אַלץ געהן פערלאָרען. אָט אפילו איצט: איך האָב אייך געזאָגט וועגען אונזערע ציע-לען, איז עפּיס מיט אַמאָל פערלאָרען געגאַנגען...

זיין פּנים איז בלאַס געוואָרען. די ליפּען זענען קרענקליך אויסגעקרימט געוואָרען און די פינגער, וואָס האָבען נאָך אַלץ אויסגעגלעט די שפּיצען פון די בלעטלעך, האָבען מערקליך גע-ציטערט.

גאָליצין האָט פּלוצלונג דערשפּירט גרויס רחמנות צו איהם. ער האָט זיך דערשפּירט פּיינליך און שרעקליך, פּונקט ווי פון אַלץ וואָלט באמת גאָרנישט געוואָרען.

—ניין, נישט פערלאָרען געגאַנגען,—האָט גאָליצין געזאָגט און געמיינט, אַז ער נאַרט איהם דערמיט אויס רחמנות. אָבער אויך אַזוי ווי דער מענש, וואָס האַלט ביים טרינקען זיך, בשעת ער טאַפּט-אָן מיט די פיס דעם גרונד, מיינט, אַז עפּיס אַ קראַפט הויבט איהם אויף, אַזוי האָט אויך גאָליצין געשפּירט אין דעם אייגענעם אויגענבליק, אַז ער נאַרט איהם נישט אויס רחמנות.— ניין, נישט פערלאָרען געגאַנגען. אַלץ איז נאָך דאָ...

באָריסאָוו האָט איהם אָנגעקוקט מיט זיין שעמעדיג שמיי-כעלע, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט און גאָליצין האָט אויך געשוויגען. ער האָט געפיהלט, אַז מען בעדאַרף נישט ריידען: „ווערסטו זאָגען אַ וואָרט, וועט אַלץ פערלאָרען געהן", פּונקט ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטעקט פון באָריסאָוו׳ן

עס איז געווען די שטילקייט פון א זומערדיגען האלבען טאג—קיין שום ווינטעלע, קיין שום גערויש, און אין דערדאזיגער שטילקייט איז אויך געלעגען דער אייגענער סוד, דער אייגענער פחד פון א פינסטערער שטילער נאכט.

פלוצלונג האט גאליצינ'ען אויסגעוויזען, אז עמיץ שטעהט הינטער איהם, אז דערדאזיגער עמיץ וועט זיך באלד דערנעהנטערן און וועט זיי א רוף טהאן, און עפיס א פחד איז איהם בעפאלען.

ער האט זיך אויפגעהויבען און ארומגעקוקט זיך. קיינער איז נישט געשטאנען. אינ'ם שאטען פון די בוימער, געגען דער זון, האט געלויכטען א ווייסער ביהנשטאק און דאס זשומען פון די ביהנען איז געווען עהנליך צו דעם קלאנג פון א ווייטער גלאק.

און גאליצין האט זיך דערמאהנט אן דעם ווייטען גלאקענקלאנג, וואס ער האט איינמאל געהערט אין פעטערבורג אין א לעדיגער גאס, בשעת ריליייעו האט זיך אנגערופען צו איהם:

—און דאך בעדארף מען אנהויבען!

דעמאלט האט ער נאך געצווייפעלט, אבער איצט האט ער שוין געוואוסט, אז מען וועט אנהויבען.

א. מערעזשקאָווסקי.

דריטעס קאַפּיטעל.

דער 2-טער באַטאַליאָן פון טשערניגאָווער פּעכאָטנעם פאָלק, וואָס מוראַווייאָוו איז געווען זיין קאָמאַנדיר, איז געהאַלטען געוואָרען פאַר דעם בעסטען אין׳ם דריטען קאָרפּוס. גענעראַל ראָט האָט איהם שוין צוויי מאָל געפּרובט מאַכען פאַר אַ פּאָלק-קאָמאַנדיר, אָבער דער קייזער האָט אַלץ נישט בעשטעטיגט, ווייל זיין נאָמען האָט זיך געפונען אין׳ם צעטעל פון די פערשווערער.

„איך האָב מיך איינגאַנצען אָבגעגעבען מיין באַטאַליאָן און איך האָב געלעבט מיט די סאָלדאַטען, ווי מיט קינדער״,—האָט שפּעטער מוראַווייאָוו דערצעהלט וועגען זיין לעבען אין וואַסיל-קאָוו.—די לייבשטראָף, ווי: פאַלקעס, קנוט און שפּיצרוטען זענען אָבגעשאַפט געוואָרען, די דיסציפּלין איז נישט געשטערט געוואָרען און די ליעבע האָט פערנומען דאָס אָרט פון שרעק און אַנגסט. „דער קאָמאַנדיר איז אונזער פאָטער, ער עפענט אונז די אויגען״, האָבען גערעדט די סאָלדאַטען.

אין טשערניגאָווער פּאָלק האָבען געדיענט אַ סך אָפיצירען

500 און סאָלדאַטען פונ׳ם סעמיאָנאָווער פּאָלק, וואָס זענען, נאָכ׳ן בונט

פֿון יאָהר 1819, צעוואָרפען געוואָרען איבער די אַרמעאישע פּאָל-קען. די צופעליגע מרידה, וואָס איז אַ־ויסגערופען געוואָרען דורך דער אכזריות פונ׳ם פאָלק-קאָמאַנדיר, האָט מעטערניך*) פאָרגע-שטעלט דעם קייזער אַלס רעזולטאַט פון דער אַלוועלטליכער קאָר-באָנאַרען-פערשווערונג. לויט מעטערניכ׳ס פאָרשטעלונג איז עס אויך געווען דער אָנהויב פון אַ רוסישער רעוואָלוציע.

דער קייזער האָט נישט מוחל-געווען די סעמיאָנאָווער זייער מרידה און ער האָט אויך נישט פערגעסען דעם אומשטאַנד, אַז זיי זענען געווען די וויכטיגסטע אָנטיילנעהמער אינ׳ם קייזער-מאָרד פון 11-טען מערץ. די אָפיצירען און סאָלדאַטען זענען שטרענג בעשטראָפט געוואָרען פאַר דעם קלענסטען חטא.

—איידער אַזאַ לעבען, איז שוין גלייכער צו שטאַרבען,—האָבען די סאָלדאַטען געקלאָגט.

מוראַוויאָוו האָט פריהער אויך געדיענט אין סעמיאָנאָווער פאָלק.

—נו, וואָס, רעביאַטאַ, געדענקט איהר נאָך דעם אַלטען פאָלק, געדענקט איהר מיך נאָך?—פלעגט ער פרעגען די סאָל-דאַטען.

—טאַק טאָטשנאָ, וואַשע וויסאָקאָראָדיע,—פלעגען זיי ענ-טפערן,—אונטער אייער קאָמאַנדע וואָלטען מיר געגאַנגען אויף טויט און אויף לעבען, ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט!

אַז גאָליצין האָט אָבסערווירט די סאָלדאַטען, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די רעוואָלוציע איז נישט בלויז מעגליך, נאָר זי איז אויך אונפערמיידליך.

—די סעמיאָנאָווער זענען אַזוי איבערצייגט און מוטיג, אַז דער סאָלדאַט אַפּאָיטשענקאָ האָט זיך געשוואָרען צו ברענגען דעם גאַנצען סאַראַטאָווער פאָלק אָהן אָפיצירען און ביי דעם ערשטען אַרמעע-פאַראַד דערשיסען דעם קייזער. אויך פון די אַנדערע פאָלקען וועלען די סאָלדאַטען צושטעהן צו אונזערע

*) בעקאַנטער עסטרייכישער מלוכה־מאַן; רעאַקציאָנער; געב. 1773, געשט. 1859.

סאָלדאַטען, און עס איז געוואָרן אַ ווילדער ראַטע, אַז זי זאָל אַוועקציהען דעם גאַנצען פאָלק,—האָט בעסטושעוו פערזיכערט.

—דער רוסישער סאָלדאַט איז ווי אַ חיה, וואָס ווערט שרעקליך בעהאַנדעלט,—האָט בעסטושעוו דערקלערט גאָליצינ'ען.—מיר האָבען בעשלאָסען צו ווירקען אויף זיי, פערשטאַרקען אין זיי די אונצופריעדענהייט מיט'ן דיענסט און מיט דער העכערער נאַטשאַלסטוואָ און איבערהויפט אַרויספיהרען זיי פון מרה-שחורה, דערווייטערן פון זיי דעם פיינליכען געדאַנק, אַז זייער גורל קאָן זיך שוין קיינמאָל נישט ענדערן.

און ער האָט בעוויזען דורך אַ ביישפיעל, ווי אַזוי מען קאָן עס מאַכען. בשעת ער האָט גערעדט מיט זיי, אַז מען בעדאַרף פערקלענערן דאָס דיענסט פון 25 יאָהר אויף 15 און אַז בעשטראָפען מיט פאַלקעס איז „געגען דער נאַטור פון מענשען", האָבען איהם די סאָלדאַטען גוט פערשטאַנען. זיי האָבען איהם אויך אויפמערקזאַם אויסגעהערט, הגם שוין נישט אַזוי גוט פערשטאַנען, בשעת ער האָט זיי אויפגעקלערט אַ מעהר פערוויקעלטערן ענין.

—אינגיכען וועלען מיר געהן קיין מאָסקווע,—האָט ער זיי געזאָגט.—דאָרט וועט פערזאַמעלט ווערען די גאַנצע אַרמעע און עס וועלען געפאָדערט ווערען פון קייזער פערלייכטערונגען פאַר'ן מיליטער. וואָרום דאָס דיענסט איז היינט אונדערטרעגליך. מען פייניגט אייך, מען שלאָגט אייך מיט פאַלקעס, מען פערמוטשעט אייך מיט לאַנגע און שווערע איבונגען, און דאָס אַלץ האָט אויסגעטראַכט די העכערע נאַטשאַלסטוואָ, וואָס בעשטעהט על-פי-רוב פון דייטשען. אָבער פאַר אייך און בכלל פאַר דעם נידעריגען קלאַס מענשען מיהען זיך אַ סך הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען, וואָס ווילען אייך פערלייכטערן אייער גורל. פאַרהאַן מענשען, וואָס זענען גרייט זיך מקריב-צו-זיין, כדי צו בעפרייען פון קנעכטשאַפט זיך גופא און נאָכמעהר—אייך. אויב איהר וועט נאָר האָבען מוט, וועט אייער גורל אינגיכען געענדערט ווערען. איהר בעדאַרפט נישט זיין אומעטיג, נאָר פערקעהרט, שטאַרק און דרייסט און אפילו זיין גרייט צו שטאַרבען פאַר די איי-

בענע רעכט, אויב דאָס וועט זיך נאָר פאָדערן...

אָבער אַז ער האָט זיי דערקלערט, אַז „נישט יעדע מאַכט איז פון גאָט", האָבען זיי שוין גאָרנישט פערשטאַנען.

—טאַק טאָטשנאָ, וואַשע בלאַגאָראָדיע,—פלעגען זיי פלוצלונג איינשטימען—איין גאָט אויפ'ן הימעל, איין צאַר אויף דער ערד. אָבער מען טאָר נישט געהן געגען צאַר און גאָט.

און דאָ האָבען זיך שוין אַלע ווערטער אָנגעקלאַפּט ווי אַנ'אַרבעס אָן דער וואַנד. אָבער אַז ער האָט זיי ווידער געפרעגט:

—וועט איהר געהן, רעביאַטאַ, נאָך מיר, וואוהין איך וועל נאָר וועלען?

פלעגען זיי ענטפערן אין איין קול:

—וואוהין איהר ווילט, וואַשע בלאַגאָראָדיע!

און דערביי פלעגען זיי משער-זיין, אַז די קאָמאַנדירען ווילען זיך אַוועקלאָזען קיין אויסלאַנד, אין עסטרייך, צונויפזאַמלען דאָרט אַלע סעמיאָנאָווער און בעטען בעגנעדיגונג ביים קייזער. דער קייזער וועט זיי זיכער בעגנעדיגען און וועט זיי אומקעהרן צוריק אין דער גוואַרדיע.

צו בעווייזען, אַז „די נאַטור האָט אַלע מענשען גלייך בעשאַפען", האָט בעסטוזשעוו אומישנע געשמעקט טאַבאַק מיט'ן פייערווערקער זיונין און זיך געקושט מיט'ן וואַכמיסטער שוואַטשקאָ. אָבער יענער פלעגט זיך שעמען און, אַ שעמעדיגער, זיך אָבווישען די ליפען מיט'ן אַרבעל.

דעם סאָלדאַט ציבולענקאָ האָט ער געלערנט לייענען און שרייבען. ער האָט זיך לאַנג געפּייניגט מיט איהם, ביז ציבולענקאָ מיט זיינע האַרטע קרומע פינגער האָט געקאָנט אָנשרייבען מיט גרויסע קרומע צרה'דיגע אותיות: „ברוטוס. קאַסיוס. מיראַבאָ. לאַפאַיעט. קאָנסטיטוציע."

טיילמאָל פלעגט אויך גאַליצין קומען אויף דידאָזיגע לעקציעס.

—וואָס איז אַזוינס פרייהייט?—פלעגט בעסטוזשעוו פרעגען.

— פרייהייט איז אַ מתּנה פון גאָט, — פלעגט ציבולענקאָ ענ־טפערן.

— זענען אַלע מענשען פריי?

— טאַק טאָטשנאָ, וואַשע בלאַגאָראָדיע.

— ניין, אַ קליינע צאָהל מענשען האָט פערשקלאַפט די גרע־סטע צאָהל מענשען. איז רוסלאַנד פריי?

— ניקאַק ניעט, וואַשע בלאַגאָראָדיע.

— פאַרוואָס?

ציבולענקאָ האָט געשוויגען אַ רויטער, מיט גרויסע טראָ־פּענס שווייס אויפ׳ן פּנים און מיט אַרויסגעקאַטשעטע אויגען.

— אידיאָט! אַי, ביזטו אַ שוטה, מיין ליעבער! — האָט בע־סטוזשעוו געפּלאַצט. — נו, איך פרעג דיך, וואָס זאָל איך טהאָן מיט דיר?

— ווינאָוואַט, וואַשע בלאַגאָראָדיע! — האָט זיך ציבולענקאָ אויסגעצויגען אין פראָנט און געפינטעלט מיט די אויגען אַזוי, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגען: „האָט רחמנות, לאָזט מיך אָב.”

נו, געה. היינט ביזטו שוין צודולט אויף טויט. אָבער מאָרגען זאָלסטו קומען.

און צו מאַכען איהם לייכטער אויפ׳ן האַרצען, פלעגט ער איהם שענקען אַ צעהנערל — ער זאָל געהן אין באָד אַריין.

— זאָג די סאָלדאַטען, אַז זיי זאָלען שטענדיג קומען צו מיר, אויב זיי האָבען עפּיס אַ בקשה אָדער זיי נויטיגען זיך אין עפּיס.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָמעדיע! — האָט גאָרבאַטשעווסקי געלאַכט. — ווייסט איהר, בעסטוזשעוו, נאָך דעם פראַנצויזישען פעלדצוג פלעגט איינער אַ גוואַרדישער גענעראַל בעגריסען זיין פאָלק מיט דידאָזיגע ווערטער: „באָנזשור, מענשען!” איהר טהוט אויך אַזוי. אָבער זיי פערשטעהען נישט אייער באָנזשור.

— ניין, זיי וועלען פערשטעהן, זיי וועלען אַלץ פער־שטעהן! — האָט זיך בעסטוזשעוו שטאַרק געהאַלטען ביי דאָס זיי־ניגע.

וועגען דעם, אַז די סאָלדאַטן זאָלן יאָ פערשטעהן, האָט זיך בעזונדערס געסטאַרעט דער פאָלק-קאָמאַנדיר געבעל, אַ תלמיד פונ׳ם בעריהמטען „שמייסער‟ גענעראַל ראָט.

גוסטאַוו איוואַנאָוויטש געבעל איז געווען אַ פאָליאַק און האָט פיינט געהאַט די רוסען, פונקט ווי ער וואָלט זיך נוקם-געווען אָן זיי דערפאַר, וואָס ער האָט פערראַטען זיין אייגען פאָטערלאַנד.

אויפ׳ן הויפּטפּלאַץ פון וואַסילקאָוו, וואו עס האָט זיך גע-צויגען דער פאָסטטראַקט פון בערדיטשעוו קיין קיעוו, האָבען פאַרבייפאָהרענדיגע פוילישע פאַנען געקאָנט זעהן, ווי זייערער אַ פאָליאַק שלאָגט רוסישע סאָלדאַטען. עס האָט געשלאָגען דער קאָמאַנדיר און עס האָבען געשלאָגען די אוריאַדניקעס און די פעלדפעבעלס און די יעפרייטאָרס. און געשלאָגען האָט מען אַזוי, אַז די שפּיצען פון די פאַלקעס פלעגען ווייך ווערען.

געבעל אַליין פלעגט זיך אַנידערלעגען אויף דער ערד און פלעגט נאָכקוקען, צי די שפּיצען פון די שטיוועל זענען גוט אויסגעצויגען. ער פלעגט טאַפּען די סאָלדאַטען אונטער דער נאָז, „צי די וואָנסען זענען ריכטיג בעצייכענט מיט קויהל, אויב די סאָלדאַטען האָבען נאָך קיין נאַטירליכע וואָנסען נישט געהאַט‟; ער פלעגט זיי שטאַרק איינציהען מיט רימענס די טאַליע, און אַז זיי פלעגען פאַלען אין חלשות, פלעגט ער זיי שלאָגען; ער פלעגט זיי אויך שלאָגען דערפאַר, ווייל „זיי אָטעמען מערקליך און הוסטען‟; ער פלעגט זיי הייסען שפּייען איינאַנדער אין פּנים אַריין. אַלטע וועטעראַנען, וואָס זייערע פיס האָבען דורכגעמאַכט צעהנדליגער טויזענדער ווערסט און וואָס זייער קערפּער איז בעדעקט געווען מיט וואונדען, פלעגט ער לערנען צוגלייך מיט יונגלעך-רעקרוטען.

מיט בלוט בעשיצען מיר די פאָהן,
דאָך שלאָגט אונז יעדער, ווער עס קאָן,
און ווער עס שלאָגט אונז מעהר און לאַנג,
דער שטייגט אַלץ העכער אין זיין ראַנג—

האָבען די סאָלדאַטען געזונגען. זיי פלעגען דערצעהלען אַ

מעשה׳לע, ווי אַזוי אַ סאָלדאַט האָט פערקויפט זיין נשמה דעם טייוועל, און דער טייוועל זאָל דיענען פאַר איהם אינ׳ם מיליטער. איז דער טייוועל אַריינגעטראָטען אין דיענסט, אָבער ער איז אַזוי פערמוטשעט געוואָרען, אַז ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון דער נשמה.

די לעצטע צייט איז מוראַוויאָוו געוועזן זעהר צוטראָגען. גאָליצין, וואָס האָט עס בעמערקט, האָט וועגען דעם געפרעגט בעסטוזשעוו׳ן, און יענער האָט דערצעהלט.

מיכאַאיל אַנטיפעיעוו, אַ פליגעלמאַן פון ערשטען באַטאַליאָן, אַנ׳אַלטער אויסגעפּרובטער דרייסטער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך בעטייליגט אין אַ סך קריעגסמאַרשען און שלאַכטען, איז פיעל מאָל אַנטלאָפען פון דיענסט. אַז ער האָט געפּרובט נאָכאַמאָל אַנטלויפען און איז האַרב בעשטראָפט געוואָרען דערפאַר, האָט איהם דער ראָטע-קאָמאַנדיר אויסגע׳מוסר׳ט, דערמאָהנט איהם זיין אַמאָליג מוטיג דיענסט און האָט איהם צוגערעדט, ער זאָל זיך מעהר נישט אונטערוואַרפען אַזוינע שווערע שטראָף-ענוים. אָבער דערויף האָט דער אַלטער סאָלדאַט געענטפערט, אַז כל-זמן מען וועט איהם נישט בעשטראָפען מיט׳ן קנוט און מען וועט איהם נישט פערשיקען קיין סיביר, וועט ער נישט אויפהערען צו מאַכען פליטה. עס האָט געטראָפען, אַז סאָלדאַטען זענען בעגאַנגען רציחות, אפילו קינדער דער׳הרג׳עט, אַבי פטור צו ווערען פון דיענסט. אַנטיפעיעוו האָט טאַקי אויסגעפיהרט דאָס זייניגע: דערפאַר, וואָס ער איז פרייוויליג אַוועק פון פאָלק, האָט זיך אָנגע׳שכור׳ט און צוגענומען ביי אַ פויער צוויי רובל זילבערגעלד, איז ער פער׳משפט געוואָרען צו קנוט און קאַטאָרגע.

מוראַוויאָוו האָט זיך משתדל-געווען פאַר איהם דורכ׳ן גענעראַל-מאַיאָר, פירשט סערגעי וואָלקאָנסקי, אַ מיטגליד פון דער געהיימער געזעלשאַפט, וואָס האָט געהאַט פערבינדונגען מיט די הויכע ספערען; ער האָט אויך געבעטען דעם פאָלק-קאָמאַנדיר, ער זאָל נאָך אָבוואַרטען מיט דער שטראָף, אָבער דער קאָמאַנדיר האָט דערלאַנגט אַ מסירה אינ׳ם קאָרפּוס-שטאַב און האָט בעקומען פון דאָרט אַ פעראָרדנונג, ער זאָל תיכף אויספיהרען די 506

שטראָף און מוראַוויאָוו'ן זאָל געמאַכט ווערען אַ שטרענגער פאָר-וואורף.

די עקזעקוציע האָט בעדאַרפט פאַרקומען אויפ'ן מיליטער-פּלאַץ, ביי דער באָגוסלאַווער זאַסטאַווע, אין דער געגענוואַרט פון גאַנצען פּאָלק. מיט אַ טאָג פריהער האָט בעסטוזשעוו שטי-לערהייד צוגעשיקט דעם תּלין, דורך אַן'אונטעראָפיציר, 25 רובל, ער זאָל „לייכטער שלאָגען".

אינדערפריה, אין דעם אייגענעם טאָג פון דער עקזעקוציע, האָט זיך גאָליצין בעשעפטיגט אין מוראַוויאָווס קאַבינעט, ווי ער פלעגט עס עפטער טהאָן לויט דער איינלאַדונג פון בעל-הבית; מוראַוויאָוו האָט געהאַט אַ גוטע ביבליאָטעק. גאָליצין איז געזע-סען ביים פענסטער און געלייענט מוראַוויאָווס אַנ'אָבהאַנדלונג וועגען שטח און צייט, געשריבען אין פראַנצויזיש.

גאָליצין האָט זיך פערטיעפט אין די קוואַלען פון מעטאַ-פיזיק, בשעת צו דער שטוב איז צוגעפאָהרען אַ וואָגען מיט מו-ראַוויאָוו'ן, בעסטוזשעוו'ן און נאָך עטליכע אָפיצירען פון טשער-ניגאָווער פּאָלק. מוראַוויאָוו האָט אויסגעזעהן טויטער פון אַ טוי-טען. מען האָט איהם געהאָלפען אַראָבגעהן פון וואָגען און אונ-טער די הענד אַריינגעפיהרט אין שטוב. לכתּחילה האָט גאָליצין געמיינט, אַז ער איז אַראָבגעפאַלען פון פערד און האָט זיך צו-קלאַפּט אָדער ער איז אַזוי פערוואונדעט געוואָרען דורך עפּיס אַ סבה. שפּעטער אָבער האָט איהם בעסטוזשעוו דערצעהלט, וואָס עס איז געשעהן.

אונטער דעם תּלינ'ס קנוט האָט אַנטיפּעיעוו געשוויגען, דערשטיקט אין זיך די יסורים, כּל-זמן ער איז געוועזן ביים זי-נען, אָבער אַז ער האָט פערלאָרען דאָס בעוואוסטזיין, האָט ער אָנגעהויבען קרעכצען און שרייען. מוראַוויאָוו, וואָס האָט די גאַנצע צייט אויסגעזעהן רוהיג, איז פּלוצלונג בלאַס געוואָרען און אַנידערגעפאַלען אין חלשות. דער עולם איז צורודערט געוואָרען. געבעל האָט זיך אפילו צוקאָכט און געסטראַשעט, אָבער די גאָהנטע סאָלדאַטען און אָפיצירען האָבען פערגעסען די דיסצי-פּלין און זיך געוואָרפען ראַטעווען דעם געליעבטען נאַטשאַלניק.

אַ געמורמעל איז דורכגעלאָפען דורכ'ן עולם, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט אויספלאַצען אַ בונט. אָבער מוראַוויאָוו איז געקומען צו זיך. האָט מען איהם אַריינגעזעצט אין אַ וואָגען און אָבגעפיהרט אַהיים. די אָרדנונג איז ווי-עס-איז צוריק איינ־געשטעלט געוואָרען, און אַנטיפּעיעוו האָט בעקומען איגגאַנצען זיין פּאָרציע.

מוראַוויאָוו איז קראַנק געוואָרען. ער האָט בעקומען אַ האַרצקראַמף. איבעריגענס, האָט ער אַלעמאָל געהאַט אַ שוואַך האַרץ. בעסטוזשעוו האָט געוואָלט שיקען נאָך אַ דאָקטאָר, אָבער דער קראַנקער האָט נישט דערלאָזט.

—נאַרישקייטען, שוין אַלץ אַריבער,—האָט ער אַלץ איבער־גע'חזר'ט אַ פערשעמטער, מיט אַ שולדיגער מינע.

אין אָוועגד איז איהם לייכטער געוואָרען. ער האָט אַריינ־גערופען גאָליצינ'ען און בעסטוזשעוו'ן. געלעגען איז ער אויפ'ן דיוואַן. ער האָט, אפנים, געהאַט עטוואָס היץ. דאָס פּנים איז גע־ווען בלאַס, די אויגען האָבען געברענט. גאָליצין האָט זיך דער־מאָהנט אָן יענעם מאָדנעם פערגלייך, וואָס איז איהם געקומען אויף דער מחשבה באַלד ווי ער האָט זיך בעקאַנט מיט איהם: אַ גרין צווייגעל מיט פריהלינג-בלעטלעך אין אַ ברענענדיגען פּראָכט, אויף אַ פערשנייטען פעלד.

—וואָס האָט איהר היינט געלייענט, גאָליצין?—האָט מוראַ־וויאָוו געפרעגט און באַלד פערפיהרט אַ שמועס אויף דער אַב־סטראַקטער טעמע וועגען שטח און צייט לויט קאַנט'ן. ער האָט שעה'ענווייז געקאָנט ריידען וועגען מעטאַפיזיק, פערגעסענדיג אַלץ און אַלעם. אָבער אַז בעסטוזשעוו איז אַרויס פון צימער, האָט ער גאָליצינ'ען שאַרף אָנגעקוקט און געזאָגט:

—גאָט מיינער, ווי נאַריש, ווי נאַריש! אַ שאַנד און אַ חרפּה! פּיינע פערשווערער: אין חלשות געפאַלען, ווי אַ מיידעלע!

—דאָס קאָן דאָך אָבער געשעהן מיט יעדען,—האָט גאָליצין בעמערקט,—מיר שיינט, אַז איך וואָלט אויך נישט אויסגעהאַלטען.

—אָבער מיר האָבען זיך דאָך ביידע אין שלאַכטען בע־טייליגט, און דאָרטען איז דאָך ערגער.

—ניין, מוראַוויאָוו, דאָרט איז בעסער.

—יאָ, מעגליך, אַז איהר זענט גערעכט. אָבער ווייסט איהר, גאָליצין? דאָס איז געשעהן מיט מיר נישט צוליעב דעם, וואָס איך האָב געזעהן זיינע יסורים, זיינע קרעכצען, נאָר צוליעב עפּיס אַנדערש. בשעת ער האָט גענומען קרעכצען אונטער'ן קנוט, האָב איך אַ קוק געטהאָן אויף געבעל'ן... האָט איהר װען געזעהן אַ שד אין חלום?

—געזעהן.

—דאָס הייסט, נישט דאָס וואָס זעהן, נאָר דו פּיהלסט בעת-מעשה עפּיס אַ שווערע, אַ שרעקליכע משא און לויט דער-דאָזיגער משא ווייסטו, אַז דאָס איז ער—אַ שד. נו, דאָס אייגענע האָב איך איצט אויך געפיהלט, בשעת אַנטיפּעיעוו האָט גע-קרעכצט און איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף געבעל'ן... מיר ריידען אַלץ וועגען מאָרד, אָבער מיר ווייסען עס אַזוי ווענינ, ווי צייט און שטח, דאָס הייסט אַזוי גוט ווי גאָרנישט. אָבער דאָס איז דאָך אויך אַ קאַטעגאָריע, ווי קאַנט זאָגט. „דו זאָלסט נישט טויטען"—איז איין קאַטעגאָריע, „דו זאָלסט טויטען"—איז די צווייטע. און מען קאָן איבערגעהן פון איין קאַטעגאָריע צו דער צווייטער. נו, אָט בין איך איבערגעגאַנגען און האָב פּלוצלונג פערשטאַנען, אַז מען קאָן יאָ טויטען. איך האָב אַלץ געטראַכט, אַז מען קאָן נישט, און דאָ האָב איך געזעהן, אַז מען קאָן. און נישט וואָס שפּעטער, אַמאָל, דערנאָך, נאָר איצט וואָלט איך מיך אַ וואָרף געטהאָן און אויפ'ן אָרט געטויט...

ער האָט זיך אויפגעהויבען אויפ'ן דיוואַן, און זיין פּנים איז שרעקליך אויסגעקרימט געוואָרען. דאָסדאָזיגע געזיכט האָט איצט דערמאָהנט גאָליצינ'ען אָן ברוכ'ן, דעם ווילד-משוגע'נעם יודען.

—און נאָך וואָס, גאָליצין,—האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט מיט אַ פערשטיקטען אָטעם,—איך וועל דאָך איהם זיכער דער'הרג'ע-נען, ווי אַ הונד וועל איך איהם דער'הרג'ענען!

—סעריאָזשע, טייבעלע מיינס, מען בעדאַרף נישט, איך זאָג דיר, מען בעדאַרף נישט,—האָט זיך בעסטוזשעוו געוואָרפען צו

איהם, אַריינגלויפענדיג אין צימער.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער האַרצקראַמף, אָבער ער איז שנעל דורכגעגאַנגען. ביינאַכט האָט ער רוהיג געשלאָפען און אינדערפריה איז ער שוין געווען כמעט ווי געזונד. אָבער אויף בעסטוזשעווס פערלאַנג איז ער צוויי טעג געזעסען אין שטוב.

די סאָלדאַטען האָבען איהם בעזוכט, בעזונדערס יענע, וואָס בעסטוזשעוו האָט זיי „אויפגעקלערט”, גאָרבאַטשעווסקי האָט, ווי שטענדיג, גע'חוזק'ט איבער זיי.

—נו, וואָס, ברודער, אין באָד געווען?—האָט ער געפרעגט ציבולענקאָ'ן.

—ניקאַק ניעט, וואַשע בלאַגאָראָדיע.

—טאָ וואָס האָסטו געטהאָן מיט'ן צעהנערל, וואָס דו האָסט בעקומען פונ'ם הער פּאָרוטשיק? פון דאָסניי פער'שכור'ט אין שענק?

יענער האָט געשוויגען, זיך געררויטעלט, אָבגעגאָסען זיך מיט שוויס, אַרויסגעקאַטשעט אַ פּאָר אויגען און תמ'עוואַטע איבערגעשטעלט די פּיס.

—ער האָט, וואַשע בלאַגאָראָדיע, געשטעלט אַ ליכטעל פאַר'ן געזונד פון זייער וויסאָקאָראָדיע און דאָס איבעריגע האָט ער געגעבען דעם פאָטער דאַנילאָ,—האָט געענטפערט פאַר איהם גריגאָרי קראַיניקאָוו, אַ יונגער בראַווער סאָלדאַט מיט אַ פרעהליך און קלוג פּנים.

—איז דאָס אמת, ציבולענקאָ?—האָט מוראַוויאָוו געפרעגט.

—טאַק טאָטשנאָ, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע.

—נו, אַ דאַנק דיר, מיין ליעבער, קום אַהער נעהנטער.

ציבולענקאָ איז צוגעגאַנגען און מוראַוויאָוו האָט איהם דערלאַנגט די האַנד. ער האָט זיך נאָכמעהר פערשעמט, אָבער זיין פּנים האָט מיט אַמאָל גענומען שיינען, פּונקט ווי ער וואָלט דאָ, אין דער מינוט עפּיס פערשטאַנען. און מיט זיין אומגעלומפּערטער, אָבגעברענטער, שאָרסטקער און פויערשער האַנד האָט ער גענומען מוראַוויאָווס פיין בלאַס פּרויענהענדטעל און פעסט אַ דריק געטהאָן. דערנאָך האָט ער זיך אָבגעקעהרט, זיך פער-

קרימט און אויסגעווישט מיט׳ן אַרבעל די אויגען.

און אַלע האָבען באַלד פערשטאַנען. ריידען האָט מען נישט בעדאַרפט, פון פנים איז געווען קענטיג, אַז „ער איז גרייט צו געהן ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט, אַז ער איז גרייט צו שטאַרבען״.

„דידאָזיגע האַנדדריקונג בלייבט שוין אויף אייביג: אויב נישט איצט, וועלען זיי זיך פעראייניגען שפּעטער, און דעמאָלט וועט מען טהאָן אַלץ, וואָס מען וועט בעדאַרפען״,—האָט גאָליצין אַ טראַכט געטהאָן.

און בעסטוזשעוו׳ן האָט ער אויך פערשטאַנען נאָר איצט, אין מוראַוויאָוו׳ס קראַנקהייט.

—„ווער עס שפּיעלט נישט, דער געווינט נישט״. אַזוי פלעגט מיר זאָגען אַ פּויליש מיידעל, מיט וועלכער איך פלעג שפּיעלען אין צ ו י ק,—האָט בעסטוזשעוו ליעב געהאַט איבערצו־חזר׳ן,—מיר, פערשווערער, בעדאַרפען שטענדיג געדענקען דעמ־דאָזיגען כלל...

און ער אַליין פלעגט איהם זעהר גוט געדענקען: צי פיעל, צי ווייניג, אָבער אַלץ, וואָס ער האָט פערמאָגט, האָט ער גע־שטעלט אין קאָן.

בשעת זיין אַלטע מוטער איז קראַנק געוואָרען און האָט איהם פאַר׳ן טויט גערופען צו זיך, האָט עס איהם שטאַרק וועה געטהאָן, ווייל ער האָט זי באמת ליעב געהאַט, אָבער די ענינים פון דער געזעלשאַפט האָבען איהם פערהאַלטען און ער איז נישט געפאָהרען צו איהר. זיין מוטער איז געשטאָרבען און האָט זיך, נאַטירליך, נישט געזעהן מיט איהם.

—צו דערוועררבען פרייהייט בעדאַרף מען נישט האָבען קיין שום סעקטעס, קיין שום כללים און צוואַנגמיטלען. מען בעדאַרף נאָר האָבען עקסטאַז. דער עקסטאַז מאַכט דעם פּיגמיי פאַר אַ ריז, ער פערניכטעט דאָס אַלטע און בעשאַפט דאָס נייע!—האָט ער איינמאָל אויסגעשריען און גאָליצין האָט געפיהלט, אַז דער גאַנצער בעסטוזשעוו ליעגט אין דידאָזיגע ווערטער.

 אַ קליינינטשקער, אַ מאָגערער, אַ רויטהאָהריגער און אַ פייער־

דיגער, האָט ער דערמאָהנט אָן דעם הערב פון פראַנץ I: אַ סאַלאַמאַנדרע אין פלאַמען מיט אַנ׳אויפשריפט: „איך ברען און ווער נישט פערברענט“.

גאַליצין האָט אויך פערשטאַנען, פון וואַנען דאָסדאָזיגע פייער נעהמט זיך.

—מוראַוויאָוו און בעסטוזשעוו זענען אַ צווילינג, וואָס קאָן נישט צושיידט ווערען, איין נשמה אין צוויי קערפער,—האָט דער עולם געשמועסט צווישען זיך.

בעסטוזשעוו, וואָס איז אייגענטליך אַ „פוסטער יונג“ געווען, האָט זיך איינגאַנצען פערענדערט נאָך דער בעקאַנטשאַפט מיט מוראַוויאָוו׳ן: קלוג איז ער געוואָרען און האָט געבליהט, ווי אַ פערליעבט מיידעלע.

אין דער צייט איז קיין וואַסילקאָוו געקומען מוראַוויאָווס ברודער—מאַטוועי איוואַנאָוויטש. מאַטוועי איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ הייסער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, דערנאָך אָבער האָט ער פערלאָרען זיין אמונה אין איהר און האָט זיך אַזוי געפיניגט, אַז ער האָט זיך געוואָלט נעהמען דאָס לעבען.

די ביידע ברידער זענען געווען עהנליך צווישען איינאַנדער מיט אַ פערקעהרטער עהנליכקייט, פונקט ווי די לינקע האַנד מיט דער רעכטער. בעסטוזשעוו האָט זיך געשראָקען פאַר מאַטוועי איוואַנאָוויטש׳ן און האָט איהם אויך פיינט געהאַט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז מאַטוועי איז אַ קאַריקאַטור אויף מוראַוויאָוו׳ן, אַז ער איז זיין טייוועלשער טאָפּעלגענגער, זיין אָבשלאָג אין אַ קרומען שפּיגעל: וואָס ביי איינעם געהט אין דער לענג, געהט ביים צווייטען אין דער ברייט; איינער איז פיין, שלאַנק, לייכט און האַסטיג און דער צווייטער איז אַנ׳אונבעוועגליכער, אַ ברייטביינינגער און איז שווער אויפ׳ן טראָט.

קאַטריוסיע האָט דערצעהלט גאַליצינ׳ען דאָס מעשה׳לע וועגען „ווי“, דעם אונטערערדישען וואָלקאָלאַק מיט׳ן אייזערנעם פנים, וואָס זיינע אויגענלאָדען זענען אַראָבגעלאָזט ביז צו דער ערד. און טיילמאָל האָט זיך גאַליצינ׳ען געדאַכט, אַז מאַטוועי איוואַנאָוויטש איז אַ „ווי“, אַז ער איז מוראַוויאָווס שד, דער שד

פון שווערינקייט, און דערפאר האט זיך מסתמא בעסטוזשעוו גע-שראקען פאר איהם.

— איך קאן זיי נישט זעהן צוזאמען, — פלעגט בעסטוזשעוו זאגען, — ער זויגט פון איהם ארויס דאס בלוט, ווי א שפין פון א פליג.

ער האט פערשטאנען, אז מאטוועי איז אין א סך זאכען גערעכט, אבער וואס גערעכטער ער איז געווען, אלץ מעהר האט ער איהם פיינט געהאט.

סערגעי מוראוויאוו פלעגט טיילמאל בלייבען אהן כחות אונטער דער שווערער לאסט פון זיין ברודער, וואס פלעגט גראד בעת-מעשה זיך פיהלען גוט, פרעהליך און פלעגט זיך בעוועגען, ווי א שפין, און דעמאלט האט בעסטוזשעוו געשפירט, אז ער וואלט איהם געקאנט דער׳הרג׳ענען אויפ׳ן ארט.

מאטוועי איוואנאוויטש האט פערבראכט אין וואסילקאוו א וואך, און סערגעי איז פאר דער גאנצער צייט קראנק געווען.

צולעצט האט בעסטוזשעוו נישט אויסגעהאלטען און האט איהם איינמאל שארף א פרעג געטהאן פאר גאליציב׳ען אין די אויגען:

— ווען איהר נאך דא לאנג פערברענגען?

— איך ווייס נישט, ווי איך וועל מיך דא שפירען, — האט יענער געענטפערט. דערנאך האט ער אויפגעהויבען זיינע שווער-שלעפעריגע אויגען און בייז א קוק געטהאן אויף בעסטוזשעוו׳ן. אפשר האט זיך איהם, מאטוועי׳ן געדאכט, אז בעסטוזשעוו איז סערגעי׳ס שד׳ל, דאס שד׳ל פון לייכטקייט?

— קעגען וואס פרעגט איהר עס? — האט ער שארף א פרעג געטהאן.

— קעגען דעם, ווייל אייער פערברענגען דא ווייזט מיר אויס שעדליך.

— שעדליך פאר ועמען? פאר אייך?

— ניין, נישט פאר מיר, נאר פאר אייער ברודער.

— וואס, זיין גיאנקע זענט איהר? — האט מאטוועי איוואנא-וויטש א שמייכעל געטהאן; ער איז עטוואס בלאס געווארען און

האָט אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען.—זאָגט מיר, מיט וואָס פאַר אַ רעכט שטעלט איהר זיך אַנידער צווישען מיר און מיין ברודער?

—מיר וועלען זיך נישט קריגען, מאַטוועי איוואַנאָוויטש,—האָט בעסטוזשעוו געענטפערט—איך וויל אייך נאָר ראַטען: בעהמט און פאָהרט-אַוועק וואָס גיכער...

—איך מיין, אַז איך מעג אייער עצה נישט אָננעהמען אויך. איך וועל אַוועקפאָהרען, ווען מיר וועט זיך וועלען.

—וועט איהר נישט אַוועקפאָהרען?

—געהט צו אַלדי שוואַרציאָהר!—האָט מוראַוויאָוו אַ געשריי געטהאָן און זיך גענומען בעוועגען מיט זיין שווערער, פאָדלער—ווי בעסטוזשעוו'ן האָט זיך געדאַכט—שפּין-בעוועגונג.

—קאָכט זיך נישט אַזוי, מוראַוויאָוו,—האָט בעסטוזשעוו אַרויסגעזאָגט און איז אויך בלאַס געוואָרען.—פאָהרט אייך, ווען איהר ווילט, אָבער איך בלייב פאָרט ביי מיין מיינונג. געדענקט איהר, ווי אין דער הייליגער שריפט ווערט געזאָגט: וואָס דו טהוסט, טאָ טהו באַלד?

מאַטוועי איוואַנאָוויטש האָט געוואוסט, אַז דאָס ווערט געזאָגט וועגען דעם בוגד יהודה איש-קריות. איז ער באַלד אויפגעשפּרונגען און אַ כאַפּ געטהאָן בעסטוזשעוו'ן פאַר דער האַנד. גאָליצינ'ען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וועלען זיך באַלד צושלאָגען, און ער האָט געמאַכט אַ בעוועגונג צו פונאַנדערנעהמען זיי. אָבער אין דער אייגענער מינוט איז אַריין סערגעי. ער האָט אויסגעזעהן אַזוי בלאַס און פערייתומ'ט, אַז ביידע האָבען אַ קוק געטהאָן אויף איהם און ביידע האָבען זיך אָבגעהאַלטען. בעסטוזשעוו האָט פערדעקט מיט דער האַנד דאָס געזיכט און איז אַרויסגעלאָפען פון צימער.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט מאַטוועי געמאָלדען, אַז ער פאָהרט מאָרגען אַוועק. אין דער נאַכט פאַר'ן אַוועקפאָהרען האָט ער געהאַט מיט'ן ברודער אַ לעצטען שמועס, וואָס גאָליצין האָט גראָד נישט-ווילענדיג אונטערגעהערט.

 גאָליצין איז, ווי פריהער, געזעסען אַליין אין סערגעיס

קאבינעט, און מאַטוועי מיט׳ן ברודער האָבען געשמועסט אין גאָרטען, בעת-מעשה זענען זיי געגאַנגען אויף-און-אָב איבער איין שטעגעלע—פון גאַניק ביז צו דער סאַזעווקע.

די נאַכט איז געווען אַ שטילע. די לבנה האָט אַזוי העל געלויכטען, אַז די ווייסע ווענד פון די כאַטקעס האָבען גע-בלענדט די אויגען מיט זייער ווייסקייט. און אַלץ איז אַנטשווי-גען, פערגליווערט געוואָרען, פונקט ווי עס וואָלט אויף עפּיס גע-וואַרט. בלויז די שטערען האָבען געציטערט און די שפּיצען פון די טאָפּאָליעס האָבען זיך בעוועגט. און וואָס העכער די לבנה האָט זיך אויפגעהויבען, אַלץ ליכטיגער און שטילער איז געוואָ-רען. און אין אַלץ האָט זיך געשפּירט דערוואַרטונג און אונגע-הויער-שווערע אָנשטרענגונג.

זיצענדיג ביים אָפענעם פענסטער, האָט גאָליצין שטיקלעכ-ווייז געהערט זייער געשפּרעך אין גאָרטען. געהערט האָט ער נאָר דעמאָלט, ווען זיי פלעגען זיך דערנעהנטערן צום פענסטער.

—יאָ, סעריאָזשע, אונזער זאַך שטייגט-איבער אונזערע כחות, אונזער צייט און יעדע וואַהרשיינליכקייט,—האָט מאַטוועי איוואַנאָוויטש געזאָגט.—ווען פּיערציגטויזענד פעסטעלס זאָלען מיר פערזיכערן, אַז עס וועט בפירוש פּאַרקומען דאָס, וואָס מיר ווי-לען, וועל איך זיי אויך נישט גלויבען, ווייל איך ווייס, אַז אַזוינע זאַכען קומען-פאָר נישט ווען די מענשען ווילען, נאָר ווען גאָט פערלאַנגט עס...

מעהר האָט גאָליצין נישט געהערט. און דערנאָך ווידעראַמאָל:

—מיר וועלען גאָרנישט מאַכען, ווייל עס איז נישטאָ וואָס צו מאַכען... און צי האָבען מיר רעכט, מיר, אַ קליינער טייל פון אַ גרויסען גאַנצען, צו צווינגען מענשען מיט געוואַלט אָנצונעה-מען אונזערע אידעען? אפשר זענען זיי גאָר צופרידען מיט זייער לעבען און זיי זוכען גאָרנישט קיין בעסערס?

זיי האָבען זיך צוגעזעצט ביים גאַניק, אויף אַ בערגעלע, און איצט האָט גאָליצין נישט בלויז געהערט, נאָר אויך אַלץ גע-זעהן. סערגעי האָט געהערט דעם ברודער שוויגענדיג, אַנ׳אויס-געמאַטערטער, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, און מאַטוועי איוואַ-

נאָוויטש האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר בעוועגט, „פונקט ווי אַ שפין, וואָס זויגט דאָס בלוט פון אַ פליג״.

—און וואָס קאָן אונז בעפרידיגען?—האָט ער ווייטער געזאָגט.—אפשר די מעטאַפיזישע גערײדערייען איבער פּאָליטיק פון צוואַנציגיעהריגע פּראָפּאָרשטשיקעס, וואָס ריידען וועגען פרייהייט בלויז דערויף, צו ווייזען, אַז זיי זענען קלוג? און דאָס זענען עס די קומענדיגע פיהרער, די גרויסע פּאָלקספערזאָרגער? ווען איך וואָלט נישט געוואוסט, אַז איינזאַמקייט דערוועקט בעגייסטערונג, וואָלט איך אַלעמען געהאַלטען פאַר משוגעים. קיין שום ציעל בערעכטיגט נישט די מיטלען. ווער עס וויל טהאָן אומישגע שלעכטס צוליעב אַ נישט-זיכערער טובה, דער איז אַ רוצח. און אפילו אין פאַל פון אַנ׳ערפאָלג וואָלטען מיר אַזוי אומגליקליך געמאַכט רוסלאַנד, אַז אונזער מח קאָן דאָס גאָר איצט נישט באַפּען...

אַ טרויעריג ליעד איז פריהער פון דערווייטענס און דערנאָך אַלץ נעהנטער און נעהנטער דערשוואומען:

מיין זיסע מאַמעלע, מיין טייער טייבעלע,
ווי זאָל איך לעבען, זאָג, ווי זאָל איך לעבען?

גאַליצין האָט דערקאָנט קאַטרוסיעס קול. אַמעלקאָס גאָרטען האָט זיך געפונען אין שכנות. קאַטרוסיע פלעגט עפטער קומען אין גאָרטען צו סערגעי איוואַנאָוויטש׳ן. ער האָט מיט איהר גוט געלעבט. אפשר איז ער איהר געווען געפעלען. זי פלעגט אונשולדיג, נישט-ווילענדיג קאָקעטירען מיט איהם. אין די טונקעלע קוסטעס האָט זיך עפּיס בעוועגט, אַ ווייס העמד האָט אַ פינקעל געטהאָן און ביים פּאַרקאַן האָט זיך בעוויזען אַ הויך שלאַנק מיידעל, ווי אַ טאָפּאָל, אין אַ קראַנץ פון מאָהנבלומען און באַרווינקעס. אינ׳ם שיין פון דער לבנה האָט זיך דייטליך געזעהן די אויסהאָפטונג פונ׳ם העמד און יעדעס קראַנצבלעטעלע. דער פּאַרקאַן האָט אַ סקריפּע געטהאָן. סערגעי איוואַנאָוויטש האָט אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהן קאַטרוסיע׳ן. ער האָט זי בעגריסט און אַ שמייכעל געטהאָן און זי האָט איהם אויך געענטפערט מיט אַ שמייכעל. און באַלד דערויף האָט זי איהם אַ

פרעג געטהאָן, ווי מען פרעגט אַ רעטעניש:

—שוואַלב, צי שפּאַץ?

—שפּאַץ! שפּאַץ!—האָט ער פרעהליך געענטפערט.

—דו ביזט מיין שאַץ!—האָט זי זיך צולאַכט, אַ שפּרונג געטהאָן אויפ׳ן פּאַרקאַן און זיך אונטערגעטונקען פון ליכט אין שאָטען אַריין, ווי אַ וואַסערמיידעל אין שוואַרצע וואַסערן.

—סעריאָזשע, דו הערסט מיך נישט?—האָט מאַטוועי געפרעגט.

—ניין, איך הער, מיין פריינד. אַלץ, וואָס דו זאָגסט, איז אמת, כמעט אמת. איך אַליין טראַכט טיילמאָל אַזוי...

ער האָט נאָך געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבער דער ברודער האָט איהם איבערגעשלאָגען און פון דאָסניי גענומען ריידען טריב און פער׳עקשנ׳ט און פיינליך, איבער׳חזר׳ענדיג נאָכאַנאַנד: „מיר וועלען אומקומען! אומקומען! עס וועט גאָרנישט זיין! מיר וועלען גאָרנישט דערגרייכען!“

—מיר האָבען זיך שרעקליך טועה-געווען,—האָט ער פערענדיגט,—מיר האָבען זיך אַריינגערוקט אין אַ וואַסער און קאָנען נישט די טיעפקייט: מיר האָבען געמיינט, אַז דאָס פאָלק איז מיט אונז. אָבער דאָס פאָלק איז נישט מיט אונז. איך ווייס עס, סעריאָזשע, שפּאַר זיך נישט, איך ווייס, אַז דאָס איז אַזוי. אָט דערצעהלט מען, אַז בשעת דער לעצטער נסיעה, וואָס דער קייזער האָט איצט געמאַכט, איז זיך פון אומעטום צונויפגעלאָפען דאָס פאָלק, געפאַלען פאַר איהם אויף די קניה, זיך געוואָרפען אונטער די רעדער פון קאַרעט, און מען האָט געמוזט אָבשטעלען די פערד, וואָרום אַנישט וואָלטען די רעדער געפאָהרען איבער מענשען. נו, אָט זענען זיי, אונזערע קינפטיגע רעפּובליקאַנער! און זאָלען מיר נאָר פּרובען אָנריהרען דעם קייזער, וועט אונז דאָס פאָלק צורייסען אויף שטיקער. וואָרום דאָס פאָלק האָט איהם ליעב, דאָס פאָלק גלויבט אין איהם, ווי אין גאָטס געזאַלבטען, ווי אין גאָט אַליין.

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען. נאָכדעם האָט ער מיט איין האַנד אַרומגענומען דעם ברודער ביים האַלז, זיך אָנגעבויגט צו

איהם, אַ קוק געטהאָן איהם טיעף אין פּנים אַריין און גענומען ריידען גאָר מיט אַנ׳אַנדער קול—אַ ווייכען, אַ קינדיש-צערטליכען און אַ וואַרימען:

—געדענקסטו, סעריאָזשע, ווי מיר זענען אַמאָל געלעגען ביינאַכט אויפ׳ן שלאַכטפעלד ביי באָראָדינאָ? אונטער איין שינעל זענען מיר געלעגען און מיר האָבען געבעטען גאָט און געוויינט און זיך געשוואָרען, אַז מיר זאָלען שטאַרבען פאַר׳ן פאָטערלאַנד. געדענקסטו, ווי מיר האָבען דערנאָך ביידע ליעב בעקומען דאָס מיידעל אַנעט, און דו האָסט זיך איינמאָל אָנגערופען צו מיר: „איך האָב זי ליעב, אָבער דיך האָב איך נאָך ליעבער. דו ביזט מיין האַרציגסטער פריינד פון דער וויעג-אָן״. שוין-זשע איז שוין פון דעם אַלעם קיין זכר נישט געבליבען? סעריאָזשע, טייבעלע מיינס, אין נאָמען פון גאָט, אין נאָמען פון אונזער פערשטאָרבענער מוטער בעט איך דיך—הער מיך אויס: האָב רחמנות אויף זיך, האָב רחמנות אויף אַנדערע. האָב כאָטש רחמנות אויף מיר.... איך קאָן שוין נישט מעהר... איך שרעק מיך נישט פאַר מענשען, נאָר פאַר גאָט. לאָמיר אַוועק פון זיי, לאָמיר אַוועק, כל-זמן עס איז נאָך נישט שפּעט...

סערגעי האָט לאַנג געשוויגען, אַנ׳אויסגעמאַטערטער, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, ווי פריהער.

—וואָס זאָל איך דיר זאָגען,—האָט ער זיך, צולעצט, אָנגערופען מיט אַ מאַטען קול, פּונקט ווי אויף איהם וואָלט געלעגען אַ שרעקליכע משא. דערנאָך האָט זיך דער קול געשטאַרקט און ער האָט אָנגעהויבען ריידען פעסטער:—זאָל זיין אַזוי ווי דו זאָגסט. ווען מען וואָלט בעדאַרפט אָנהויבען אַלץ פון דאָסניי, וואָלט איך אָנגעהויבען פון דאָסניי. אָט זאָגסטו, אַז דאָס פאָלק האָט ליעב דעם צאַר, אַז דאָס פאָלק גלויבט אין איהם, ווי אין אַ גאָט. אָבער דאָס איז דאָך אַ שרעקליך אומגליק און אַ שרעקליכער ליגען, ווען מען מאַכט דעם צאַר פאַר אַ גאָט. נישט דאָס אַליין איז שרעקליך, וואָס דאָס פאָלק איז אָרים, גראָב, הונגעריג און פעריאָגט, נאָר דאָס, וואָס עס האָט זיין נשמה דעם טייוועל פערקויפט, וואָס עס האָט אַ מענשען פאַר אַ גאָט געמאַכט. דאָס איז רוסלאַנדס אומגליק, דאָס איז רוסלאַנדס טויט.

—אָבער וואָס איז דער צאַר שולדיג? דו זאָגסט דאָך אַליין: דאָס פאָלק...—האָט מאַטוועי אַנגעהויבען ריידען, אָבער איצט האָט איהם שוין סערגעי איבערגעהאַקט, נישט געלאָזט ווייטער ריידען.

—ניין, דאָס פאָלק האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט, אָבער ער האָט יאָ געוואוסט. „גאָטס מלוכה אויף דער ערד, ווי אויפ'ן הימעל", דאָס זענען זיינע ווערטער. אָבער וואָס האָט ער אויפגעטהאָן? דער געבענשטער, דער רעטער פון רוסלאַנד, דער בעפרייער פון אייראָפּאַ—וואָס האָט ער געמאַכט מיט רוסלאַנד, וואָס האָט ער געמאַכט מיט אייראָפּאַ? נישט ער האָט דען אָנגעצונדען אין אונזערע הערצער דאָס ליכט פון פרייהייט און נישט ער דען האָט עס דערנאָך מיט אַזויפיעל אכזריות פערלאָשען?.. ער האָט אַלץ פערדאָרבען, גע'פּטר'ט, צו שאַנד געמאַכט. דאָס הויכע, שענע און הימלישע איז געוואָרען לעכערליך. דאָס איז אַ מלוכה פון חיות און נישט גאָטס מלוכה. דאָס טאָר מען איהם נישט מוחל-זיין! זאָל עס איהם מוחל-זיין, ווער עס קאָן, אָבער איך נישט... און דערפאַר פערדיענט ער ווייניגסטענס דעם טויט. יאָ, יאָ, שווייג, איך ווייס אַליין: „דו זאָלסט נישט טויטען". און דאָך וואָלט איך איהם געטויט, געטויט אָט דאָ, אויף דעם אָרט... איך וואָלט איהם אויף שטיקער צעריסען, איך וואָלט איהם צופליקט און צופיצעלט, ווי אַ מאוס'ען וואָרעם!

גאָליצין האָט נישט געזעהען זיין געזיכט, אָבער פון זיין קול האָט ער פערשטאַנען, אַז עס מוז אויסזעהן שרעקליך, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט גערעדט מיט איהם וועגען געבעל'ן. אָבער שרעקליכער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס אָט דאָס ליעבע, גוטע, קינדישע געזיכט האָט זיך געקאָנט אָנגיסען מיט אַזויפיעל גרימצאָרן און האַס.

—סעריאָזשע, סעריאָזשע, וואָס רעדסטו? גלויבסט אין גאָט און אַזוי צו ריידען!—האָט מאַטוועי איוואַנאָוויטש אַ געשריי געטהאָן.

סערגעי האָט פערדעקט מיט די הענד דאָס געזיכט און

אַנ׳אויסגעמאַטערטער זיך אַראָפּגעלאָזט, פּונקט ווי אַ שרעקליכע לאַסט וואָלט איהם צוגעדריקט.

ביידע זענען אַנטשוויגען געוואָרען. דערנאָך האָבען ביידע געשעפּטשעט. מאַטוועי איוואַנאָוויטש האָט געוויינט, און סערגעי האָט איהם אַרומגענומען און געטרייסט און בערוהיגט מיט אַזוי-פיעל צערטליכקייט, אַז עס האָט זיך נישט געקאָנט גלויבען—דאָס זאָל זיין דער אייגענער מענש, וואָס האָט מיט אַ מינוט פריהער גערעדט פון מאָרד.

האַלבע נאַכט איז שוין געווען; די לבנה איז געשטאַנען אין זעניט. דאָס ליכט איז נאָך שטאַרקער געווען, די שטילקייט—נאָך פולער און די פיינליכע אָנשטרענגונג—נאָך גרעסער.

און ווידער האָט זיך דערטראָגען פון דערווייטענס:

מיין זיסע מאַמעלע, מיין טייער טייבעלע,

ווי זאָל איך לעבען, זאָג, ווי זאָל איך לעבען?

דאָס טריבע ליעד איז אָבגעהאַקט געוואָרען, און פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ פרעהליך ווילד ליעד, ווי דאָס געלעכטער פון אַ וואַסערמיידעל.

און פונקט ווי אַלץ וואָלט נאָר געוואַרט דעריף, האָט עס באַלד אָנגעהויבען זינגען אויף דער ערד און אויפ׳ן הימעל—אַלץ האָט געזונגען און געקלונגען און געענטפערט מיט געלעכטער אויף געלעכטער. דאָס העלע ליכט איז בלויז הילכיג געלעכטער געווען.

—עס וועט גאָרנישט זיין! מיר וועלען גאָרנישט דערגריי-כען!—האָט געוויינט דער וויינענדיגער. „עס וועט זיין! עס וועט זיין! מיר וועלען דערגרייכען!“—האָט אַלץ געלאַכט פון איהם.

און אויך גאָליצין האָט איבערגע׳חזר׳ט מיט אַזאַ פרייד, ווי נאָך קיינמאָל נישט:

—עס וועט זיין! עס וועט זיין! עס וועט זיין!

פיערטעס קאַפּיטעל.

פאָס, וואָס גאָליצין האָט זיך בעדאַרפט זעהן מיט׳ן קייזער, האָט איהם ממש נישט געלאָזט צורוה. אַז ער האָט, צולעצט, בעקומען דעם לאַנג-געװאַרטען אורלויב און איז אַװעקגעפאָהרען פון פעטערבורג, איז ער געװען כמעט װי זיכער, אַז ער װעט זיך מיט׳ן קייזער שוין נישט זעהן. אָבער באַלד װי ער איז געקומען קיין קיעװ, האָט איהם גענעראַל װיט, דער שעף פון די דרום-קאָלאָניעס, אַרויסגערופען קיין יעליסאַװעטגראַד, אין דער קאָרפּוס-קװאַרטיר און דאָרט איהם מיטגעטיילט דעם אַלערהעכסטען בעפעהל, אַז ער טאָר נישט פערלאָזען די קיעװער גובערניע אָהן אַ דערלויבניש פון גובערנאַטאָר, װייל דער קייזער קאָן איהם אַ ליאַדע טאָג אַרויספאָדערן צו זיך. „װאַהרשיינליך,—האָט װיט צוגעגעבען פון זיך—װעט איהר זיך זעהן מיט׳ן קייזער אין הערבסט, װען ער װעט מאַכען זיין נסיעה קיין דרום.“

װען עמיץ װאָלט גאָליצינ׳ען געזאָגט: „אייער צוזאַמענטרעפען זיך מיט׳ן קייזער װעט זיין די איינציגע געלעגענהייט

צו מאַכען אַנ'אָנפאַל אויף איהם",—וואָלט ער נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. נישט בלויז זאָגען, נאָר אפילו טראַכטען: „זאָל דאָס טהאָן אַנ'אַנדערער, נישט איך", וואָלט געווען זעהר מאוס, און דאָך האָט ער געפיהלט, אַז די האַנד וועט זיך איהם קיינמאָל נישט אויפהויבען אויפ'ן קייזער. ער וועט קיינמאָל נישט פערגעסען יענעם בליק, מיט וועלכען זיי האָבען זיך איבערגעקוקט אי בער סאָפיעס טרומנע.

באַלד נאָך דעם נאַכט-שמועס צווישען די צוויי ברידער, האָט מען זיך אין וואַסילקאָוו דערוואוסט פון שערוואודס מסירה און פון דעם, אַז די פערשווערונג איז אויפגעדעקט געוואָרען. מוראַוויאָוו און בעסטוזשעוו האָבען געבעטען גאָליצינ'ען, ער זאָל אַראָבפאָהרען קיין טולטשין, אַ שטעדטעל אין פאָדאָליער גובערניע, וואו עס האָט זיך געפונען די הויפטקוואַרטיר פון דער צווייטער אַרמעע. דאָרט זאָל ער וועגען דעם איבערגעבען פעסטעל'ן און יושנעווסקי'ן, די צוויי דירעקטאָרען פון דער דאָרטיגער סעקציע.

גאָליצין איז אַוועקגעפאָהרען קיין טולטשין. פעסטעל'ן האָט ער דאָרט נישט געטראָפען, נאָר יושנעווסקי'ן, און אַז גאָליצין האָט איהם דערצעהלט פון שערוואודס מסירה, האָט ער געזאָגט:

—דאָס איז גענעראַל וויטס מלאכה. איהר קאָנט איהם?

—איך קאָן איהם.

—נו, ווי געפעלט ער אייך?

—אַ פיין שטיקעל סחורה.

—נו, יאָ. ער קריכט אַלץ צו אונז אין דער געזעלשאַפט. אַלס בעווייז פון זיין אויפריכטיגקייט, האָט ער אונז אָנגעוויזען עטליכע שפיאָנעס, דערין שוין אויך דעם קאַפּיטאַן מאַיבאָראָדע, וואָס דיענט ביי פעסטעל'ן.

—זענט אַזוי גוט, יושנעווסקי. און זאָגט פעסטעל'ן, ער זאָל זיך נישט חבר'ן מיט וויט'ן, וואָרום דאָס איז פאַר אונז אַ טויט!

—שוין געגוג גערעדט. גאָליצין, פאָהרט אַליין אַריבער צו איהם און דערצעהלט איהם אַלץ. אפשר וועט ער אייך מעהר גלויבען...

גאָליצין האָט סאַקי באַלד געוואָלט אַריבערפאָהרען צו פעסטעל׳ן, אינ׳ם שטעדטעל לינצי, אָבער יושנעווסקי האָט איהם מיטגעטיילט, אַז פעסטעל איז אַוועקגעפאָהרען קיין בערדיטשעוו און אַז עס איז גלייכער אָבצעוואַרטען איהם אין טולטשין.

יושנעווסקי איז געפעלען געווען גאָליצינ׳ען. אין דעם פיינעם איידעלען געזיכט איז געלעגען עפּיס אַ רוהיגקייט, אַ שטילע גלייכמעסיגקייט און אַ שטילע פריינדליכקייט. די חברים האָבען איהם גערופען „גוטער רעפּובּליקאַנער", „אַלטער סטאָאיקער". און גאָליצין האָט געטראַכט, קוקענדיג אויף איהם: „אָט אויף וועמען מען קאָן זיך איינגאַנצען פערלאָזען. דאָס איז אַן׳אייזערנע וואַנד." כמעט אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט פלעגען איהם אויסווייזען ווי קינדער, אָבער יושנעווסקי האָט איהם אויסגעזעהן ווי אַ דערוואַקסענער מענש. און נאָך קיינמאָל האָט ער אַזוי נישט געשפירט די רייפקייט און די ערנסטקייט פון דער זאַך, ווי דאָ, נעבען יושנעווסקי׳ן.

יושנעווסקי׳ן האָבען אַלע ליעב געהאַט. צו דרייסיג יאָהר— אַ גענעראַל-אינטענדאַנט פון דער 2-טער אַרמעע. דער שעף פון שטאַב, גענעראַל קיסעלעוו, איז געווען זיינער אַ פריינד; גראַף וויטגענשטיין, דער הויפּטקאָמאַנדיר, האָט איהם אויסגעצייכענט פאַר זיין טיכטיגקייט און עהרליכקייט. אַ גלאַנצפולע קאַריערע האָט געוואַרט אויף איהם.

גאָליצין האָט געוואוינט ביי יושנעווסקי׳ן. דאָס הויז איז געשטאַנען אין אַ גאָרטען. אונטער׳ן פענסטער האָבען זיך בעוועגט יונגע טאָפּאָליעס, ווי גרינע פאָרהאַנגען. אין די סאַמע הייסע טעג איז דאָ געווען קיהל, געמיטליך, היימליך, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער קיהלער שיין און די ליעבע פרישקייט נעהמט זיך דאָ פון דער בעל-הבית׳טע, פון מאַריע קאַזימיראָווגע׳ן, וואָס איז געווען פריש, ווי אַ מאַיבלימעל.

יושנעווסקי האָט געהאַט אַלץ, וואָס מאַכט אַ מענשען גליקליך—ליעבע, פריינדשאַפט, עשירות און כבוד, און דאָס אַלץ האָט ער אַוועקגעלאָזט מיט אַ פריי און גליקליך געמיט.

—ווייסט איהר, גאָליצין,—האָט ער איינמאָל זיך אָנגערופען נאָכדעם, ווי ער האָט געשפּיעלט פּידעל (געווען אַ גוטער מוזי-קאַנט) און אויפ׳ן פּנים איז איהם נאָך געלעגען די בעגייסטע-רונג פון מוזיק—איך בין זעהר צופרידען פון דער מסירה: איצט וועלען מיר זיכער אָנהויבען. אָבלעגען קאָן מען שוין נישט. סיי-ווי וועלען מיר דאָך שטאַרבען, איז דאָך גלייכער צו שטאַרבען מיט׳ן שווערד אין דער האַנד, איידער צו שטאַרבען אין די אייזערנע קייטען...

—און איהר גלויבט אין ערפאָלג?—האָט גאָליצין געפרעגט.

—על-פּי-שכל קאָן דאָ קיין שום ערפאָלג נישט זיין,—האָט יושנעווסקי געזאָגט—אָבער אין לעבען ווערט דאָך נישט אַלץ גע-טהאָן לויט׳ן שכל. מען זאָגט, אַז קיין נסים זענען נישטאָ אויף דער וועלט, אָבער דאָס 12-טע יאָהר איז נישט געווען קיין נס? דאָס איז נישט קיין מלחמה געווען, נאָר אַ פאָלקס-מרידה. מיר זענען בלויז אַ המשך פון דעם, וואָס איז דעמאָלט אָנגעהויבען געוואָ-רען. נישט מיר האָבען אָנגעהויבען, נישט מיר וועלען ענדיגען, אָבער טרייבען ווייטער די אַרבייט מוז מען...

„אָבער מען בעדאַרף פונדעסטוועגען אָנהויבען“,—זענען גאָ-ליצינ׳ען פון דאָסניי געקומען אויפ׳ן זכרון רילייעווס ווערטער, און ווידעראַמאָל האָט ער אַ טראַכט געטהאָן: „יאָ, דאָ וועט מען אָנהויבען“.

שוין אין דעם ערשטען טאָג האָט איהם יושנעווסקי מיט-געטיילט, אַז מיכאַאיל סערגעיעוויטש לונין, איינער פון די עלטסטע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, וויל זיך מיט איהם זעהן ווע-גען זעהר אַ וויכטיגען ענין. מיט אַכט יאָהר צוריק, בשעת גאָ-ליצין האָט געדינט אין פּרעאָבראַזשענסקען פאָלק, פלעגט ער זיך טיילמאָל צוזאַמענקומען מיט׳ן גלאַנצפולען גוואַרדיע-ראָטמי-סטער לונין. אַ סך האָט מען דעמאָלט געשמועסט פון זיין אונ-געוועהנליכען מוט, שכור׳ע הוליאַנקעס, דועלען און וואוילינגע-רישע שטיפערייען: דאָ פלעגט ער ביינאַכט מיט אַ שכור׳ער קאָמ-פּאַניע איבערטוישען די שילדען אויף נעווסקי פּראָספּעקט; דאָ פלעגט ער געהן אין געוועט, אַז ער וועט אַ נאַקעטער דורכריי

טען די פּעטערבורגער גאַסען און, ווי מען האָט דערצעהלט, האָט ער אַזוינע געוועטען געוואונען; און דאָ, ווידער, פּלעגט ער אַראָבשפּרינגען פון דריטען גאָרן לויט'ן וואונש פון אַ שענער דאַמע. איבערהויפּט אָבער האָט דער עולם שטאַרק געשמועסט פון זיין דועל מיט אַלעקסעי אָרלאָוו'ן. ביים טיש האָט עמיץ אין שפּאַס בעמערקט, אַז אָרלאָוו האָט נאָך מיט קיינעם נישט גע-האַט קיין דועל. האָט איהם לונין פאָרגעלעגט אויסצופּרובען די-דאָזיגע שפּירונג. לויט די כּללים פון אָנשטענדיגקייט האָט ער זיך נישט געקאָנט אָבזאָגען פונ'ם דועל, הגם ער איז פאָרגעלעגט געוואָרען אין שפּאַס. אַז די געגנער זענען זיך צונויפגעקומען ביים באַריער, איז לונין, ווי אַלעמאָל, געווען גוט געשטימט און האָט פון ווייטען געלערנט אָרלאָוו'ן ווי אַזוי בעסער צו שיסען. יענער האָט זיך אָבער געקאָכט און האָט נישט געטראָפען. האָט לונין אויסגעשאָסען אין דער-הויך און בעת-מעשה פאָרגעלעגט זיין געגנער, ער זאָל זיך פּרובען נאָכאַמאָל און דערביי האָט ער איהם קאַלטבלוטיג געראַטען, ווי ער זאָל זיך ציעלען—צי העכער, צי נידעריגער. אַ צווייטע קויל האָט לונינ'ען דורכגעשאָ-סען דעם הוט און לונין האָט ווידעראַמאָל אויסגעשאָסען אין לופטען און, אַ לאַכענדיגער, פערזיכערט, אַז די דריטע קויל וועט האָבען ערפאָלג. דאָ אָבער האָבען זיך אַריינגעמישט די סעקונ-דאַנטען און נישט דערלאָזט.

אין לונינס ווילדע שטיפערייען איז געווען אַ סך קינדישעס, אָבער די, וואָס האָבען איהם בעסער געקאָנט, האָבען פערזיכערט, אַז זיין העלדישקייט שטאַמט נישט פון אַ גאוה-געפיהל. אין פעלדצוג פון 12-טען יאָהר פלעגט ער אַראָבקריכען פון פערד, נעהמען ביי אַ סאָלדאַט דעם ביקס און זיך אַוועקשטעלען אונ-טער דעם שטאַרקסטען געפעהרליכסטען פייער אין דער שיסער-ליניע. און דאָס אַלץ פלעגט געטהאָן ווערען בלויז דערויף—ער זאָל קאָנען שפּירען דעם תענוג פון געפאַהר. אָבער אין דער פרידליכער צייט, ווען עס זענען נישט געווען קיין סכּנות, פלעגט איהם זיין לאַנגווייליג. דעמאָלט פלעגט ער שכּור'ן, בושעווען, קעהרן אַ וועלט, אָבער סוף-כּל-סוף פלעגט ער אַוועקפאָהרען אין

דאָרף, וואו ער פלעגט געזון מיט אַ מעסער אויף אַ וואָלף און מיט אַ שפּיז אויף אַ בער. ער פלעגט זיך אויך נישט אָבשטעלען פאַר געפעהרליכערע חיות.

דער גרויספירשט קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש האָט זיך אייג-מאָל אַזוי בעליידיגענד אָבגערופען וועגען די אָפיצירען פונ׳ם גוואַרדיע-פּאָלק, וואו לונין האָט געדיענט, אַז אַלע אָפיצירען האָבען זיך אָנגעגעבען אין דימיסיע. דער קייזער איז געוועזן נישט צופרידען דערפון, און דער גרויספירשט האָט אין דער געגענוואַרט פון גאַנצען פּאָלק זיך ענטשולדיגט און אויסגעדריקט זיין בע-דויערונג, וואָס זיינע ווערטער זענען פערשטאַנען געוואָרען ווי אַ בעליידיגונג, דערביי האָט ער צוגעגעבען, אַז אויב דאָס איז נישט גענוג, איז ער גרייט צו געבען אַ „סאַטיספאַקציע". דע-מאָלט האָט לונין אַ דריק געטהאָן מיט די שפּאָרען דאָס פערד, איז שנעל צוגעריטען צום גרויספירשט און, אַ קלאַפּ טהאָענדיג מיט דער האַנד אָן זיין שווערד, האָט ער געזאָגט אויף פראַנ-צויזיש:

— צופיעל כבוד, אייער האָהייט, אַז מען זאָל זיך קאָנען אָבזאָגען דערפון.

אין 12-טען יאָהר איז ער געווען אָרדאָנאַנצאָפיציר ביים קייזער און האָט ביי איהם שטאַרק נושא-חן געווען; שפּעטער אָבער איז זיין שטעלונג געפאַלען פאַר זיינע פרייזיניגע געדאַנ-קען איבער דער בורבאָנישער מאָנאַרכיע. אַז די גוואַרדיע האָט זיך אומגעקעהרט קיין פּעטערבורג, האָט ער, אַלס עלטסטער ראָטמיסטער, געוואַרט מען זאָל איהם בעשטימען פאַר אַ פּאָל-קאָווניק, אָבער קיינער פון די פּאָלק-אָפיצירען האָט נישט בע-קומען קיין העכערע בעשטימונג. דערוויסענדיג זיך, אַז דאָס איז צוליעב איהם, האָט זיך לונין געזעצט אין קראָנשטאַדט אויף אַ שיף און אַוועקגעפאָהרען קיין פראַנקרייך.

ער האָט זיך בעזעצט אין פּאַריז און עטליכע יאָהר פער-בראַכט דאָרט אין נויט. זיין פאָטער איז געווען זעהר רייך, אָבער קאַרג, און האָט נישט געהויזט מיט׳ן זוהן. אַז דער פאָטער איז געשטאָרבען, האָט ער בעקומען אַ ירושה מיט אַ הכנסה פון

200.000 רובל. אין פאריז האט ער זיך בעהעפט צו די קארבא-נארען און יעזואיטען, וואס האבען נישט געקאנט מוחל-זיין דער רוסישער רעגירונג די עולה, וואס זי האט זיי משלח-געווען פון רוסלאנד.

—אין אזוינע מענשען, ווי איהר, נויטיגען מיר זיך,—האבען זיי געזאגט צו לוניב׳ען,—איהר בעדארפט זיך נוקם-זיין פאר רוים.

אין רוסלאנד איז ער געקומען אויך אזוי אונגעריכט, ווי ער איז אוועקגעפאהרען. דער קייזער, וואס האט איהם איבער-געזעצט פון דער גווארדיע אין דער ארמעע, האט איהם נישט געהעכערט אין ראנג און אוועקגעשיקט איהם קיין ווארשוי צום טראנספאלגער.

אין ווארשוי האט לונין אויסגעצייכענט גוט געדיענט און האט אזוי אויסגענומען ביים גרויספירשט, אז ער איז געווארען זיין סאמע אינטימסטער פריינד.

—איך וואלט נישט געוואלט שלאפען מיט איהם אין איין צימער—ער קאן נאך דער׳הרג׳ענען. אבער מען קאן זיך פער-לאזען אויף זיין ווארט. ער איז אנ׳עהרענמאן און אזוינע מענ-שען האב איך ליעב,—האט דער גרויספירשט געזאגט.

אבער אונטער פיער אויגען פלעגען זיי עפטער פערפיהרען אנ׳אויסטערלישען שמועס.

—איהר זענט א טיפישער מיטגליד פון אייער פאמיליע: די ראמאנאווס זענען רעוואלוציאנערן און ניוועלערען,—האט איהם לונין געזאגט.

—א דאנק, מיין ליעבער. האסטו מיך, אלזא, געמאכט פאר א יאקאבינער? דאס איז אזא כבוד, וואס פעהלט מיר טאקי.

באלד ווי לונין איז געקומען קיין רוסלאנד, איז ער אריינ-געטראטען אין דער געהיימער געזעלשאפט און האט דערקלערט, אז ער איז גרייט ארויסצושיקען אויפ׳ן טראקט פון צארסקאיע סעלא א „טויט-אטראד"—עטליכע בעוואפענטע מענשען אין מא-סקעס, זיי זאלען דער׳הרג׳ענען דעם קייזער. פעסטעל׳ן איז גע-

פעלען געווען דערדאָזיגער פּלאַן, און אויך די אַלע, וואָס האָ-בען געקאָנט לונינס דרייסטקייט, האָבען געהאַלטען, אַז דערדאָ-זיגער פּלאַן קאָן אויסגעפיהרט ווערען.

—וואָס וויל ער אייגענטליך האָבען פון מיר?—האָט גאָ-ליצין געפרעגט יושנעווסקי׳ן.

—איך ווייס נישט, ער זאָגט נישט. איך בעט אייך נאָר איין זאַך, גאָליצין, איהר זאָלט זיך נישט אומקוקען אויף זיינע ווילדע געגג. איהר ווייסט, וואָס ער האָט געענטפערט דעם קיי-זער, בשעת יענער האָט איהם בעמערקט: „לונין, מען זאָגט, אַז איהר זענט אַ ביסעלע משוגע״. „אייער מאַיעסטעט,—האָט ער גע-ענטפערט,—אויף קאָלומבוס׳ן האָט מען אויך געזאָגט דאָס אייגע-נע״. דאָס איז, נאַטירליך, אַ שפּאַס, אָבער אַ שפּאַס אין אַ זייט: לונין איז אַ מענש מיט אַ גרויסען פערשטאַנד און אונגעהויערן גייסט. וואָס ער וויל, דאָס וועט ער אויספיהרען. אין אַזוינע מענשען נויטיגען מיר זיך,—האָט ער נישט-ווילענדיג איבערגע-חזר׳ט די ווערטער פון די הייליגע פאָטערס, די יעזואיטען.—די לעצטע צייט איז ער אָבגעקיהלט געוואָרען צו דער געזעלשאַפט. מיט עפּיס אַנדערש איז ער געווען בעשעפטיגט: מען זאָגט, אַז ער האָט זיך איינגעליעבט אין אַ פּוילישער גרעפין, אַ פערהייראַ-טער דאַמע. די גלחים האָבען זי צוגערעדט, זי זאָל אַוועק אין מאָנאַסטיר און איהם האָבען זיי געראַטען, ער זאָל זיך אומקעהרן צוריק אין דער געזעלשאַפט. אָבער ווייסט איהר, גאָליצין, איהר וואָלט געטהאָן אַ גוטע זאַך, ווען איהר וואָלט איהם פערהאָלפען דעריין.

יושנעווסקי האָט פאָרגעלעגט, מען זאָל באַלד געהן צו לו-נינ׳ען, און גאָליצין האָט איינגעשטימט.

לונין האָט געוואוינט אין בעסטערוואָרק, אַ פאָרשטעדטעל פון טולטשין. טולטשין אַליין, אַ קליין שטעדטעלע, האָט געהערט צו די גראַפען פּאָטאָצקי. ליעגען ליעגט דאָס שטעדטע-לע אין אַ טהאָל ביי אַנ׳אָזערע, וואָס איז געבילדעט געוואָרען פון די לאַנגזאַמע וואַסערן פונ׳ם טייכעל סילניצע; אַרום הויבען זיך בערגלעך צוזאַמען מיט די לעצטע קאַרפּאַטען-הויכקייטען, וואָס ציהען זיך פון דניעסטער צום בוג. אין שטעדטעל זענען נישטאָ 528

קיין רוסען, אויסער די מיליטערלייט און טשינאָווניקעס; פאַרהאַן אַ סך פּאָליאַקען, יודען, מאָלדאַוואַנער, אַרמענער, גריכען און קאַטוילישע מאַנאַכען. עס זעהט-אויס, ווי אַ מיליטערישער לאַגער אין אַ פרעמדען לאַנד: די ווייסע כאַטקעס, וואָס שטעהען צווישען די טאָפּאָליעס, זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין קאַזאַרמעס; אומעטום זעהט מען אַרטילערישע טראַנספּאָרטען, ביידלעך, צוזאַמענגעלעגטע ביקסען, פערד, געוועהר און מאַרשירענדיגע ראָטעס. אַ גלאַנצען פון שטיקעס און אַ שטיל שימערן פון די לאַמפּאַדעס, וואָס הענגען איבער מאַדאָנעס אין געמויערטע נישעס. אַ קלאַפּעריי פון פויקען און אַ קלינגען פון גלאָקען אין די אַלטע קירכען און קלויסטערס.

די גאַסען זענען נישט ברוקירט; פריהלינג און הערבסט איז דאָ אַזאַ בלאָטע, אַז מענשען און פערד טרינקען זיך. אָבער איצט, נאָך אַזאַ לאַנגער טריקעניש, האָבען זיך געטראָגען איבער'ן שטעדטעל גאַנצע וואָלקענס שטויב און אינ'ם שטויב איז געהאַנגען אַ שטאַר-רויטע זון, ווי אַ קופּערנע קויל, צאָהן שטראַהלען. מענשען, אויסגעמוטשעט פון היץ, זענען אומגעגאַנגען ווי שלעבעריגע פליגען. הינד זענען אַרומגעלאָפען מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער און די פאַרבייגעהער האָבען זיי אָנגעקוקט מיט דערשראָקענע בליקען: משוגע'נע הינד זענען געווען די גרעסטע פּלאָג פון שטעדטעל.

גאָליצין און יושנעווסקי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם מאַרק, דעם בית-המדרש, דעם קלויסטער, דאָס הויז פונ'ם הויפּטקאָמאַנדיר און דעם גרויסאַרטיגען פּאַלאַץ מיט די מאַרמאָר-קאָלאָנעס פון די גראַפען פּאָטאָצקי. פון דאַנען זענען זיי אַרויסגעקומען צו דער אָזערע, וואו עס האָט זיך געצויגען אַ שאָטענדיגע אַלעע פון הונדערטיעהריגע ווערבעס. עֶרגעץ האָט גערוישט אַ וואַסערמיהל. דאָס פאָרשטעדטעל נעסטערוואַרק איז געלעגען הינטער דער אָזערע. דאָ האָט זיך אויך געצויגען דער פּאָסטטראַקט פון בראַצלאַוו און נעמיראָוו. ביים טראַקט איז געשטאַנען ישראל-מאָשקעס קרעטשמע מיט אַ שילדעל: „גרינער שענק". אויפ'ן שמוציגען הויף, פערשטעלט מיט טשומאַקישע פוהרען, לאַנגע בוידען פון יודישע

בעלי-עגלות און פּוילישע וועגלעך, איז געשטאַנען אַ בראַוער־
נוסאַר פון גראָדנער פּאָלק און געפּוצט אַנ'עלעגאַנט ענגליש עקי־
פּאַזשל.

—דער פּאָלקאָווניק איז אין דערהיים?—האָט יושנעווסקי
אַ פרעג געטהאָן.

—טאַק טאַטשנאָ, וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ. ווילט איהר,
איך זאָל מעלדען?

—ניין, מען בעדאַרף נישט.

אַז זיי האָבען זיך אויפגעהויבען אויף טונקעלע שמוציגע
שטיגען, האָבען זיי אָנבעגעגענט אַ פּוילישען גלח.

—קסיאָנדז טיבורצי פּאַוולאָווסקי, לונינס גלח,—האָט יושנעוו־
סקי אַ שעפּטשע געטהאָן צו גאָליצינ'ען.

זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַ טהיר, וואָס איז געווען נישט
גוט צוגעמאַכט, און האָבען אָנגעקלאַפּט. קיינער האָט זיך אָבער
נישט אָנגערופען. האָבען זיי געעפענט די טהיר און אַריינגעקוקט
אין אַ גרויס לעדיג צימער, עהנליך צו אַ שטאַהל. אָבער זיי זע־
נען געבליבען שטעהן און נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן, ווארום
אין דעם זייטיגען קליינעם צימערל, אַ מין אַלקערל, איז אַ הוי־
כער מאַן געשטאַנען אויף די קניה, אין אַ לאַנגען שוואַרצען
שלאָפראָק און האָט מתפלל-געווען לויט'ן רומישען נוסח:

„אַווע מאַריע, אַווע מאַריע, גראַציאַ פּלענאַ...”

די פּאָדלאָגע האָט אַ סקריפּע געטהאָן, יענער האָט זיך אָב־
בעקעהרט און געזאָגט:

—קומט-אַריין!

—שטערען מיר אייך נישט?—האָט יושנעווסקי געפרעגט.

—פאַרוואָס מיינט איהר אַזוי? איך האָב אַזוי דערעסען
דעם אויבערשטען מיט מיינע תפילות, אַז ער מוז זעהר צופרי־
דען זיין, ווען ער קאָן אַ רגע'לע אָברוהען,—האָט דער מאַן אינ'ם
שלאָפראָק אַ שמייכעל געטהאָן.

—פירשט וואַלעריאַן מיכאַילאָוויטש גאָליצין, מיכאַאיל סער־
געיעוויטש לונין,—האָט יושנעווסקי פאָרגעשטעלט.

—פאַרט געקומען אַמאָל, פירשט! און מיר האָבען זיך

נישט געקאָנט דערוואַרטען אויף אייך,—האָט לונין געזאָגט און מיטביידע הענד געדריקט איהם די האַנד, פריינדליך, מיט אַ שמייכעלע (דאָס שמייכעלע איז איהם שטענדיג געהאַנגען אויפ'ן פּנים); ער האָט איהם אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל און בעת-מעשה דעקלאַמירט מיט אַ הוזק-פייערליכען טאָן, נאָכמאַכענדיג דער בע-ריהמטער טראַגישער אַקטריסע ראָקור:

—זעצט אייך, נעראָן, נעהמט אייך פּלאַץ... ניין, ניין, זעצט אייך אויף אַנ'אַנדער שטוהל, דער האָט צובראָכענע פיסלעך.

—לונין, פאַרוואָס געפעלט אייך צו וואוינען אין דערדאָזי-גער קאָנורע?—האָט זיך יושנעווסקי אַרומגעקוקט.

—נישט קיין קאָנורע, מיין ליעבער, נאָר אַ גרינער שענק. און וואָס איז שלעכט דאָס צימער? עס דערמאָהנט מיר אָן מיין יוגענד, אָן מיין פּאַריזער מאַנסאַרדע, אויף דער גאַס דיו-באַק, ביי דער מאַדאַם אויגעניע, וואו מיר, זעקס הונגעריגע און גליק-ליכע קבצנים, האָבען געוואוינט מיט דעמדאָזיגען ליעדעל אויף די ליפּען:

דאָס הייזעלע איז אָרים,
דאָך גוט איז מיר מיט דיר.

איבעריגענס, האָב איך דאָ אַלץ, וואָס איך בעדאַרף: איינזאַמ-קייט, רוהיגקייט און יודישען רעטעך מיט שמאַלץ—אַנ'אויסגע-צייכענטער מאכל...

—איהר נעהרט זיך, הייסט עס, מיט רוחניות?

—אָט-אָט. איך פאַסט תעניתים. נאָר דורך תעניתים בע-קומט מען אַ פרייען גייסט. גערעכט זענען די אַסקעטען.

—און וואו שלאָפט איהר? איהר האָט דאָך דאָ נישט קיין בעט?

—אַ בעט איז אַ פּאָראורטייל, מיין ליעבער. לכתחילה האָב איך געשלאָפען אויפ'ן דיוואַן, האָבען מיך די וואַנצען אויפגע-פרעסען. שלאָף איך איצט אויפ'ן טיש, ווי אַ בר-מינן. דאָס דערמאָהנט אָן טויט און ס'איז אַ היילונג פאַר דער נשמה. יאָ, אַלץ איז דאָ גוט, אָבער צופיעל שפּינען: פריהמאָרגען-שפּינען זענען אַ צייכען פון טרויער.

—איהר זענט אַבערגלויביש?

—זעהר. איך האָב מיך שוין לאַנג איבערצייגט, אַז אינ׳ם נישט-גלויבען, איז פאַרהאַן וועניגער לאָגיק און מעהר אונזין, איידער אין דער סאַמע אונזיניגסטער אמונה...

אין דעמדאָזיגען שפּאַס האָט זיך געשפּירט עפּיס אַזוינס וואָס איז גאָר קיין שפּאַס נישט געווען.

—ווילט איהר אפשר רויכערן, מיינע הערן, גרויסאַרטיגער טאַבאַק, סאַמע קאָנסטאַנטינאָפּאָלער.

דאָס צימער איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אַראָמאַטישען רויך.

—יודיש רעטיך מיט שמאַלץ און טייערער טאַבאַק—אַזוי לעבט איהר דאָס מיט רוחניות!—האָט זיך יושנעווסקי צולאַכט.

—אַ זינדיגער מענש: כ׳קאָן מיך נישט אָבזאָגען פון דער לולקע,—האָט זיך לונין אויך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ גוטמוטיגען און קינדישען שמייכעל. באַליצין האָט זיך עטוואָס גע׳חדוש׳ט: איהם האָט זיך געדאַכט, אַז לונין קאָן גאָרנישט לאַכען קינדיש. בכלל איז איהם לונין נישט געפעלען געווען, דאָך האָט ער איהם בעטראַכט מיט אַזאַ געפיהל, אַז ער וועט איהם שוין קיינמאָל נישט פערגעסען, קוים האָט ער איהם נאָר איינמאָל געזעהן.

לונין איז שוין אַלט געווען איבער פיערציג יאָהר, אָבער אויסגעזעהן האָט ער כמעט ווי אַ יונגעל. ער איז געווען הויך, דין, שלאַנק און מאָגער מיט יענער אָדערדיגער מאָגערקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אייזענפעסטע, געשיקטע מענשען, וועלכע זיצען וועניג אין שטוב. אַ קול האָט ער געהאַט אַ שאַרפען, אַ דורכדרינגליכען, אויך ווי ביי אַ מענשען, וואָס זיצט וועניג אין שטוב. זיינע קליינע ברוינע אויגען זענען איהם געזעסען עטוואָס אונטער׳ן שטערען און האָבען געקוקט שאַרף, ווי ביי גוטע שיסער און יעגער. פון זיין שטענדיגען שמייכעלע האָבען זיך אויסגעוויקעלט צוויי קנייטשעלעך אַרום די ליפען, אָבער זיי האָבען איהם צוגעגעבען עפּיס אַ לוסטיגען אויסדרוק. און אַרום די נישט-גלייכע ברעמען—די לינקע איז געווען העכער פון דער רעכטער—זענען געלעגען צוויי אַנדערע קנייטשעלעך, בייזע, טריבע.

באָרנישט עהנליך צו יענע, וואָס זענען געלעגען אַרום די ליפּען. מערקווירדיג פלעגט זיך איהם ענדערן דאָס געזיכט: דאָ איז עס פלוצלונג בעלעבט געוואָרען און דאָ פלעגט עס אויסזעהן פער־גליווערט, כמעט ווי ביי אַ טויטען. איז זיין פער׳עקשנ׳טען בליק איז געלעגען עטוואָס שווערפעליגעס, וואָס האָט אָבער גלייכציי־טיג זעהר געריהרט און געצויגען צו זיך. די גאַנצע צייט האָט גאָליצין געשפּירט אויף זיך דעמדאָזיגען בליק און האָט זיך בשום־אופן נישט געקאָנט בעפרייען פון איהם. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואָלט זיך באַלד אומגעקעהרט, ווען לונין וואָלט אַ קוק געטהאָן אויף איהם פון הינטען.

לונין איז געגאַנגען אויף־און־אָב איבער׳ן צימער און גע־רויכערט זיין לולקע. ער האָט זיך געוויצעלט, געשפּאַסט, גע־לאַכט, אַ סך גערעדט אָדער אויסגעזונגען מיט אַ הייזעריגען קול:

דער רייץ פון ליעבע דויערט איין מאָמענט!

—איך האָב נישט ליעב קיין ליעדער,—האָט לונין געזאָגט— זיי פאַנגען און לייגען, די מאָשעניקעס. די געדאַנקען בעוועגען זיך ביי די דיכטער, ווי סאָלדאַטען אויף אַ פּאַראַד, אָבער צו מלחמה טויגען זיי זיך נישט: פיהרען מלחמה און זיעגען קאָן נאָר די פּראָזע. נאַפּאָלעאָן האָט מנצח־געווען נאָר דורך איהר. ווי ביי אַלע יונגע פעלקער, איז אויך ביי אונז, רוסען, פאַרהאַן מעהר פּאָעזיע, איידער פּראָזע. מיר זענען אַלע פּאָעטען, און אונזער אַליינהערשאַפט איז אויך נישט מעהר ווי פּאָעזיע פון אַ שלעכטען געשמאַק.

—און איהר, לונין, האָט קיינמאָל קיין ליעדער נישט גע־שריבען?—האָט יושנעווסקי אַ פרעג געטהאָן.

—ניין, גאָט האָט אויסגעהיט, אָבער מיט פּראָזע האָב איך אַמאָל יאָ געזינדיגט: אין פּאַריז האָב איך אָנגעהויבען שרייבען אַ דערצעהלונג וועגען דעם פאַלשען דמיטרי.

—איהר האָט געשריבען אין רוסיש?

—נו, ווי פאַלט אייך איין? אונזערע חלומות אפילו זעהען מיר דאָך אין פראַנצויזיש.

 גערעדט האָט ער גייסטרייך, פיין און עטוואָס אַלטמאָדיש:

אַזוינע שמועסען פלעגען זעהר אויסנעהמען ביי דעם אַלטען דור.

—אָט מיינע אַלטעטשקע, קאָרנעל'ן און מאַליער'ן, האָב איך ליעב: זייערע פערזען זענען קלוג און ניכטער, אַזוי גוט ווי פּראָזע. אָבער זאָגט אייך וואָס איהר ווילט: די היינטיגע ראָמאַנטיקער פערשטעה איך נישט. אפשר בין איך שוין אַלט, ווי מיינט איהר?

—נו, וואָס פאַר אַנ'אַלטער זענט איהר, גענוג אייך צו קאָקעטירען.

—אָבער איך האָב מיך שוין צו צוואַנציג יאָהר געהאַלטען פאַר אַנ'אַלטען. געדענקט איהר נאַפּאָלעאָנס וואָרט וועגען די רוסען? „זיי זענען נאָך גאָר נישט רייף און שוין פערפוילט". אין אונז אַלעמען איז פאַרהאַן דידאָזיגע צופוילטקייט פון אַכטצעהנ-טען יאָהרהונדערט, ווי קאַראַמזין זאָגט...

„ער פאַזירט, מאַכט אָנשטעלענישען. מיר קאָנען דידאָזיגע אַריסטאָקראַטען-טשודאַקעס מיט דער שאַטירונג פון בייראָנ'ען",— האָט גאָליצין געטראַכט מיט פערדרוס.

אין דעם דערבייאיגען קלויסטער האָבען גענומען קלינגען די אָווענדגלאָקען. לונין איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און גע-נומען זאָגען עפּיס אַ תפילה.

די געסט האָבען זיך אויפגעהויבען. דער בעל-הבית האָט זיי פערהאַלטען.

—ניין, שוין צייט צו געהן. דער פירשט איז אודאי מיד פון וועג,—האָט יושנעווסקי געזאָגט.—קומט מאָרגען אויף אָווענד-ברויט צו אונז, לונין. איהר וועט פערגעסען אויף אַ רגע אייערע יודישע תעניתים.

—אָך, רעדט מיר נישט צו, פון מאַשקעס רעטיך און קוואַס האָב איך אַזוי אויך אַ רעוואָלוציע אין בויך. נו, איך וועל קומען. די עבירה וועט פאַלען אויף אייך, יוצר-הרע.

און אַז ער האָט געדריקט גאָליצינ'ען די האַנד פאַר'ן אַוועקגעהן, האָט ער שוין אַרויסגעזאָגט ערנסט, אָבער מיט יע-נער כלומר'שטער פריינדליכקייט, דורך וועלכער עס לאָזט זיך דערקאָנען אַ מענש פון דער העכערער געזעלשאַפט:

—איך האָב צו אייך צוגעגאַנגען פּירשט. איך האָב אַזויפיעל געהערט וועגן אייך און אַזויפיעל געוואַרט אויף אייך, אָבער גלויבט, אַז נישט בלויז פון נייגיריגקייט. ווען איהר וואָלט מיר געקאָנט שענקען אַ שעה אָדער צוויי...

—ווען ווילט איהר זיך זעהן?

—נו, זאָל זיין מאָרגען, זיבען אַ זייגער אין אָוונד.

„וואָס וויל ער האָבען פון מיר?"—האָט גאָליצין געטראַכט, אַז ער איז געקומען אַהיים, אַז ער האָט זיך געלעגט אין בעט און אַז ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפריה; און אַ גאַנצען טאָג האָט ער געשפּירט אויף זיך זיין פּער'עקשנ'טען, שווערען און צערטליכען בליק.

צום אָוונדברויט זענען געקומען געסט: דער שטאַבס-קאַ-פּיטאַן פּירשט באַריאַטינסקי, מאַיאָר לאָרער, פּאָרוטשיק באָברי-שטשעוו-פּושקין, פּאָרוטשיק קאַסאַרגין און אַנדערע מיטגלידער פון דער טולטשינער סעקציע.

געקומען איז אויך לונין. ער האָט ווידער געלאַכט, גע-שפּאַסט, גערעדט אָהן אַן אויפהער און ווידער איז ער גאָליצינ'ען נישט געפעלען געווען. איהם האָט דערעסען און מיד געמאַכט דערדאָזיגער אונאויפהערליכער געלעכטער, עהנליך צו אַ קנאַקעדיג פייער מיט קליינע פונקען. האָט ער אפילו גערעדט ערנסט, האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער הוזק'ט איבער יענעם, וואָס הערט איהם אויס, אַז ער חוזק'ט איבער זיך אַליין און איבער דעם, וואָס ער רעדט.

—באַריאַטינסקי, איהר טרינקט גאָרנישט?—האָט בעמערקט דער בעל-הבית.

—און דאָס איז נאָך אַ מחבר,—האָט לונין אונטערגעכאַפּט,—ווייסט איהר דען נישט, וואָס דער אַטאַמאַן פּלאַטאָוו האָט גע-זאָגט, בשעת מען האָט איהם פאָרגעשטעלט קאַראַמזינ'ען? „די-דאָזיגע בעקאַנטשאַפט,—זאָגט ער,—פערשאַפט מיר גרויס תענוג. איך האָב אַלעמאָל ליעב געהאַט מחברים: זיי זענען אַלע שכורים."

—די דאָקטוירים דערלויבען נישט צו טרינקען,—האָט זיך באַריאַטינסקי פערענטפערט—אפשר וואַסער מיט וויין.

—„וועמען וואַסער, אָבער מיר בראָנפען!" האָט עמיץ גע-שריען, ווי אין אַ שרפה. מסתמא אויך אַ מחבר,—האָט לונין פון דאָסניי אונטערגעכאַפּט.

מען האָט זיך צושמועסט איבער פּאָליטיק.

—דער אַלגעמיינער וואוילשטאַנד פון רוסלאַנד...—האָט עמיץ אָנגעהויבען ביים עק טיש.

—ווייסט איהר, מיינע הערן, ווי איינער אַ קלוגער מענש האָט איבערגעזעצט: le bien être général en Russie?

—נו, ווי?

—„גוט צו זיין אַ גענעראַל אין רוסלאַנד."

ער האָט זיך נאָכאַנאַנד געוויצעלט, אָבער צווישען די וויצען האָט ער גאַנץ ערנסט דערקלערט באַריאַטינסקי'ן, אַ פער'עקשנ'טען אפיקורס, די וואָהרהייט פון דער קאַטוילישער קירך. באַריאַטינ-סקי האָט זיך געקאָכט, אָבער לונין האָט איהם בעזיעגט מיט זיין מערקווירדיגער געדולד און אויסגעהאַלטענקייט.

נאָך דריי פלאַשען לאַפּיט און צוויי קליקאָ האָט זיך לונין מודה-געווען, אַז הגם ער האָט געטרונקען „אין מאָס" אַזוי, אַז ער זאָל זיך קאָנען האַלטען אויף די פיס, ווי עס עצה'ט דער דיכטער יערמיל קאָסטראָוו, דאָך אָבער האָט איהם מאָשקעס קוואַס אָבגעוועהנט פון וויין. און אַז ער האָט זיך גענומען צו דער דריטער פלאַש שאַמפּאַניער, האָט ער אפילו אָנגעהויבען זינגען מיט אַ שכור'ען קול:

דאָ נישט לאַנג פון אומעט האָבען
מיר געטרונקען שטאַרקען וויין
און אַוועקגעשיקט דעם שכל
אַזש אין כף-הקל אַריין.

פּלוצלונג האָט ער זיך איבערגעהאַקט און אַזוי ווי נעכטען זיך צוגעהערט צו דעם קלינגען פון די אָווענדגלאָקען. נאָכדעם איז ער אַרויס פון טיש און, אַ וואַקלענדיגער, אַוועק אינ'ם צוויי-טען צימער. דאָרט האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ געבעט-בוך און גענומען שעפּטשען אַ תפילה.

—איהר ווילט אונז מאַכען פאַר קאַטאָליקען און אַליין טהוט איהר אַזוינע זאַכען?

—וואָס אַזוינס?

—געפונען אַ צייט און אָרט, וואו גאָט צו בעטען.

גאַליצין איז אויך צוגעגאַנגען און זיך צוגעהערט.

—אַך, מיין ליעבער, דאָ גיב איך מיך אונטער צו גאָט, אַ שכור׳ער און אַ שוואַכער!—האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט, ווי געכטען, מיט אַ גוטען קינדישען געלעכטער. נאָכדעם האָט ער ערנסט צוגעגעבען:

—גלויבט מיר, מענשען זענען נאָר דעמאָלט ניש׳קשה, ווען זיי זענען מאַכטלאָז. דער מענש קאָן אַלץ פערטראָגען, אויסער קראַפט: גאָט שאַפט פון גאָרנישט: כל-זמן מיר ווילען און טראַכטען צו זיין עפּיס, וויל ער אין אונז נישט שאַפען. דעם שטאָלץ פון שכל בעדאַרף מען איינבּרעכען דורכ׳ן משוגעת פון גלויבען. דאָס איז דער עיקר...

—טאָ ווי אַזוי בונטעוועט איהר ביי אַזאַ הכנעה?

—דער בונט איז דער הייליגסטער חוב פון מענשען. די הכנעה פאַר גאָט איז דער בונט געגען מענשען,—האָט לונין ערנסט געזאָגט. נאָכדעם איז ער צוריק אַוועק צום טיש און פון דאָסניי אָנגעהויבען שפּאַסען, חוזק׳ן און לאַכען.

„וואָס בעדייט דערדאָזיגער אייביגער געלעכטער?״—האָט גאַליצין געטראַכט.—„לונין פערגראָבט טיעף אין זיך די פערבי- טערונג פון זיין לעכערליכען לעבען״,—האָט איינמאָל יושנעווסקי בעמערקט וועגען איהם, דאָס הייסט: ער לאַכט, נישט אויסצע- ווייזען לעכערליך אַליין. און אפשר לאַכט ער פון שרעק, צו בערוהיגען, אויפצומונטערן זיך, ווי דאָס טהוען קליינע קינדער אין אַ פינסטערן צימער? פאַרוואָס אָבער שרעקט ער זיך? נישט געווען קיין תשובה אויף דער פראַגע. געווען · אַ רעטעניש, און אין דעמדאָזיגען רעטעניש איז געלעגען אַ סך רייץ.

אויף מאָרגען אינדערפריה איז לונין ווידעראַמאָל געקומען צו יושנעווסקי׳ן. דאָסמאָל האָט ער שוין נישט גערעדט, נישט געשפּאַסט, נישט געלאַכט. ער האָט בלויז געזאָגט דער בעל-

הבית׳טע אַ פּאָר העפליכע ווערטער, זיך אַנידערגעזעצט ביים קלאַוויר און גענומען שפּיעלען בעטכאָווענס אַ סאָנאַטע. געשפּיעלט האָט ער אַזוי, אַז אַלע האָבען זיך צוגעהערט. אַליין האָט ער אויסגעזעהן שטיל און פייערליך. געענדיגט שפּיעלען, האָט ער זיך שווייגענדיג אויפגעהויבען, זיך צוזעגענט און אַוועקגעגאַנגען.

אין אָווענד איז גאָליצין געקומען אין גרינעם שענק. לונין איז געזעסען אויפ׳ן הויף, אַרומגערינגעלט פון יודישע קינדער, דעם בעל-הבית קינדער. ער האָט זיי געוויזען אַ ביכעלע מיט בילדער און מכבד-געווען מיט לעקעכלעך. די קינדער האָבען זיך געדרעהט אַרום איהם, גערופען איהם פעטערל, געצויגען איהם פאַר די זילבערשנורען פון זיין גוסאַרן-אוניפאָרם, אַרויפגעקראָכען איהם אויף די קניה און זיך געהאַנגען איהם אויפ׳ן האַלז; בעזונדערס האָט איהם דערקוטשעט אַ קליין שמוציג מיידעלע, מיט רויטע לאָקענדלעך, מיט אַ שען פּנימ׳ל, אפנים, זיין ליעבלינג.

דערזעהן דעם גאַסט, האָט זיך לונין אויפגעהויבען, אַראָבגעוואָרפען פון זיך די קינדער און געגאַנגען דעם גאַסט אַנטקעגען.

—ענטשולדיגט, פירשט, וואָס איך קאָן אייך נישט אויפנעהמען, ווי געהעריג. מיין חשוב׳ער ישראל-מאָשקע האָט לכבוד יום-טוב אָבגעקאָכט אַ גרויסע פיש. אַנ׳אמת׳ען לויתן און האָט אָנגעמאַכט אַזאַ רויך אין שטוב, אַז מען קאָן גאָרנישט אַריין. אפשר ווען מיר זיך דורכגעהן עטוואָס?

זיי זענען אַרויס אויפ׳ן טראַקט, זיך אַראָבגעלאָזט צו דער אָווערע, פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דער הרעבליע און אַריין אין פּאַרק.

דער פּאַרק איז געווען אַ גרויסער, עהנליך צו אַ וואַלד. אין שטעדטעל איז געווען שטויביג און הייס, אָבער דאָ, צווישען די הונדערטיעהריגע בוקבוימער און יעשענבוימער איז געווען מחיה׳דיג קיהל. ברייטע פרייע אַלעען, שטילע וויזעס, דרעמלענדיגע זומפען, בעצויגען מיט גראָזען און מיט ווילדע שרעקענדיגע ענטלעך.

פון דער געהיימער געזעלשאַפט; ער האָט איהם געפרעגט וועגען דער וואַסילקאָווער סעקציע, וועגען סערגעי מוראַוויאָוו׳ן און זיין קאַטעכיזיס, אָבער וועגען זיך און זיין ענין האָט ער געשוויגען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל אָנהויבען ריידען דערפון און האָט קיין מוט נישט, און אָט דאָס האָט בעזונדערס בעוואונדערט גאָליצינ׳ען.

—אָט זעהט איהר אַליין, ווי איך בין אָבגעשטאַנען פון דער געזעלשאַפט, כמעט אויס מיטגליד געוואָרען,—האָט ער דאָך אָנגעהויבען ריידען און בעת-מעשה נישט געקוקט אויף גאָליצינ׳ען.—אָבער איך וואָלט געוואָלט זיך אומקעהרן צוריק. העלפט מיר...

—איך וואָלט זעהר צופרידען געווען, לונין. אָבער מיט וואָס קאָן איך אייך העלפען?

—דערמיט קאָנט איהר העלפען. אָבער דאָס בעדאַרף בלייבען צווישען אונז.

אַנטשוויגען געוואָרען, פונקט ווי ער וואָלט זיך אָנגענומען מיט מוט און דערנאָך פון דאָסניי אָנגעהויבען, נישט-קוקענדיג אויף גאָליצינ׳ען:

—ווי מיינט איהר, וועט די געזעלשאַפט אָננעהמען די הילף...

שאַרף איהם אָנגעקוקט און דערנאָך ענטשלאָסאָן אַרויסגעזאָגט:

—די הילף פון די הייליגע פאָטערס פון יעזוס-אָרדען?

—פון די יעזואיטען?

—יאָ, פון די יעזואיטען. וואָס איז? איהר וואונדערט אייך, וואָס אַ קלוגער מענש רעדט נאַרישקייטען? וואַרט נאָר אַ ווײַלע, איילט זיך נישט. אייער ענטפער איז וויכטיג פאַר מיר, אפשר וויכטיגער, ווי איהר רעכענט. קודם-כל זאָגט מיר אָט וואָס: פאַרוואָס ריידען מיר אַלע און טהוען גאָרנישט?

—איהר ווייסט עס בעסער, לונין. איהר אַליין וואָלט...

—פאַרוואָס אַליין? פאַרוואָס בישט אַלע? זיי ווילען בישט? אָדער זיי ווילען און קאָנען נישט? גו, וועל איך אייך זאָגען,

אויף אַ מענשען קאָן מען אויפהויבען די האַנד, אָבער נישט אויף גאָט. כופרים, פריידענקער, אָבער ווי מען בעדאַרף עפּיס טהאָן, ווערען זיי אַלע פּראַוואָסלאַוונע און גלויבען אַזוי ווי זייערע פאָטערס האָבען געגלויבט. די פּראַוואָסלאַוויע איז אָבער אַנ׳אָבשיידונג פון קריסטוס׳ן און פון דער אַלוועלטליכער קאַטוילישער קירך. רוסלאַנד איז אָבגעפאַלען פון קריסטוס׳ן, פון הימלישען מלך, און האָט זיך געבוקט צום ערדישען מלך, צום ערדישען גאָט.

—רוסלאַנד איז אָבגעפאַלען, אָבער רוים איז שוין בלויז אמת?—האָט גאָליצין געפרעגט.

—אמת, אויב גאָטס וואָרט איז ריכטיג: „דו ביזט פּעטרוס און אויף דעם פעלז וויל איך בויען דעם אמת”. רוים איז די פרייהייט פון דער וועלט און זי איז די אייביגע מרידה געגען אַלע ערדישע מלכים.

—שוין-זשע מיינט איהר אַזוי, לונין?

—וואַרט, וואַרט, כאַפּט נישט, איהר וועט נאָך בעווייזען נישט מסכים-צו-זיין. פאַר דעם גורל פון דער וועלט ראַנגלען זיך צוויי גרויסע קרעפטען: דער קינפטיגער ריזיגער פאָלקס-אויפשטאַנד—די אַלוועלטליכע אַרבייטער-אַרמעע, דער סאָציאַליזם... איך ווייס נישט, ווי אַזוי מען זאָגט עס אויף רוסיש. פון סען-סימאָנ׳ען האָט איהר געהערט?

—עטוואָס געהערט.

—אין פאַריז פלעג איך מיך זעהן מיט איהם,—האָט לונין ווייטער געזאָגט,—מיר פלעגען שמועסען פון רוסלאַנד, פון דער געהיימער געזעלשאַפט. ער האָט אונז געוואָלט מיטהעלפען און האָט אויך געוואַרט אויף אונזער הילף. דאָס איז אַ מענשליכע קראַפט. פאַרהאַן אַ געטליכע קראַפט: דאָס איז דער הויכער געדאַנק, וואָס פעראייניגט די מלוכה מיט דער גייסטליכקייט אין איין פערזאָן: „איין מלך זאָל זיין אויפ׳ן הימעל און אויף דער ערד—יעזוס קריסטוס”, ווי עס ווערט געזאָגט אין אייער קאַטעכיזיס. אָבער, גאָליצין, דאָס איז דאָך אויך אונזער געדאַנק, דער געדאַנק פון רוים...

—ניין, לונין, דער געדאַנק פון רוים איז נישט אונזערער. אונזער מלך איז קריסטוס, אָבער נישט דער פּויפּסט.

—איז דען נישט דאָס אייגענע? דער פּויפּסט איז די קירך, און די קירך איז קריסטוס... נו, און ווייטער, ווייטער... טאָ הערט-זשע נאָר: אָט די ביידע קרעפטען געהען צו אונז, זיי ווילען זיך פעראייניגען מיט אונז. שוין-זשע ווילען מיר עס נישט ווילען? שוין-זשע ווילען מיר זיך אָבזאָגען דערפון?..

—ער האָט נאָך לאַנג גערעדט און דערקלערט זיין פּלאַן: די קירכעס ווערען פעראייניגט און דער פּויפּסט איז דער אָנפיהרער פונ׳ם רוסישען אויפשטאַנד, פונ׳ם אַלוועלטליכען אויפשטאַנד, דער ראש פון דער בעפרייטער מענשהייט אויפ׳ן וועג צו גאָטס מלוכה.

גאָליצין האָט אַזוי געגאַפּט, אַז ער האָט גאָרנישט געפּרובט עפּיס צו ענטפערן. ער האָט שווייגענדיג געהערט און צייטעווייז פלעגט ער איהם אָנקוקען פון דער זייט: צי לאַכט ער נישט אַמאָל? ניין, דאָס געזיכט איז ערנסט און פייערליך, ווי געכטען, בשעת ער האָט געשפּיעלט בעטכאָווענס סאָנאַטע; די אויגען ברענען, פּונקט ווי דאָס אייז-הייטעל וואָלט אַראָבגעפאַלען פון זיי און עס ענטפּלעקט זיך אַ פייערדיגע קויל.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון פּאַרק און זיך אויפגעהויבען אויף איינעם פון די בערגלעך, וואָס האָבען אַרומגערינגעלט די שטאָדט פון מערב-זייט. דער וועג האָט זיך געצויגען איבער אַ טהאָל, וואָס איז געווען פייכט פון רעגען. אין די שטראַהלען פון זונאונטערגאַנג האָט דער רויטער ליים אויסגעזעהן, ווי בלוט; אויך די רויטע וואָלקענדלעך, צעוואָרפען איבער׳ן הימעל, האָבען דערמאָהנט אָן בלוט, פּונקט ווי עמיץ וואָלט געטויט געוואָרען אויפ׳ן הימעל; און דער הויכער שוואַרצער קאַטוילישער צלם קאַלוואַריע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטען וועג, האָט דערמאָהנט אָן דעם, אַז אויף דער ערד איז אויך עמיץ געטויט געוואָרען.

הינטער אַ פּאַרקאַן האָבען געהאַווקעט הינד: מען האָט פערטריבען די סטאַדעס שעפּסען אויף דער נאַכט. עס האָט גע-

שמעקט מיט שעפּסען-מיסט, מיט רויך און פרישען גראָז.

אַנ'אַלטער פּאַסטוך האָט זיך אַריבערגעבויגט איבער'ן פּאַרקאַן און האָט עפּיס אַ מורמעל געטהאָן צו גאָליצינ'ען און לוניב'ען. מען האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס ער רעדט. ער האָט צוזאַמענגעמישט רוסישע ווערטער מיט פּוילישע, מאָלדאַווישע און טערקישע: אָט די אַלע פעלקער זענען אַמאָל אַדורכגעגאַנגען איבער זיינע היימישע בערג און האָבען איבערגעלאָזט שפּורען פון זייערע לשונות אין דער אָרטיגער שפּראַך. מיט אַ קרומען פּאַסטוך-שטעקען האָט ער אָנגעוויזען אויף אַ בייזען הונד, וואָס האָט זיך ווילד צובילט און נאָכדעם האָט ער עפּיס אָנגעוויזען אין יענער זייט, וואוהין זיי זענען געגאַנגען, פּונקט ווי ער וואָלט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף עפּיס אַ סכנה.

—וואָס רעדט ער? איהר פערשטעהט נישט, גאָליצין?

—איך פערשטעה נישט.

—איך פערשטעה אויך נישט. עפּיס שרעקט ער אונז מיט אַ חיה, צי וואָס? נאָר געהט ער צו אַלדי רוחות! דער פּאָדלעץ וויל פּשוט אויף אַ שנאַפּס.

זיי האָבען איהם צוגעוואָרפען אַ פּאָר מטבעות און אַוועק ווייטער. אָבער דער אַלטער האָט אַלץ געשריען צו זיי, און אין זיין פּנים און קול האָט זיך געשפּירט אַזאַ זיכערקייט, אַז גאָליצין האָט זיך דערשראָקען: אין דעמדראָזיגען איינזאַמען טהאָל, אין דעם רויטען ליים, אין רויטען הימעל און שוואַרצען צלם האָט עפּיס געשראָקען. „אפשר זיך אומקעהרן צוריק?" אָבער ער האָט זיך געשעמט מיט זיין פּחד פאַר דעם אונדערשרעקבאַרען לוניב'ען.

—ענטשולדיגט, גאָליצין, איך האָב מיך אַזוי צורעדט, אַז איך האָב פערגעסען יעדע העפליכקייט. איהר זענט נישט מיד?

—ניין, נישט מיד.

—אויב אַזוי, טאָ לאָמיר געהן נאָך אַ ביסעל. איך וועל אייך באַלד בעווייזען זעהר אַ שענעם אָרט.

מען האָט זיך אויפגעהויבען אויפ'ן שפּיץ פון אַ באַרג, וואו עס זענען געשטאַנען די שיריים פון אַנ'אַלטען טערקישען וואַכ-

טורם. אַמאָל האָבען די טערקען געוועלטיגט איבער פּאָדאָליען. ווי זענען אַרויפגעקראָכען אויפ׳ן טורם דורך צובראָכענע געדרעהטע טרעפּלעך. פון דער הויך האָט מען געקאָנט זעהן אַ גרויסען שטח: וואַלענאַרטיגע סטעפּ-הויכקייטען האָבען זיך געצויגען סאַמע ביז׳ן ראַנד פון הימעל, און דאָרט, אין מערב, אין די פייערדיגע וואָלקענס, האָט געשוועבט דער אָבשיין פון אַ גיגאַנטישער שטאָדט, אַזוי ווי פונ׳ם קינפטיגען ציון.

לונין האָט שווייגענדיג געקוקט צום זונאונטערגאַנג.

—איך ווייס נישט, ווי איהר, גאָליצין, אָבער איך האָב ליעב דעם סוף פון טאָג מעהר פונ׳ם אָנהויב, דעם מערב מעהר פונ׳ם מזרח; דער מערב איז גרעסער פון מזרח,—האָט לונין געזאָגט.—„שטיל ליכט, הייליג ליכט... אַז איך וועגד מיך צום זונאונטערגאַנג און זעה דאָס אָוועגדליכט...״—ווי ווערט געזונגען אין דער תּפילה? אַמאָל איז דאָס ליכט געקומען פון מזרח, היינט קומט דאָס לעצטע אָוועגדליכט פון מערב. דאַכט זיך, מיין אייראָפּאַ...

—ווי האָט איהר געזאָגט, לונין? מיין אייראָפּאַ...

—נו, יאָ?

—איז דען רוסלאַנד נישט אייערס?

—יאָ, און רוסלאַנד אויך... איך האָב עפּיס אַ פּאָרגעפיהל, אַז אין אייראָפּאַ בעדאַרף באַלד פּאָרקומען אַ מזל-ברכה׳דיגע איבערקעהרעניש, וואָס וועט ענטשיידען דעם גורל פון דער מענשהייט און אַז רוסלאַנד, מיין רוסלאַנד, וועט די ערשטע פון אַלע פעלקער אויפנעהמען דידאָזיגע איבערקעהרעניש און וועט די ערשטע זאָגען: „דיין מלוכה קומט״...

האָט זיך גאָליצין דערמאָהנט אָן טשאַאַדאַיעווס תּפילה. „טשאַאַדאַיעוו און לונין—ביידע אַזוי פערשידען און אַזוי עהנליך!—האָט ער געטראַכט.—ביידע האָבען פעררעטען רוסלאַנד, אָבער אין דעמדאָזיגען פעררעט איז אויך אייביג פערזיגעלט געוואָרען עפּיס היימישעס, עפּיס אויסשליסליך רוסישעס.״

—איך גלויב,—האָט לונין געזאָגט און אַנ׳אָוועגדליכער

טרויער אָדער אַנ׳אונענדליכע האָפנונג האָט זיך אָבגעשלאָגען אויף זיין פּנים, ווי דער ווידערשיין פון גוסס׳ן מערב.—איך ווייס נישט פון וואַנען איך האָב דידאָזיגע אמונה, אָבער איך גלויב, אַז גאָט וועט מציל-זיין רוסלאַנד, און אויב זי וועט אומקומען, וועט עס זיין די ישועה פון אייראָפּאַ, און די שרפה, וואָס וועט מאַכען אַ באַרג אַש פון רוסלאַנד, וועט זיין דאָס ערשטע בעגינען-ליכט פון דער אַלוועלטליכער בעפרייאונג...

די זון איז פערגאַנגען. אַ שטאַרע רויטקייט האָט זיך צוגאָסען אַרום און הימעל און סטעפּ זענען טונקעל געוואָרען, ווי אַ צימער, וואו דאָס ליכט ברענט דורך אַ רויט פאָרהאַנגעל: דאָס איז די לבנה אויפגעגאַנגען דורך אַ קליין וואָלקענדעל.

—נו, וואָס, גאָליצין. האָט איהר פערשטאַנען?

—פערשטאַנען.

—און נישט איינשטימיג?

—ניין. איהר האָט זיך אויפגעהויבען געגען צאַר, לונין, אָבער אייער פּויפּסט איז דאָך אויך דער אייגענער מלך. פון צאַרעטום אין פּויפּסטענטום. פון פייער אין וואַסער. ווייסט איהר וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געזאָגט פּיוס VII, בשעת ביידע האָבען זיך געשפּאַרט וועגען דער אויבערהערשאַפט איבער דער קירך? ער האָט געזאָגט: „איך בין אַליין אַ פּויפּסט!“ איז דען נישט אַלצאיינס, צי אַ פּויפּסט-צאַר, צי אַ צאַר-פּויפּסט?

—דאָס איז, הייסט עס, ווי ביי סקאַראַנ׳ען!—האָט זיך לונין פלוצלונג צולאַכט מיט זיין הילכיגען געלעכטער,—דער צאַר און דער פּאַפּאַ זענען עהנליך מיט אַ פּערקעהרטער עהנליכקייט, ווי צוויי הענד...

און לונין האָט אויפגעהערט צו לאַכען אויך אַזוי פלוצלונג, ווי ער האָט אָנגעהויבען.

—אָבער ווי זאָל איצט זיין? ווי זאָל איצט זיין?—האָט לונין געפרעגט—אויף וואָס זאָלען מיר בויען, בשעת מיר האָבען נישט קיין אָנשפּאַר? אויף ערדציטערניש זאָלען מיר בויען, צי וואָס? און איהר שרעקט זיך נישט, גאָליצין?

„אַ מאַן מיט זאַ׳אונגעהויער-שטאַרקער ווילענסקראַפט",— זענען גאָליצינ׳ען געקומען אויפ׳ן זכרון יושנעווסקיס ווערטער און אויך יענע ווערטער, וואָס לונין האָט געזאָגט: „אַ מענש קאָן אַלץ פערטראָגען, אויסער קראַפט". זיין פחד ליעגט, אַלזאָ, דערין און פון שרעק לאַכט ער עס אַזוי: ער וויל זיך בערוהיגען און אויפמונטערן, ווי דאָס טהוען קליינע קינדער אין דערפינסטער.

זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק מיט דעם אייגענעם וועג. פון שוואַרצען צלם איז דער וועג ווידער געלאָפען אין טהאָל אַריין. שוין נישט קיין רויטע, נאָר אַ געלע לבנה האָט בעלויכטען די סטעפּ.

הינטער׳ן פאַרקאַן האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ בילעריי און אַ טופעניש פון לויפענדיגע מענשען צוזאַמען מיט אויסגעשרייען. באַלד דערויף האָט אויפגעבליצט אַ פייערל און עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס. עפּיס אַ קליינס, אַ שוואַרצס און אַ קײלעכיגס איז מיט גרויס אימפעט געפלויגען גלייך אויף זיי, פונקט ווי אַ קויל פון אַ האַרמאַט; עס האָט זיך דערהערט אַ צווייטער שאָס. מען האָט, אפנים, געשאָסען אין דאָס שוואַרצע, דאָס לויפענדיגע און נישט געטראָפען.

—וואָס איז דאָס אַזוינס?—האָט גאָליצין אַ פרעג געטהאָן און זיך אַרומגעקוקט.

—אָבער דער פאַסטוך איז גערעכט געווען,—האָט לונין געזאָגט.—האָט איהר נישט קיין געוועהר ביי זיך, גאָליצין?

—ניין.

—איך האָב אויך נישט. אָט וואָס עס הייסט נישט געהן אין דער פולער אוניפאָרם... קענט איהר אָבער קלעטערן? גיט מיר אייער האַנד.

לונין האָט איהם אַ כאַפּ געטהאָן ביי דער האַנד און גענומען שלעפּען אַרויף צום פאַרקאַן. גאָליצין איז איהם נאָכגעקראָכען, אָבער דער שיטערער ליים האָט נישט אויסגעהאַלטען גאָליצינס משא: ער איז צוריק אַראָבגעפאַלען אויפ׳ן וועג. די ברילען זענען איהם אויך אַראָבגעפאַלען און זיך צובראָכען.

לונין איז שוין געשטאַנען אין דער-הויף, ביים פּאַרקאַן און האָט געקאָנט אַריבערשפּרינגען איבער איהם. ער האָט אָבער גע-זעהן, ווי גאָליצין שטעהט אַליין אויפ'ן וועג און איז אַראָבגע-שפּרונגען צו איהם. גאָליצינ'ען האָט ער באַלד אָבגעשטויסען צום צלם און אַליין האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט פּאָראויס; די לינקע האַנד האָט ער אַרומגעוויקעלט מיט'ן שינעל און אין דער רעכטער האָט ער געהאַלטען אַ לאַנגען פּערשפּיצטען שטע-קען, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון פּאַרקאַן. זיינע אַלע בעוועגונגען זענען געווען בליצשנעלע, אויסגערעכענטע און רו-היגע. אָבער עפּיס שכור'ליכעס האָט געשפּיעלט אין איהם, ווי נעכטען, נאָך דער דריטער פלאַש שאַמפּאַניער, אָדער ווי דע-מאָלט, וואַהרשיינליך, בשעת ער האָט אָנגענומען די פּאָדערונג פון טראָנפּאָלגער און האָט זיך אָנגערופען: „צופּיעל כבוד, אייער האָהייט, אַז מען זאָל זיך קאָנען אָבזאָגען דערפון!"

אפילו אָהן די ברילען האָט שוין גאָליצין געקאָנט איצט זעהן, וואָס עס האָט זיך געטראָגען אויף זיי: אַ פּעל מיט אויפ-געהויבענע האָהר, אַנ'אַראָבגעלאָזטער עק, פערדריקט צווישען די הינטערשטע פיס, אַנ'אַרויסגעשטעקטע צונג און אַ שפּינען-שנוק מיט בלעזלענדיגען שוים דערויף.

גאָליצין האָט פערזשמורעט די אויגען—נישט צו זעהן עס, און האָט זיך צוגעדריקט מיט'ן רוקען צום צלם. וואָס דערנאָך איז געשעהן, געדענקט ער נישט. דעמאָלט האָט ער נאָר גע-הערט אַ ריטשען, אַ היילען און אַ ברילען און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער שפּירט אויפ'ן געזיכט דעם הייסען שטיקענדיגען אָטעם פון אַ חיה.

אַז ער האָט געעפענט די אויגען, האָבען זיך מענשען גע-דרענגט אַרום אַ גרויסער גע'פגר'טער חיה, מיט אַ לאַנגען שטע-קען פערשטעקט אין מויל. די פּאַסטוכער זענען געווען בעגייסטערט פון לונינס דרייסטקייט און מוט.

—אָבער שיסען שיסט איהר גאָר ווי כוואַטעס!—האָט זיך לונין צולאַכט.

—מיר שיסען, פּאַניע דאָבראָדזיע, נישט ערגער פון אַנדע-

ד. מערעזשקאָווסקי.

אַלעקסאַנדער
דער ערשטער

יודיש: ד. קאַסעל.

IV־טער באַנד.

№ 20

פארלאג
יודיש.
ווארשע

דע, אָבער די גאַנצע וועלט ווייס, אַז אַ משוגע׳נעם הונד קאָן מען דערשיסען נאָר דורך אַ פערדעדטער קויל. אָבער דער, וואָס ווייס ווי אַזוי צו פעררייזען, קאָן אויך מיט אַ שטעקען דער־הרג׳ענען, ווי דער פאַן האָט עס געטהאָן.

לונין האָט געבעטען אַ ביסעל וואַסער—זיך אָרומצוואַשען. די פאַסטוכער האָבען זיי אַריבערגעפיהרט אויף יענער זייט פאַר־קאַן, וואו די דערשראָקענע שעפּסען האָבען זיך געדרענגט אין אַ גרויסער איינגער מחנה, פאַר אַ פונאַנדערגעלעגטען פייער; דערביי האָט געברומט אַ וואַסערל, וואָס איז געפאַלען דורך וואַ־סעררינעס גלייך אין די קאָריטעס.

לונין האָט אויסגעטהאָן דעם שינעל, וואָס דער משוגע׳נער הונד האָט דורכגעביסען מיט די צייהן. ער האָט אויך אויסגעטהאָן דעם מונדיר, פערקאַטשעט די אַרבעל און גוט אַרומגעקוקט די האַנד. ביי גאַליצינ׳ען האָבען זיך אויפגעהויבען די האָהר אויפ׳ן קאָפּ פון שרעק, אָבער לונין האָט, ווי אַלעמאָל, אויסגעזעהן רו־היג. אויף דער האַנד איז נישט געווען צו זעהן אַ סימן פון אַ ביס. לונין האָט אַריינגעוואָרפען דעם שינעל אין פייער אַריין; נאָכדעם האָט ער זיך אָרומגעוואַשען, זיך אָנגעטהאָן, געגעבען די פאַסטוכער אויף שנאַפּס, גענומען גאַליצינ׳ען אונטער׳ן אָרעם און אַרויס מיט איהם אויפ׳ן וועג.

—איהר האָט זיך דערשראָקען, פירשט?

—יאָ, זיך דערשראָקען.

—נו, געוויס. מיר שיינט, אַז איך האָב מיך אויך דער־שראָקען נישט ווייניגער פון אייך.

—מען האָט עס נישט געזעהן.

—דאָס זאָגט אָבער גאָרנישט! גלויב זיי נישט, מיין ליע־בער, ווען מען זאָגט אייך, אַז אויף דער וועלט זענען קיין שרעקעדיגע מענשען נישטאָ: אַלע שרעקען זיך, אָבער מאַנכע קאָנען בייקומען דעם שרעק און אַנדערע נישט. אינ׳ם נצחון איבער׳ן שרעק ליעגט דער תענוג פון געפאַהר, און מיר שיינט, אַז דערדאָזיגער תענוג האָט צו זיך קיין גלייכען נישט. דאָ ווערט דער מענש עהנליך צו גאָט. דאָס איז אייגענטליך אַ פאַל־

שער פערגלייך, אָבער דאָס איז שוין אַזוי: דער מענש איז שוין אַזוי געשאַפען, אַז ער וואָלט אומעטום געוואָלט זיין אַ גאָט.

גאָליצין האָט איהם אויפמערקזאַם אָנגעקוקט, צי בעריהמט ער זיך נישט. ניין, ער איז נאַטירליך און רוהיג. ווען ער וואָלט אפילו דער׳הרג׳עט אַ געפעהרליכערע חיה, וואָלט ער, דאַכט זיך, אויך אויסגעזעהן אַזוי נאַטירליך און רוהיג.

—פאַר דעם אמת׳ען יעגער לויפט שטענדיג די חיה אַנט-קעגען,—האָט לונין אַ שמייכעל געטהאָן, פונקט ווי ער וואָלט גע-טראָפען זיינע געדאַנקען,—מיר האָבען נישט לאַנג גערעדט וועגען אַ חיה, און אָט איז זי אַרויסגעשפרונגען צו אונז. נו, פרעג איך אייך, ווי קאָן מען נישט זיין אַבערגלויביש? און בעמערקט אייך אויך, מיר האָבען בעזיעגט די חיה אונטער דעם צייכען פונ׳ם רוימישען צלם. מיט׳ן צלם אויף דער חיה—איז דאָס נישט אפשר אונזער פערשווערונגס-פאָרמעל?

אַז מען האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין דער קרעטשמע, האָט גאָליצין געוואָלט אַוועקגעהן. אָבער לונין האָט געבעטען, ער זאָל אַריינגעהן צו איהם. פאַר׳ן שיין פונ׳ם ליכטעל האָט דאָס גרויסע צימער אויסגעזעהן נאָך טריבער. אויפ׳ן טיש איז געווען אויסגעבעט דאָס געלעגער און גאָליצין האָט זיך פאָרגע-שטעלט, ווי אַזוי לונין ליעגט דערויף ווי אַ בר-מינן. די טשע-מאָדאַנעס זענען געווען פערפאַקט: בעגינען האָט לונין בעדאַרפט אַוועקפאָהרען.

אַוועקגעזעצט דעם גאַסט, האָט לונין, ווי פריהער, גענומען שפאַצירען איבער׳ן צימער אויף-און-אָב, געריכערט די לולקע און צוגעזונגען מיט אַ הייזעריגען קול:

די ליעבע דויערט איין מאָמענט.

—און ווייסט איהר, גאָליצין, מיר גלויבט זיך אַלץ נישט, אַז מיר זאָלען זיך נישט קאָנען צונויפריידען. אין דעם עיקר זענען מיר דאָך אייגענטליך איינפערשטאַנדען?

—איינפערשטאַנדען. אָבער...

—אָבער דידאָזיגע צוויי פאַראַלעלע וועגען וועלען זיך קיינמאָל נישט צונויפגעהן? אַזוי מיינט איהר?

—אָדער זיי וועלן זיך צונויפגעהן אין דער אייביגקייט.

—ע, מיין ליעבער, צו דער אייביגקייט איז ווייט. בעסער אַ לעבעדיגער הונד, איידער אַ טויטער לייב!—האָט זיך לונין צולאַכט.

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, צוגעגאַנגען צו גאָליצינ׳ען און שאַרף איהם אַריינגעקוקט אין די אויגען אַריין.

—הערט-נאָר, גאָליצין, דאָס איז מיין לעצטע פּראָבע אַריינ-צוטרעטען צוריק אין דער געזעלשאַפט. איך ווייס, אַז איך קאָן ברענגען נוצען: איך האָב אַקוראַט דאָס, וואָס אייך פעהלט: נעמ-ליך דעם שטיצפּונקט פאַר דעם אַרכימעדישען העבעל, מיט וועל-כען מען קאָן אַ וועלט איבערקעהרן. אויב עס איז נאָר דאָ עפּיס אַ האָפנונג זיך צונויפצוריידען, בין איך אייערער, און וואָס איך זאָג, דאָס וועל איך טהאָן: מיט׳ן צלם אַנטקעגען דער חיה. איהר בעדאַכט זיך, אָבער שנעל, תיכף, און לעגט עס נישט אָב אין דער אייביגקייט! יאָ אָדער נישט?

זיין קול האָט זיך כמעט ווי געביטען: דאָס איז געווען יענע שוואַכקייט, וואָס ביי שטאַרקע מענשען איז זי טיילמאָל שטאַרקער פון זייער קראַפט.

—ניין, לונין, אויב איך זאָל געהן מיט אייך, וועלען די אַנדערע נישט געהן...

—נו, מילא, אַז ניין, איז ניין. קאָנען מיר זיך נישט ראַ-טעווען צוזאַמען, וועלען מיר שטאַרבען אויף בעזונדערע וועגען... זענט געזונד, גאָליצין. איך פאָהר ווייט פון דאַנען.

—קיין וואַרשוי?

—אפשר נאָך ווייטער. איך וועל מיר זוכען אַן אָרט אויף דער ערד. וועל איך אָבער נישט געפינען, זענען אויך פאַראַן מענשען אונטער דער ערד.

—וואָס הייסט אונטער דער ערד?

—נו, יאָ, איך מיין די מאָנאַכען פונ׳ם טראַפּיסטען-אָרדען.

—וועט איהר אַוועק צו זיי?

—צו זיי, אויב איך וועל נישט האָבען קיין אַנדער אָרט.

—איהר וועט קיין צייט נישט האָבען, לונין.

—פאַרוואָס?

—ווייל מיר וועלען פריהער אָנהויבען. און אַז מיר וועלען אָנהויבען, וועט איהר דאָך מסתמא צושטעהן צו אונז?

—צושטעהן. אין רוסלאַנד קאָן מען נישט לעבען, אָבער שטאַרבען יאָ... אַלזאָ, איך זאָג אייך נישט קיין זייט-געזונד, נאָר אויף ווידערזעהן... וואַרט-נאָר, איך האָב נאָך איין לעצטע פראַגע, וואָס איז אפשר נישט זעהר בעשיידען. אָבער עס איז אַלצאיינס—איהר קאָנט נישט ענטפערן, אויב איהר ווילט. אָדער נאָך בעסער: איך וועל פריהער ענטפערן און איהר דערנאָך. דער עיקר, די הויפּטזאַך אין מיין לעבען איז די ליעבע, די ליעבע צו א י ה ר...

זיי האָבען זיך ביידע שנעל איבערגעקוקט, ווי צוויי פערשווערער, און גאָליצין האָט פערשטאַנען, וועגען וועמען ער רעדט.

—און ביי אייך?

—ביי מיר אויך דאָס אייגענע.

—אויך די ליעבע צו פרייהייט געהט דורך א י ה ר?—האָט לונין געפרעגט.

—יאָ, דורך איהר.

לונין איז געשטאַנען אַ שווייגענדיגער קעגען גאָליצינ׳ען, פּונקט ווי ער וואָלט אויף עפּיס געוואַרט.

עפּיס אַ נאַרישער געדאַנק איז גאָליצינ׳ען בעפאַלען: און וואָס, אַז ער וועט זיך פּלוצלונג צולאַכען, ווי פריהער, מיט זיין מאָדנעם שרעקליכען געלעכטער? אַ פּאָדפּאָלקאָווניק פון גוסאַרען און אַ ריטער פון אַ שענער דאַמע, אַ פערשווערער און אַן אַדיוטאַנט פון טראָנפּאָלגער, אַ גרויסער חסיד פון פרייהייט און אַ גרויסער חסיד פון יעזואיטען—יאָ, דאָ מוז מען נישט-ווילענדיג לאַכען, אויב מען וויל נישט אויסווייזען לעכערליך.

—ווי פערשטעהט איהר, גאָליצין, פאַרוואָס בין איך אַוועק צו ז י י,—האָט לונין פון דאָסניי אָנגעהויבען ריידען אויך אַזוי ערנסט און פייערליך, ווי פריהער—די תּפילה „אַווע מאַריאַ, גראַציאַ פּלענאַ"—די תּפילה צו א י ה ר איז דאָך נאָר ביי די קאַ

אָליקען פאַרהאַן. דאָס פרעמדע לאַנד איז מיר אַ היים געוואָרען, װאָרום דאָרט, וואו עס איז פאַרהאַן ליעבע, איז אויך אַ היים פאַרהאַן. איך האָב פערלאָזט די אמונה פון מיינע עלטערן און האָב אַ פרעמדען גלויבען ליעב בעקומען מעהר ווי דעם אייגענעם, די כלה מעהר ווי די מוטער, ווי עס שטעהט אין דער הייליגער שריפט: „דערום ועט אַ מאַן זיין פאָטער און מוטער פערלאָזען”... איהר פערשטעהט נישט? אָבער אויב איהר פערשטעהט, אָבער אויב מירביידע דיענען דער איינער, ליעבען די איינע, טאָ פאַרוואָס זאָלען מיר געהן אויף בעזונדערע וועגען?..

און ער האָט געקוקט אויף גאָליצינ׳ען מיט זיין שווערען בערטליכען בליק און גאָליצין האָט נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געפיהלט דעם רייץ פון דעמדאָזיגען קוק, ווי איצט.

—פאַרוואָס-זשע ווילט איהר נישט געהן צוזאַמען? פיהלט איהר נישט, ווי זי רופט אייך איצט, ווי זי רעדט צו אייך דורך מיר? און איהר ווילט נישט?..

—איך קאָן נישט,—האָט גאָליצין אַרויסגעזאָגט און איז מיט גרויס אָנשטרענגונג בייגעקומען דעמדאָזיגען רייץ—און מען בעדאַרף נישט ריידען וועגען דעם, מען בעדאַרף נישט, לונין. „דאָס, וואָס דו ווילסט, ועסטו דאָך נישט זאָגען, און טאָמער ועסטו עס יאָ זאָגען, וועט עס פערלאָרען געהן”,—האָט ער זיך דערמאָהנט אָן באַריסאָווס ווערטער.

און פון דאָסניי האָבען ביידע געשוויגען. און אויף דער נשמה איז עפּיס שרעקליך געוואָרען. און אויך ווי דעמאָלט, בשעת ער האָט זיך צום ערשטען מאָל געזעהן מיט מוראַוויאָוו׳ן, האָט גאָליצין געפיהלט, אַז זי, סאָפיע, איז מיט איהם. אָבער פאַרוואָס איז דעמאָלט געוועזן לייכט און זיס און איצט שווער און שרעקליך?

ביידע האָבען געשוויגען.

—אפשר זענט איהר גערעכט,—האָט לונין, צולעצט, אַרויסגעזאָגט.—נו, אויף ווידערזעהן, אויף ווידערזעהן אין דער אייביגקייט, מיין פריינד. מעג איך דאָך זאָגען פריינד?

—יאָ, לונין

ד. פערעזשקאָווסקי.

גאַליצין האָט איהם דערלאַנגט די האַנד. לונין האָט זי פעסט פערדריקט און לאַנג נישט אַרויסגעלאָזט פון זיינער. און לאַנג האָט ער געקוקט אויף גאַליצינ׳ען, פונקט ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געוואַרט אויף עפּיס.

און אונטער דעמדאָזיגען בליק האָט איהם גאַליצין פערלאָזט.

פינפטע קאפיטעל.

ענטשולדיג מיר, טייערער יושנעווסקי, וואָס איך האָב דיר נישט געשריבען פון בערדיטשעוו. ווייסט דאָך, אַז איך בין פויל אויף דער פעדער; אוי-סערדעם, איז קיין געלעגענהייט נישט געווען צו שיקען מיט עמיצען אַ בריף, און שיקען, ווידער, מיט דער פּאָסט איז געפעהרליך. זאָג גאָליצינ׳ען, אַז איך וויל איהם זעהר זעהן, אָבער איך וואָלט נישט געוואָלט ריידען מיט איהם איבער די ענינים פון דער געזעלשאַפט, וואָרום איך ווייס וואויל פאָראויס, אַז פון ריידען קומען גאָרנישט אַרויס.

דו פרעגסט מיך, וואָס איך טהו. איך שרייב מיליטערישע בעריכטען און לערען די סאָלדאַטען מאַרשירען. איך בין טעמפּ געוואָרען פון איינזאַמקייט, וואָרום אויסער פּראָנט-סאָלדאַטען און פּאָלק-שרייבער ווייס איך דאָ קיינעם נישט. איך האָב מיר דאָ איינגעאָרדענט אַ צימער, פון וועלכען איך געה כמעט נישט אַרויס. מיין לעבען איז ווענינ אַמוזאַנט, עס איז שווער און טרוקען. און דאָס געזונד איז אויך נישט פויגעלדיג. בעט דעם דאָקטאָר וואָלף, ער זאָל מיר צושיקען כינין.

אַ דאַנק באַריאַטינסקי'ן פאַר זיינע „מוזע-שטונדען פון טול-טשין". די ווידמונג האָב איך מיר איינגע'חזר'ט אויף אויסווענינ:
גערענקסט געוויס די אָוועגדען די שטילע,
ווען ס'עפּענט זיך דאָס האַרץ אַזוי ווי פאַר אַ תּפילה,
געפינענדיג אין ליעבע טיעפען רייץ...
דיין מיינונג וועגען מיינע „הויכע גערדאַנקען", איז בלויז אַ שמייכעל-וואָרט פון אַ פריינד. הויכע געדאַנקען רופען-אַרויס אויך גרויסע מעשים. וואו זענען זיי?
זיי גליקליך און קוש פאַר מיר דאָס הענדטעל פון דער ליעבער מאַריע קאַזימיראָווגע'ן, וואָס האָט אונז צושיידט און נישט פערגעס דיין
פעסטעל.
P. S. בעדאַכט זיך גוט, צי עס לוינט גאַליצינ'ען קומען צו מיר. גאָרנישט טהאָן, נאָר ריידען וועגען טהאָן—דאָס איז אַלצאיינס, ווי שטויסען וואַסער. איבעריגענס, ווי דו פערשטעהסט."
נאָך דעמדאָזיגען בריף האָט גאָליצין געצווייפעלט, צי זאָל ער פאָהרען צו פעסטעל'ן, צי נישט. אָבער יושנעווסקי איז בעשטאַנען דערויף ער זאָל פאָהרען און אין דעם אייגענעם טאָג איז ער אַרויסגעפאָהרען.
דאָס שטעדטעלע לינצי, דער לאַגער פון וויאַטקער פאָלק, וואָס פעסטעל איז געווען זיין קאָמאַנדיר, איז געלעגען ביי אַ זעכציג וויאָרסט פון טולטשין, אין ליפּאָוועצקען אויעזד, קיעווער גובערניע, כמעט ביי דער גרענעץ פון פּאָדאָליער גובערניע. דער פּאָסטטראַקט האָט זיך געצויגען קיין בראַצלאַוו איבער דעם בוג-טהאָל; ער האָט זיך אויך געצויגען איבער דער אונטערשטער קראַפּיווגע און זשאָרניטשקע און איבער אַנ'אַלטען געדיכטען וואַלד פון דעמבעס און סאָסנעס, וואָס איז געלעגען אויף אַ שטח פון צעהנדליגער וויאָרסט, וואו עס איז אַמאָל געווען אַ נעסט פון היידאַמאַקעס און גזלנים. דערדאָזיגער וואַלד האָט זיך געצויגען ביז סאַמע לינצי און ווייטער איז געלעגען אַ נאַקעטע סטעפּ מיט קורגאַנעס און ווילדע גראָזען.
לינצי איז עטוואָס מיטעלעס צווישען אַ קליין שטעדטעלע

און אַ גרויסען ישוב. צווישען גרינע בוימער, ביים ברעג פון דעם טיעפען, דורכזיכטיגען און קיהלען טייך סאָבי, ליעגען גע-מיטליכע הייזעלעך מיט הויכע שפּיציגע דעכלעך; צווישען זיי קוקט-אַרויס אַנ׳אַלטע קירך, אַ בית-המדרש און אַ מאַרק מיט יודישע קרעמלעך; דאָ געפינט זיך אויך דער שטאַב פון וויאַט-קער פּאָלק מיט אַ געשטרייפטער הויפּטוואַך און אַ שלאַגבוים; ווייטער ציהט זיך שוין גאָלע סטעפּ און עס דאַכט זיך, אַז דאָ ענדיגט זיך שוין די וועלט. בייטאָג די סטעפּ און ביינאַכט דער וואַלד פערשטעלען אַלע וועגען צו דעמדאָזיגען העק, וואָס איז אַזוי ווי פערגעסען פון גאָט און פון לייט.

עס איז געווען אַ טריבער אָוועגד. ערגעץ ווייט איז דורכ-געגאַנגען אַ געוויטער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער זומער האָט זיך מיט אַמאָל געענדיגט. קיהלער איז ׳געוואָרען און עס האָט אָנגעהויבען שמעקען מיט הערבסט. קיין רעגען איז נישט געווען, אָבער אַ האַסטיגער פייכטער ווינד האָט געיאָגט איבער׳ן הימעל טונקעלע וואָלקענס, וואָס זענען געלאָפען אַזוי נידעריג, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך פערהאַלטען אָן די שפּיצען פון די בוימער.

שוין געווען רעכט פינסטערליך, בשעת דער פוהרמאַן האָט צוגעפיהרט גאָליצינ׳ען צו אַנ׳איינשטאָקיגען הויז—דעם שלאָס פון די פירשטען סאָנגושקאָ, וואָס צו זיי האָט געהערט דאָס שטעד-טעל. אין דעמדאָזיגען הויז האָט קיינער נישט געוואוינט; די פענסטער זענען געווען פערהאַקט און די טהיר איז פערוואַקסען געוואָרען מיט ווילדע גראָזען און קראָפּיווע. הינטער׳ן הויז האָט זיך געצויגען אַ פּאַרק מיט הויכע בוימער, וואָס די שפּיצען זייע-רע האָבען טריב געראַשט און שוואַרצע קראָהען האָבען זיך גע-טראָגען איבער זיי מיט אַ ווילדען קראַקען.

פעסטעל האָט געוואוינט אין אַ זייטיגען פליגעל, וואָס דער ׳ריזפערוואַלטער האָט איהם פערדונגען.

—פּאָזשאַלויטע, וואַשע סיאַטעלסטוואָ,—האָט פעסטעלס דענ-שטשיק, סאַווענקאָ, בעגעגענט גאָליצינ׳ען, ווי אַנ׳אַלטען בע-קאַנטען; דערדאָזיגער סאַוועקנאָ, אַ קליינרוס, מיט אַ גוטמוטיגען

פּנים, איז געגאַנגען אַנזאָגען פּעסטעל׳ן וועגען דעם גאַסט.

פּעסטעלס קאַבינעט איז געווען אַ גרויס טריב צימער מיט צוויי הויכע פענסטער אין פּאַרק. איבער דער גאַנצער וואַנד פון באַלקען ביז דער פּאָדלאָגע האָבען זיך געצויגען פּאָליצעס מיט ביכער; דערביי איז געשטאַנען אַ שרייבטיש, פערלעגט מיט פּאַפּירען. אין קאַבינעט האָט זיך אויך געפונען אַ ריזיגער קאַמין מיט אַ דעכעל פון ציגעל, וואָס פלעגט זיך עפטער געפינען אין די אַלטע פּוילישע פּריצ׳ישע הייזער. די פירשטען סאַנגושקאָ, די זיידעס און עלטערזיידעס, האָבען בייז אַרויסגעקוקט פון די אַלטע שוואַרצגעוואָרענע געמעלדען, פּונקט ווי זייערע שוואַרצאַפּלען וואָלטען זיך פּאַוואָליע בעוועגט נאָך די־יעניגע, וואָס האָבען געקוקט אויף זיי. עס האָט געשמעקט מיט מייז און ווילגאָטש. אין די לאַנגע הערבסטאָווענדען, בשעת דער ווינד וויינט אין קוימען און דער רעגען פּוקט אין די שויבען און די אַלטע פּאַרקבוימער רוישען, האָט דאָ געמוזט זיין שרעקליך אומעטיג און נישט היימליך. „מיין לעבען איז וועניג אַמוזאַנט, עס איז שווער און טרוקען״,—זענען גאָליצינ׳ען געקומען אויפ׳ן זכרון די ווערטער פון פּעסטעלס בריף.

—נו, ווי זענט איהר פערפאָהרען, פירשט? אפשר ווילט איהר זיך אַרומוואַשען? אָט איז אייער צימער.

פּעסטעל האָט אַריינגעפיהרט דעם גאַסט אין אַ קליינינטשקען צימערל, נעבען קאַבינעט: דאָס איז געווען זיין שלאָפצימער.

—איהר וועט דאָך ביי מיר איבערנעכטיגען?

—איך ווייס נאָך נישט, פּאַוועל איוואַנאָוויטש. איך אייל מיך און איך וואָלט געוואָלט צו אָווענד אַוועקפאָהרען.

—נו, וואָס רעדט איהר! איך וועל אייך נישט אָבלאָזען. עסען ווילט איהר?

—איך דאַנק אייך. אויף דער לעצטער סטאַנציע האָב איך געגעסען.

—נו, וועט איהר טרינקען טיי. סאַווענקאָ, שטעל דעם סאַמאָוואַר!

ער האָט זיך געסטאַרעט צו זיין העפליך, אָבער גאָליצין

האָט געפיהלט, אַז ער איז נישט קיין אָנגעלעגטער גאַסט.

אַז ער איז אַריין אין קאַבינעט, איז שוין געווען פינסטער. פעסטעל איז געזעסען אין ווינקעל פון דיוואַן, אַרומגעוויקעלט מיט'ן אַלטען שינעל, אָנשטאָט אַ שלאָפראָק, די הענד פערלעגט אויפ'ן האַרצען, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די אויגען פערמאַכט, דאָס פּנים אונבעוועגליך, פּונקט ווי ער וואָלט געשלאָפען. „ער איז דאָך באמת געראָטען אין נאַפּאָלעאָנ'ען: נאַפּאָלעאָן אונטער וואַטערלאָאָ, ווי בעסטוזשעוו פלעגט זאָגען”,—איז גאָליצינ'ען געקומען אויף דער מחשבה. אָבער אויב זיי זענען ענליך געוועזען, איז דידאָזיגע ענליכקייט געלעגען נישט אין די געזיכטסציגען, נאָר אין דער פערגליווערטער שווערפעליגקייט, שלעפעריגקייט און אונבעוועגליכקייט פון געזיכט.

דער דענשטשיק האָט אַריינגעטראָגען אַ לאָמפּ. פעסטעל האָט געעפענט די אויגען, פּונקט ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ערשט איצט, ביים שיין פון לאָמפּ, האָט גאָליצין בעמערקט, ווי ער האָט זיך פערענדערט, ווי ער איז מאָגער און בלאַס געוואָרען.

—איהר זענט נישט געזונד, פעסטעל?

—יאָ, עס טרויסעלט מיך אַלץ. איך מוז האָבען אַ פיבער.

—איך האָב אייך געבראַכט כינין. דער דאָקטאָר וואָלף האָט מיטגעגעבען.

איך דאַנק אייך. גיט טאַקי אַהער, איך וועל גלייך איינ נעהמען.

ער האָט אָנגעגאָסען אַ גלאָז וואַסער, אַריינגעשאָטען דערין דעם פּראָשעק און, ווי אַ קינד, אָהנמעכטיג אַ שמייכעל געטהאָן.

—מיט אַמאָל?

—יאָ, מיט אַמאָל.

ער האָט אויסגעטרונקען און זיך פערקרימט.

—פוי, פּאַסקודנע! נו, איצט קומט נאָך אַ פּאַסקודנע זאַך, וואָס איך וויל אויך מיט איין קלאַפּ אַראָבשלינגען. וואָס הערט זיך נייעס, פּירשט?

גאָליצין האָט איהם דערצעהלט וועגען שערוואודס מסירה,

וועגן דעם, אַז די גאַנצע פּערשוועררונג איז, מעגליך, אויפגע-דעקט געוואָרען און וועגן די חשדים אויפ'ן קאַפּיטאַן מאַרבאָ-ראָדאָ און גענעראַל וויט.

פּעסטעל האָט געהערט שווייגענדיג, מיט שאַרף-אויסגע-שטעלטע אויגען און מיט אַ פערגליווערטען אונבעווועגליכען גע-זיכט. און גאָליצינ'ען האָט זיך געדאַכט, ווי אַמאָל רילייעוו'ן, אַז פּעסטעל זעהט איהם נישט און קוקט אויף איהם, ווי אויף אַ לעדיגען אָרט.

—נו, מילא, אַזוי בעדאַרף עס דאָך צו זיין,—האָט פּעסטעל אַרויסגעזאָגט, בשעת גאָליצין איז אַנטשוויגען געוואָרען.—מיר האָ-בען געוואַרט, געוואַרט און דערוואַרט זיך. עס איז נאַריש אַריינ-צוטרעטען אין אַ פּערשווערונג מיט דעם געדאַנק, אַז עס וועלען נישט זיין קיין פּעררעטער. „אין יעדער פּערשווערונג קומט-אויס אויף צוועלף מענשען איינער אַ פּעררעטער", האָט מיר געזאָגט דער אַלטער פּאַלען, וואָס האָט דער'הרג'עט דעם קייזער פּאַוועל, און ער איז אין אַזוינע זאַכען אַ גרויסער בקי.

—וואָס-זשע דענקט איהר צו טהאָן, פּאַוועל איוואַנאָוויטש?
פּעסטעל האָט געדריקט מיט די אַקסלען.

—וואָס קאָן מען טהאָן? דער, וואָס בעדאַרף געהאַנגען ווערען, דער ווערט נישט דערטרונקען. שוין אַ האַלב יאָהר צייט, ווי איך וואַרט אַלץ, מען זאָל מיך קומען נעהמען—און גאָרנישט, צוגעוועהנט געוואָרען. מען קאָן צו אַלץ געוועהנט ווערען. זאָגט מיר, גאָליצין, איז אייך נישט לאַנגווייליג?

—וואָס הייסט לאַנגווייליג?

—אָט צו טראַכטען פון מסירות, אַרעסטען, שפּיאָנען, „שפּי-באָנען", ווי מיין סאַווענקאָ זאָגט.

—לאַנגווייליג, אָבער וואָס קאָן מען העלפען דערצו? אונ-זער גאַנצע אונטערנעהמונג איז דאָך אָבגעהאַנגען דערפון...

—און איהר גלויבט אין אונזער אונטערנעהמונג?

—וואָס ווילט איהר זאָגען דערמיט, פּעסטעל?

—גאָרנישט, אַזוי אַ לאַך געטהאָן, ענטשולדיגט... נו, מיר וועלען ריידען ערנסט. וועגן מאַיבאָראָדע'ן האָט איהר אַ טעות,

מיינע הערן. שוין-זשע מיינט איהר, אַז איך וואָלט איהם אַריינ-גענומען אין רער געזעלשאַפט, ווען איך וואָלט נישט געווען זיכער...

—און איהר האָט איהם שוין אַריינגענומען?

—כמעט ווי אַריינגענומען.

—גאָט איז מיט אייך, פאַוועל איוואַנאָוויטש, זענט פאָר-זיכטיג...

—שרעקט זיך נישט, איך קאָן מענשען.

—איהר קאָנט אפילו מענשען, אָבער איהר זעהט דאָך נישט, אַז דאָס איז אַ געמיינער יונג.

—יאָ, אַ געמיינער יונג, אָבער וואָס איז דערפון געדרונגען? געמיינע יונגען זענען אונז אפשר נויטיגער, ווי אָרענטליכע מענ-שען. נאָר אויף יענער וועלט, ביי דער וואָגשאָל פון משפט ווערען מענשען איינגעטיילט אין שאָף און בעק, אָבער דאָ, אויף אונזער זרימען וועלטעל, זענען מענשען צונויפגעוואָרפען אין איין קופע און מען קאָן זיי נישט אונטערשיידען. דער אייגענער קאָן היינט זיין געמיין און מאָרגען עהרליך, אָדער פערקעהרט. גע-מיינע מענשען האָבען שוין דערמיט אַליין פאָרצוג, וואָס מען ווייס, וואָס מען קאָן זיך ריכטען פון זיי, אָבער מיט עהרליכע מענשען בעדאַרף מען ערשט וואַרטען, וואָס פון זיי וועט זיין. „וואו איז יענער עהרליכער מענש. וואָס איז נישט ווערט אַ פאַטש?"—דאַכט זיך, אַז שעקספיר האָט אַזוי געזאָגט. איך בין אַ שלעכטער קריסט, אָבער איך געדענק, אַז אין הימעל פרעהט מען זיך מעהר מיט איין בעל-תשובה, איידער מיט ניינאונניינציג צדיקים. אָט גענעראַל וויט, צום ביישפּיעל, האָט אַ סך געזינדיגט און וויל איצט אויך ווערען אַ בעל-תשובה. מיר גלויבען איהם נישט... נו, ווי איז אָבער, אויב מיר זענען זיך טועה? ער האָט 400.000 מאַן אונטער זיין קאָמאַנדע, אַ ווערטעלע צו זאָגען!

—וואָס רעדט איהר, פאַוועל איוואַנאָוויטש!

—וואָס, דאָס איז נישט איידעל? נו, געוויס! מיר האַלטען אין איין טראַכטען פון איידעלקייט. און פון איידעלקייט וועלען מיר אומקומען. וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָליטיק? אין פּאָליטיק איז נישטאָ

קיין איידעלעס און געמיינעס, פאַרהאַן נאָר שכל און נאַרישקייט. אָבער מיר האָבען אויסגעקליבען די נאַרישקייט: אין ווייסע האַנדשוה ווילען מיר דער׳הרג׳ענען דעם קייזער און מאַכען אַ רעוואָלוציע. דער׳הרג׳ענען מוז מען, אָבער קיינער וויל נישט: די האַנדשוה שטערען און אַלע פערבאָרגען זיך הינטער איינאַנדער און וואַרטען. און דער קייזער מעג דערווייל זיין גאַנץ רוהיג, ניש׳קשה, ער וועט נאָך אונז אַלעמען איבערלעבען. אָט אַזוי איז עס, גאָליצין. וואָרט און טאַט זענען נישט איינס-און-דאָסזעלבע. פון ריידען ביז טהאָן איז נאָך גאַנץ ווייט. מענשען ריידען זעהר לייכט, אָבער אַז עס קומט צו אַרבייטען, רעכענען זיי זיך מיט דער געפאַהר, אויב נישט פאַר׳ן לעבען, איז כאָטש פאַר׳ן כבוד און פאַר׳ן געוויסען. מיר זענען דרייסטע מענשען און זענען גרייט דאָס לעבען מקריב-צו-זיין. נו, יאָ, מיט׳ן לעבען לייכט. אָבער מיט׳ן כבוד, מיט׳ן געוויסען? ווער עס וויל מציל-זיין זיין נשמה, דער פערקויפט זי דעם טייוועל,—איז דאָס נישט געזאָגט געוואָרען וועגען אונז?

ער האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען, אָבער אַז ער האָט זיי אויפגעהויבען צוריק, האָט אין זיי געשפּראָצט אַ בייז פייערל.

—אָט זוכט איהר אַלץ פעררעטער, אָבער צי ווייסט איהר, ווער דער גרעסטער פעררעטער איז? איך שלאָף נישט קיין נעכט און האַלט אַלץ אין איין טראַכטען, און אָט צו וואָס איך האָב מיך דערטראַכט: מיר האָבען קיין אַנדער רעטונג נישט, ווי געהן צום קייזער און בעטען מחילה ביי איהם. ער איז אַן איידעלער, כמעט אַן׳איידעלער מאַן, נו, און מיר זענען דאָך אויך כמעט איידעלע—פאַרוואָס זאָלען מיר זיך נישט איינפערשטענדיגען? מען בעדאַרף איהם אויפדעקען די גאַנצע זאַך און איבערצייגען איהם, אַז דאָס בעסטע מיטעל צו דערשטיקען די רעוואָלוציע איז—געבען רוסלאַנד דאָס, וואָס מיר פאָדערן. אָט וועל איך אָוועקפאָהרען קיין פעטערבורג און אויסזאָגען דעם קייזער פון אַלץ... נו, וואָס וועט איהר זאָגען, גאָליצין? אַ געמיינהייט, האַ?

—נישט געמיינהייט, נאָר משוגעת,—האָט גאָליצין בעמערקט.

—נו, און איהר האָט קיינמאָל נישט געהאַט דידאָזיגע משוגעת?—האָט פעסטעל געפרעגט.

—אויב עס איז יאָ געווען דער פאַל, איז ער שוין אָבער לאַנג אַריבער.

—אינגאַנצען אַריבער?

—אינגאַנצען.

—אַ שאַד. אַבי איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלען עס קאָנען דורכפיהרען צוזאַמען. צוזאַמען איז לייכטער. אפילו שטאַרבען איז אויך גוט נישט אַליין...

—איהר האָט געמיינט, אַז איך וועל עס האַלטען פאַר אַ געמיינהייט און וועל געהן מיט אייך צוזאַמען?

—נו, יאָ, און אָט האָט איהר מיך געפּאַקט. אַריינגעפאַלען, זיך פערפלאָנטערט,—האָט פעסטעל געשמייכעלט און אַ קוק געטהאָן אויף גאָליצינ'ען מיט אַרויספאָדערונג.

—וועגען וואָס וועט איהר מיט איהם ריידען?

—מיט וועמען?

—מיט'ן קייזער. איהר בעדאַרפט זיך דאָך זעהן מיט'ן קייזער?

—ווער האָט עס אייך געזאָגט?

—איהר ווייסט דאָך, אַז קיין סודות זענען נישטאָ. און איהר האָט נישט געוואָלט, איך זאָל וויסען?

„ער איז מיך חושד און נעהמט מיך אויפ'ן צימבעל, צי וואָס?"—האָט גאָליצין אַ טראַכט געטהאָן מיט אויפרעגונג.

—און אפשר בין איך באמת משוגע געוואָרען,—האָט פעסטעל ווייטער געזאָגט, און זיין שמייכעלע איז אַלץ גיפטיגער געוואָרען,—אָבער אויך משוגעים האָבען דאָך זייער לאָגיק. און אָט, לויט מיין משוגע'נער לאָגיק, קומט-אויס איינס פון די ביידע: אָדער דערשטיקען די פערשווערונג אָדער דערשטיקען דעם קייזער... אויב איהר ווילט נישט דאָס ערשטע, מוזט איהר דאָך וועלען דאָס צווייטע? וועגען דאָס צווייטע זענען מיר, דאַכט זיך, מיט אייך איינשטימיג, איהר געדענקט, ביי רילייעוו'ן?

—איך געדענק.

—זענט איהר איצט אויך איינשטימיג?

גאַליצין האָט געשוויגען. אין זיין אויפרעגונג האָט ער געשפירט, אַז פעסטעל איז גערעכט.

—אַלזאָ, ווי זאָל זיין, גאַליצין? איהר פערשטעהט דאָך אַליין, אייער זעהן זיך מיט׳ן קייזער, בשעת אונזער זאַך איז כמעט ווי פערשפּיעלט... אפשר ווילט איהר נישט ענטפערן?

איך וויל נישט. דאָס איז אַ זאַך, וואָס ריהרט-אָן מיין אייגען געוויסען, פּאַוועל איוואַנאָוויטש. דאָס לאָזט-איבער פאַר מיר אַליין,—האָט גאַליצין אָנגעהויבען, איז בלאַס געוואָרען און נישט געענדיגט.

פעסטעל האָט איהם אָנגעקוקט פער׳עקשנ׳ט און שווייגענדיג. „וואו איז דער עהרליכער מאַן, וואָס איז נישט ווערט אַ פּאַטש?"—האָט זיך גאַליצין דערמאָהנט און דאָס בלוט איז איהם אַריינגעלאָפען אין פּנים, ווי פון אַ פּאַטש. פעסטעל איז ווידעראַמאָל גערעכט געווען און דערין איז געלעגען יענס טונקעלע, שרעקליכע, וואָס לאָזט זיך נישט פערענטפערן און וואָס גאַליצין סטאַרעט זיך נישט צו טראַכטען דערפון: „דער׳הרג׳ענען מוז מען, אָבער נישט איך, נאָר אַ צווייטער".

ביים גאַניק האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ טראָיקע. גאַליצין האָט פאַראויסגעפיהלט, אַז ער וועט דאָ נישט נעכטיגען און האָט בעשטעלט פערד אויף דער סטאַנציע.

—וואַשע סיאַטעלסטוואָ, די טראָיקע איז דאָ.

גאַליצין האָט זיך אויפגעהויבען און איז רויט געוואָרען: ער האָט געפיהלט, אַז זיין אַוועקפאָהרען איז אַ מין פליטה.

—זענט געזונד, פעסטעל.

—וואוהין געהט איהר?

—איך פאָהר-אַוועק.

פעסטעל האָט זיך אויך אויפגעהויבען.

—פערבלייבט, גאַליצין, איך בעט אייך,—האָט פעסטעל פלוצלונג אַרויסגעזאָגט מיט אַ פערענדערטען קול און מיט אַ שטילען מאָדנעם שמייכעל.

—ניין, פעסטעל, מיר ריידען אומזיסט, און דאָס איז שווער.

איהר זענט גערעכט געווען: איך האָב נישט בעדאַרפט קומען...

—איך בעט אייך, גאַליצין, פערבלייבט,—האָט פעסטעל איבערגע׳חזר׳ט מיט דעם אייגענעם קול און שמייכעל. גאַליצין האָט בעמערקט דעמדאָזיגען שמייכעל און האָט פלוצלונג פערשטאַנען: אין איהם איז געלעגען אַזויפיעל יתום׳דיגעס און נעבעכדיגעס, אַז גאַליצין איז אָבהענגדטיג געוואָרען.

—אויב איך האָב אייך בעליידיגט, גאַליצין, טאָ זענט מיר מוחל. איך בעט אייך, גאַליצין, זענט נישט בייז אויף מיר. זעהט איהר דען נישט, אַז איך געפין מיך אין אַזאַ צושטאַנד, אַז מען קאָן נישט זיין בייז אויף מיר?..

עפּיס האָט אויפגעציטערט און זיך בעוועגט אין דעם אונבעוועגליכען פּנים, ווי אַ מאַסקע, וואָס האַלטביים אַראָפּפאַלען.

—אַ ליעגענדיגען שלאָגט מען נישט,—האָט ער דערנאָך אַרויסגעזאָגט מיט גרויס אָנשטרענגונג. ער האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויפ׳ן דיוואַן און בעדעקט מיט׳ן האַנד דאָס געזיכט.

גאַליצין האָט זיך אַ ווײַלע בעדאַכט. נאָכדעם איז ער אַרויס אין פאָרצימער, אַ רוף געטהאָן דעם דענשטשיק און איהם געהייסען, מען זאָל אויסשפּאַנען די פערד. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקעהרט צו פעסטעל׳ן, זיך אַנידערגעזעצט נעבען איהם און אַרויפגעלעגט איהם די האַנד אויפ׳ן אַקסעל.

—איך וועל ענטפערן אויף אייער פראַגע, פעסטעל. איך וייס, וואָס מען בעדאַרף טהאָן, אָבער איך קאָן עס נישט, און דאָס, וויס איך, איז אַ געמיינהייט. ווי איהר זעהט, איז מיין לאַגע נישט בעסער פון אייערער...

פעסטעל האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם מיט אַזאַ מינע, פּונקט ווי ער וואָלט איהם איצט דערזעהן.

—איך בעט אייך, פעסטעל,—האָט זיך גאַליצין אָנגערופען,— ענטפערט איהר מיר אויך אויף מיין פראַגע. וואָס האָט איהר מיר עפּיס נישט לאַנג געזאָגט, אַז איהר וועט פעררעטען? איהר האָט דאָך געוואוסט, אַז איך וועל נישט גלויבען. וואָס-זשע האָט איהר געמיינט דערמיט? האָט איהר מיך חושד-געווען, אויפ׳ן צימבעל בענומען?

—ניין, נישט אייך, נאָר זיך אַליין...

—נו, אין וואָס?

—איהר זענט גערעכט: איך וועל דאָס נישט טהאָן. איהר ווילט וויסען ווי אַזוי איך בין געקומען דערצו?

—מען בעדאַרף נישט, פעסטעל. לעגט עס אָב אויף שפּע-טער, איצט איז אייך שווער.

—איהר מיינט, אַז דאָס איז מאוס? ניין, נישט מאוס. נאָכ-דעם, וואָס אייך איז בעוואוסט וועגען מיר, האָב איך מיך נישט וואָס צו שעמען.

אַ ווײַלע געשוויגען, געטראַכט און דערנאָך אָנגעהויבען:

—געדענקט איהר, האַמלעט זאָגט: „דאָס געוויסען מאַכט אונז אַלעמען פאַר פחדנים"... איך האָב אַ גאָלדענעם שווערד פאַר דרייסטקייט, אָבער איך בין אַ פחדן—נישט פאַר'ן טויט, נאָר פאַר'ן געדאַנק, פאַר'ן געוויסען. וויל מען עפּיס טהאָן, בעדאַרף מען נישט טראַכטען צופיעל. „דער ווילען ווערט בלאַס, בשעת מיר בעדאַכטען זיך"—דאָס זאָגט אויך האַמלעט. אָבער נישט טראַכטען קאָן איך נישט. איך האָב ליעב דעם געדאַנק אָהן אַ נוּ-צען, אָהן אַ ציעל; איך האָב ליעב דעם געדאַנק לשם געדאַנק, איך האָב איהם ליעב אין זיין ריינקייט. און איך לעב נאָר אין געדאַנק, אין לעבען בין איך טויט. איך בין נישט קיין גזלן און נישט קיין העלד, איך בין אַ געוועהנליכער מענש, אַ גוטער עהר-ליכער דייטש. אָט ביכ'לעך לייענען האָב איך ליעב. לייען איך און שרייב מיר ביסלעכווייז. צוועלף יאָהר האָב איך געשריבען „די רוסישע וואָהרהייט" און איך וואָלט זי געקאָנט שרייבען נאָך צוועלף יאָהר. און ווי אַרכימעד, האָב איך מיר מיינע בערעכ-נונגען אין אַ בעלאַגערטער שטאָדט און זאָג מיר: זאָל אַלץ געהן מיט'ן קאָפּ אין דער ערד, אַבי מיינע בערעכנונגען זאָלען שטי-מען. איך זאָג, נישט-טראַכטענדיג: מען מוז דער'הרג'ענען דעם קייזער. און איך פיהל, דאַכט זיך, אַז אַזוי בעדאַרף עס צו זיין; און מיר דאַכט זיך אויך, אַז איך האָב איהם פיינט. אָבער אַז איך גיב אַ טראַכט: פאַרוואָס האָב איך איהם פיינט? פאַרוואָס דער'הרג'ענען איהם? אַ געוועהנליכער מענש, ווי מיר אַלע; אַ

דורכשניטליכער מענש, וואס געפינט זיך אין א פערצוויפעלטער לאגע,—ווערט מיר באלד אנטרונען די פיינטשאפט און דער ווילען. און אזוי איז אויך מיט אלע מיינע געפיהלען. איך האב קיין שום געפיהלען נישט, בלויז מח: דער מח איז פול, דאס הארץ איז ווי א לעדיגער נוס...

—איהר טאפעלט זיך אליין, פעסטעל. איהר האט איין גרויס געפיהל.

—וואס פאר א געפיהל? ליעבע צום פאטערלאנד? איך האב אליין אויך געמיינט, אז איך האב עס ליעב. אבער ניין, איך האב נישט ליעב. און וואס איז אזוינס ליעבע? ליעבע הייסט ארויסגעהן פון זיך, אריין אין א צווייטען. מאכען אזוי, אז איך זאל נישט זיין איך. וואס איז דאס א קונצשטיק? אדער גלויבען איז דאס? אדער א נס? לויט דער לאגיק, קאן מען נישט גלויבען און נישט ליעבען. לויט דער לאגיק איז צוויי מאל צוויי—פיער, אבער לויט דער ליעבע איז צוויי מאל צוויי—פינף. אין עוואנגעליום ווערט געזאגט: „האט ליעב, האט ליעב"... אבער וואס זאל מען טהאן, אז מען האט נישט ליעב? דאס איז א מין עצה באר אזא איינעם, וואס טרינקט זיך—ער זאל זיך אליין ארויסשלעפען פאר די האהר. דאס איז א ביטערע מעשה. איך האב נישט ליעב, כאטש הרג'ע מיך. און וואס מעהר איך סטארע מיך, אלץ וועניגער האב איך ליעב... ניין, באמת, גאליצין, וואס קאן מען טהאן, וואס קאן מען טהאן, אז מען האט נישט ליעב? צו גאט בעטען? איהר גלויבט אין גאט?

—איך גלויב.

—אין וואסער גאט? וואס איז אזוינס גאט? מען זאגט, אז גאט איז ליעבע. און ביי אונז, אין לינצי, האט א חזיר נישט לאנג אבגעפרעסען דעם קאפ א צוויי-יעהריג מיידעלע. דאס מיידעלע איז נישט שולדיג און דער חזיר אויך, און גאט איז פונדעסטוועגען ליעבע? מיין פריינד באריאטינסקי איז א שלעכטער פאעט, אבער ער האט גוט געזאגט, נאך בעסער פון וואלטער'ן: „ווען עס וואלט געווען אפילו א גאט אויף דער וועלט, האט מען איהם אויך בעדארפט אבלייקענען, צוזעהענדיג, ווי די וועלט טרינקט

אין שלעכטס". געדענקט איהר, אין פעטערבורג האָב איך אייך געזאָגט, מיין שכל ווייס פון גאָט, אָבער מיט'ן הארץ וויל איך איהם נישט. אָהן גאָט איז אויך פאַרהאַן געגוג צרות אויף דער וועלט. איך האָב געזעהן אונטער לייפּציג, ווי פערוואונדעטע האָבען זיך געצאַפּעלט אין די לעצטע יסורים אַזוי, אַז אַ קעלט געהט מיר דורך איבער'ן לייב, ווען איך דערמאָהן מיך אָן דעם. אָבער יעדער פון זיי האָט דאָך געוואוסט, אַז עס ווערט נישט געמיינערט אַ האָהר אויפ'ן קאָפּ אָהן דעם רצון פון דעם איבער-שטען... און אַז לייפּציג איז גענומען געוואָרען, האָב איך גע-פונען סם אין אַנ'אַפּטייק. איך האָב געקויפט דעמדאָזיגען סם און פון דעמאָלט-אָן טראָג איך איהם מיט זיך.

ער האָט אָבגעשלאָסען אַ שופלאָד אין טיש, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פלעשעלע און עס געוויזען גאָליצינ'ען.

—אָט איז אַ פרייהייט, וואָס איז, דאַכט זיך, די גרעסטע פון אַלע רעפּובליקעס. דאָס איז אַ פרייהייט, וואָס בעפרייט פון אַלץ, פון אַלץ און איבערהויפּט—פון זיך... איך האָב אייך נאַר-וואָס געזאָגט: אָדער דערשטיקען די פערשווערונג, אָדער דער-שטיקען דעם קייזער. אָבער פאַרהאַן, מעגליך, אַ דריטער אויס-וועג: דערשטיקען זיך גופא. ציצעראָ האָט געזעהן אין זעלבסט-מאָרד דעם העכסטען אויסדרוק פון גייסט. און וואָלטער זאָגט אין מעראָפּ: „ווען אַלץ איז שוין פערלאָרען, ווען עס האָט שוין געפּלאַצט די לעצטע האָפנונג, דעמאָלט איז לעבען אַ בזיון און דער טויט אַ פליכט". יאָ, שטאַרבען ווירדיג איז די לעצטע פליכט... און איהר, גאָליצין, גלויבט אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה?

—איך גלויב.

—איך פע־שטעה, אַז מען קאָן גלויבען דערין, אָבער ווי קאָן מען פערלאַנגען אונשטערבליכקייט—דאָס פערשטעה איך נישט,—האָט פעסטעל ווייטער געזאָגט.—מען ווערט אַזוי מיד פון לעבען, אַז די אייביגקייט איז, דאַכט זיך, קנאַפּ, מען זאָל זיך קאָנען אויסרוהען, ווי געהעריג. דער טויט איז אַ מין נאַכטלעגער, וועגען וועלכען מען חלומ'ט, בשעת מען טרויסעלט-אויס די ביי-

נער אויף אַ פּאָסטוואָגען אין אַ הייסען זומערדיגען טאָג; עס ווילט זיך דעמאָלט אַנידערלעגען אויף פרישע ליילעכער, אויסציהען זיך, אָבאָטעמען מיט'ן פולען האַרץ און איינשלאָפען...

ער האָט פערמאַכט די אויגען, זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש. אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און פערדריקט איהם איןביידע הענד.

—וואָס האָב איך געוואָלט אייך זאָגען? וואַרט-נאָר, עפּיס זעהר אַ וויכטיגע זאַך און פערגעסען. אַלץ פערגעס איך. אפּנים, פון היץ מישען זיך מיר די געדאַנקען... צוואַנציג יאָהר האָב איך געשוויגען און פּלוצלונג אָנגעהויבען ריידען. איך רייד מיט אייך, גאָליצין, ווייל איהר קאָנט הערען. הערען איז שווער, נאָך שווערער ווי ריידען, אָבער איהר קאָנט. ווען איהר קוקט אַזוי דורך די ברילען, ווערט איהר עהנליך צו אַ דאָקטאָר אָדער צו אַ גוטען לוטעראַנישען פּאַסטאָר. איך בין דאָך אַליין לוטעראַניש. אין דרעזדען האָב איך געהאַט אַ לעהרער, הער פּאָן-זיידעל, אַ גוטער אַלטער דייטש און אַ גרויסער מיסטיקער. ער פלעגט אויך טראָגען ברילען און איז געווען עהנליך צו אייך. ער פלעגט לייענען די אַפּאָקאַליפּסע און פלעגט זאָגען, אַז ער פערשטעהט אַלץ, וואָס ער לייענט. און עפטער פלעגט ער זינגען דאָס ליעד: „איינע פעסטע בורג איז אונזער גאָט.” און זינגען פלעגט ער אַזוי גוט, אַז מען פלעגט איהם נישט קאָנען הערען אָהן טרעהרען... און ווייסט איהר, גאָליצין, בשעת מען האָט היץ און מען זיצט אַ לאַנגע צייט אַליין און מען קוקט מיט די אויגען אין ווינקעל צַריין, ווייזט זיך אויס, אַז עמיץ איז דאָרט פאַרהאַן. דו זעהסט, אַז קיינער איז דאָרט נישטאָ, אָבער עס ווייזט דיר אויס, אַז יאָ... איצט ווייזט מיר אויך אויס... מיינט איהר, אַז איך רייד פון היץ? ניין... אָבער מען בעדאַרף נישט קוקען אין ווינקעל אַריין. אָט שטעהט ביי מיר אויפ'ן טיש אַ פּאָרטרעט. דאָס איז סאָפיע, מיין שוועסטער. זי איז שען, נישט וואָהר? איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך האָב קיינעם נישט ליעב. זי אָבער האָב איך ליעב. אָבער דאָס איז דאָך נישט יענע ליעבע. קריסטוס זאָגט: „ווער איז מיין מיטער? ווער זענען מיינע ברידער?”

איבעריגענס, זאָגט מיר, האָט איהר זיך געזעהן אין טולטשין מיט לוניג׳ען?

—יאָ, מיר האָבען זיך געזעהן.

—האָט ער אייך דערצעהלט, ווי דער פאָטער, אַ גוסס, איז געקומען צו איהם אין דער לעצטער מינוט פון טויט? דאָס איז עפּיס אַ מין מאַגנעטיזם, צי וואָס? אָדער שאַרלאַטאַנסטוואָ? לונין גלויבט איבערגעוואַלט. ער צווינגט זיך צו גלויבען, און דאָך גלויבט ער נישט זעהר שטאַרק... קראַנקע מענשען זעהען אין היך דאָס, וואָס איז אין דער ווירקליכקייט נישטאָ. און געזונדטע מענשען אויך, לויט קאַנט׳ן: די גאַנצע וועלט איז אַ געשפּענסט... אָבער איך וואָלט געוואָלט זעהן כאָטש איין קליינטשיג געשפּענסטעלע. אַז מען זאָל זעהר, זעהר וועלען, קאָן מען זעהן... ע, צו אַלדי שוואַרציאָהר, נישט דאָס רייד איך. ווייסט איהר נישט, גאָליצין, וואָס האָט אַריסטאָטעל פריהער אָנגעשריבען: די פּאָליטיק, צי די מעטאַפיזיק? דאַכט זיך, אַז פריהער האָט ער אָנגעשריבען די מעטאַפיזיק. איינע פעסטע בורג איז אונזער גאָט. ביים הייליגען אויגוסטין איז די פּאָליטיק—גאָטס מלוכה. אָבער ביי מיר—אַ מלוכה אָהן אַ גאָט. לויט דער „רוסישער וואָרהייט״, זענען די פּאָפּען אויך די אייגענע טשינאָווניקעס. אָבער דאָס איז דאָך אייגענטליך וועניג... איך בין אפילו אַ דייטש און לוטעראַנער, אָבער איך האָב ליעב די פּראַוואָסלאַוונע תפילות מיט זייער געזאַנג און ווייראך. אַז איך קום אין דער קיעווער לאַווריע, בין איך שטענדיג מקנא די מאָנאַכען. נאָך דער רעוואָלוציע וועל איך אַוועק אין דער לאַווריע און וועל אויך ווערען אַ מאָנאַך. אָהן אַ געלעכטער, דאָס איז מיין סוף... אָבער איך רייד אַלץ נישט דאָס, אַלץ נישט דאָס...

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, אָבגעווישט זיך דעם שווייס מיט דער האַנד, אַ שמייכעל-געטהאָן און זיך פערקרימט קינדיש-אָהנמעכטיג, ווי פריהער, בשעת ער האָט אַראָבגעשלונגען דעם פּראָשעק כינין.

—איהר האָט זיך בעדאַרפט אַנידערלעגען אין בעט, פּעסטעל, איהר זענט קראַנק,—האָט גאָליצין געזאָגט. 568

—נישט קיין בייז, עטוואָס היץ. דערפון זענען קלערער די געדאַנקען, הגם זיי מישען זיך. טיי ווילט איהר? אַך, יאָ, זיך קוים דערמאָהנט! איהר זענט בעקאַנט מיט מוראַוויאָווס קאַטעכיזיס?

—בעקאַנט.

—אַ מאָדנע זאַך. מוראַוויאָוו מיינט, אַז מיר געהען געגען צאַר צוזאַמען מיט קריסטוס'ן און דער צאַר מיינט, אַז ער געהט געגען אונז צוזאַמען מיט קריסטוס'ן. מיט וועמען-זשע פאָרט געהט קריסטוס? אפשר געהט ער נישט מיט קיינעם? „מיין מלוכה איז נישט פון דער וועלט.‟ טאָ ווי איז מיט גאָטס מלוכה? דאָ שטימט זיך עפּיס נישט. איז שוין נישט בעסער ווי איך זאָג: די פּאָפּען זענען טשינאָווניקעס, די פּאָליטיק איז די מענשען־מלוכה און געענדיגט אַ געשעפט? מוראַוויאָוו וויל, דאַכט זיך, פערשפרייטען זיין קאַטעכיזיס אין פּאָלק, ער רעדט אַלץ פון פּאָלק, זאָרגט זיך וועגען איהם. אָבער דאָס פּאָלק וועט עס נישט פערשטעהן. און וואָס איז אַזוינס דאָס פּאָלק? איך מיין, אַז דאָס פּאָלק וועט שטענדיג זיין אַזאַ, ווי עס געפעלט די פיהרער. איהר וועט זאָגען, אַז דאָס איז אַ שלעכטע דעמאָקראַטיע. יאָ, אָבער וועגען דעם טאָר מען הויך נישט ריידען... און ווי מיינט איהר, גאָליצין, מוראַוויאָוו איז אימשטאַנד צו טויטען?

—איך מיין, אַז יאָ.

—מערקווירדיג! אַ מענש האָט אַלעמען ליעב. זיינע פיינד האָט ער אפילו ליעב. אַ פליג אויף דער וואַנד קאָן ער אפילו נישט בעליידיגען, און דאָך איז ער אומשטאַנד צו טויטען. ער וועט טויטען מיט ליעבע. נאַפּאָלעאָן האָט געזאָגט: „אַזאַ מענש, ווי איך, מעג שפּייען אויפ'ן לעבען פון מיליאָנען מענשען‟. דאָס איז נאַטירליך און פשוט, שוין צו־פשוט, כמעט ווי נאַריש. מען זאָגט, אַז איך מאַך נאָך נאַפּאָלעאָנ'ען, אָבער איך וואָלט אַזוי נישט געזאָגט, און ווען איך וואָלט געזאָגט, וואָלט איך זיך נישט איבערגענומען דערמיט. אָבער דאָס איז פערשטענדליך. אָבער טויטען מיט ליעבע? איהר לייענט דייטש?

—איך לייען. אָבער, פעסטעל, צו וואָס זאָלט איהר...

—ניין, ניין, הערט.

אויפ'ן טיש איז געלעגען אַ גרויסע אַלטע לוטערבּיבּעל אין אַ לעדערנעם איינבּונד מיט אַ שלאָס. פעסטעל האָט זי געעפענט.

—איך לייען איצט אַלץ די ביבעל, שעקספיר'ן און די ביבעל. מען זאָגט, אַז דער, וואָס לייענט-דורך די גאַנצע בּיבעל, ווערט משוגע. אפשר ווער איך משוגע פון איהר. הערט-נאָר: „קאָנסטו אויף אַ ווענדקע אַרויסציהען דעם לויתן? קאָנסטו אָנטהאָן אַ רינג אויף זיינע נאָזלעכער? קאָנסטו איהם אַדורכ-שטעכען מיט אַ נאָדעל? זיינע שיפען זענען פעסט און שטאַרק, אויף זיין קאַרק רוהט אַ כח און אַ פחד לויפט איהם פאָראויס. אייזען האַלט ער פאַר שטרוי, קופער פאַר צופוילט האָלץ. אויף דער ערד האָט ער קיין גלייכען נישט צו זיך.“ דער לויתן איז געווען אין נאַפּאָלעאָנ'ען, בשעת ער האָט געזאָגט: „איך שפּיי אויף דאָס לעבען פון מיליאָנען מענשען.“ און דער לויתן איז אויך געווען אינ'ם חזיר, וואָס האָט אָבּגעטרעסען דער מיידעלעס קאָפּ. און דאָס זענען גאָטס הויכע ווענען? יאָ, מען קאָן באמת זיך ריהרען פון זינען. דער ענגלישער פילאָזאָף האָבּס האָט גע-רופען זיין מלוכה לויתן און דער הייליגער אויגוסטין—גאָטס מלוכה. און מיין לעהרער הער פאָן-זיידעל האָט געהאַלטען, אַז דער לויתן איז אַ חיה פון דער אַפּאָקאַליפּסע. מען קאָן בשום אופן נישט וויסען, וואו איז דאָ גאָט און וואו איז דאָ חיה. אַלץ איז דאָ צוזאַמענגעמישט, פערפּלאָנטערט... און אָט דאָס ווערט אָנגערופען דער'הרג'ענען מיט גאָט, דער'הרג'ענען מיט ליעבע?..

—ניין, פעסטעל, דאָס איז נישט אַזוי. נו, צו וואָס הוזק'ט איהר? צו וואָס פייניגט איהר זיך?

—איך חוזק נישט, גאַליצין, איך פייניג מיך בלויז, אָדער עמיץ פייניגט מיך, דער'הרג'עט מיך מיט ליעבע... דעם עיקר פערשטעה איך דאָ, אפנים, נישט. מוראַוויאָוו האָט איך איינמאָל אָבּגערופען ווענען מיר: „פּאַרהאַן זאַכען, וואָס מען בעדאַרף זיי פערשטעהן בלויז מיט'ן האַרץ און וואָס זענען אַ רעטעניש פאַר דעם סאַמע שאַרפסטען מח.“ מיט'ן האַרץ פערשטעה איך גאָרנישט.

מיט'ן האַרץ בין איך נאַריש. מוראַוויאָוו אָבער האָט אַ קלוג האַרץ. איך וואָלט איהם געקאָנט ליעב האָבען. זאָגט עס איהם, אַז איהר וועט איהם זעהן. אָבער ער האָט מיך נישט ליעב...

—ער האָט אייך נישט ליעב, ווייל ער קאָן אייך נישט,—האָט גאָליצין בעמערקט.

און איהר קאָנט מיך?

—יאָ, איצט קאָן איך אייך.

אוןביידע האָבען אַ שמייכעל געטהאָן. פון פעסטעלס שמייכעל איז דאָס פּנים יונגער און שענער געוואָרען, פּונקט ווי אַ טויטע מאַסקע וואָלט אַראָבגעפאַלען פון אַ לעבעדיג געזיכט און ער איז געוואָרען ähnlich צום פּאָרטרעט פון דער זעכצעהניעהריגער מיידעל, וואָס איז געשטאַנען ביי איהם אויפ'ן טיש.

—איהר קאָנט זיך אַליין נישט, פעסטעל,—האָט גאָליצין ווייטער געזאָגט—איהר זענט זעהר נישט עהנליך צו מוראַוויאָוו'ן און גלייכצייטיג זעהר עהנליך.

—און איך וואָלט אויך געקאָנט דער'הרג'ענען מיט ליעבע?

—ניין, איהר וואָלט נישט געקאָנט. איהר קאָנט נאָר זיך אַליין טויטען. אָבער דאָס איז אַלצאיינס. איהר מאַכט אויך אַ תל פון זיך. איהר האָט אויך פערקויפט דעם טייוועל די נשמה, כדי צו ראַטעווען זי... אָט, האָרכט-נאָר.

גאָליצין האָט געעפענט דאָס עוואַנגעליום פון יאָהאַן און האָט גענומען לייענען:

„בשעת די פרוי געהט צו קינד, ווערט זי אָנגעפילט מיט טרויער, ווייל איהר שעה איז געקומען. אָבער דערנאָך, אַז זי געווינט דאָס קינד, פערגעסט זי שוין איהר טרויער און ווערט אָנגעפילט מיט שמחה, ווייל אויף דער וועלט איז אַ מענש געבוירען געוואָרען. און אויך איהר זענט איצט אָנגעפילט מיט טרויער, אָבער אייער האַרץ וועט נאָך דערפרעהט ווערען..."

פעסטעל האָט געשוויגען און געשמייכעלט, אָבער ער איז אַזוי בלאַס געוואָרען, אַז גאָליצינ'ען האָט זיך געדאַכט—ער וועט באַלד אַנידערפאַלען אין חלשות.

—נו, פּאַוועל איוואַנאָוויטש, איצט וועלען מיר געהן שלאָ-פען. איך מוז מאָרגען אַוועקפאָהרען.

גאָליצין האָט אַריינגערופען דעם דענשטשיק און האָט איהם געהייסען שפּאַנען בעגינען די פערד.

—וואוהין פאָהרט איהר?—האָט פעסטעל געפרעגט.

—אין לעשטשינער לאַגער, אונטער זשיטאָמיר. דאָרט ווע-לען פאָרקומען די אונטערהאַנדלונגען צווישען דער וואַסילקאָווער סעקציע און דער געזעלשאַפט פון די פעראייניגטע סלאַווען.

—צו וואָס אונטערהאַנדלונגען?

—מען מוז בעשליסען, ווען אָנצוהויבען.

—און איהר גלויבט, אַז מען וועט אָנהויבען?

—איך גלויב.

—ווי צוויי מאָל צוויי איז פינף?—האָט פעסטעל אַ שמיי-כעל געטהאָן.

—איך ווייס נישט,—האָט גאָליצין געענטפערט,—אָבער איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז מען בעדאַרף נישט טראַכטען צופיעל, נאָר בעסער טהאָן.

—און אויב מען וועט אָנהויבען, ווילט איהר זיין מיט אונז?—האָט פעסטעל געפרעגט.

—איך וויל,—האָט גאָליצין געזאָגט.

—טאָ זאָגט זיי: זאָל מען נאָר אָנהויבען, מיר וועלען שוין נישט בלייבען הינטערשטעליג,—האָט פעסטעל געזאָגט.—און פון לעשטשינער לאַגער קומט גלייך צו מיר. איך וואָלט אייך נאָך געוואָלט זעהן.

—איך וועל מיך סטאַרען.

—ניין, זאָגט מיר צו.

—גוט, פעסטעל, איך גיב אייך מיין וואָרט.

—נו, איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך פאַר אַלץ.

פעסטעל האָט זיך געלעגט אויפ'ן דיוואַן און אָבגעטראָטען זיין בעט דעם גאַסט. גאָליצין האָט נישט געוואָלט און האָט איהם אויפגעוויזען, אַז ער, אַ קראַנקער, נויטיגט זיך מעהר אין רוה,

אַז ער בעדאַרף שלאָפען אין בעט. אָבער פעסטעל האָט זיך איינגעשפּאַרט און נישט נאָכגעגעבען.

אויף דער וואַנד, אין שלאָפצימער, איז געהאַנגען אַ גאָלדענער שווערד, וואָס פעסטעל האָט בעקומען פאַר זיין העלדישקייט אונטער באָראָדינאָ. דאָ איז אויך געשטאַנען אַ געשמידטער קופערט מיט אַ גרויסען שלאָס. גאָליצינ׳ען האָט זיך געדאַכט, אַז אין דעמדאָזיגען קופערט מוז ליעגען „ד י ר ו ס י ש ע ו ו א ָ ה ר ה י י ט״. צוקאָפּענס איז געהאַנגען אַ קריסטוס-קרייציגונג און אַ קליין בילדעל פון סאָפיע׳ן. אויף דעמדאָזיגען בילדעל האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ צוועלפיעהריג מיידעלע. אַ קינדיש פנימ׳ל מיט פולע, אַזוי ווי ברוגז׳ע, ליפּלעך; די אויגען גרויסע, שוואַרצע, עטוואָס אַרויסגעקאַטשעטע, אַזוי ווי ביי פעסטעל׳ן, און דער בליק אַ שווערער, נישט ווי ביי אַ קינד. אונטער׳ן בילדי איז אָנגעשריבען אויף פראַנצויזיש, מיט אַ שולמעסיגען כתב: „מיין טייערן פּאַוול׳ען, וואַסיליעווסקאָיע, דעם 13-טען יולי, 1819;״ אויפ׳ן נאַכטטישעלע איז געלעגען אַ סלאַוויאַניש עוואַנגעליום, אויך מיט אַנ׳אויפשריפט—אַ מתנה פון פאָטער, און צווישען די בלעטלעך זענען געלעגען טרוקענע בלימלעך. אויפ׳ן פערוועלקטען שער-בלאַט האָט זיך געפונען אַנ׳אויפשריפט, מיט פעסטעלס האַנד געשריבען: „היינט, צו מיין געבורטסטאָג, דעם 2-טען מאַי, 1824, האָט מיר סאָפיע געשענקט אַ קרייצל און די מוטער אַ פינגערל. מיט דיביידע זאַכען וועל איך מיך קיינמאָל נישט שיידען און זיי וועלען שטענדיג זיין צוזאַמען מיט מיר, ביז מיין לעצטען הויך. ווי דאָס סאַמע טייערסטע, וואָס איך פערמאָג.״

פון שלאָפצימער האָט בלויז איין טהיר געפיהרט אין קאַבינעט אַריין. פינף אַ זייגער פאַרטאָג איז סאַווענקאָ אַריין צו גאָליצינ׳ען מיט באָרפעסע פיס. אויף די שפּיץ פינגער און מיט אַ גלאָז טיי אין דער האַנד. ער האָט פאַוואָליע אויפגעוועקט דעם גאַסט און האָט איהם שעפּטשענדיג מיטגעטיילט, אַז די פערד זענען געשפּאַנט. בעת גאָליצין האָט זיך אָנגעטהאָן, האָט איהם סאַווענקאָ אויך איינגערוימט אויפ׳ן אויער, אַז „זייער בלאַגאָראָדיע האָט געהייסען, מען זאָל איהם אויפוועקען, ווייל ער וויל

זיך זעגענען מיט'ן פירשט, אָבער אַ שאָד: די ערשטע נאַכט בע-וויליגען זיי צו שלאָפען אַזוי גוט." ער האָט אויך אויסגעדריקט זיין שרעק איבער די שפּיאָנען—„שפּיגאָנען" און האָט גערעדט וועגען דעם קאַפּיטאַן „מאַיבאָראָדע. עס איז געווען קענטיג, אַז ער האָט ליעב זיין באַרין און זשאַלעוועט איהם.

דער דענשטשיק האָט אַרויסגעטראָגען דאָס געפּעק און גאָ-ליצין איז אַריין אין קאַבינעט מיט שטילע טריט, אָהן שום גע-רויש, ווי סאַווענקאָ האָט געטהאָן. פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דעם שלאָפענדיגען, האָט ער זיך צוגעשטעלט און אַ קוק געטהאָן אויף איהם. אין דעם טונקעלען שיין פון בעגינען האָט ער אויסגעווי-זען בלאַס ווי אַ טויטער. די דינע ברעמען האָבען זיך עפּטער געצוקט, פּונקט ווי ער וואָלט אויך אין שלאָף פיינליך און פער'עקשנ'ט געטראַכט.

גאָליצין האָט זיך איינגעבויגט און פאַוואָליע אַ קוש גע-טהאָן איהם אין שטערען. דער שלאָפענדיגער האָט עטוואָס אַ ציטער געטהאָן. גאָליצין האָט זיך געשראָקען, דער קוש זאָל איהם נישט אויפוועקען. אָבער ער האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט. ער האָט בלויז אַ שמייכעל געטהאָן, נישט-עפענענדיג די אויגען, און פון דעמדאָזיגען שמייכעל אין שלאָף איז איהם דאָס געזיכט יונגער און שענער געוואָרען, פּונקט ווי אויפ'ן וואָהר. אפשר חלומ'ט זיך איהם, אַז סאָפיע איז מיט איהם?

און גאָליצין האָט געפיהלט, אַז אויך זיין סאָפיע איז מיט איהם.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

פון דעם לעשטשינער לאַגער ביז דעם גרויסען פּאָסט-טראַקט, וואָס איז געגאַנגען פון זשיטאָמיר קיין בערדיטשעוו, האָט זיך גערעכענט 15 וויאָרסט. די 8-טע אַרטילערישע בריגאַדע איז געשטאַנען אינ'ם דאָרף מלינישטשי, דריי וויאָרסט פון לעשטשין. די וואוינונגען זענען געווען איינגע: אַלע פּויערשע כאַטקעס זענען געווען פול, קאָפּ אויף קאָפּ מיט מיליטער, אַזוי אַז די אָפיצירען האָבען על-פּי-רוב געוואוינט אין פּאַלאַטקעס און באַראַקען.

אין איינעם פון דידאָזיגע באַראַקען זענען געלעגען אויף זייערע בעטלעך צוויי בלוטיונגע אַרטילערישע פּאָדפּאָרוטשיקעס פון דער 8-טער בריגאַדע: דער ניינצעהניעהריגער סאַשע פּראָלאָוו און מישע טשערנאָגלאַזאָוו, וואָס איז געווען עטוואָס עלטער. מישע, וואָס איז געלעגען אויפ'ן רוקען, מיט די פיס הויך איבערגעוואָרפען איבער איינאַנדער, האָט גערויכערט אַ לולקע-סולטאַנקע און דערביי געזונגען מיט אַנ'אונגאַטירליך-הייזעריגען קול:

כ'בין פאַר בלוט און קריעג געבוירען,
כ'בין פאַר צאַרען-דיענסט געפּאַסט...

דער באַראַק, וואָס איז בהשוו'דיג אויפגעשטעלט געוואָרען פון ריטלעך און לײַם, האָט אויסגעזעהן ווי אַ בוידעם. די קאָי-קעס זענען איינג צונויפגעשטעלט געוואָרען אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע. קיין פענסטער זענען נישט געווען און דאָס ליכט האָט אַריינגעדרונגען דורך דער טהיר. איצט איז די טהיר געווען צו-געמאַכט און דעריבער איז אין באַראַק פינסטער געווען. דער שפּאַלט אין באַלקען האָט אָבער דורכגעלאָזט אַנ'איינאיינציגען שיין, וואָס איז געפאַלען אַקוראַט איבער סאַשעס קאָיקע; דער-דאָזיגער שיין האָט געצייכענט אויף דער וואַנד אַ קליין לעבעדיג בילד, מיט'ן קאָפּ אַראָב, ווי אין אַ קאַמער-אָבסקור: אונטען—בלויער הימעל מיט קיילעכיגע וואָלקענס, און אויבען—אַ געלב קאָרנפעלד, גרינע בוימער, ווינדמיהלען, ווייסע געצעלטען און סאָלדאַטעלעך, וואָס מאַרשירען מיט די פיס אַרויף. טיילמאָל פלעגט דאָס בילדעל צושוואומען ווערען, אָבער באַלד דעריוף פלעגט עס ווידער קומען דייטליך און קלאָר און פלעגט פער-שפּרייטען אין דער פינסטער אַ רעגענבויגען-שיין. סאַשע האָט מיט הנאה געקוקט אויפ'ן בילדעל. „עס וואָלט באמת גוט גע-ווען,—האָט ער געטראַכט,—ווען אַלץ וואָלט אין דער ווירקליכ-קייט געווען אַזוי, מיט'ן קאָפּ אַראָב. עס איז שרעקליך און פרעהליך...”

—סאַשע, לאָמיר געהן צו די סלאַווען,—האָט טשערנאָגלאַ-זאָוו זיך אָנגערופען.

ווען ער וואָלט איהם געזאָגט, אַ שטייגער: „לאָמיר געהן צו די ציגיינער”, אָדער: „צו די דאַמעלעך”, וואָלט סאַשע פער-שטאַנען. אָבער וואָס סלאַווען זענען אַזוינס, האָט ער נישט גע-וואוסט און האָט עס אויך נישט געוואָלט אַרויסווייזען: ער האָט זיך געשעמט נישט צו וויסען דאָס, וואָס אַלע ווייסען און וואָס מען בעדאַרף וויסען, אויב מען וויל זיין אַ כוואַט אַ יונג.

—ניין, מישע, ביים קאַפּיטאַן פּיכאַטשעוו איז היינט אַ באַנק. דאָס פערשפּיעלטע געלד מוז מען צוריק אָבגעווינען. נישט לאַנג האָב איך נאָך דער צווייטער טאַליע געשפּיעלט מיר אַ נ-דאָל. אַרויסגעקומען איז אָבער רוטע און איך האָב אַראָבגע-

לאָזט די גאַנצע מטבע,—האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט גאוה, ווי דאָס וואָלט איהם גאָרנישט געאַרט און האָט באַלד גענומען זינ-גען, פערוואַרפענדיג אַ פוס אויף אַ פוס, ווי טשערנאָגלאַזאָוו:

איך וויל היינט טרינקען, ווי אַ חזיר,
די עפּאָלעטען אויף פערטרינקען...

ער האָט שרעקליך נאָכגעמאַכט טשערנאָגלאַזאָוו'ן.

—פּיכאַטשעוו איז היינט אויך ביי די סלאַווען,—האָט טשער-נאָגלאַזאָוו געזאָגט.

—נו, כאָ לאָמיר זיך לאָזען קיין זשיטאָמיר, אין טעאַטער אַריין. אַ שען מיידעלע פאַרהאַן דאָרט אין כאָר...

סאַשע האָט זיך דערמאָהנט אָן די אַפישלעך, וואָס גע-פאַרבטע צירקרייטערינס האָבען פונאַנדערגעוואָרפען איבע דער שטאָדט: „זיעבען אַ זייגער אין אָווענד וועלען פאָרגעשטעלט ווע-רען פאַנטאָמינעס, גימנאַסטישע שפּיעלען און באַלאַנסירונגען.“

דאָס טעאַטער, וואָס דיענט אויך פאַר אַ צירק, איז אַ לאַנגער שטאַהל פון ברעטער, בעלויכטען מיט שטינקענדיגע שמעלץ-ליכט. אָנשטאָט שטוהלען זענען געשטאַנען לאַנגע הילצערנע בענק און אָנשטאָט אַנ'אָרקעסטער האָבען פיער יודען געקרימפּעלט אויף פי-דלען און צימבלען. די אָפיצירען האָבען זעהר גערן בעזוכט דאָס טעאַטער, ווייל דאָרט האָט מען גאַנץ אָפט געקאָנט בעגעגענען חנ'עוודיגע אויעזדנע פאַנעס.

—צו אַלדי שוואַרציאָהר דאָס טעאַטער, לאָמיר בעסער געהן צו די סלאַווען,—האָט טשערנאָגלאַזאָוו געזאָגט.

—וואָסערע סלאַווען,—האָט סאַשע, צולעצט, נישט אויסגע-האַלטען.

—סטייטש, דו ווייסט גאָרנישט? אַלע ווייסען דאָך. ס'איז אָבער אַ גרויסער סוד...

—אָבער ווי אַזוי איז דאָס אַ סוד, אַז אַלע ווייסען?..

—פאַר נאַטשאַלסטוואָ אַ סוד, אָבער מיר אַלע ווייסען. די סלאַווען זענען פערשווערער...

סאַשע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפ'ן עלענבויגען און האָט אַרויסגעקאַטשעט אַ פּאָר אויגען פון נייגיריגקייט.

—פערשווערער, זאָגסטו? פארמאַזאָנען?

—נישט קיין פאַרמאַזאָנען, נאָר אַ געהיימע געזעלשאַפט פון אָרענטליכע מענשען, וואָס האָבען זיך געשוואָרען צו פערבעסערן דעם גורל פון פאָטערלאַנד,—האָט מישע אַרויסגעקאַטעוועט ווי פון אַ ביכעל און איז באַלד אַנטשוויגען געוואָרען מיט אַ געהיימער מינע.

—און דו רעדסט עס ערנסט? דו ליגסט נישט?

—צו וואָס זאָל איך ליגען? קום, וועסטו זעהן.

—אָבער מען קאָן געהן? קיינער קאָן דאָך מיך נישט?

—דאָס איז אַ קלייניגקייט. איך וועל דיך פאָרשטעלען. אַלע אונזערע זענען דאָרטען. דו האָסט שוין לאַנג דאָרט בעדאַרפט זיין, נאָר אפשר שרעקסטו זיך? וואָרום מען קאָן זיך גוט בעצאָהלען פאַר אַזוינע זאַכען. און וואָס וועט זאָגען די מאַמעשי מים׳ן טאַטעשי?.. נו, אויב דו שרעקסט זיך, בעדאַרף מען נישט...

סאַשע איז רויט געוואָרען און אין אויג האָט איהם אַ ציטער געטהאָן אַ טרעהר פון בעליידיגונג.

—וואָס רעדסטו, מישע, ווי שעמסטו זיך עס נישט? שוין-זשע האָב איך מיך אַמאָל אָבגעזאָגט פון מיינע חברים? מיר וועלען געהן, אודאי וועלען מיר געהן.

די פערזאַמלונג פון די סלאַוועו און דער דרום׳דיגער געזעלשאַפט האָט בעדאַרפט פאָרקומען זיעבען אַ זייגער אין אָוונד אין דער וואוינונג פונ׳ם אַרטילערישען פאָדפּאָרוטשיק אַנדרעיעוויטש דער 2-טער. די כאַטקע, וואו דער פּאָדפּאָרוטשיק האָט געוואוינט, איז געשטאַנען אין אַ פערוואָרפענעם ווינקעל, אַב׳עק דאָרף, אין אַ וואַלד, ביים טייכעל גוויזאַ. דערביי איז געלעגען אַ פערוואָרפענער אוניאַטישער בית-עולם מיט אַן׳אַלטער קאַפּליצע. דער בעל-הבית, אַ דיאַק, האָט פערדונגען די כאַטקע דעם פּאָדפּאָרוטשיק און אַליין האָט ער געוואוינט אין באָד. קיין זייטיגע מענשען זענען דאָ, אַלזאָ, נישט געווען. אַנדרעיעוויטש האָט אפילו זיין דענשטשיק אַוועקגעשיקט קיין זשיטאָמיר. די פערשווערער, וואָס זענען געקומען פון לעשטשינער לאַגער, האָבען איבערגעלאָזט זייערע פערד אין דאָרף און זענען איינציגווייז אַוועק אין

וואַלד אַריין: זיי האָבען געוואָלט, אַז אַלץ זאָל אַראָב גלאַט אָהן אַ חשד.

אַז סאַשע מיט מישע׳ן זענען צוגעקומען צו אַנדרעיעוויטשעס כאַטקע, האָט אַלץ עפּיס אויסגעזעהן מעשה-פערשווערער. אין דעם טונקעלען דושנעם אָוועגד, אינ׳ם שטיל-שווייגען פון הימעל און ערד פאַר אַ געוויטער האָט זיך טיילמאָל דורכגעטראָגען אַ לייכט ווינדטעלע, לייכט ווי אַ זיפץ, און די שפּיצען פון די סאָסנעס האָבען מאָדנע גערוישט, אָבער דערנאָך זענען זיי פון דאָסניי אַנטשוויגען געוואָרען כּ׳ט נאָך אַ געהיימערן שטיל-שווייגען.

און אַז סאַשע איז אַריין אין כאַטקע, האָבען איהם די בעקאַנטע פּנים׳ער פון די חברים אויסגעוויזען, ווי אונבעקאַנטע.

„אַיאָ, אַזוי זעהען-אויס פערשווערער״,—האָט ער אַ טראַכט געטהאָן. אויף אַ לאַנגען טיש האָבען געברענט ליכטלעך מיט אַ שטאַר און אונהיימליך פייערל און די ווייסע ווענד האָבען אַזוי ווי גערעדט: „זענט פאָרזיכטיג, ווענד האָבען אויערן״, זיין די טונקעלע פענסטער האָבען געוואונקען ווייסע בליצען, פּונקט ווי די הימעל-פערשווערער וואָלטען געגעבען סימנים צו די ערד-פערשווערער.

די זיצונג האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבען. טשערנאָגלאַזאָוו האָט סאַשע׳ן פאָרגעשטעלט באָריסאָוו׳ן, גאָרבאַטשעווסקי׳ן און דעם מאַיאָר פון פענזער פעכאָטנעם פּאָלק ספּירידאָוו, וואָס איז נאָר-וואָס אויסגעוועהלט געוואָרען פאַר אַ פערמיטלער צווישען די סלאַווען און דער דרום-געזעלשאַפט.

—מיר זענען זעהר צופרידען,—האָט גאָרבאַטשעווסקי געזאָגט.—אין וואָסער געזעלשאַפט ווילט איהר אַריינטרעטען: צו אונז אָדער צו די דרומ׳דיגע?

סאַשע האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

—צו די דרומ׳דיגע,—האָט טשערנאָגלאַזאָוו בעשלאָסען פאַר איהם.

—אָט, לייענט-איבער, וועט איהר זיך בעקאָנען מיט די אויפגאַבען פון דער געזעלשאַפט,—האָט איהם גאָרבאַטשעווסקי דערלאַנגט אַ דין העפטעל אין אַ בלויער הילע, געדיכט פער-

שריבען מיט די קליינינטשקע אותיות פון אַ פּאָלק-שרייבער. גע-
הייסען האָט דאָס העפטעלע „דער מלוכה-טעסטאַמענט". דאָס איז
געווען אַ קורצער אויסצוג פון פעסטעלס „רוסישע וואָהרהייט",
וואָס איז געווען בעשטימט פאַר די נייע מיטגלידער.

סאַשע האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש און גענומען
לייענען, אָבער ער האָט שלעכט פערשטאַנען און עס איז גע-
ווען נודנע און לאַנגווייליג. פּאָליטישע ענינים זענען איהם קיינ-
מאָל אויפ'ן רעיון נישט געקומען. ער האָט נאָך אפילו רעכט
נישט געוואוסט, וואָס איז אַזוינס קאָנסטיטוציע, רעוואָלוציע, רע-
פּובליק. אָבער ער האָט פערשטאַנען, בשעת ער האָט דורכגע-
לייענט: „די געזעלשאַפט שטעלט זיך דאָס ציעל איינצופיהרען
אין רוסלאַנד אַ רעפּובליקאַנישע מלוכה-אָרדנונג דורך דער הילף
פון אַ מיליטערישער רעוואָלוציע און דורך דער פערניכטונג פון
די אַלע מיטגלידער פון קייזערליכען הויז."—„יאָ, מען קאָן זיך
גוט בעצאָהלען דערפאַר",—האָט ער אַ טראַכט געטהאָן און פלו-
צלונג איז איהם שרעקליך פרעהליך געוואָרען.

ער האָט געמאַכט אַנ'אָנשטעל, ווי ער וואָלט געלייענט,
אָבער באמת האָט ער זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צום עולם.
אַ סך נאַטשאַלסטוואָ: ראָטע-, בריגאַדע-, באַטאַליאָן- און פּאָלק-
קאָמאַנדירען. פון איין קוק זייערן אין פראָנט איז אָבגעהאַנגען
סאַשעס גורל. יעדער פון זיי האָט געמעגט אויף איהם שרייען,
זידלען און שטעלען צום געריכט. אָבער דאָס אַלץ האָט ער גע-
מעגט ד אָ ר ט ע ן און נישט ד אָ. דאָ זענען אַלע גלייך, פּונקט
ווי די רעפּובליק וואָלט שוין פּראָקלאַמירט געוואָרען; דאָ איז
אַלץ פערקעהרט: די עלטסטע זענען די קלענסטע און די קלענ-
סטע זענען די עלטסטע; אַלץ איז דאָ איבערגעאַנדערשט, אומ-
געקעהרט, ווי אין יענעם קליינינטשקען לעבעדיגען בילדעל, וואָס
דער שיין פון דער זון האָט אָנגעצייכענט אויף דער וואַנד פון
באַראַק: די ערד איז אויבען, דער הימעל אונטען. דער קאָפּ
שווינדעלט אפילו, אָבער ווי גוט, ווי גוט, שרעקליך און פרעה-
ליך! און עס טהוט איהם שוין נישט באַנג, וואָס ער האָט זיך
אָבגעזאָגט פון קאָרטען און פאַנטאָמינעס און באַלאַנסירונגען.

—נו, לאָמיר גען בראָנפען טרינקען,—האָט איהם אַ רוף־געטהאָן טשערנאָגלאַזאָוו.

זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַ טישעל מיט צובייסונג.

—אַלע וואוילדענקענדיגע מענשען האָבען בעשלאָסען אָראָב־צוװאַרפען פון זיך דעם יאָך פון דער אַליינהערשאַפט. גענוג שוין געליטען, אַ חרפה און אַ שאַנדע צו ליידען,—האָט גערעדט דער פּאָלקאָווניק פונ׳ם אַרטילערישען גוסאַרן־פּאָלק, אַרטאַמאָן זאַכאַראָוויטש מוראַוויאָוו. דאָס איז געווען אַ משונה דיקער מאַן און גערעדט האָט ער מיט אַ פעטען באַס פון אַ נאַטשאַלניק. דערביי האָט עד געטרונקען בראָנפען און צוגעביסען מיט אַ הע־רינג. צו די נעמען פון די אַלע הויכגעשטעלטע לייט האָט ער צוגעגעבען:

—קאַנאַליעס!

זיין פעטער באַס האָט געכריפעט, דער פעטער קאַרק האָט זיך געטרויסעלט, דער דיקער האַלז איז מיט בלוט אָנגעגאָסען געוואָרען, פונקט ווי דאָס פלעגט געשעהן מיט איהם אויפ׳ן פראָנט, בשעת ער פלעגט שרייען אויף זיינע גוסאַרען: „דער זיבעטער ווזוואָד, קאַנאַליעס! וואָס, שלאָפען ווילט איהר? איהר זעהט נאָר, איך זאָל אייך נישט אויפוועקען!״

איצט האָט ער אַלעמען בעשאָטען מיט זידעל־ווערטער און איבערהויפּט דעם קייזער. פּלוצלונג האָט ער זיך אָבגערופען ווע־גען איהם מיט אַזאַ זידעלוואָרט, אַז סאַשע׳ן האָט פערכאַפּט דער אָטעם, און ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי אַמאָל, אויף אַ באַל ביים פאַן פּאָליאַנאָווסקי, האָט דער אייגענער אַרכאַמאָן זאַכאַראָ־וויטש שטאַרק געלויבט די רוסען פאַר זייער ליעבע צום צאַר און פאָטערלאַנד און דערביי האָט ער אַלץ איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער, וואָס ער זאָל האָבען כלומר׳שט געזאָגט פאַר דער באָ־ראָדינאָ־שלאַכט: „בשעת איך וועל פאַלען פון אַ קויל, זאָלט איהר מיר אויפשניידען די ברוסט און דעמאָלט וועט איהר זעהן, ווי אויף מיין האַרץ איז אויסגעקריצט: אַ צוויי־קעפּיגער אָדלער מיט דעמדאָזיגען שיפער: אַ. פּ.״ (אַלעקסאַנדער פּאַוולאָוויטש). אָבער איצט רעדט ער גאָר פערקעהרט. סאַשע האָט זיך, איבעריגענס,

גאָרנישט גע'חדוש'ט דערויף, ווי ער האָט זיך נישט גע'חדוש'ט אויפ'ן שיין-בילדעל אין באַראַק, וואו אַלץ איז בעגאַנגען מיט'ן קאָפּ אַראָב.

—וועדעניאַפּאַנטשיקעל, זאָלסט מיר אַזוי לעבען, טייבעלע מיינס, האָק מיר אַריין אַ ביסעל פּעפּערשנאַפּס!—האָט אַרטאַמאָן זאַכאַראָוויטש געבעטען דעם פּאַדפּאָרוטשיק וועדעניאַפּין, מיט וועלכען ער האָט זיך נאָר-וואָס בעקאַנט און איז שוין געווען פּער „דו" מיט איהם.

ער האָט אויסגעטרונקען, זיך פּערקרימט, צוגעביסען מיט אַ געזאַלצענער שוואָם און איז באַלד גאַנץ האַמעטנע איבערגע-גאַנגען פון פּאָליטיק אויף פרויען.

—נישט לאַנג האָט מיר די פּאַנע יאַדוויגע סיגיזמונדאָוונע דערצעהלט, אַז מען האָט אין פּאַריז אויסגעקלערט נייע דורכ-זיכטיגע העמדער, וואָס אַז מען טהוט זיי אָן, זעהט זיך דאָס גאַנצע לייב...

און באַלד דערויף האָט ער דערצעהלט עפּיס אַ ציניש ווי-צעלע און האָט זיך אַזוי שטאַרק צולאַכט, פונקט ווי אַ שווערער וואָגען וואָלט זיך מיט געפּילדער געקייקעלט איבער גרויסע שטיינער.

טשערנאָגלאַזאָוו האָט איהם פאָרגעשטעלט סאַשע'ן. אין אַ מינוט אַרום איז שוין יענער געווען מיט איהם פּער „דו", האָט איהם געפּאַטשט איבער דער פּלייצע און מכבד-געווען מיט שנאַפּס.

—נאָך גאָר אַ יונגיטשקער און איז שוין אַ בעלן אָבצוגע-בען זיין לעבען פּאַר'ן פאָטערלאַנד! עך, יונגוואַרג, יונגוואַרג, כּלעבען, איך האָב אייך ליעב! סאַשעלע, טרינקען מיר לחיים!..

און ער איז אַרויפגעקראָכען אויף איהם מיט קושעניש. פון איהם האָט געשמעקט מיט בראָנפּען, הערינג און לאַווענדעלוואַ-סער, מיט וועלכען ער פלעגט זיך שטענדיג בעגיסען פון דער ברייטער האַנד. ער האָט געהאַט שמוציגע נעגעל, אָבער ער האָט געטראָגען פינגערלעך מיט ברילליאַנטען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי פאַלשע. אָבער אין זיין גאַנצער פיגור איז בעלעגען עפּיס

פאלשעס, סאשע׳ן אבער האט זיך געדאכט, אז אזוי בעדארף אויסזעהן א פערשווערער.

—איך האב מאדנע פיינט דידאזיגע אבגעפרעסענע חיה,— האט עמיץ ארויסגעזאגט אזוי הויך, אז סאשע האט זיך אבגע-קעהרט, אבער ארטאמאן זאכאראוויטש האט נישט געהערט אדער געמאכט אנ׳אנשטעל, אז ער הערט נישט.

דער פארוטשיק פון טשערניגאווער פאלק און מיטגליד פון דער דרום-געזעלשאפט, אנאסטאסי דמיטריעוויטש קוזמין, אדער ווי די סאלדאטען פלעגען איהם רופען נאסטאסעי דמיטריטש, אדער נאך פשוט׳ער—„נאסטאסיעלע", איז געווען א שטעכיגער, א שארסטקער, א הארטער און א צושויבערטער; די שווארצע האהר זענען איהם געלעגען אויפ׳ן קאפ ווי צושאטענע היי, די וואנסען האבען געשטעקט אין לופטען, די באָרד איז געווען צו-שויבערט, פונקט ווי א שטארקער ווינד וואלט אריינגעבלאזען אין איהר פון הינטען; די שווארצע אויגען זענען געשטאנען קרום און האבען געקוקט מיט אזא אכזריות, פונקט ווי ער וואלט גע-ווען אנ׳עכטער „גזלן פון מוראם", ווי די חברים פלעגען איהם רופען. אבער ער האט געהאט א גוטען שמייכעל און דערדאזי-גער שמייכעל האט בערעכטיגט דעם צונאמען „נאסטאסיעלע".

נעבען קוזמינ׳ען איז געשטאנען א יונגער אפיצירל מיט א שלאנקער און פיינער טאליע, מיט א בלאס שען געזיכט, עהנליך צו לארד בייראן; דאס איז געווען מאזאלעווסקי, א פאדפארוטשיק פון דעם אייגענעם פאלק.

בשעת ארטאמאן זאכאראוויטש האט געמאכט א מינע, ווי ער וואלט נישט דערהערט דאס, וואס איז געזאגט געווארען און האט ווידעראמאל געגובען ריידען פון פאליטיק, האט קוזמין א קוק געטהאן אויף איהם מיט גרויס רשעות און רציחה, און האט נאך העכער ארויסגעזאגט:

—פאסקודנער יונג!

—נו, גענוג, נאסטאסעי מיטריטש,—האט איהם מאזאלעוו-סקי איינגעהאלטען און געגלעט איהם פאר׳ן קאפ, ווי א בייזען

הונד,—דו ביזט דאָך גאָר ווילד געוואָרען! נו, וואָס וואַרפסטו זיך אויף מענשען, ווי אַ גזלן!

—דו לאָז נאָר אָב, מאַזילקע, איך האָב פיינט פּאַסקודנע יונגען!..

—ווייסט איהר דערפון, אַז אונזער נאַטשאַסיעלע האָט שיער בישט דער׳הרג׳עט אַ מענשען?—האָט מאַזאַלעווסקי בכיון גענומען עפּיס דערצעהלען, צו פעראינטערעסירען דעם עולם און אויסצו-מיידען אַ קריעג.

פאָרגעקומען איז עס אַזוי. קוזמין האָט געמיינט, אַז היינט-מאָרגען ברעכט-אויס דער אויפשטאַנד, האָט ער פערזאַמעלט זיין ראָטע סאָלדאטען און האָט זיי דערקלערט די אויפגאַבען פון דער פערשווערונג. די סאָלדאַטען, וואָס זענען איהם געווען זעהר טריי, האָבען זיך געשוואָרען, אַז זיי וועלען געהן מיט איהם אויף טויט און אויף לעבען. דעמאָלט איז ער אַוועק אויף דער פער-זאַמלונג פון דער געזעלשאַפט און האָט דאָרט געזאָגט, אַז זיין ראָטע איז גרייט און אַז ער וואַרט נאָר אויף אַ בעפעהל אַרויס-צוטרעטען. „ווען הויבט זיך אָן דער אויפשטאַנד?"—האָט ער גע-פרעגט. „דאָס קאָן קיינער נישט וויסען,—האָט מען איהם גע-ענטפערט,—האָסט זיך נישט וואָס צו יאָגען אַזוי." דערהערט דעם-דאָזיגען ענטפער, האָט ער זיך אָנגערופען: „אַ שאָד, אַבי איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלען באַלד אָנהויבען. פון פלוידערן קומט גאָרנישט אַרויס. איבעריגענס, מיינע יונגען קאָנען שוויי-גען. אָבער דער יונקער באָגוסלאַווסקי קאָן דאָך אַמאָל אַרויסגע-בען, וואָרום איך האָב איהם געשיקט קיין זשיטאָמיר אָנזאָגען, אַז די רעוואָלוציע הויבט זיך אָן." „וואָס האָסטו געטהאָן, ווילדער יונג?!—האָבען אַלע גענומען שרייען—באָגוסלאַווסקי איז אַ נאַר און האָט אַ לאַנגע צונג, ער וועט זיכער דערצעהלען זיין פעטער. דעם אַרטילעריע-נאַטשאַלניק פון 3-טען קאָרפּוס און דעמאָלט זע-נען מיר פערלאָרען!" „וואָס רעדט איהר, איז דאָס שוין אַ פער-פאַלענע זאַך? מאָרגען געפינט איהר איהם אַ טויטען ביי זיך אין בעט",—האָט קוזמין אַרויסגעזאָגט. ער האָט באַלד געלאַפט דאָס
584 היטעל און איז הענדום-פענדום אַרויסגעלאָפען פון צימער. האָבען

זיך אַלע תּיכּף-וּמיד אַוועקגעלאָזט נאָך איהם, אָנגעיאָגט איהם פערהאַלטען און ווי-עס-איז איינגערעדט איהם, ער זאָל נישט דער׳הרג׳ענען באָגוכלאַווסקי׳ן, וואָס איז פון נאַטור אַ שוטה און מען וועט איהם זיכער קאָנען איינשמועסען, אַז מען האָט עס געשפּאַסט מיט איהם.

—און איך וועל איהם דערשטיקען! זאָל ער נאָר זאָגען אַ וואָרט, וועל איך איהם זיכער דערשטיקען!—האָט קוזמין אַרויס-געמורמעלט, בשעת מאַזאַלעווסקי איז אַנטשוויגען געוואָרען.

—דו וועסט קיינעם נישט דערשטיקען, נאַסטאַסיעלע, דו ביזט דאָך אַזאַ גוטינקער...

—געהט אין אַלדי שוואַרציאָהר!—איז קוזמין אַריינגעפאַלען אין רציחה,—אויב עס וועט היינט נישט בעשלאָסען ווערען, ווען מען זאָל אָנהויבען די רעוואָלוציע, וועל איך נעהמען מיין ראָטע און וועל געהן אַליין...

—וואוהין וועסטו געהן?

—קיין פעטערבורג, קיין מאָסקווע, אין כּף-הקל, וואָרום איך קאָן שוין מעהר נישט וואַרטען!

סאַשע האָט געקוקט און געהערט דידאָזיגע ווערטער און דאָס האַרץ איז איהם אָבגעשטאָרבען געוואָרען, פונקט ווי אַמאָל, אין די קינדעריאָהרען, בשעת ער פלעגט פייל-פון-בויגען פליהען אויפ׳ן שליטען פון הויכען גליטש-באַרג, אָדער בשעת איהם פלעגט זיך חלומ׳ען, אַז מען קאָן איבערקעהרען אַ וועלט, ברע-כען, שטעכען, האַקען שויבען, און קיינער וועט נישט בעשטראָ-פען דערפאַר—הפקר אַ וועלט.

—אָבער, מיינע הערן, וואו וועלען מיר נעהמען געלד צו בעהרען די אַרמעען?—האָט געפרעגט דער פּאָלקאָווניק טיזענהוי-זען, אַנ׳אויסגעפּוצטער העלבלאָנדער דייטש; אויפ׳ן פּנים איז איהם שטענדיג געלעגען אַ מינע פון עקעל, פונקט ווי ער וואָלט געשפּירט אַ שלעכטען ריח.

—מען קאָן נעהמען פון דער פּאָלק-קאַסע,—האָט עמיץ בע-מערקט.

—און צו וואָס דיענען דער גרעפין בראַניצקיס קעלערס,

פרעג איך אייך ?—האָט אַרטאַמאָן זאַבאַראָוויטש אויסגעשריען—אַ קלייניגקייט, פופציג מיליאָן אין גאָלד! ס'איז דאָך אַנ'אוצר!

—אַ פיינע עצה,—האָט זיך טיזענהויזען פערקרימט מיט עקעל—אַז מיר וועלען אָנהויבען מיט גזילה און רציחה, וועלען מיר זעהר שנעל ענדיגען. ניין, מיינע הערן, דאָס געפעלט מיר נישט צו פרעמדע געלדער בין איך נישט קיין בעלן...

—יאָ, מיר ווייסען דאָך טאַקי אַלע, אַז דייטשען זענען אַנ'ערליך פאָלק,—האָט קוזמין ווידעראַמאָל אַרויסגעמורמעלט.

—מיין עהרנוואָרט גיב איך אייך,—האָט טיזענהויזען ווייטער געזאָגט,—איך וועל בעסער דאָס לעצטע העמד פון לייב פערקויפען, דער ווייבס קליידלעך פערקויפען...

—מענשען גיבען-אַוועק דאָס לעבען און ער—דער ווייבס קליידלעך!—האָט קוזמין ווידעראַמאָל אַ ברום-געטהאָן.

טיזענהויזען האָט עס דערהערט און זיך בעליידיגט.

—דערלויבט אייך צו זאָגען, הער פאָרוטשיק, אַז אייער בעמערקונג איז נישט אָנשטענדיג...

—וואָס קאָן מען העלפען, הער פּאָדפּאָלקאָווניק,—האָט קוזמין געענטפערט דערויף—דאָ, בעדאַרפט איהר וויסען, זענען מיר נישט אין פראָנט, און איך שפיי אויף אייער צירליך-מאַנירליך! און אויב איהר ווילט אַ סאַטיספאַקציע...

—אָבער, מיטריטש, גענוג דיר שוין...

מען האָט זייביידען אַרומגערינגעלט און ווי-עס-איז איינגענומען. אָבער באַלד איז אויסגעוואַקסען אַ נייער קריעג. מען האָט געשמועסט דערפון, ווי אַזוי מען זאָל צוגרייטען די סאָלדאַטען צום אויפשטאַנד.

—דידאָזיגע בהמות איז נישטאָ וואָס צוצוגרייטען,—האָט בעמערקט דער קאַפּיטאַן פיכאַטשעוו, אַ קאָמאַנדיר פון דער 5-טער רייטער-ראָטע,—איך בעדאַרף נאָר אַרויסקייקלען אַ פעסעל בראָנפען, אַרויסרופען פאָראויס די זינגער און אַ געשריי טהאָן: „רעביאַטאַ, נאָך מיר!"

—און איך בעדאַרף נאָר הייסען געבען שמאַלץ אין דער קאַשע אַריין, וועלען זיי געהן מיט מיר כאָטש אין כף-הקל. איך

קאָן דעם רוסישען סאָלדאַט,—האָט טיזענהויזען אַ שמייכעל געטהאָן מיט עקעל.

—און איך וואָלט מיין פּאָלק מיט פּאַלקעס געטריבען, ווען ער וואָלט נישט געוואָלט געהן!—האָט אַרטאַמאָן אַרויסגעקאַטעוועט מיט אַזאַ קול, פּונקט ווי אַ וואָגען וואָלט געקלאַפּט איבער גרויסע שפּיציגע שטיינער.

—בעפּרייען דאָס פּאָלק מיט פּאַלקעס—אַ פיינע דעמאָקראַטיע!—האָט גאָרבאַטשעווסקי צויסגעשריען—פּשוט אַ בזיון צו הערען!

—שררות מיינע! אַריסטאָקראַטעלעך!—האָט גאַליג אַרויסגעשיפּעט דער פּאָרוטשיק סוכינאָוו, אַ בלאַסער, מיט אַזאַ פערקרימטען פּנים, פּונקט ווי עמיץ וואָלט איהם אַרויפגעטראָטען אויף די היהנעראויגען.—איצט זעהען מיר, מיט וועמען מיר געהען, איצט זעהען מיר אַלע...

און, ווי אַמאָל אין וואַסילקאָוו, האָבען דאָ אויך אַלע דערשפּירט אַ טיעפען תהום, וואָס האָט צוטיילט די צוויי געזעלשאַפטען: זיי האָבען זיך נישט געקאָנט פעראייניגען, ווי פייער מיט וואַסער.

—און וואָס וואַרטען מיר דאָ?—האָט סוכינאָוו געפרעגט—מען האָט בעשטימט אויף אַכט אַ זייגער און איצט איז שוין צעהן.

—סערגעי מוראַוויאָוו און בעסטוזשעוו בעדאַרפען קומען,—האָט ספּירידאָוו בעמערקט.

—זיעבען מענשען וואַרטען נישט אויף איינעם,—האָט סוכינאָוו אָבגעהאַקט.

—נו, וואָס קאָן מען העלפען. אָהן זיי קאָן מען נישט.

—טאָ לאָמיר געהן אַהיים און געענדיגט אַ געשעפט.

—ווי אַזוי קאָן מען געהן אַהיים, אַז מען האָט נאָך גאָרנישט בעשלאָסען? און צי לוינט זיך עס צוליעב אַזאַ קלייניגקייט?

—די עהרע, מיין הער, איז נישט קיין קלייניגקייט. ווייל עמיץ שפּיעלען די ראָל פון אַ לאַקיי, טאָ זאָל ער עס שפּיעלען

געזונדטערהייד. אָבער איך וויל נישט שפּיעלען אַזאַ ראָל, איהר הערט?..

—זיי געהען! זיי געהען!—האָט גאָרבאַטשעווסקי אָנגעזאָגט, אַרויסקוקענדיג פון פענסטער.

אויפ'ן גאַניקעל האָבען זיך דערהערט טריט, שטימען. די טהיר האָט זיך געעפענט און אין כאַטקע איז אַריין סערגעי מוראַוויאָוו, בעסטוזשעוו, פּירשט גאָליצין און אַנדערע מיטגלידער פון דער דרום-געזעלשאַפט, וואָס זענען געקומען פון לעשטשי-נער לאַגער.

מוראַוויאָוו האָט זיך ענטשולדיגט: ער האָט געמוזט פער-שפּעטיגען, ווייל מען האָט איהם אַרויסגערופען אין שטאַב.

דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט—מאַנכע אַרום טיש אינ-מיטען כאַטקע, אַנדערע אויף די לאַנגע בענק אַרום די ווענד; אַ סך אָבער האָבען געמוזט שטעהן אויף די פיס, ווייל עס איז קיין אָרט נישט געווען צום זיצען. אַלס פּאָרזיצער איז אויסגע-וועהלט געוואָרען ספּירידאָוו, דער מאַיאָר פון פּענזער פּאָלק. ער האָט געהאַט אַ חנ'עוודיג, קלוג און רוהיג געזיכט מיט צוויי אויסדריקען: בשעת ער האָט גערעדט, האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווייס נישט פון ספקות, אָבער אַז ער האָט געשוויגען, האָבען זיינע אויגען אויסגעדריקט פוילקייט, שוואַכקייט און מוטלאָזיגקייט.

אין קורצע ווערטער האָט ער דערקלערט דעם צוועק פון דער פערזאַמלונג: דאָ מוז בעשלאָסען ווערען די פראַגע וועגען דער פעראייניגונג פון די צוויי געזעלשאַפטען, און דערנאָך האָט ער געגעבען דאָס וואָרט בעסטוזשעוו'ן.

בעסטוזשעוו האָט גערעדט נישט קלאָר, לאַנג און פער-פּלאָנטערט. אָבער דערין, ווי זיין קול האָט געקלונגען און גע-ציטערט, ווי אַזוי ער האָט געמאַכט מיט די הענד, ווי אַזוי דאָס פּנים איז איהם בלאַס געוואָרען, די אויגען האָבען געלויכטען און אויפ'ן קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבען דער רויטער טשוב, ווי אַ פייערדיגע צונג, איז געלעגען אַ געוואַלטיגע איבערצייגונגס-קראַפט. ער איז געווען אַ גרויסער פּאָלקסטריבון און האָט פער'כשופ'ט דעם המון. קליין, שוואַך און לייכט, פלעגט ער זיך

אַוועקגעטראָגען אין אַ זאַווערוכע פון ווערטער, און דערביי האָט ער אַליין נישט געוואוסט, וואוהין זי וועט איהם ברענגען, די-דאָזיגע זאַווערוכע. „דער עקסטאַז מאַכט פון פיגמיי אַ ריז״,— האָט זיך גאָליצין דערמאָהנט.

מען האָט נישט געקאָנט איבערגעבען דאָס, וואָס בעסטו-זשעוו האָט גערעדט, ווי מוזיק קאָן נישט איבערגעגעבען ווע-רען דורך ווערטער, אָבער דער זין איז געווען אַזאַ:

„די דרום׳דיגע געזעלשאַפט בעזיצט אונגעהויערע קרעפטען. מאָסקווע און פעטערבורג זענען שוין גרייט צו דעם אויפשטאַנד; די 2-טע אַרמעע און אַ סך פאָלקען פון דעם 3-טען און 4-טען קאָרפוס זענען אויך גרייט. מען בעדאַרף נאָר פאַקען דעם מאָ-מענט—און אַלץ וועט זיך אָנהויבען. די סעקציעס פון דער גע-זעלשאַפט געפינען זיך אין טולטשין, וואַסילקאָוו, קאַמענקע, קיעוו, ווילנאָ, וואַרשוי, מאָסקווע, פעטערבורג און אין נאָך אַ סך אַנדע-ר׳ע שטעדט פון דער אימפעריע. אַ גרויסע פוילישע געזעלשאַפט, וואָס איהרע מיטגלידער זענען צושפּרייט נישט בלויז אין פוילען דער מדינה, נאָר אויך אין גאַליציען און פויזען, איז גרייט אי-בערצוטראָגען צוגלייך מיט די רוסען די סכנה פונ׳ם אויפשטאַנד און צו העלפען פערווירקליכען די אָנגעצייכענטע אידעאַלען. די רוסישע געהיימע געזעלשאַפט שטעהט אויך אין בעציהונג מיט אַנדערע פּאָליטישע געזעלשאַפטען פון אייראָפּאַ. נאָך אין יאָהר 1816 האָט פירשט טרובעצקאָי געפיהרט אונזער קאָנסטיטוציע קיין אויסלאַנד, וואו ער האָט זי געוויזען די בעסטע געלעהרטע, וועלכע האָבען געלעגט זייער הסכמה אויף איהר. דעם גראַף פּאָליניאַק איז איבערגעגעבען געוואָרען מיטצוטיילען די פראַנצוי-זישע ליבעראַלען, אַז אין רוסלאַנד וועט באַלד פּאַרקומען אַנ׳-איבערקעהרעניש. פירשט וואָלקאָנסקי, גענעראַל ראַיעווסקי, גענע-ראַל אָרלאָוו, גענעראַל קיסעלעוו, יושנעווסקי, פעסטעל, דאַווידאָוו און אַ סך אַנדערע קאָרפוס-, דיוויזיע- און פאָלק-קאָמאַנדירען זענען מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. אָט די אַלע איידעלע מענער האָבען זיך געשוואוירען צו שטאַרבען פאַר׳ן פאָטערלאַנד״,— האָט דער אָראַטאָר געענדיגט.

גאַליצין האָט געוואוסט, אַז די קאָנסטיטוציע האָט קיינער קיינמאָל נישט געפיהרט קיין אויסלאַנד, אַז גענעראַל קיסעלעוו און גענעראַל ראַיעווסקי האָבען זיך קיינמאָל נישט בעטייליגט אין דער געזעלשאַפט און אַז פּאָליניאַק'ן געהט אַזוי אָן די געזעלשאַפט, ווי דער פּאַראַיאָהריגער שניי; כמעט אַלץ, וואָס בעסטוזשעוו האָט גערעדט, איז געווען גאָלע ליגען. „ווי אַזוי קאָן עס אַ מענש אַזוי לייגען?"—האָט זיך גאַליצין גע'חדוש'ט.

—דאָס וואָרט געהערט גאָרבאַטשעווסקי'ן האָט געמאָלדען דער פּאָרזיצער.

—מיר, פערייניגטע סלאַווען, וואָס האָבען זיך געשוואָרען אָבצוגעבען דאָס לעבען פאַר דער בעפרייאונג פון די סלאַווישע פעלקער, קאָנען אודאי נישט ברעכען דידאָזיגע שבועה,—האָט גאָרבאַטשעווסקי אָנגעהויבען.—צי ווּעלען מיר אָבער זיין בכח זי עהרליך צו האַלטען, אויב מיר וועלען זיך אונטערוואַרפען דער דרום-געזעלשאַפט? צי וועט זי אונזערע ציעלען אָננעהמען ערנסט און צי וועט זי אונז נישט פערוועהרען צו שטעהן אין קאָנטאַקט מיט די איבעריגע סלאַוויאַנישע פעלקער? און צי בעזיצט זי ווירקליך אַזוינע קרעפטען, ווי דאָ ווערט בעשטעטיגט?..

אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט, איז געווען קלאָר, עהרליך און אמת, אָבער נאָך בעסטוזשעווס ליגענס האָט דערדאָזיגער אמת געשניטען דאָס אויער, ווי אַ טשוואָק איבער אַ גלאָז נאָך מוזיק.

—ניין, גאָרבאַטשעווסקי, איהר זענט זיך טועה. די איבערקעהרעניש אין רוסלאַנד וועט פאַר אַלע סלאַווישע פעלקער עפענען אַ וועג צו פרייהייט: דאָס רוסלאַנד, וואָס וועט בעפרייט ווערען פון טיראַנעריי, וועט בעפרייען פוילען, בעהמען, סערביען, טראַנסילוואַניען און אַנדערע סלאַווישע מלוכות; רוסלאַנד וועט זיי געבען רעפובליקעס און וועט זיי פעראייניגען אין אַ פעדעראַטיווער מלוכה,—האָט בעסטוזשעוו פון דאָסניי גענומען ריידען און פון דאָסניי האָט גענומען קלינגען די מוזיק פון ליגען.—מיר אַלע האָבען איין ציעל און אונזערע כחות געהערן אייך, אָבער אונטער איין-איינציגען תנאי—מיר מוזען אין אַלץ געהאָר-

כען דער העכסטער דומע פון דער דרום-געזעלשאַפט,—האָט ער אַזוי ווי פאַרבייגעהענדיג אַ זאָג געטהאָן.

—וואָסער דומע? וואו איז זי? ווער זענען איהרע מיטגלידער?—האָט סוכינאָוו געפרעגט.

—דאָס טאָר איך אייך נישט זאָגען, לויט די געזעצען פון דער געזעלשאַפט,—האָט בעסטוזשעוו בעמערקט.—ווילט איהר אָבער, וועל איך אייך עפּיס ווייזען...

ער האָט גענומען פּאַפּיר און בלייפעדער און האָט אָנגעצייכענט אַ קרייז; אינ׳ם קרייז האָט ער אַריינגעשריבען: „רעגירענדיגע דומע". נאָכדעם האָט ער דורכגעצויגען ראַדיוסען פונ׳ם מיטעלפונקט פון קרייז און האָט ביי די עקען אָנגעצייכענט קלייבע קרייזעלען.

—דער גרויסער קרייז אָדער זיין מיטעלפונקט איז די רעגירענדיגע דומע; די ליניעס, וואָס ציהען זיך פון איהם, זענען פערמיטלער, און די קליינע קרייזעלעך זענען סעקציעס, וואָס קומען אין בעריהרונג מיט דער דומע נישט דירעקט פון זיך, נאָר דורך די פערמיטלער...

אַלע האָבען זיך געשטופּט אַרום טיש, זיך צוגעהערט און צוגעקוקט צו דער צייכנונג מיט גרויס יראה, פונקט ווי צו אַ כשוף-צייכען. סאַשע האָט אויסגעצויגען דעם האַלז און ברייט פונאַנדערגעעפענט די אויגען.

—איהר פערשטעהט?—האָט בעסטוזשעוו אַ פרעג געטהאָן.

—איך פערשטעה דאָ גאָרנישט,—האָט סוכינאָוו געזאָגט מיט דערזעלבער מינע, ווי פריהער, פונקט ווי עמיץ וואָלט איהם אַרויסגעטראָטען אויף די היהנעראויגען.—געהט אין אַלדי שוואַרציאָהר מיט אייערע העראָגליפען צוזאַמען! מיר בעטען אייך, איהר זאָלט אונז דערקלערן די זאַך קלאָר און אָפען. ראיות גיט אונז...

מען בעדאַרף נישט! מען בעדאַרף נישט! מיר גלויבען אַזוי אויך!—האָבען אַלע גענומען שרייען.

—מיר גלויבען! מיר גלויבען!—האָט סאַשע געשריען העכער פון אַלעמען.—צו וואָס פּאַסט זיך אַהער דידאָזיגע בייגיריג-

קייט? מיר בעדאַרפען זיין גליקליך, וואָס מיר קאָנען זיך בע-טייליגען אין אַזאַ נוצליכער זאַך...

דער עולם האָט זיך אומגעקוקט אויף איהם און ער איז רויט געוואָרען.

—נו, וועגען דער מיליטערישער רעוואָלוציע איז אַ צעהנטע זאַך, איך בעט אייך...—איז באַריסאָוו פלוצלונג אַרויסגעטראָטען. די גאַנצע צייט האָט ער געשוויגען און איז געזעסען מיט אַראָב-געלאָזטע אויגען, פונקט ווי ער וואָלט גאַרנישט געזעהן און גע-הערט; ער האָט נאָר געדרייבערט זיין לולקע און האָט געכאַפּט נאַכט-שמעטערלינגען, וואָס האָבען זיך געדרעהט אַרום די פלעמ-לעך פון די ליכט; געכאַפּט האָט ער זיי פאַרזיכטיג, פּאַוואָליע, די פליגעלעך זאָלען נישט צוגעדריקט ווערען, און דערנאָך פלעגט ער זיי אַרויסלאָזען אין פענסטער.—בעסטוזשעוו, איהר האָט נאָר-וואָס גערעדט וועגען דער מיליטערישער רעוואָלוציע, אָבער וואָס איז אַ מיליטערישע רעוואָלוציע, אַ צעהנטע זאַך, איך בעט אייך?

—אַ מיליטערישע רעוואָלוציע הייסט, אַז די אַרמעע הויבט-אָן,—האָט בעסטוזשעוו געזאָגט,—און אַז די אַרמעע הויבט-אָן, איז שוין אַ לייכטע זאַך אַראָבצוואַרפען די רעגירונג. מיר האָבען אויפ׳ן אויג צוויי רעוואָלוציעס: איינע—די פראַנצויזישע, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען דורכ׳ן המון מיט די אַלע שרעקען און רציחות פון אַנאַרכיע, און די צווייטע—די שפּאַנישע, וואָס איז בעדאַכט צוגעגרייט געוואָרען דורך דער אַרמעע, אָבער זי האָט איבערגעלאָזט דעם קעניג. ביי אונז אָבער קאָן זי אַדורכ-געהן נאָך בעסער, ווייל זי וועט אָנגעהויבען ווערען דערפון, וואָס מיר וועלען פּטור-ווערען פון קייזער...

—וועלען מיר פּטור-ווערען פון קייזער, וועט זיין אַ צווייטער,—האָט גאָרבאַטשעווסקי בעמערקט.

—קיין צווייטער וועט נישט זיין!

—אָבער לויט׳ן ירושה-געזעץ...

—קיין שום ירושה-געזעץ: דאָס אַלץ ווערט אָבגעמעקט,—האָט בעסטוזשעוו אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד איבער׳ן טיש, פונקט ווי ער וואָלט עס אַלץ אַראָבגעווישט מיט איין קלאַפּ.

—און די דינאַסטיע ?..

—מיר וועלען זיי אַלעמען אַרויפזעצען אין קראָנשטאַדט אויף אַ שיף און אַוועקשיקען קיין אויסלאַנד.

—קאָן מען דאָך דעם קייזער אויך אַרויסשיקען קיין אויסלאַנד,—האָט פּאָלקאָווניק טיזענהויזען בעמערקט,—מען מוז אויסמיידען יעדע בלוטפּערגיסונג.

—עס וועט כמעט קיין בלוט נישט פערגאָסען ווערען,—האָט בעסטוזשעוו בעמערקט.

—צו וואָס ריידען נאַרישקייטען, אַ צעהנטע זאַך, איך בעט אייך. ניין, בלוט וועט זיין, בלוט וועט זיין!—האָט באָריסאָוו געזאָגט. ער האָט געכאַפּט אַ נאַכטשמעטערלינג און האָט איהם אַרויסגעלאָזט אין פענסטער אַזוי צאַרט, אַז קיין שטויבעלע איז איהם נישט אַראָבגעפאַלען פון די פליגעלעך.

—לויט אייערע ווערטער, בעסטוזשעוו,—האָט גאָרבאַטשעווסקי ווידער אָנגעהויבען,—וועט די רעוואָלוציע זיין אויסשליסליך אַ מיליטערישע און דאָס פאָלק וועט זיך אינגאַנצען נישט בעטייליגען אין איהר. וואָס פאַר אַ גאַראַנטיעס קאָנט איהר אונז געבען, אַז קיין איינער פון די מיטגלידער פון אייער פערוואַלטונג, וואָס ווערט אויסגעקליבען דורך דער אַרמעע און וואָס ווערט געשטיצט אויף באַגנעטען, וועט נישט פערכאַפּען די מאַכט?

—ווי שעמט איהר זיך נישט?—האָט בעסטוזשעוו אויסגעשריען,—ווען עס קאָנען פערשווייגען די־יעניגע, וואָס האָבען צוליעב פרייהייט דער׳הרג׳עט דעם צאַר?..

—מיינע הערן, ווען מיר אפשר איבערגעהן צו דער הויפּט־פראַגע? עס איז שוין שפּעט און מיר האָבען נאָך נישט בעשלאָסען, צי די געזעלשאַפטען זאָלען זיך פעראייניגען, צי נישט? אפשר וועלען מיר אָבשטימען?—האָט ספּירידאָוו פאָרגעלעגט.

—מען בעדאַרף נישט! מען בעדאַרף נישט! עס איז אָנגענומען געוואָרען!—האָבען אַלע געשריען און סאַשע האָט ווידעראַמאָל געשריען העכער פון אַלעמען.

—הער סעקרעטאַר,—האָט זיך ספּירידאָוו אָנגערופען צו

איליאַ איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו'ן, אַ פּראָוויאַנט-בעאַמטער, זעהר אַ אַ בעשיידענער און שטילער יונגערמאַן, אין אַנ'אויסגעריבענעם גרינעם פּוּאַק.—פּערצייכענט אינ'ם פּערזאַמלונגס-פּראָטאָקאָל: די געזעלשאַפטען האָבען זיך פּעראייניגט.

בעסטוזשעוו האָט געבעטען אַ וואָרט און האָט פייערליך אָנגעהויבען:

—מיינע הערן, די העכסטע דומע לעגט-פאָר, און איך האָב די עהרע אייך איבערצוגעבען, דעמדאָזיגען פּאָרשלאָג: דער אויפשטאַנד וועט אָנגעהויבען ווערען אין קינפטיגען יאָהר 1826 און וועט בשום אופן נישט אָבגעלעגט ווערען. אין אויגוסט וועט דער קייזער פּאַראַדירען דעם 3-טען קאָרפּוס און דעמאָלט וועט בעשלאָסען ווערען דער גורל פון דער אַליינהערשאַפט: דער טיראַן וועט אַוועקפאַלען אונטער אונזערע קלעפּ, מיר וועלען אויפהויבען הויך די פאָהן פון פרייהייט און וועלען אַוועק קיין מאָסקווע, פּראָקלאַמירענדיג די קאָנסטיטוציע. די גרויסע טאַט בעדאַרף יעדען איינעם בעגייסטערן. עס איז אַ גרויסער בזיון, אַז 50 מיליאָן מענשען זאָלען זיין אָבהענגיג פון איינאיינציגען מענשען און זאָלען דערשטיקט ווערען אונטער זיין יאָך. מיר מוזען ווערען פריי; מיר מוזען אויסראָטען דאָס בייזע און שלעכטע, די פרייהייט און גליק פון רוסלאַנד וועלען מיר בעפעסטיגען אויף אייביג. אַ שבח צו די בעפרייער אין די סאַמע ווייטעסטע דורות, אייביג וועט זיי דאַנקען דאָס פאָטערלאַנד!„

גאָליצין האָט בעטראַכט די צוהערער און האָט זיך נישטווילענדיג אָבגעשטעלט אויף סאַשעס געזיכט. דאָסדאָזיגע געזיכט איז געווען וואונדערליך-שען, ווי ביי אַ יונג מיידעלע, וואָס האָט ביז אַהער נישט געוואוסט פון ליעבע און האָט איצט צום ערשטען מאָל דערהערט ליעבע-ווערטער. „איז בעסטוזשעווס ליגען נישט בערעכטיגט געוואָרען דורך אָט דעם געזיכט?"—האָט גאָליצין אַ טראַכט געטהאָן.

—מיינע הערן, צי וועט אָנגענומען דער פאָרשלאַג פון דער העכסטער דומע?—האָט דער פאָרזיצער געפרעגט.

—אָנגענומען! אָנגענומען!

—אָבער איך נעהם נישט אָן!—האָט קוזמין אַ געשריי געטהאָן און אַ קלאַפּ געגעבען מיט'ן פויסט אין טיש אַריין.

—וואָס ווילט איהר?

—מען זאָל תיכף אָנהויבען!

—נו, וואָס רעדט איהר, קוזמין, קען מען דען שוין אָנהויבען?

—יאָג דיך נישט אַזוי, נאַסטאַסיעלע, אַז מען יאָגט, פערשפּעטיגט מען אַלעמאָל,—האָט איהם מאַזאַלעווסקי געפּרובט בערוהיגען.

—וואָס ציהט איהר, וואָס שלעפּט איהר אַזוי? אין דר'ערד זאָלט איהר אַלע געהן! אַ שלעפּעניש אַ ביסעל, אַז מען קען חלש'ען אונטער די הענד! טייבעלעך מיינע, ברידערלעך הארציציגע, האָט רחמנות און בעשטימט דעם טאָג פון אויפשטאַנד!—האָט קוזמין געשריען און זיינע אויגען האָבען געלויכטען ווי ביי אַ משוגענעם.

—בעשטימען דעם טאָג, די שעה און די מינוט לויט'ן כראָנאָמעטער!—האָט זיך פּאָלקאָווניק טיזענהויזען צולאַכט.

די אַנדערע אָבער האָבען נישט געלאַכט. קוזמינס משוגעת האָט אַלעמען אָנגעשטעקט, פּונקט ווי אַ ווינד וואָלט זיך דורכגעטראָגען איבער די פערזאַמעלטע. מען האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבען שפּרינגען און ריידען און שרייען, און עס האָט זיך אויפגעהויבען אַזאַ טומעל, אַז דער פּאָרזיצער איז מיד געוואָרען קלינגענדיג און האָט אַוועקגעוואָרפען דאָס גלעקעל. צווישען די געשרייען און געוואַלדען האָט מען בלויז געהערט איינצעלנע אויסגעשרייען:

—קוזמין איז גערעכט!

—אַז אָנהויבען, איז אָנהויבען!

—שמיד דאָס אייזען, כל-זמן עס איז הייס!

—ווערען מיר אָבלעגען, ווערען מיר אומקומען!

—איך בעדאַרף נאָר קומען צו מיין באַטאַליאָן, און דערמאָלט לאָז איך פון אַלעמען!

—מיר ווערען שטאַרבען אויף די באַגנעטען!

—מען מוז אויפבונטעווען דעם גאַנצען פאָלק. די גאַנצע דיוויזיע!

—אַרעסטירען די גענעראַלען טאָל און ראָס!

—פערכאַפּען די קאָרפּוס-קוואַרטיר!

—געהן אויף זשיטאָמיר!

—אויף קיעוו!

—אויף פעטערבורג!

—די 8-טע ראָטע וועט אָנהויבען!

—ניין, איך וועל קיינעם נישט דערלויבען! אָנהויבען וועל איך, איך!

—צעהן קוילען יענעם אין קאָפּ אַריין, ווער עס וועט נישט צושטעהן צו דער אַלגעמיינער זאַך!—האָט זיך געהיצט דער פּראָפּאָרשטשיק בעסטשאַסטני, אַ קליינטשקער, אַ ווייכינקער און אַ קיילעכיגער, ווי אַ פעסעלע.

—איין קויל וועט אויך זיין גענוג!—האָט מאַזאַלעווסקי געזאָגט.

—איך שווער מיך, צו קויפען די פרייהייט דורך בלוט! איך שווער מיך, צו קויפען די פרייהייט דורך בלוט!—האָט אַרטאַמאָן זאַכאַראָוויטש אַלעמען איבערגעשריען מיט זיין דונער-דיגען קול; דערנאָך איז ער פּלוצלונג אַנטשוויגען געוואָרען, אויפ-געהויבען ביידע הענד אין דער-הויך און אַ קלאַפּ געטהאָן זיך אין גראָבען בויך אַריין.

—גאָספּאָדאַ!—האָט ער אַרויסגעדונערט—איך קאָן אייך שווערען, אויב איהר ווילט, ביים עוואַנגעליום: מאָרגען פאָהר איך קיין טאַגאַנראָג און מאַך איהם דאָרט חתונה!

—הערט-נאָר! הערט-נאָר! סערגעי מוראַוויאָוו רעדט!

אויף פערזאַמלונגען האָט ער כמעט קיינמאָל נישט גע-רעדט, און דאָס האָט אַלעמען אַזוי געוואונדערט, אַז אַלע זענען באַלד אַנטשוויגען געוואָרען.

—מיינען הערן, מאָרגען וועלען מיר נישט אָנהויבען,—האָט מוראַוויאָוו אַרויסגעזאָגט מיט אַ רוהיגען קול.—אָנהויבען מאָרגען הייסט אַזוי גוט, ווי אינגאַנצען קאַליע מאַכען די זאַך. מען זאָגט,

אַז די סאָלדאַטען זענען גרייט; זאָל אָבער יעדער איינער פון אונז זיך פרעגען, צי ער אַליין איז גרייט. אַ סך זעהען אפילו אויס גאַנץ ענטשלאָסען, אָבער וואוהין ווערט אַנטרונען זייער מוט, בשעת די אַרבייט הויבט זיך ווירקליך אָן? אויב מיינע ווערטער בעליידיגען עמיצען, טאָ ענטשולדיגט מיר, אָבער בשעת מען געהט אַוועקגעבען דאָס לעבען, בעדאַרף מען זיך האַלטען שטאָלץ און פיין, און דאָ זעהען מיר ווי קלוגע מענשען מאַכען זיך נאַריש... יאָ, מאָרגען וועלען מיר נישט אָנהויבען. אָבער אָט וואָס מיר קאָנען מאָרגען טהאָן: מיר קאָנען שווערען, אַז ביים ערשטען רוף וועלען מיר אַלע קומען מיט געוועהר אין די הענד. זענט איהר איינשטימיג?

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, און מיט אַמאָל איז געוואָרען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט, ווי עס סוד'ען זיך די שפּיצען סאָסנעס הינטער די טונקעלע פענסטער. אַלץ, וואָס האָט אויסגעוויזען לייכט, בשעת דער עולם האָט זיך געקאָכט און גע-שריען, איז איצט אָנגעפילט געוואָרען מיט אַ שווערער משא. און אַלע האָבען אַזוי ווי פערשטאַנען, אַז פון די ווערטער וועלען ווערען מעשים און אַז פאַר יעדעס וואָרט וועט געגעבען ווע-רען אַנ׳ענטפער.

דער פּאָרזיצער האָט געפרעגט, צי מוראַוויאָווס פּאָרשלאָג ווערט אָבגעוואָרפען אָדער אָנגענומען.

—אָנגענומען! אָנגענומען!—האָבען זיך געהערט ווענינע שטימען, אָבער פון די פנים׳ער איז געווען קענטיג, אַז אַלע זענען מסכים.

נאָכדעם איז בעשלאָסען געוואָרען, מען זאָל זיך מאָרגען פון דאָסניי צוזאַמענקומען אין דער אייגענער כאַטקע און שווע-רען, ווי מוראַוויאָוו האָט פאָרגעלעגט. דער עולם האָט זיך גע-נומען פונאַנדערגעהן.

—גאָט אין הימעל, ווי גוט! ווי גוט! און איך האָב גאָר-נישט געוואוסט... מען לעבט אויף דער ווייסער וועלט און מען ווייס גאָרנישט,—האָט סאַשע געזאָגט. אין דערפינסטער האָט זיך נישט געזעהן זיין געזיכט, אָבער פון זיין קול האָט מען געקאָנט

דערקאָנען, אַז ער שמייכלט. ער האָט, אפנים, אַליין נישט פערשטאַנען, וואָס ער האָט גערעדט, פונקט ווי אין אַ חלום.

אויף דעם ליכטיגען קרייז, וואָס איז געפאַלען פון דער לאַמטערנע אויף דעם וואַלד-שטעגעלע, איז געהאַנגען אַ געדיכטע שוואַרצקייט, פונקט ווי אויווען-סאַזשע, און די ווייסע נאַכט-בליצען האָבען צוגעוואונקען, פונקט ווי די הימעל-פערשווערער וואָלטען צוגעוואָרפען רמזים צו די ערד-פערשווערער. די קורצע ווייסע נאַכט-בליצען פלעגען אַלץ בעלייכטען, פונקט ווי בייטאָג: אויף אַ רגע פלעגען אויפלייכטען די ווייסע כאַטקעס פון מלי-נישטשי אין איין זייט, און אין דער צווייטער זייט, ביי די געדרעהטע ברעגען פון׳ם טייכעל גויוואַ, זענען דורכגעלאָפען פאַר׳ן אויג די ווייסע פּאַלאַטקעס פון לאַגער, ווייטע פעלדער, בערג, וועלדלעך און שורות שוואַרצע כמאַרעס, וואָס זענען ני-דעריג אַרומגעקראָכען איבער׳ן הימעל. באַלד פלעגט אַלץ צוריק בעגאָסען ווערען מיט אַ שוואַרצקייט, נאָך אַ גרעסערע און אַ גע-דיכטערע, ווי פריהער.

פאָראויס פון גאַליציאַנ׳ען זענען געגאַנגען בלוטיונגע פּאָד-פּאָרוטשיקעס און פּראָפּאָרשטשיקעס פון דער 8-טער אַרטילערי-שער בריגאַדע, וואָס זענען נאָר-וואָס אַריינגעטראָטען אין דער געזעלשאַפט. זיי זענען געגאַנגען און געשמועסט, און סאַשע איז אויך געווען צווישען זיי. זייערע שטימען האָבען זיך דאָ דער-נעהנט און דאָ דערווייטערט, און הערען האָט מען בלויז גע-קאָנט איינצעלנע פראַזען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי אַלע ווייסען נישט וואָס זיי ריידען, אַז זיי פיהרען אַ שמועס אין אַ חלום און שמייכלען אין דערפינסטער.

—דער צוועק פון דער געזעלשאַפט איז אויסצוגלייכען אַלע מענשען, זיי זאָלען זיין אַזוי, ווי גאָט האָט לכתחילה בעשטימט דעם מענשען-מין.

—נישט גאָט, נאָר די נאַטור.

—נאָר יענע רעגירונג איז אַ יושר׳דיגע, ווען אַלע רעכט פון מענשען ווערען אָבגעהיט.

—די רעפובליקאנישע רעגירונג איז די בעסטע.

—יוען רוסלאנד וועט האבען א רעפובליקאנישע רעגירונג, וועט דא אלץ אויפבליהען: וויסענשאפט, קונסט, האנדעל און אינדוסטריע.

—אלץ וועט דעמאלט געענדערט ווערען.

—אלץ וועט בעניייט ווערען...

—מען איז ארויף אויפ'ן גרויסען טראקט און דא האבען זיי אבגעוואַרט די דענשטשיקעס מיט די פערד. סערגעי מוראַוויאָוו, בעסטוזשעוו און גאליצין זענען אוועקגעפאהרען אין לעטשטשינער לאגער.

בעסטוזשעוו האט געשוויגען. נאך א בעגייסטערונג פלעגט ער שטענדיג מיד און אויסגעלאשען ווערען, פונקט ווי א גליהווערעמל בייטאג: אנשטאט כשוף-ליכט זעהט עס אויס ווי א גרוי ווערעמל. מוראַוויאָוו האט אויך געשוויגען. גאליצין האט איהם אנגעקוקט פאר'ן שיין פון א נאכט-בליץ און איהם האט פון דאסניי איבערראשט יענער אויסדרוק פון הילפלאזיגקייט און טויטבעשערטקייט, וואס ער האט דערזעהן אויף זיין געזיכט נאך דעמאלט, בשעת ער האט זיך צום ערשטען מאל בעקאנט מיט איהם. א גרין פריהלינגסצווייגעלע אין א ברענענדיגען פראסט אויף א שניי-פעלד.

אין דערדאזיגער נאכט האט סאשע נישט בעקאנט איינשלאפען: ער האט אלץ געטראכט פון דער מארגענדיגער פערזאמלונג, און אז ער איז, צולעצט, דאך אנטדרעמעלט געוואָרען, האט זיך איהם גע'חלומ'ט זיין סאמע ליעבסטער חלום: גאלדענע פישעלעך אין א קיילעכיגער וואזע, וואס איז אנגעפילט מיט קלארען וואסער. די פישעלעך האבען געקוקט אויף איהם, פונקט ווי זיי וואלטען וועלען זאגען: „און דו האסט גארנישט געוואוסט, אז אלץ וועט בעניייט ווערען?“ ער האט זיך אויפגעכאפט א גליקליכער און איז שוין א גאנצען טאג געווען גליקליך.

די פערזאמלונג האט מען אבגעלעגט אויף דער סאמע לעצטער נאכט-שעה, פאר'ן בעגינען, ווייל מען האט בעמערקט, אז מען שפירט זיי נאך. די נאכט איז הייגט אויך געווען א

שוואַרצע און אַ דושנע, אָבער שוין אָהן ווייסע נאַכטבליצען, נאָר מיט געוועהנליכע בליצען, וואָס זענען בעגלייט געוואָרען מיט אַ שטילען ווייטען דונערן, פונקט ווי פון אונטער דער ערד. די סאָסנעס זענען עפּטער בעפאַלען געוואָרען פון אַ פּלעצליכען ווינד און האָבען לאַנג און שווער גערוישט, ווי די וואַלען אין ים. און דערנאָך איז פּלוצלונג טויט־שטיל געוואָרען און מאָדנע נישט־היימליך האָבען געקרעהעט די בעגינען־הענער.

אַז סאַשע איז אַריין אין אַנדרעיעוויטשעס כאַטקע און האָט אַ קוק געטהאָן אויף די פערשווערער, האָט איהם אויסגעוויזען, זז אַלע זענען אַזוי גליקליך, ווי ער. די כאַטקע איז געווען צוגערוימט, די פּאָדלאָגע אָבגעקעהרט, די בענק און די פענסטער אויסגעוואַשען, דער טיש בעדעקט מיט אַ קלאָרער סערוועט; אויפ׳ן טיש זענען שוין געשטאַנען וועקסענע ליכט אין ריינע זויבערע מעשענע לייכטער און דערביי איז געלעגען אַנ׳אַלט מאַסאָניש עוואַנגעליום, געבונדען אין רויטען סאַמעט, און אַ בלויזער שווערד: אמאָל פלעגען די סלאַווען שווערען ביי אַ שווערד און עוואַנגעליום. אַנדרעיעוויטש האָט קלאָר נישט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס וועט היינט פּאָרקומען, דאָך האָט ער עס צוגעגרייט: טאָמער וועט מען דאַרפען.

דער מאַיאָר ספירידאָוו איז געקומען אין זיין פּאַראַדאוני־פאָרם, מיט די אָרדענס, און דער סעקרעטאַר איוואַנאָוו האָט געטראָגען אַ נייעם קאַרשענרויטען פראַק מיט אַ ווייסען טיולענעם האַלובאַנד. פון דעם אויסגעפוצטען בעסטשאַסטני האָט געשמעקט מיט בערדיטשעווער „מאַיגלעקלעך פון פּאַריז”. קוזמינס האָר זענען, ווי אַלעמאָל, געלעגען ווי צושאָטענע היי, אָבער עס איז געווען קענטיג, אַז ער האָט זיי היינט געפּרובט צוקעמען. „ליעבהאַרציגע נאַסטאַסיעלע, אויסגעצוואָגען קעפּעלע!”—האָט סאַשע אַ טראַכט געטהאָן מיט גרויס ליעבע.

גערעדט האָט מען שטיל, ווי אין אַ קלויסטער פאַר אַ תפילה, און בעוועגט האָט מען זיך לאַנגזאַם און עפּיס פערלעגען און מען האָט זיך געסטאַרעט נישט צו קוקען איינאַנדער אין די אויגען אַריין. מען האָט זיך עפּיס געשעמט און נישט

געוואוסט, וואָס מען בעדאַרף טהאָן. אָבער די פּנים׳ער האָבען אויסגעדריקט עפּיס אַ שטילע פייערליכקייט, ווי קינדער אין אַ גרויסען יום-טוב. דער תּהום, וואָס האָט פריהער פונאַנדערגע-טיילט דיביידע געזעלשאַפטען, איז פערשוואונדען געוואָרען, פּונקט ווי זיי אַלעמען וואָלט פעראייניגט אַ נייע פערשווערונג, וואָס איז שרעקליכער און געהיימער פאַר יענער.

אַלע זענען שוין געקומען. געפעהלט האָט נאָר אַרטאַמאָן זאַכאַראָוויטש און קאַפּיטאַן פּיכאַטשעוו. פּאָלקאָווניק טיזענהויזען איז געקומען, אָבער ער האָט מודיע-געווען, אַז ער וועט נישט שווערען.

—מען בעדאַרף דאָ קיין שבועות נישט האָבען. וועט מען אָנהויבען, וועל איך מיך אויך בעטייליגען אָהן אַ שבועה. אין עוואַנגעליום ווערט געזאָגט: „איהר זאָלט זיך נישט שווערען...״

מען האָט זיך מיט איהם נישט געשפּאַרט, אָבער מען האָט איהם געבעטען, ער זאָל אַוועקגעהן.

—מיינע הערן, איך וויל אייך דאָ קיינעם נישט שטערען. טהוט, ווי איהר ווילט...

דאָס האָט געהייסען: „אויב איהר ווילט דוקא שפּיעלען אַ ראָל פון טפּשים, איז געזונדטערהייד...״

—טראָגט זיך אָב! טראָגט זיך אָב!—האָט סוכינאָוו שטיל אַרויסגעזאָגט, אָבער אַזוי ענטשלאָסען, אַז טיזענהויזען האָט גע-גאַפט; ער האָט אפילו געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבער ער האָט בלויז געדריקט מיט די אַקסלען, אַ שמייכעל געטהאָן מיט עקעל, זיך אויפגעהויבען און אַוועקגעגאַנגען.

סערגעי מוראַוויאָוו איז געזעסען מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און מיט פערמאַכטע אויגען. אַז טיזענהויזען איז אַוועקגע-גאַנגען, האָט ער פּלוצלונג אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק געטהאָן אויף גאָליצינ׳ען, פּונקט ווי ער וואָלט געפרעגט: „איז דאָס גוט אַזוי, האַ?״—„גוט,״—האָט גאָליצין געענטפערט, אַ שוויי-גענדיגער, מיט׳ן בליק.

בעסטושעוו האָט עפּיס געשריבען אויף בויגעלעך פּאַפּיר און בעת-מעשה געביסען די נעגעל, געמאַכט מינעס, איבערגע-

פיהרט מיט דער האַנד איבער די האָהר: ער האָט זיך, אפנים, געגרייט צו אַ דרשה.

—נו, וואָס, גאָספּאָדאַ, מען בעדאַרף אָנהויבען?—האָט עמיץ געזאָגט.

בעסטוזשעוו האָט נאָכאַמאָל איבערגעקוקט די בויגעלעך פּאַפּיר, זיך אויפגעהויבען און גענומען ריידען.

—נאַפּאָלעאָנס צייט, די צייט פון מלחמה-רוהם איז שוין אַוועק. איצט איז געקומען די צייט פון פעלקער-בעפרייאונג, און שוין-זשע וועלען די רוסען, וואָס האָבען אַרויסגעוויזען אַזויפיעל העלדענמוט אין דער לעצטער מלחמה; די רוסען, וואָס האָבען בעפרייט אייראָפּאַ פון נאַפּאָלעאָנס יאָך,—נישט קאָנען אַראָבוואַרפען דעם אייגענעם יאָך און נישט דורכגעדרונגען ווערען מיט אַ הייליגען גייסט, ווען עס וועט שלאָגען די שעה פון פאָטערלאַנד-בעפרייאונג, וואָס די גליקליכע...

„נישט דאָס, נישט דאָס!"—האָט ער געשפּירט און האָט נישט געקוקט דעם עולם אין פּנים אַריין: ער האָט געוואוסט, אַז זיי שפּירען אויך דאָס אייגענע. עס איז געווען מאוס און שרעקליך: שוין-זשע איז טיזענהויזען גערעכט?

פּלוצלונג איז איהם אַנטרונען פון קאָפּ דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען, האָט ער זיך אָבגעהאַלטען און גענומען לייענען פון אַ פּאַפּיר:

—זעהט, ווי דאָס פאָלק איז פעריאָכט, דער האַנדעל איז בעפאַלען, קיין אינדוסטריע איז נישטאָ און דער דלות איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז דאָס פאָלק קאָן זיינע שטייערן נישט אָבצאָהלען. די סאָלדאַטען בונטעווען. אונטער דידאָזיגע אומשטענדען איז אונזער געזעלשאַפט אויסגעוואַקסען מעכטיג און גרויס. באַלד וועט זיך אָנהויבען איהר גרויסע אַרבייט, זי וועט בעפרייען רוסלאַנד און, מעגליך, אויך גאַנץ אייראָפּאַ. די פעלקער, וואָס לעכצען נאָך פרייהייט, זענען ביז אַהער איינגעהאַלטען געוואָרען דורך דער רוסישער אַרמעע. אָבער אַז די אייגענע רוסישע אַרמעע וועט פּראָקלאַמירען די פרייהייט, וועלען זיך אַלע פעלקער אויפהויבען...

„נישט דאָס, נישט דאָס!"—האָט ער ווידעראַמאָל געשפּירט. ער האָט געציטערט, געערדט נאַרישקייטען און איז דורכגעפאַלען, ווי אַ שלעכטער אַקטאָר אויף דער סצענע אָדער ווי אַ תּלמיד אויף די עקזאַמענס. ער האָט אַ וואָרף געטהאָן דאָס פּאַפּירל, אַ מאַך געטהאָן אין לופטען מיט די הענד, ווי אַ מענש, וואָס טרינקט זיך און אויסגעשריען:

—אין אַ יאָהר אַרום וועט צו אַלץ קומען אַ סוף! רוסלאַנד וועט בעפרייט ווערען פון קנעכטשאַפט, און גאָט וועט אונז העלפען...

„גאָט וועט אונז העלפען"—דידאָזיגע פראַזע האָט זיך איהם אַרויסגעריסען נישט-ווילענדיג, כּמעט ווי אונבעוואוסטזיניג, אָבער באַלד, ווי דאָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען, האָט ער דערפיהלט, אַז דאָס איז געווען דאָס נויטיגע וואָרט.

—גאָט וועט אונז העלפען! גאָט וועט העלפען!—האָבען אַלע איבערגע'חזר'ט און זיך באַלד אויפגעהויבען, פּונקט ווי זיי וואָלטען מיט אַמאָל פערשטאַנען, וואָס מען בעדאַרף טהאָן.

און בעסטוזשעוו האָט אויך פערשטאַנען. ער האָט אָבגעשפּילעט דעם מונדיר און אַראָבגענומען פון האַלז דאָס שנירעלע מיט דעם הייליגען בילדעל. אָבער די הענד האָבען איהם בעת מעשה אַזוי געציטערט, אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט אַראָבציהען דאָס שנירעלע. דער סעקרעטאַר איוואַנאָוו, וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט איהם צוגעהאָלפען.

בעסטוזשעוו האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן טונקעלען בילדעל, געפאַסט אין גאָלד, און ער האָט זיך דערמאָהנט אָן זיין מוטער; ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי זי האָט איהם פאַר'ן טויט גערופען צו זיך. עפּיס האָט זיך איהם צוגעקייקעלט צום האַלז, און ער האָט לאַנג נישט געקאָנט ריידען. צולעצט, האָט ער קוים אַרויסגעזאָגט:

—איך שווער... אָ, גאָט... אָ, גאָט... איך שווער צו שטאַרבען פאַר דער פרייהייט!

ער האָט נאָך געוואָלט זאָגען:

—די מאַמע רוסלאַנד... די מאַמע, וואָס טרויערט איבער

אַלעמען!—ער האָט אפילו אָנגעהויבען, אָבער נישט געענדיגט, זיך צוכליפעט, זיך איבערגע׳צלמ׳ט, אַ קוש געטהאָן דאָס בילדעל און איבערגעגעבען עס איוואַנאָוו׳ן. דאָסדאָזיגע בילדעל איז גע-גאַנגען פון האַנד צו האַנד, און אַלע האָבען געשוואָרען.

אַ סך האָבען נאָך פריהער צוגעגרייט דעם נוסח פון זייער שבועה, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָבען זיי פערגעסען און האָבען, ווי בעסטוזשעוו, אָנגעהויבען און נישט געענדיגט, גע-שעפּטשעט עפּיס מיט דער צונג און מען האָט נישט געוואוסט, וואָס.

—איך שווער, ליעב צו האָבען מיין פאָטערלאַנד מעהר פון אַלץ!

—איך שווער, צו העלפען אייך, מיינע פריינד, פון אָט דער הייליגער מינוט-אָן.

—איך שווער, אַז איך וועל שטענדיג זיין אַ גוטער!—האָט סאַשע אַרויסגעכליפעט מיט אַ גרייאָמער.

—איך שווער: פרייהייט אָדער טויט!—האָט קוזמין אַרויס-געקאַטעוועט, און אויפ׳ן פנים איז איהם געווען קענטיג, אַז ער וועט טהאָן אַזוי, ווי ער זאָגט.

אַז עס איז דערגאַנגען צו באָריסאָוו׳ן, האָט עפּיס אַזוינס אַדורכגעציטערט אין זיין פנים, און גאָליצין האָט זיך דערמאָהנט, וואָס באָריסאָוו האָט איהם געזאָגט אין ביהנענגאָרטען, אין וואַ-סילקאָוו: „וועסטו זאָגען, וועט אַלץ פערלאָרען געהן.‟ באָריסאָוו האָט זיך נישט איבערגע׳צלמ׳ט, נישט געקושט דאָס בילדעל, נאָר איבערגעגעבען עס זיין שכן. נאָכדעם האָט ער גענומען דעם בלויזען שווערד, אַ קוש געטהאָן איהם און זיך געשוואָרען מיט דער סלאַווען-שבועה:

—איך שווער, אַז איך וועל אָבגעבען דער פרייהייט מיין לעצטען הויך. אויב איך וועל ברעכען מיין שבועה, זאָל מיר אָט דער חלף דורכלעכערן דאָס האַרץ!

—בעשיץ און בעשירם אונז און זיי אונז מוחל, הייליגע מוטער!—האָט גאָליצין איבערגע׳חזר׳ט סאָפיעס ווערטער, בשעת זי האָט זיך געראַנגעלט מיט׳ן טויט.

—זאָל זיין איין מלך אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד—
יעזוס קריסטוס!—האָט סערגעי מוראַוויאָוו געשוואָרען מיט די
ווערטער פון קאַטעכיזיס.

די שבועות פלעגען אויסגעמישט ווערען מיט אויסגעשרייען:
—עס זאָל לעבען די קאָנסטיטוציע!
—עס זאָל לעבען די רעפובליק!
—קיין פערשידענע שטאַנדען זאָלען נישט זיין!
—אַ סוף צו דעם טיראַן!

און די אַלע אויסגעשרייען זענען פערענדיגט געוואָרען מיט
איין אויסגעשריי:

—שטאַרבען, שטאַרבען פאַר דער פרייהייט.

—צו וואָס שטאַרבען!—האָט בעסטוזשעוו אויסגעשריען און
בעת-מעשה פערגעסען, אַז נישט לאַנג האָט ער אַליין גע-
שוואָרען צו שטאַרבען.—דאָס פאָטערלאַנד איז שטענדיג זעהר
דאַנקבאַר און בעלוינט אַלעמאָל זיינע טרייסטע זיהן. איהר זענט
נאָך יונג: נישט דער טויט וועט זיין אייער לוין, נאָר גליק און
רוהם...

—מען בעדאַרף נישט! מען בעדאַרף נישט!
—איהר בעליידיגט אונז, ווען איהר רעדט וועגען לוין!
—נישט פאַר בעלוינונג און רוהם ווילען מיר רוסלאַנד
בעפרייען!
—קעמפען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט—דאָס איז אונ-
זער לוין!

מען האָט זיך אַרומגענומען, זיך געקושט און געוויינט.
—באַלד וועלען מיר זיין גליקליך! באַלד וועלען מיר זיין
גליקליך!—האָט סאַשע גערעדט ווי אין היץ.

און גאַליצין איז אַזוי דורכגעזאַפּט געווען מיט שמחה,
פונקט ווי אַלץ וואָלט שוין מקוים-געוואָרען—פונקט ווי עס וואָלט
שוין מקוים-געוואָרען די נבואה:

—איין מלך זאָל זיין אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד—
יעזוס קריסטוס!

פינפטע טייל.

ד. בער[illegible]

ערשטעס קאַפּיטעל.

א פייג אונטער דער נאָז וועט איהר בעקומען!—האָט דער פּראָטאָפּאָפּ געזאָגט און האָט זיך בעת-מעשה אַריינגעלעגט אין טעלער אַריין אַ שטיקעל פיש-פּיראָג.

—איהר הערט איהם נישט, עולם: ער האָט שוין אַזאַ נאַטור. אַז ער שכור'ט זיך אָן, פאַלט ער אַריין אין מרה-שחורה,—האָט זיך אָנגערופען דער פּאָליצמייסטער, אַ יעוועזענער גוסאַר.

—ווריאָש!—האָט דער פּראָטאָפּאָפּ ווייטער געזאָגט—אויף מרה-שחורה לייד איך נישט, אָבער פון בראָנפען פערשטאַרקט זיך אין מיר דער גייסט פון נבואה און איך קאָן אַלץ פאָראויסזאָגען. אָט זאָלט איהר געדענקען מיינע ווערטער: אַ פייג אונטער דער נאָז וועט איהר בעקומען!

—די שוואַרצע קראָה האָט זיך שוין צוקראַקעט... כלעבען, וואָס איז עס מיט אייך, פאָטער אַלעקסעי? אַנ'עולה באמת: מיר האָבען די שענסטע און בעסטע האָפנונגען און איהם קומט גאָר מיט אַ פייג אונטער דער נאָז,—איז אַרויסגעטראָטען דער בעל-הבית, דער באָראָדניטשי דונאַיעוו.

זיין ווייב האָט געפּראַוועט איהר געבורטסטאָג. אויף דער דאָזיגער שמחה האָבען זיך פערזאַמעלט אַלע טשינאָווניקעס פון טאַגאַנראָג. געשמועסט האָט מען פון די אויסצייכנונגען, וואָס זיי וועלען בעקומען צוליעב דעם, וואָס דער קייזער וועט זיך בעזעצען אין זייער שטאָדט.

—איך טרינק פאַר'ן געזונד פון זיין קייזערליכער מאַיעסטעט,—האָט זיך דער בעל-הבית אויפגעהויבען און פייערליך אַרויסגעזאָגט

—הוראַ! הוראַ!

געטרונקען האָט מען דאָנישען שאַמפּאַניער און אויסלענדישען וויין און מען האָט זיך אַזוי אָנגעטרונקען, אַז דער גאָראָדניטשי האָט אפילו אָנגעהויבען זינגען זיין געליעבט ליעדעלע:

רוסען ווייסען נישט פון שרעקען,

דער נצחון ליעגט אין מוט...

און נאָכדעם אַרויפגעפאָהרען אויפ'ן ליעדעלע „באַרינינאַ-סודאַריניאַ". דאָ האָבען די געסט אַרומגערינגעלט דעם בעל-הבית, אַרויפגענומען איהם אויף די הענד און געגומען קאַטשען, און דער פּאָטער אַלעקסעי, אַ מענש שוין קיין יונגער מיט אַ ווייסער באָרד, האָט זיך גאָר מכין-געווען צו טאַנצען. ער האָט שוין אפילו אויפגעהויבען זיין לאַנגען גלח'ישען מאַנטעל, אָבער ער האָט זיך אויסגעגליטשט, אַנידערגעפאַלען ביים פּאָליצמייסטער אויף די קניה און געגומען איהם קושען.

—וואַסיעלע, אַ, וואַסיעלע, פאַרוואָס הייסטו אַבסענטאָוו? הייסט אין לאַטייגישען Absens דער פעהלענדיגער. און ביי אונז אין שטאָדט איז שטענדיג אַזאַ אָרדנונג, פונקט ווי דער פּאָליצמייסטער וואָלט געפעהלט, נישט וואָהר, וואָס?..

אָבער די צונג האָט זיך איהם געפּלאָנטערט. מיט די גלעזערנע אויגען האָט ער אַריבערגעפיהרט איבער'ן עולם און האָט ווידערמאָל אויסגעשריען מיט אַ שרעקליכען אימה'דיגע קול:

—און דאָך וועט איהר בעקומען אַ פייג אונטער דער נאָז!..

„חשוב'ער ברודער,—האָט פּיאָדאָר ראָמאַנאָוויטש מאַרטאָס, דער פאַרזיצער פונ'ם טאַגאַנראָגער האַנדעלסגעריכט, געשריבען

אין דידאָזיגע טעג—דער קייזער האָט בעוויליגט צו קומען צו אונז דעם 13-טען סעפטעמבער. נישטאָ דער טאָג, וואָס איך זאָל נישט בעקומען אַ בעפעהל צו טראָגען שיך מיט שנאָלען און פודערן די האָהר, אָבער איך בין שוין אַזוי מיד פון דעם אַלעם, אַז איך שטעה קוים אויף די פיס. מען זאָגט, אַז זיין מאַיעסטעט דעם קייזער איז אַלץ אַזוי געפעלען אין טאַגאַנראָג, אַז ער רע-כענט דאָ צו פערבלייבען אַ גאַנצען ווינטער און נאָך אפשר מעהר. מען האָט איינגעאָרדענט אַן׳עקסטראַ-פּאָסט. איבער דער מאָסקווער און גריכישער גאַס זענען אויסגעשטעלט געוואָרען לאַמטערנעס, 63 לאַמטערנעס—אמת׳ע אילומינאַציעס. נעכטען איז געקומען דער גענעראַל קליינמיכעל און אינגיכען וועט אויך קו-מען אַהער דער גראַף אַראַקטשייעוו. וואָס פון דעם אַלעם וועט אַרויסקומען, ווייס נאָר איין גאָט אין הימעל. פונדעסטוועגען נעהמען מיר זיך איבער מיט דעם, וואָס מיר בעקומען פלוצלונג אַזוינע הויכגעשטעלטע געסט".

מאַרטאָס׳עס הויז איז געשטאַנען פענסטער אין פענסטער געגען דעם הויז פון געוועזענעם גאָראָדניטשי פּאַפּקאָוו, אויף דער מאָסקווער גאַס, נעבען דעם פעסטונגספּלאַץ, וואו דער קיי-זער האָט געוואוינט. פיאָדאָר ראָמאַנאָוויטש האָט אפילו פער-וועהרט די שטוביגע צו קוקען אין פענסטער, אָבער זיין ווייב, אוליאַנע אַנדרעיעוונע, איז געווען אַזוי נייגיריג, אַז זי פלעגט אַרויפקלעטערן אויפ׳ן בוידעם און פלעגט דאָרטען קוקען אין די קעגענאיבערדיגע פענסטער אַריין דורך אַ שפּאַקטיוועל. צוליעב דעם וואַרימען וועטער פלעגען די פענסטער אין פּאַלאַץ זיין אָפען, און מען האָט געקאָנט זעהן, וואָס דאָרט קומט-פאָר. דער קייזער איז געווען זעהר בעשעפטיגט: ער האָט איינגעאָרדענט די צימערן פאַר דער קייזערין. ער אַליין האָט געעפענט די קאַסטענס, וואו עס איז געלעגען פערפּאַקט אין שטרוי דאָס גלאָז און פּאָרצעלאַן און האָט זיך געסטאַרעט, ער זאָל עפּיס נישט צוברע-כען דערפון; ער האָט אויך פונאַנדערגעשטעלט דאָס מעבעל און איז ווילעוויילעוויז געלאָפען אַ קוק טהאָן פון דערווייטענס, צי איז עס גוט אַוועקגעשטעלט געוואָרען. ער האָט אויך אַריינגעשלאָגען טשווע-

קעס פאַר די שפּיגלען און בילדער און האָט אויפגעהאַנגען די שטאָרען.

—ער פלעגט אַרויפקריכען אויף אַ לייטערל מיט טשוועקעס אין מויל און מיט'ן האַמערל—טוק-טוק אין וואַנד, ווי אַנ'עכטער טאַפּעצירער,—האָט שפּעטער דערצעהלט אוליאַנע אַנדרעיעוונע,— און בעת-מעשה האָט ער געהאַט אַזאַ ליעב גוט פּנים'ל, אַז איך האָב נישט געקאָנט קוקען אָהן טרעהרען אויף איהם. אַנ'אמת'ער מלאך.

—מלאך האָבען מיר איהם שטענדיג גערופען,—פלעגען דערצעהלען מאַנכע טאַגאַנראָגער איינוואוינער.—אַלע טאָג, פון 7 ביז 9 אַ זייגער אינדערפריה, פלעגט ער פּינקטליך געהן צופוס איבער דער שטאָדט, אין אַ לייב-גוסאַרישען מונדיר, אין גוסאַרען-שטיוועל און אין אַ פעלדהיטעל. איינס אַ זייגער בייטאָג פלעגט ער פאָהרען רייטענדיג אין אַ קאַוואַלערגאַרדישער אוניפאָרם מיט אַ פעדערהוט און שטענדיג האָט זיך אַזאַ שפּאַציר געענדיגט מיט עפּיס אַ טובה פאַר אַנ'אָרימער פאַמיליע, וואָס ער אַליין פלעגט אָבגעפינען. און זיינע אַלע געדאַנקען זענען געווען בלויז פערנומען מיט דעם, צו העלפען עמיצען, טהאָן יענעם אַ טובה, דערפרעהען, אַרויספיהרען פון אַנ'אומגליק.

מען האָט אויך דערצעהלט, אַז בשעת'ן שפּאַצירען האָט דער קייזער ליעב געהאַט צו פערפיהרען אַ שמועס מיט פּשוט'ע מענשען—סאָלדאַטען, מאַטראָזען, פויערים און אפילו מיט יענע אָרימע וואַנדערער, וואָס געהען איבער די גרויסע טראַקטען און קלייבען געלד אויף קלויסטערס. איינער פון דידאָזיגע וואַנדערער איז איהם בעזונדערס געפעלען געווען און דער קייזער האָט לאַנג געשמועסט מיט איהם אונטער פיער אויגען. געהייסען האָט ער פיאָדאָר קוזמיטש, אַ שלעפער. אָהן אַ פּאַספּאָרט, אָהן אַ היים און אָהן אַ נאָמען.

טאַגאַנראָג איז אַנ'אויעזדנע שטאָדט ביים ברעג פון אַזאָווער ים. אין מערב ליעגט דער מיוסער לימאַן, אין מזרח—די מינדונג פון דאָן. די שטאָדט אַליין ליעגט אויף אַ פּאַס ערד, וואָס איז פון דריי זייטען אַרומגערינגעלט מיט ים; און כמעט

פון יעדער גאַס קאָן מען זעהן דעם ים — אַ בלויען און אַ גרינעם ווי פלאַשענגלאָז.

דאָס איז אַנ׳אומעטיגע שטאָדט: בויפלעצער, פּראַכטלאַגערן, פּאַקהייזער און צושאָטענע קליינינקע נידעריגע הייזעלעך, פּונקט ווי צוגעפּאַטשטע צו דער ערד, מיט אָבגעפאַלענעם ליים פון די ווענד און מיט שטענדיג פערמאַכטע לאָדען. אין רוקען פון דער שטאָדט ליעגט אַ סטעפּ, וואָס שניידט זי אָב פון וועלט און טומעל.

אָבער דעם קייזער איז דאָס אַלץ געווען צום האַרצען, ווי דעמאָלט אין חלום, אין די ערשטע טעג פון דער רייזע: דערזעלבער פריהלינגדיגער הערבסט, דערזעלבער קאָמעט, זיין שטענדיגער בעגלייטער, וואָס דאָ, אויף דעם ריינעם דרום-הימעל, לייכט ער אַ סך העלער, ווי דאָרטען; און אין זיין האַסטיגען פאַלען שפּירט זיך דער אייגענער געהיימער רוף, די אייגענע אונבעגרייפליכע האָפנונג.

דעם 23-טען סעפּטעמבער איז ער אַרויסגעפאָהרען בעגעגענען די קייזערין אויף דער ערשטער פּאָסטסטאַנציע פון טאַגאַנראָג — קאָראָווי-בראָד. דאָרט האָט ער זיך איבערגעזעצט צו איהר אין עקיפּאַזש און זיעבען אַ זייגער אין אָווענד זענען זיי געקומען אין שטאָדט אַריין.

דאָס פּאַלאַצל איז געווען אַנ׳איינפאַך געמויערט איינשטאָקיג הויז מיט אַ געלבען פאַסאַד און אַ גרינעם דאַך, ענליך צו דער וואוינונג פון אַ בעשיידענעם גוטבעזיצער. דורך די פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין הויף און אין גאָרטען, האָט מען געזעהן דעם ים, אָבער אַרום די פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעקומען אין גאַס, זענען געלעגען ליידיגע פּלעצער און ערד-וואַלען פון אַנ׳אַלטער פעסטונג, וואָס פעטער דער גרויסער האָט נאָך געבויט.

אַ גרויסער דורכגאַנגסזאַל, וואָס האָט געדיענט פאַר אַ שפּייז- און אויפנאַהמצימער, האָט צוטיילט דאָס פּאַלאַצל אויף צוויי העלפט. רעכטס האָבען זיך געפונען דעם קייזערס צוויי צימערן: איינס אַ גרויס עקצימער האָט איהם געדיענט פאַר אַנ׳-

אַרבייסס- און שלאָפצימער, און דאָס צווייטע, אַ קלענערס און אַ האַלברונדעס, מיט איין פענסטער, האָט געדיענט פאַר אַ טואַלעט-צימער. ווייטער האָט זיך געצויגען אַ טונקעלער קאָרידאָר פאַר׳ן קאַמערדיענער מיט קליינע טרעפּעלעך, וואָס האָבען געפיהרט אינ׳ם קעלער, וואו עס האָט זיך געפונען דאָס גאַרדעראָבצימער. לינקס זענען געלעגען אַכט קליינע צימערלעך, וואָס האָבען געהערט צו דער קייזערין. דידאָזיגע צימערלעך זענען שוין געווען עטוואָס בעסער צוגעפּוצט. אומעטום זענען געווען נידעריגע באַלקענס, קליינע פענסטערלעך און גרויסע קאַכעלאויוועגס, ווי אין די סוחר׳ישע הייזער.

—געפעלט אייך, ליזע? ווירקליך, עס געפּעלט אייך?—האָט דער קייזער געפרעגט, ווייזענדיג איהר די צימערן.—דאָס האָב איך דאָך אַלץ אויסגעשטעלט און איינגעאָרדענט, אָבער איך האָב מיך זעהר געשראָקען, צי עס וועט אייך געפעלען...

—ווי גוט! גאָט אין הימעל, ווי גוט!—האָט זי זיך ענטציקט.—און דאָס איז אַ שלאָפצימער, פונקט ווי דער מאַמעלעס רויטער סאַלאָן...

פון יעדער קלייניגקייט האָט זי אַרויסגעזעהן, ווי ער האָט געזאָרגט פאַר איהר: אָט איז איהר געליעבטער דיוואַן, וואָס איז אַרויסגענומען געוואָרען פון איהר קאַבינעט אין צאַרסקאָיע סעלאָ; אויפ׳ן וואַנד הענגען די אַלטע לאַנדשאַפטען פון די היימישע בערגלעך אין קאַרלסרוהע און אין באַדען—דידאָזיגע לאַנדשאַפטען האָט זי שוין לאַנג געוואָלט אויסשרייבען; און אויף אַ קליינער עטאַזשערקע זענען געשטאַנען ביכער: זשאַנליס, וואַלטער סקאָט, פושקין, אַלץ אַזוינע ביכער, וואָס זי האָט זיי שוין לאַנג געוואָלט איבערלייענען.

—זעהט, ער איז אויך דאָ, ער! וואו האָט איהר איהם אָפּגעזוכט? איך בין געווען זיכער, אַז ער איז פערפאַלען געוואָרען,—האָט זי זיך צולאַכט און אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענדטלעך, ווי אַ קליין מיידעלע.

דאָס איז געווען אַ פּאַסטוכעל פון פּאָרצעלאַן—אַזאַ טיש-זייגערל, וואָס די מאַמע האָט איהר נאָך גאָר אַמאָל-אַמאָל גע-

שענקט. מיט דרייסיג יאָהר צוריק איז איהם אָבגעבראָכען געוואָרען אַ הענדטעל; איצט איז עס שוין אינגאַנצען אַ קאַליקע, אָבער דאָס זייגערל קלאַפּט נאָך אַלץ.

—ווי גוט! גאָט אין הימעל, ווי גוט!—האָט זי איבערגעזר'ט און זיך אַראָבגעלאָזט אויפ'ן דיוואַן מיט פערדעקטע אויגען און מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויף די ליפּען.

זי האָט זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט.

—וואָס רוישט עס אַזוינס?

—דער ים. אין האַפען איז ער נישט טיעף, אָבער ווייטער איז ער גרויס, טיעף און רוישיג. אָט, איהר וועט זיך אַליין איבערצייגען, ווי גוט עס שלאָפט זיך אונטער דעמדאָזיגען גערויש.

ער איז געזעסען נעבען איהר און האָט איהר געקושט די הענד.

—נו, אָט זענען מיר צוזאַמען, מיין פריינד, אַליין צוזאַמען, ווי איך האָב אייך צוגעזאָגט, איהר געדענקט?

—רעדט נישט, מען בעדאַרף נישט....

—פאַרוואָס בעדאַרף מען נישט?..

זי האָט נישט געענטפערט, אָבער ער האָט פערשטאַנען, אַז זי שרעקט זיך, אַז זי גלויבט נאָך נישט אין איהר גליק.

אין דער אייגענער נאַכט איז זי איינגעשלאָפען אַזוי זיס, ווי זי האָט שוין נישט געשלאָפען אַזוי פון מעהרערע יאָהרען. טיילמאָל פלעגט זי זיך נאָר אויפכאַפּען פון דער אונגעוועהנליכער שטילקייט, אָבער באַלד פלעגט זי איינשלאָפען נאָך זיסער, אַנ'איינגעלוליעטע דורכ'ן ים-גערויש, ווי דורך אַ וויעג-ליעדעל.

בשעת זי איז אַרויסגעפאָהרען פון צאַרסקאָיע, איז זי געוועזען אַזוי קראַנק, אַז זי האָט גאָרנישט געהאָפט צו דערפאָהרען אַ לעבעדיגע, אָבער דאָ האָט זי זיך מיט אַמאָל, שוין פון די ערשטע טעג, דערשפּירט אַזוי פריש און מונטער, אַז די דאָקטוירים האָבען נישט געגלויבט די אייגענע אויגען און האָבען געקוקט אויף דערדאָזיגער היילונג, ווי אויף אַ נס.

עס איז שוין געוועזען סוף אָקטאָבער, אָבער דרויסען איז נאָך געוועזען האַלב-זומערדיג: עס זענען געשטאַנען שטילע וואַרימע טעג און שטילע אויסגעשטערנטע נעכט. די קייזערין האָט

זיך געקוויקט מיט דער לופט, וואָס האָט געשמעקט מיט ים און סטעפּ. אָבער נישט די זון און נישט די לופט זענען געווען די הויפּט-סבה פון איהר געזונד ווערען, נאָר דאָס, וואָס ער איז געווען מיט איהר און וואָס ער האָט אויסגעזעהן אַזוי רוהיג און גליקליך, ווי נאָך קיינמאָל נישט.

ער איז נישט אָבגעטראָטען פון איהר. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער טראַכט בלויז פון איהר און אַז נאָך דרייסיג יאָהר צוזאַמענלעבען איז ערשט געקומען פאַר זיי דער האָניג-חודש. ער האָט ראָמאַנסירט מיט איהר און צעהן מאָל אַ טאָג האָט ער זי געפרעגט: „נו, איז אייך גוט? אפשר פעהלט אייך עפּיס?" און נאָך איידער זי האָט אַרויסגעזאָגט עפּיס אַ וואָרט, אַ פערלאַנג, האָט ער איהם שוין פריהער געשפּירט.

אַז זי האָט איינמאָל שפּאַצירט אין שטאָדטפּאַרק מיט איהם, האָט זי בעדויערט, וואָס מען זעהט דאָ נישט דעם ים, אָבער אויף מאָרגען, אַז זיי זענען געקומען אויף דעם אייגענעם אָרט, האָט ער איהר געוויזען דעם ים. אויף זיין בעפעהל איז ביינאַכט דורכגעפיהרט געוואָרען אַ שטעגעלע צו איהם. איהר איז אויך געפעלען געוואָרען אַ צווייטער אָרט: הינטער דער שטאָדט, נעבען די קאַראַנטינבאַראַקען, ביים ברעג פון ים. האָט ער באַלד געהייסען, מען זאָל דאָ אַוועקשטעלען אַ באַנק און האָט אַליין אָנגעצייכענט דעם פּלאַן פון אַ גאָרטען, וואָס זאָל פערפלאַנצט ווערען אויף דעמדאָזיגען אָרט און האָט תיכף אויסגעשריבען פון ראָפּשאַ אַ געלערנטען גערטנער.

ביי די אַלע שטילע שפּאַצירונגען האָט זיי קיינער פון די הויפלייט נישט בעגלייט, און אויב עמיץ האָט זיי יאָ פון דערווייטענס דערזעהן, האָט ער באַלד אָבגעקעהרט דעם קאָפּ, זיך נישט געגריסט, כדי נישט צו שטערען דאָס „יונגע פּאָרעלע".

איינמאָל זענען זיי געזעסען אויף דער נייער באַנק, ביי די קאַראַנטינבאַראַקען. עס איז געווען אַ שענער אָוועגד. די זון איז פערגאַנגען, און אין דעם גאָלד-ראָזען הימעל איז געשוואומען אַ דינער לבנה-ראַנד, ווי אַ צושמאָלצען שטיקעלע אייז. אונטען האָט גערוישט דער ים. טונקעל-גרינע כוואַליעס האָבען זיך

אָנגעשלאָגען אָן ברעג, און איבער זיי האָבען זיך ים-פויגעל גע-טראָגען מיט אַ געיאָמער.

פונ'ם משופּע'דיגען ברעג האָט זיך געצויגען צום ים אַ קליין שטעגעלע. טיילמאָל פלעגען זיי דורך דעמדאָזיגען שטע-געלע אַראָבלאָזען זיך צום ים און פלעגען דאָרט קלויבען מושלען. דער ברעג איז געווען אַ הויכער און דער ים איז געלעגען אונ-ענדליך טיעף און גרויס. פאַר זיך האָבען זיי געהאַט—ים און הינטער זיך—סטעפּ. און צווישען דידאָזיגע צוויי מדבריות, ערגעץ אַנ'עק וועלט, זענען זיי געווען אַליין, אַליין אויף דער גאַנצער וועלט.

—ווי עס פּאַסט אייך דערדאָזיגער ראָזער פּעריל, ליזע,—האָט דער קייזער געזאָגט.

אויפ'ן האַלז האָט זי געטראָגען אַ שנור ראָזע פּעריל—אַנ'אַלטע מתנה פון פּערסישען שאַך. אַ סך יאָהרען זענען אַוועק און זי האָט זיי קיין איינמאָל נישט אָנגעטהאָן. צו וואָס? צו געפעלען ווערען דעם קייזער? שוין-זשע האָט זי איצט, אַנ'אַלטע, אַ קראַנקע, כמעט אַ טויטע, געגומען גלויבען אין איהר האָניג-חודש? זי האָט געטראַכט וועגען דעם, האָט זיך פערשעמט און איז רויט געוואָרען.

—אין אָוונד ווערט דער פּעריל נאָך ראָזער און שענער. ער איז עהנליך צו אייך,—האָט דער קייזער געזאָגט און אַ קוק געטהאָן אויף איהר מיט אַ שמייכעל. אַ ווײלע האָט ער געשווי-גען און נאָכדעם צוגעגעבען:

—ווייסט איהר, ווי עס רופען אונז די הערן פון דער סוויטע?

—ווי?

—דאָס יונגע פּאָרעל.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט זיך נאָכמעהר פער-רויטעלט: אין איהר בלאַס-ראָזען געזיכט האָט ווירקליך גע-שפּיעלט דער לעצטער רייץ, וואָס איז עהנליך צום אָוונדגלאַנץ פון די ראָזע פּעריל.

—זעהט איהר, ווי מען מאַכט חוזק פון אונז,—האָט זי, צו-

לעצט, געזאָגט.—דאָס זענט איהר אַלץ שולדיג: איהר צערטעלט מיך צופיעל. אָבער געדענקט, איהר קאָנט מיך אַזוי פערצערטלען, אַז איהר וועט דערנאָך חרטה-האָבען...

—וואָס הייסט דערנאָך?

—זעט, ווען איהר וועט אַוועקפאָהרען.

—טראַכט נישט דערפון, ליזע.

—איך מוז טראַכטען. איך מוז מיך פריהער צוגרייטען. ווי אַ הולה צו אַן'אָפּעראַציע... איך האָב אייך שוין לאַנג געוואָלט פרעגען: ווען פאָהרט איהר?

—איך ווייס נישט. אַלעמען זאָג איך, אַז צו ניי-יאָהר וועל איך פאָהרען, אָבער איך גלויב אַליין נישט דערין. מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט אַרויספאָהרען פון דאַנען. אָבער לאָמיר נאָר אַרויס אין דימיסיע, וועל איך מיר קויפען אַרעאַנדע, יענס ווינקעלע אין קרים,ביים ברעג ים און דאָרט וועלען מיר זיך בעזעצען אויף שטענדיג...

אָהן ווערטער האָט זי אַ קוק געטהאָן אויף איהם, און אין איהרע ברייט-פונאַנדערגעעפענטע אויגען האָט אויפגעלויכטען אַ ווילד שמחה-פייערל, אָבער באַלד איז עס אויסגעלאָשען געוואָרען: דער בעקאַנטער פחד, דער פחד פאַר גליק איז איהר בעפאַלען, וואָס איז עהנליך צום פחד פאַר'ן טויט. „בשעת איך בין גליקליך, איז מיר מאוס און שרעקליך, פונקט ווי איך וואָלט עפּיס צוגענומען ביי אַ פרעמדען, אַוועקגע'גנב'עט, און איך ווייס, אַז איך וועל מיך בעצאָהלען דערפאַר"‚—זענען איהר געקומען אויפ'ן זכרון די ווערטער, וואָס זי האָט אַריינגעשריבען אין איהר טאָגבוך.

—רעדט בעסער נישט, מען בעדאַרף נישט, מען בעדאַרף נישט!—האָט זי געזאָגט דאָס אייגענע, וואָס דעמאָלט, אין דעם ערשטען טאָג פון איהר קומען קיין טאַגאַנראָג, און ער האָט אויך דאָס אייגענע געפרעגט:

—פאַרוואָס בעדאַרף מען נישט? איהר שרעקט זיך, איהר גלויבט נישט, ליזע? אַך, ווען איך וואָלט אייך געקאָנט זאָגען! אָבער איך קאָן נישט... מיט דרייסיג יאָהר צוריק האָט מען בע-

דאַרפט... און איך נעהם גאָר איצט... אָבער פאַרוואָס זעהט איהר
עלייִן נישט? זעהט איהר טאַקי נישט? פערשטעהט איהר נישט?

זי האָט געשוויגען, אָבער דאָס האַרץ איז איהר איינגעפאַ-
לען פון פחד פאַר'ן גליק—איהר שטענדיגע טויטשרעק.

מיט איין האַנד האָט ער געהאַלטען איהרע הענד און מיט
דער צווייטער האָט ער זי אַרומגענומען ביי דער טאַליע:

גערוואָלט האָט איינמאָל גאָט אַמאָר
די שענע פסיכע כאַפּען...

—אַך, ליזע, ליזע, ווי נאַריש איך בין געווען דאָס גאַנ-
צע לעבען! עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט געשלאָפען
און וואָלט זי געזעהן אין חלום, אָבער איך האָב אַלץ נישט
געוואוסט, ווער זי איז... און אָט איצט האָב איך מיך ערשט
דערוואוסט, ווער...

אַ חלום איז דאָס אַלץ. דער חלום ווערט צורונען,
איך האָב דיך אין מיין חלום לאַנג געפונען
און וועל דיך אויך געפינען אויפ'ן וואָהר.

—מען בעדאַרף נישט, מען בעדאַרף נישט,—האָט זי בע-
דעקט מיט די הענד דאָס געזיכט און זיך צעוויינט; די טרעה-
רען האָבען זיך איהר געגאָסען אָהן אַנ'אויפהער, אָהן אַ סוף,
אונגעהויער-ביטערע, אונגעהויער-זיסע; דאָס זענען געווען טרעה-
רען פון ליעבע, וואָס זי האָט זיי פאַר איהר גאַנץ לעבען נישט
געקאָנט אויסוויינען.

ער האָט זיך אַראָבגעלאָזט פאַר איהר אויף די קניה און
זיך אויך צעוויינט, און נאָכדעם האָט ער גענומען שעפּטשען, ווי
אַ זעכצעהניעהריג יונגעל שעפּטשעט אַ ליעבע-דערקלערונג פאַר אַ
פיערצעהניעהריג מיידעלע.

—איך האָב ליעב... איך האָב ליעב...

ער האָט איבערגע'חזר'ט בלויז דאָס איינע וואָרט און האָט
מעהר נישט געקאָנט ריידען. זי האָט באַלד אויפגעהערט צו וויי-
נען, זיך אָנגעבויגט צו איהם, אַרומגענומען איהם ביים קאָפּ און
ביידענס ליפען האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין אַ קוש. קיינער
האָט נישט געזעהן דעמדאָזיגען ערשטען ליעבע-קוש, אויסער דער

סטעפּ, דעם ים, דעם הימעל און דער לבנה.

עס האָט זיך נישט געוואָלט פאָהרען צוריק אין שטאָדט אריין, האָבען זיי זיך אַריינגעזעצט אין עקיפּאַזש און געפאָהרען ווייטער, הינטער די קאַראַנטינבאַראַקען.

פאַר די אויגען איז געלעגען די סטעפּ, בעוואַקסען מיט שטויביג-גרויען ווערמוט און טרוקענעם סטעפּ-גראָז. קיין שום בוימעל, קיין שום קוסטעל איז נישט געווען צו זעהן. אַנ׳איינזאַמע ווינדמיהל האָט פון ווייטען בעוועגט מיט די פליגלען, און אַ לאַנגפיסיגער טראַפּ, וואָס האָט זיך שוואַרץ געצייכענט אויפ׳ן ריינעם הימעל, איז געגאַנגען ווי אַ וואַכסאָלדאַט אויף-און-אָב איבער אַ סטעפּ-קורגאַן. איבער דעם לעדיגען טראַקט זענען טייל-מאָל פאַרבייגעפאָהרען טשומאַקעס מיט אַזאָווער טאַראַנעס אָדער קרימער זאַלץ; טאָטערן זענען געגאַנגען מיט זייערע קעמלען, שווער בעלאָדען מיט וואַסערמעלאָנען; אַ האַלב-ווילדער נאָגאַאישער פאַסטוך איז געזעסען אויף אַ נאַקעט פערדעל, אָהן אַ צוים, און האָט געטריבען זיין סטאַדע, און הויך אונטער׳ן הימעל האָט זיך געדרעהט אַ סטעפּ-אָדלער און האָט רויבדורשטיג געשריען. און נאָכדעם איז פון דאָסניי שטיל און טויט געוואָרען. ווי אַ טרייער חבר האָט זיי בעשיצט די סטעפּ: זי האָט זיי אָבגעהיט פון מענשליכען טומעל, אין וועלכען זיי האָבען זיך געטרונקען דאָס גאַנצע לעבען.

עס איז פינסטערליך געוואָרען. פון ים האָט זיך אויפגעהויבען אַ קאַלטער ווינד.

—אייך איז קאַלט, ליזע? איך האָב אייך געזאָגט, אַז מען בעדאַרף נעהמען דעם פוטער. איהר קאָנט זיך נאָך צוקיהלען.

—ניין, פאַרוואָס? ס׳איז וואַרים. זעהט איהר, וואָס פאַר אַ הייסע הענד איך האָב? עס איז וואַרים, גוט, מען בעדאַרף גאָרנישט בעסער...

ער האָט זי אַרומגענומען, איינגעטוליעט זי אין זיין שינעל און זי האָט געשפירט די וואַרימקייט פון זיין קערפער און נישט-געשיקט און פערשעמט זיך צוגעדריקט צו איהם.

—יאָ, מיין פריינד, איך האָב אייך שוין לאַנג געוואָלט

פרעגען,—האָט ער אַ זאָג געטהאָן פלוצלונג פאַר זיך אַליין,—ווי האַלט איהר פון אַראַקטשייעוו'ן?

—פון אַראַקטשייעוו'ן?—האָט זי זיך געחדושט; לויט דער אַלטער געוואוהנהייט האָט זי זיך באַלד דערשראָקען, אָנגעשטעלט מויל און אויערן און געענטפערט נישט אָפענהערציג, נאָר גע-צוואונגען, ווי אַ כיטרע פרוי:

—איהר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ שלעכטער פּאָליטיקער און אין מלוכה-ענינים פערשטעה איך אַזוי גוט, ווי גאָרנישט...

אַראַקטשייעוו האָט זי שטענדיג געשראָקען מיט עפּיס אַן אונגעוועהנליכען פחד. פאַר'ן לעבען פון קייזער פּאַוועל I פלעגט ער קומען איינדערפריה צו זיי אין שלאָפצימער, ווען ביידע פלעגען נאָך ליעגען אין בעט: דער אַלטער קייזער האָט געוואָלט, אַז דער טראָנפאָלגער זאָל בעגיגנען שוין זיין אויף די פיס, אָבער סאַשעלע פלעגט זיך פוילען אויפצושטעהן, פלעגט ער טאַקי דאָ, אין בעט, אויסהערען די בעריכטען און אונטערשרייבען פּאַפּירען, און זי, די קייזערין, פלעגט זיך בעת-מעשה איבערדעקען איבער'ן קאָפּ מיט אַזאַ געפיהל, אַז אַראַקטשייעוו וועט באַלד אַריינקריכען צו איהר אין בעט אַריין, ווי אַ ריזיגע חיה.

—נו, וואָס, ליזע, ווילט איהר נישט זאָגען?

—איך קאָן איהם אַזוי ווייניג...

—און דאָך, ווי זעהט ער אייך אויס—איז ער אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער?

—און איהר מוזט עס וויסען?

—יאָ, זעהר.

—איצט?

—איצט.

—מיר דאַכט זיך... אָבער ניין, איך קאָן נישט. איהר מוזט מיר העלפען. וואָס ווילט איהר, אייגענטליך, וויסען?

—נו, ווי מיינט איהר, ער האָט מיך...

די צונג האָט זיך עפּיס נישט געקאָנט איבערקעהרען אַרויס-צוזאָגען דאָס וואָרט „ליעב".

—איז ער מיר געטריי?

—געטריי? יאָ... ניין, איך ווייס נישט... מיר שיינט, אַז ער האָט איך נישט ליעב, ער קאָן בכלל קיינעם נישט ליעבען...

—איז ער, הייסט עס, אַ שלעכטער, אַ פאַלשער?

—ניין, נישט קיין שלעכטער און נישט קיין גוטער, ער איז איבערהויפט גאָרנישט... איך קאָן אָבער נישט אַרויסזאָגען. ער איז איבערהויפט גאָרנישט, ער איז פוסט, ער איז לופט... איהר וועט נישט זיין בייז אויף מיר דערפאַר?

אַ קוק געטהאָן אויף איהם: אַ מאָדנער שמייכעלע האָט זיך אַדורכגעשאָטענט איבער זיין געזיכט—און זי האָט נישט געוואוסט, צי ער וועט נישט זיין בייז אויף איהר.

—אַליין איז ער אַ גאָרנישט,—האָט זי שוין דרייסטער געזאָגט.—ער איז בלויז אייער שאָטען. וואו איהר געהט, געהט ער אויך. וואָס איהר זענט, דאָס איז ער אויך. דאַכט זיך, אַז ער איז דאָ, אָבער ער איז גאָרנישטאָ... נו, אָט זעהט איהר, אַז איך רייד נאַרישקייטען.

—ניין, ליזע, נישט קיין נאַרישקייטען. אָבער איך ווייס נישט, צי דאָס איז אַזוי? דען זיין עמיצענס אַ שאָטען איז דאָך אויך אַ גרויסער קרבן...

אנטשוויגען געוואָרען און פאַר זיך געטראַכט: „יאָ, ער איז מיין שאָטען. ער האָט גענומען אויף זיך דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אין זיך טונקעלעס, שלעכטעס און שרעקליכעס. אַז די זון איז געשטאַנען אין דער-הויך, איז דער שאָטען געלעגען ביי מיינע פיס, און אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען, איז דער שאָטען אויסגעוואַקסען..."

נישט אומזיסט האָט ער זיך דערמאָהנט אָן אַראַקטשייעוו'ן: די לעצטע צייט האָט ער אַ סך געטראַכט פון איהם.

דעם 10-טען סעפטעמבער האָט מען אין גרוזינאָ דער-הרג'עט נאַסטאַסיע מינקינ'ען, אַראַקטשייעוו'ס געליעבטע.

„פאָטערל, אייער מאַיעסטעט,—האָט אַראַקטשייעוו געשרי-בען צום קייזער אין צוויי טעג אַרום נאָך דעם מאָרד,—מיט מיר איז געשעהן אַנ'אומגליק, איך האָב פערלאָרען אַ טרייען פריינד, וואס האָט ביי מיר אין הויז געוואוינט פינפאונצוואַנציג יאָהר,

און דאָס האָט מיך אַזוי צורודערט און אָבגעשוואַכט, ... מיר איז ניחא דער טויט, און איך קאָן מיך נישט בעשעפטיגען מיט די מלוכה-ענינים—קיין שום כח שוין נישטאָ. זיי געזונד, פאָטערל, און געדענק דיין געוועזענעם דיענער! ביינאַכט האָבען לייב-פויערים דערשטיקט מיין פריינד און איך ווייס נאָך אפילו נישט, וואו איך וועל אַנידערלעגען מיין פער׳יתום׳טען קאָפּ, אָבער פון דאַנען וועל איך אַוועקפאָהרען.״

דער קייזער האָט בעקומען דעם בריף דעם 22-טען סעפּטעמבער, איידער די קייזערין איז געקומען, און אין דעם אייגענעם טאָג האָט ער איהם געענטפערט:

„מיט עטליכע שעה צוריק האָב איך בעקומען דיין בריף און די טרויעריגע ידיעה וועגען דעם שרעקליכען פאַל, וואָס האָט דיך געטראָפען. מיין האַרץ פיהלט דאָס אַלץ, וואָס דיין האַרץ בעדאַרף פיהלען. איך קאָן גאָרנישט זאָגען, ווי עס טהוט מיר לייד דיין פיהלבאַר האַרץ, אָבער די פערצווייפלונג, מיין פריינד, איז אַ זינד פאַר גאָט. גיב זיך אונטער איינגאַנצען זיין הייליגען רצון. דו שרייבסט מיר, אַז דו וואָלסט ווילען אַוועקפאָהרען פון גרוזינאָ, אָבער דו ווייסט נישט, וואוהין. פאָהר צו מיר: דו האָסט נישט נאָך אַזאַ פריינד, וואָס זאָל דיך אַזוי אויפריכטיג ליעב האָבען, ווי איך. אָבער איך בעשווער דיך מיט אַלץ, וואָס איז הייליג, דו זאָלסט געדענקען דאָס פאָטערלאַנד, וואָס דיין דיענסט איז אַזוי נוצליך פאַר איהם, איך קאָן אפילו זאָגען—נויטווענדיג, און מיט׳ן פאָטערלאַנד בין איך אויך צוזאַמענגעקניפּט. זיי געזונד, פערלאָז נישט דיין פריינד, דיין טרייען פריינד.״

אַוועקגעשיקט דעם בריף, האָט דער קייזער אַרויסגערופען ז״ם גענעראַל קליינמיכעל, וואָס האָט זיך בעת-מעשה געפונען אין די דרום-קאָלאָניעס, און האָט איהם געהייסען וואָס שנעלער פאָהרען קיין גרוזינאָ; דאָרט זאָל ער מאַכען אַנ׳אויספאָרשונג וועגען אַלץ און זאָל מיט אַלע מעגליכקייטען זעהן ווירקען אויף אַראַקטשייעוו׳ן, ער זאָל פאָהרען קיין טאַגאַנראָג.

דער קייזער האָט נישט געצווייפעלט, אַז ער וועט קומען,

אָבער אַז ער האָט נישט בעקומען קיין ענטפער אויף זיין בריף, האָט ער אָנגעשריבען אַ צווייטען בריף.

„שוין-זשע קומט דיר נישט אויפ'ן געדאַנק יענע געוואַלטיגע אונרוהיגקייט, אין וועלכער איך געפין מיך, בשעת איך טראַכט וועגען אָט דער וויכטיגער מינוט פאַר דיין לעבען? דו בעגעהסט אַ זינד, ווען דו פערגעסט אַ פריינד, וואָס האָט דיך אַזוי לאַנג און אַזוי אויפריכטיג ליעב, און נאָך גרעסער איז דיין זינד, וואָס דו צווייפעלסט אין זיין מיטגעפיהל. דרינגליך בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר אויספיהרליך מיטטיילען פון אַלץ, און אויב דו קאָנסט נישט אַליין, טאָ בעט אַ צווייטען. איך בין זעהר אונרוהיג."

אונרוהיג איז ער געווען, אָבער גלייכצייטיג האָט איהם אויך אַרומגענומען עפּיס אַ מאָדנע גלייכגילטיגקייט און געפיהללאָזיגקייט: אַזוי שטעכט מען טיילמאָל אַ פּאַראַליזירטען מיט אַ נאָדעל און ער שפּירט קיין וועהטאָג נישט, דאָך נעהמט איהם אָן אַ שרעק, בשעת מען ציהט-אַרויס די נאָדעל פון זיין פערגליווערטען לייב.

צולעצט, איז געקומען אַן'ענטפער:

„פאָטערל, אייער מאַיעסטעט! נאָכדעם ווי איך האָב צוגענומען דאָס הייליגע אָבענדמאָל, האָב איך היינט בעקומען אייער פאָטערליכען בריף. איך שיק אייך אַ דאַנק, ווי אַ זוהן. איך האָף, נאַטירליך, צו גאָט, אָבער מיינע כחות פערלאָזען מיך. איך האָב האַרצקלאַפּעניש און טעגליכע פיבער-אָנפאַלען און שוין דריי וואָכען, ווי איך קאָן נישט צומאַכען מיט אַן'אויג; דער שטענדיגער יאוש און מרה-שחורה האָבען מיך אַזוי אָבגעשוואַכט, אַז איך האָב אינגאַנצען פערלאָרען דעם זכרון, און איך ווייס נישט, וואָס איך טהו און וואָס איך רייד. וואָס פאַר אַ פאָלגען דאָס קאָן האָבען פאַר מיר, ווייס נאָר איין גאָט אַליין. אַך, פאָטערל! ווען איהר וואָלט מיך געזעהן אין מיין איצטיגען מצב, וואָלט איהר אודאי נישט דערקאָנט אייער געטרייען דיענער. אַזוי געהט עס דעם מענשען אויף דער וועלט: גאָט קאָן אין איין רגע ענדערן דעם גאַנצען מצב פון מענשען.

„וועגען מיין נסיעה צו אייך קאָן איך נאָך פּאָרלויפיג גאָר-נישט זאָגען. איך דאַנק אייך און פּיהל אין דער פולער מאָס אייער חסד. איך בעט גאָט נישט פאַר מיר, נאָר פאַר אייער געזונד וועגען, וואָס ביי היינטיגע אונרוהיגע צייטען איז עס אַזוי נויטוועדיג פאַר׳ן פאָטערלאַנד.

„דעם בעריכט איבער דעם שרעקליכען פערברעכען וועל איך אייך צושיקען שפּעטער, ווען איך וועל קומען עטוואָס צו די כחות. עס קאָן גרייליך זיין, אַז דאָסדאָזיגע פערברעכען איז בעגאַנגען געוואָרען אונטער אַ זייטיגער ווירקונג, צו שעדיגען מיך. איך זאָל, פּאָטערל, נישט קאָנען ווייטער אייך דיענען און זאָל נישט קאָנען דערפילען אייער הייליגען רצון. פון מאַנכע אומשטענדען לאָזט זיך אויך דרינגען, אַז דער רוצח האָט געהאַט אַנ׳אויג אויף מיר, אָבער דעם אויבערשטען איז, אפנים, בעוויליגט געווען צו לאָזען מיך לעבען, כדי איך זאָל דאָ אָבקומען פאַר מיינע זינד.

„פון וויטען נעהם איך אַרום אייערע קניה און קוש אייך די הענד און פערבלייב אייער אומגליקליכער, אָבער געטרייער דיענער ביז׳ן סוף פון מיין לעבען".

אויף מאָרגען, נאָכ׳ן שמועס מיט דער קייזערין וועגען אָראַקטשייעווין, איז דער קייזער געזעסען ביי זיך אין קאַבינעט און האָט געלייענט דעם בריף, און נאָכ׳ן לייענען האָט ער זיך פערטראַכט. ניין, ער וועט נישט קומען. וויפיעל דו זאָלסט איהם נישט רופען, נישט בעטען, זיך מבזה-זיין, וועט ער אַלץ נישט קומען. פון זיינע צוויי פריינד—דער קייזער און נאַסטאַסיע מינ-קינאַ—האָט ער איינעם ענדגילטיג אויסגעוועהלט. „ער קאָן קיי-נעם נישט ליעבען: נישט קיין גוטער, נישט קיין שלעכטער, נאָר סתם אַ גאָרנישט; ער איז פוסט, ער איז לופט. עס דאַכט זיך, אַז ער איז דאָ, אָבער ער איז גאָרנישטאָ..."

אָט וועמען ער האָט דרייסיג יאָהר געהאַלטען פאַר זיין איין-איינציגען פריינד. נו, יאָ, עס טהוט וועה? ניין, עס טהוט נישט וועה, אָבער עס נעהמט-אָן אַ שרעק צו קוקען, ווי די נאָ-דעל הערט אַרויסגעצויגען פונ׳ם פערגליווערטען לייב. און וואָס

אַז ער וועט פּלוצלונג, מיט אַמאָל דערשפּירען אַ וועהטאָג? דער שטאָך איז דאָך נאָהנט צום האַרצען? אפשר אַמאָל נאָך צו נאָהנט צום האַרצען?

און אַז די „צייטען זענען אונרוהיגע"—דאָס ווייס אַראַקטשייעוו גאַנץ גוט. אפילו קליינמיכעל האָט מיטגעטיילט: „איך מאַך אייך בעזונדערס אויפמערקזאַם אויף דער אויספאָרשונג, כדי מען זאָל קאָנען אויפדעקען די ערשטע שפּורען פון די פערברעכערישע פּלאַנען; איך בין איבערצייגט, אַז דאָ ליעגען פערבאָרגען אַ סך וויכטיגע זאַכען. מיט דער נעכטיגער פּאָסט האָב איך בעקומען פון פּעטערבורג אַן'אַנאָנים פּאַפּיר, וואָס טראָגט דעם נאָמען: וועגען אמת'ע און גלויבווירדיגע זאַכען". אין דעמדאָזיגען פּאַפּיר ווערט אויסגעדריקט די מיינונג פון וואוילדענקענדיגע מענשען איבער דעם פּאַל, וואָס איז געשעהן אין גרוזינאָ און דאָרט ווערט אויך געבראַכט אַ פערברעכערישער שמועס פון'ם פּאָדפּאָלקאָווניק באַטענקאָוו."

באַטענקאָוו איז אייגער פון יענע—פון די מיטגלידער פון דער געהיימער געזעלשאַפט. „דאָס זענען זיי—עס הויבט זיך אָן!"— האָט דער קייזער אַ טראַכט געטהאָן ביי דער ערשטער ידיעה וועגען מאָרד אין גרוזינאָ.

און אַז עס הויבט זיך אָן, האָט ער אויך געוואוסט פון אַנדערע מסירות און מיטטיילונגען. מען טאָר נישט צעגערן: אַ ליאַדע טאָג קאָן אויסברעכען אַ בונט. ער האָט געוואָלט דערשטיקען די פערשווערונג, האָט ער דערויף אַרויסגעפאָדערט אַראַקטשייעוו'ן, אָבער אָט איז אַראַקטשייעוו אַליין דערשטיקט.

בשעה ער האָט נאָך געהאָפט, אַז אַראַקטשייעוו וועט קומען, האָט ער געפּרובט צוזאַמענשטעלען פאַר איהם אַ בעריכט וועגען דער געהיימער געזעלשאַפט; איצט איז איהם איינגעפאַלען דורכצולייענען עס, האָט ער עס אַרויסגענומען פון אַ שאַכטעל און גענומען לייענען.

עס איז געווען פיער אַ זייגער נאָכמיטאָג און דער טאָג איז געווען אַ קלאָרער, אַ זוניגער. אָבער פּלוצלונג איז טונקעל געוואָרען, פּונקט ווי דער פאַרנאַכט וואָלט זיך אָנגערוקט מיט

אַמאָל. פון ים איז אויפגעגאַנגען אַ געדיכטער, שוואַרץ-געלבער נעבעל. דער קייזער האָט אַ רוף-געטהאָן דעם קאַמערדיענער און האָט איהם געהייסען אָנצינדען אַ ליכט.

דערנאָך האָט ער נישט בעמערקט, ווי דער נעבעל איז צווייהט געוואָרען, דרויסען איז געווען ליכטיג און דאָס ליכט האָט אומזיסט געברענט.

אַריין דער קאַמערדיענער אַניסימאָוו.

—וואָס ווילסטו, יעגאָריטש?

—אפשר צונעהמען דאָס ליכט, אייער מאַיעסטעט? וועט עמיץ דערזעהן דורכ׳ן הויף, וועט ער מיינען...

דער קייזער האָט געקוקט אויפ׳ן שטאַרען פלאַמעל פונ׳ם טאָג-ליכט און האָט זיך געוואָלט דערמאָהנען עפּיס. „אַך, יאָ, בייטאָג צינדט מען אָן ליכט פאַר אַ מת...“

—נו, מילא, טראָג עס אַרויס.

יעגאָריטש איז צוגעגאַנגען צום טיש, אַ בלאָז געטהאָן אויפ׳ן ליכט און אַרויסגעטראָגען עס.

דער קייזער האָט פון דאָסניי געוואָלט לייענען, אָבער ער האָט שוין נישט געקאָנט. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָהנט אָן די פּעטערבורגער וואונדער און רמזים און לעבערליכע שרעק-בילדער.

די קייזערין איז אַריין אין צימער און געזאָגט:

—האָט איהר געזעהן דעם נעבעל? פּונקט ווי אין פּעטערבורג.

—יאָ, פּונקט ווי אין פּעטערבורג,—האָט ער איבערגע׳חזר׳ט פערטראַכט. נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבען די אויגען צו איהר און געפרעגט:

—וואָס איז מיט אייך?

—גאָרנישט... איך האָב אייך אפשר געשטערט? איהר זענט בעשעפטיגט?

—ליזע, וואָס איז מיט אייך, איהר זענט נישט געזונד?

—ניין, עס איז גאָרנישט, כלעבען, גאָרנישט. אינדערפריה

האָב איך מיך דורכגעשפּאַצירט צופוס, האָב איך מיך, וואַהרשיינ-ליך, עטוואָס איינגעמאַטערט...

זי איז געשטאַנען פאַר איהם מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און אויגען, און בלאַס איז זי געווען און די הענד זענען איהר מאַכטלאָז געהאַנגען. ער האָט גענומען איהרע הענד אין זיינע און אַ קוש געטהאָן זיי, און נאָכדעם האָט ער אויף איהר אַ קוק געטהאָן מיט יענער פערבאָרגענער צערטליכקייט, וועלכע זי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט ביישטעהן.

—נו, זאָגט דעם אמת, זאָגט, איך בעט אייך.

—איהר פאָהרט קיין קרים?—האָט זי אַרויסגעזאָגט און איז רויט געוואָרען, ווי אַ פערשולדיגטע.

—קיין קרים? יאָ, מעגליך... דאָס איז עס, אַלזאָ... ווער האָט עס אייך געזאָגט?

—וואָלקאָנסקי.

—אַ נאַר און אַ לאַנגע צונג! איך האָב אומישנע נישט געזאָגט. אגב וויס זיך נאָך אַליין נישט אויף זיכער... אָבער איצט וועל איך שוין אודאי נישט פאָהרען!

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און זיך פלוצלונג דער-פרעהט: זי האָט איהם געגלויבט.

—צו וואָס פאָהרט איהר?

—אָט, געטהאָן אַ נאַרישקייט: צוגעזאָגט וואָראָנצאָוו'ן, און ער האָט זיך צוגעאיילט. אַלץ איז שוין צוגעגרייט: שוין צוזאַ-מענגעשטעלט דער פּלאַן און דער מאַרשרוט און ער וואַרט דאָרט צוליב מיר...

האָט ער נאָר אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „מאַרשרוט", האָט זי שוין פערשטאַנען, אַז ער האָט בעשלאָסען צו פאָהרען.

—נו, פאָהרט אייך, פאָהרט אייך,—האָט זי געזאָגט און גע-שמייכעלט איבערגעוואַלט.

„פאַלען איהם צולאַסט, הענגען איהם אויפ'ן האַלז,—ניין, בעסער דאָס סאַמע ערגסטע, איידער דאָס".

—דאָך נישט אויף לאַנג?

—איך האָב גערעכענט אַ טאָג צעהן, העכסטענס צוויי וואָכען.

—נו, זעהט איהר, בעדאַרף מען ריידען וועגען דעם? איהר פלעגט אַמאָל אַוועקפאָהרען אויף גאַנצע חדשים, און איצט קאָן איך קיין צוויי וואָכען נישט איבערטראָגען. און וואָס איז דאָס טאַקי פאַר אַ קינדעריי! איהר מוזט דאָך פאָהרען, איהר בעדאַרפט דאָך פאָהרען און איך וויל, איהר זאָלט פאָהרען, איהר הערט?

—גוט, ליזע. אָבער דאָס איז דאָס לעצטע מאָל. אָהן אייך וועל איך שוין ערגעץ קיינמאָל נישט פאָהרען...

אַ שאָטען איז אַדורכגעלאָפען איבער איהר געזיכט: דאָס וואָרט „דאָס לעצטע”, ווי אַלע אַזוינע ווערטער, וואָס שמעקען מיט טויט, האָט אין איהר אַרויסגערופען גרויס שרעק.

—ווייסט איהר, פאַרוואָס איך וויל פאָהרען קיין קרים?

—פאַרוואָס?

—איך וויל קויפען אַרעאַנדאַ און אויסקלויבען אַנ'אָרט, וואו אויסצובויען אַ הויז.

—נו, איז דאָך אויסגעצייכענט! נו, טאָ פאָהרט אייך מיט גאָטס הילף!

אַוועקגעלעגט איהם די הענד אויפ'ן אַקסעל, זיך אָנגעבויגט צו איהם און אַ קוש געטהאָן איהם אין שטערען. טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין איהרע אויגען. ער האָט געמיינט, אַז דאָס זענען טרעהרען פון גליק.

—נו, איך וועל שוין געהן, און איהר שטערט אייך נישט אין דער אַרבייט.

—איך קום באַלד צו אייך, ליזע, איך וועל נאָר דער-שרייבען דעם בריף.

קיין שום בריף איז נישט געווען, ער האָט בלויז נישט געוואָלט איבערלאָזען אויפ'ן טיש דעם בעריכט וועגען דער גע-היימער געזעלשאַפט: עס זאָל נישט אַריינפאַלען צו דיביטש'ן אין די הענד. ער האָט נאָך אַלץ פערבאָרגען פון אַלעמען זיין וועהטאָג, זיין מאָס'ע וואונד. בשעת ער האָט פערשלאָסען די פאַפירען אין שאַכטעל, איז איהם פּלוצלונג בעפאַלען אַ געדאַנק, וואָס האָט איהם אַליין איבערראַשט: אויסזאָגען אַלץ דער קייזע-

רין. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז זי האָט נעכטען קלוג גערעדט

וועגן אַראַקטשייעוו'ן און אין דער שרעקליכער נאַכט פון 11-טען מערץ, בשעת אַלע האָבען זיך דערשראָקען און האָבען איהם פערלאָזט, איז זי נאָר אַליין געווען מוטיג און דרייסט. דעמאָלט האט זי איהם געראַטעוועט—אפשר וועט זי איהם אויך איצט מציל-זיין? אַז מען איז נאָר נישט אַליין, אַז מען קאָן כאָטש מיט וועמען-עס-איז טיילען דעם וועה, איז עס שוין אויך אַ האַלבע רעטונג.

ער האָט זיך דערפרעהט. אָבער די אַלטע שעמעריי און די אַלטע שרעק איז געקומען און האָט דערשטיקט די פרייד.

— ניין, נישט איצט, בעסער שפּעטער, בשעת זי וועט קו-מען צו די כחות,—האָט ער זיך גענאַרט, ווי ער האָט זיך שטענ-דיג גענאַרט.

דער קייזער האָט בעדאַרפט אַוועקפאָהרען דעם 20-טען אָקטאָבער. די לעצטע טעג זענען פאַר ביידען שווער געווען, זי האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס מיט איהר איז, אָבער זי האָט זיך זעהר געשראָקען. טיילמאָל האָט זי זיך איינגערעדט, אַז דאָס איז אַ קראַנקהייט. האָט דער שכל געגלויבט, אָבער דאָס האַרץ האָט נישט געגלויבט. אָבער צום ערגסטען איז געווען דאָס, וואָס איהר האָט אויסגעוויזען, אַז ער שרעקט זיך אויך.

אין אָוועגד פאַר דער נסיעה איז געווען אַ גרויס געווי-טער, און די קייזערין האָט געהאָפט, אַז אין דער לעצטער מי-נוט וועט די נסיעה אָבגעלעגט ווערען. מיט דעמדאָזיגען געדאַנק איז זי אַוועק שלאָפען. זי האָט זיך פריה אויפגעכאַפּט—עס האָט קוים געשאַרעט אויף טאָג. אַ באָרוועסע איז זי אַראָבגעשפּרונגען פון בעט און איז צוגעלאָפען צום פענסטער—זי האָט געוואָלט זעהן, וואָס פאַר אַ וועטער איז אין דרויסען. אונטער'ן פענסטער איז געלעגען אַ שוואַרץ-געלבער נעבעל, ווי נעכטען, אָבער קיין געוויטער איז נישט געווען. זי האָט זיך צוגעהערט צו די קלאַנ-גען אין דרויסען—אפשר פאָהרט ער שוין. אָבער עס איז געווען צו-פריה. האָט זי זיך ווידעראַמאָל געלעגט אין בעט אַריין און איז איינגעשלאָפען. עפּיס שרעקליכעס האָט זיך איהר גע'חלומ'ט: דאָס האַרץ האָט זיך פלוצלונג אָבגעשטעלט און עס האָט זיך

געדאַכט, אַז זי שטאַרבט-אַוועק. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ קוק געטהאָן אין פענסטער: דער נעבעל איז צוזייהט געוואָרען. דרויסען האָט געשיינט די זון אויף אַ בלויען הימעל. ביים גאַניק האָבען געקלונגען גלעקעלעך—די טראָיקע איז, אפנים, צוגעפּאָרען. די טהיר האָט זיך געעפענט און ער איז אַריין.

—איהר שלאָפט. ליזע?

זי האָט גאָרנישט געענטפערט. זי איז געלעגען אָהן בעוועגונג, אַ בלאַסע, אַ טויטע און געקוקט מיט ברייט-פונאַנדערגעעפענטע אויגען.

—וואָס איז מיט אייך?—האָט ער זיך דערשראָקען.

זי האָט זיך אָנגעשטרענגט, אָבגעצויגען דעם אָטעם און אַ שמייכעל געטהאָן.

—גאָרנישט. דער קאָפּ טהוט עטוואָס וועה. ביינאַכט איז דושנע געווען. מסתמא צוליעב דעם נעבעל. אָבער איצט איז אַ גרויסאַרטיג וועטער!

—ליזע, איך בעט אייך, לאָזט מיך אַ רוף טהאָן ווילליע'ן...

—מען בעדאַרף נישט, איך בעט אייך. שרעקט זיך נישט, איך וועל מיך האַלטען גוט... נו. פאָהרט מיט גאָטס הילף. לאָזט, וועל איך אייך איבער'צלמ'ען. נו, גיט נאָך אַ קוש, אָט אַזוי... און איצט געהט אייך, שוין צייט, און איך וועל נאָך אַ ביסעל שלאָפען.

—אַך, ליזע, עס וואָלט, כלעבען, בעסער געווען...

—ניין, ניין, געהט אייך, געהט אייך!..

זי האָט זיך אַ ריס געטהאָן פון זיינע אָרעמס, אָבגעשטויסען איהם פון זיך, אַנידערגעפאַלען אויפ'ן קישען און פערמאַכט די אויגען. ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען, געקוקט און אַ טראַכט געטהאָן: „שלאָפט"; באַלד דערויף איז ער אויף די שפּיץ פינגער אַוועק צו דער טהיר, אָבער ער האָט זיך נאָך אָבגעשטעלט און נאָכאַמאָל אַ קוק געטהאָן. זי איז געלעגען אָהן בעוועגונג, אַ בלאַסע, אַ טויטע און האָט געקוקט אויף איהם מיט ברייט-פונאַנדערגעעפענטע אויגען. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָהנט, ווי ער איז אַוועק פון סאָפיע'ן, בשעת זי האָט זיך געראַנגעלט מיט'ן

טויט. דעמאָלט האָט זי אויך אַזוי געקוקט אויף איהם, ווי די קייזערין איצט און ער האָט זיך אויך אומגעקעהרט צום לעצטען מאָל און אַ טראַכט געטהאָן: „אפשר זאָל איך בלייבען?"

אָבער אַז ער איז אַוועק, איז איהר לייכטער געוואָרען, פונקט ווי זי וואָלט געקומען צו זיך און וואָלט זיך גע׳חדוש׳ט, וואָס דאָס איז שוין אַריבער. „אַ קראַנקהייט",—האָט זי פון דאָס־ניי אַ טראַכט געטהאָן און האָט זיך ביסלעכווייז בערוהיגט. די מורא איז פערשוואונדען געוואָרען און עס איז בלויז געבליבען די אַלטעגליכע בענקשאַפט. און ווי אַלעמאָל נאָך זיין אַוועקפאָהר, איז אַלץ אויסגעלאָשען, טונקעל געוואָרען, פערלאָרען דעם טעם, „ווי אַ זופּ אָהן זאַלץ",—ווי זי פלעגט זאָגען אין שפּאַס.

ערשט איצט האָט זי בעמערקט, אַז טאַגאַנראָג איז אַ מאוס שטעדטעל. אויף די גאַסען זעהט מען אַלץ פערשלאָפענע טשי־נאָווניקעס, קבצנים אין שמאַטעס, אויסגעריבענע סאָלדאַטען, טונ־קעל־הויטיגע גריכישע מעקלער און ווילדע טערקישע מאַטראָזען מיט גזלנ׳ישע פּנימ׳ער. פון די שטאַהלען, וואו די אַזאָווער טאַ־ראַנעס ווערען געטריקענט, האָט געשמעקט מיט פערלעגענע פיש. אין האַפען איז דאָס וואַסער אַזוי פלאַך, אַז קוים גיט אַ בלאָז אַ ווינדטעל פון סטעפּ, ווערט אַנטרונען דאָס וואַסער פון זומפּיגען גרונד און די לופט ווערט אָנגעפילט מיט שלעכטע דאַמפען. דער ווינד, וואָס קומט פון צפון־מזרח, איז עהנליך צו אַ שטאַרקען צוק־ווינד. און אפילו אין ריינע שטילע טעג הויבט זיך פלוצלונג אויף פון ים אַ שוואַרץ־געלבער נעבעל, וואָס שמעקט מיט קבר־נעץ. אינ׳ם דערבייאיגען קלויסטערל פונ׳ם הייליגען קאָנסטאַנטין און העלענע קלינגען די גלאָקען אַזוי מרה־שחורה׳־דיג, פונקט ווי צו אַ לויה.

און דער פּאַלאַץ איז אויך נישט אַזוי שען, ווי עס האָט זיך אויסגעדאַכט. פון די פענסטער בלאָזט, פון די אויוועגס געהט אַ רויך. אַ סך מייז און קריסעס. ביי דער הויפדאַמע וואַלויעוואַ איז אויף די קניה אַרויפגעשפרונגען אַ מויז און זי איז שיער נישט געשטאָרבען פון שרעק. די קריסעס האָבען פערשלעפט דער קייזערינס גאָזטיכעל. ביינאַכט לויפען זיי אַרום, קלאַפען און שאַ־

רען, פונקט ווי זיי וואָלטען וועלען פערטרייבען פון שטוב די אונגע-בעטענע געסט. און אונטער'ן פענסטער האַווקען הינד. טרייבט מען זיי אַוועק, קומען זיי ווידער. וואַלויוואַ איז געוועזן זיכער, אַז דאָס איז אַ שלעכטער סימן: האָט זי זיך שטאַרק געשראָקען, גע-קלאָגט, געוויינט און אַליין געוואָיעט, ווי אַ הונד. סוף-כל-סוף האָט זי אַזוי דערעסען דער קייזערין, אַז יענע האָט איהר אָנ-געזאָגט, זי זאָל זיך איהר פאַר די אויגען נישט ווייזען.

אין צוויי טעג אַרום נאָך דעם קייזערס אַוועקפאָהר'ען האָט די קייזערין בעקומען אַ ידיעה, אַז עס איז געשטאָרבען דער קע-ניג פון בייערן, איהר שוועסטער, קאַראָלינעס מאַן. די קייזערין האָט זעהר ליעב געהאַט די שוועסטער און האָט זיך שטאַרק מצער-געווען פון איהר אומגליק, אָבער טיעף אין דער נשמה האָט זי זיך געפרעהט, ווי אַ סאָלדאַט אין אַ שלאַכט, בשעת די קויל פייפט-פאַרביי און טרעפט דעם חבר: „אַ דאַנק גאָט, וואָס ער, און נישט איך!" דידאָזיגע פרייד האָט איהר אפילו שטאַרק געשראָקען. „און וואָס וואָלט געווען, ווען?.."—האָט זי אָנגעהויבען און נישט געענדיגט. פלוצלונג איז דאָס האַרץ געבליבען שטעהן, ווי דעמאָלט, אין חלום.

אויף מאָרגען האָט זי דערהאַלטען פון קייזער אַ בריף, גע-שיקט פון פערעקאָפּ.

„דער טויט פונ'ם בייערישען קעניג איז אַזוי אונגעריכט, אַז ער דערמאָהנט אונז נאָכאַמאָל, ווי אַזוי יעדער פון אונז בעדאַרף אַלע מינוט זיין געגרייט. אָבער גראָד בעדאַרף זיך מאַ-כען אַזוי, אַז איהר זאָלט דערהאַלטען די ידיעה אַקוראַט דע-מאָלט, ווען איך בין נישט צוזאַמען מיט אייך. איך ווייס, אַז איהר זענט אַ קלוגע, דאָך אָבער וואָלט בעסער געווען, ווען איך וואָלט זיין נעבען אייך. שרייבט, ווי פיהלט איהר זיך. איך האָב איבערהויפּט מורא, איהר זאָלט אידענטיפיצירט ווערען מיט קאַ-ראָלינ'ען.

„בערוהיגען וועל איך מיך ערשט דעמאָלט, ווען איך וועל אייך ווידעראַמאָל זעהן, ווי איך פערהאָף, אין אַ וואָך אַרום"—

האָט ער איהר געשריבען דעם 30-טען אָקטאָבער פון באַכטשי-סאַראַי.

אויף דער קאַרטע האָט זי נאָכגעזעהן אַלע עטאַפּען פון זיין נסיעה: פּערעקאָפּ, סימפּעראָפּאָל, אַלושטאַ, גוזוף, אַרעאַנ-דאַ, אַלופּקאַ, ביידאַרי, באַלאַקלאַוואַ, געאָרגישער מאָנאַסטיר, סע-וואַסטאָפּאָל, באַכטשיסאַראַי, יעוופּאַטאָריע און ווידער פּערעקאָפּ, אָבער שוין צוריקוועגס. און וואָס נעהנטער ער קומט, אַלץ לע-בעדיגער און העלער ווערט אַלץ, פּונקט ווי אַ זון וואָלט אויפ-געגאַנגען. און פון דאָסניי איז אַלץ בע'טעמ'ט געוואָרען, פּונקט ווי „דער זופּ וואָלט בעשאָטען געוואָרען מיט זאַלץ“.

„ניין, מען טאָר אַזוי נישט ליעבען, דאָס איז אַ זינד, גאָט בעשטראָפט דערפאַר“,—האָט זי געטראַכט מיט שרעק.

דעם 5-טען נאָוועמבער האָט זיך דער קייזער בעדאַרפט אומקעהרען קיין טאַגאַנראָג. דער 4-טער נאָוועמבער איז כמעט געווען אַ זומערדיגער טאָג, ווי עס טרעפט אין פּעטערבורג סוף אויגוסט. בייטאָג זענען געשוואומען איבער'ן הימעל ווייסע גע-קרייזעלטע וואָלקענדלעך, און די זון האָט אַרויסגעשיינט דורך זיי אַ בלאַסע, ווי אַ לבנה. אָבער צו נאַכט זענען צוזייהט געוואָ-רען די וואָלקענדלעך און דער הימעל איז אויסגעשטערנט גע-וואָרען, ווי עס טרעפט נאָר אין דרום אין אַ שפּעטיגען הערבסט.

געבליבען אַליין אין שלאָפצימער, האָט די קייזערין, איי-דער זי האָט זיך געלעגט אין בעט, געעפענט דאָס פענסטער און מיט דער פולער ברוסט איינגעאָטעמט די לופט, וואָס איז געווען אַזוי פריש און שטיל, ווי אַ קינד אין שלאָף. און נישט בלויז איהר נשמה, נאָר אויך איהר קערפּער איז אָנגעזאַפּט גע-וואָרען מיט אַ זיסער רוהיגקייט. „דאָרום פרעהט זיך מיין נשמה, ווייל מיין פליייש וועט רוהען אין זיכערקייט“,—איז איהר גע-קומען אויפ'ן זכרון אַ פּסוק פון תהלים. „ווי גוט, גאָט אין הי-מעל, ווי גוט!“ און פאַרוואָס איז אַזוי גוט? ווייל ער וועט מאָר-גען זיין מיט איהר? ניין, נישט בלויז דערפאַר אַליין, נאָר פון אַלץ—פון דער שטילקייט, פון ים, פון הימעל, פון די שטערען. אַלץ, וואָס איז געווען, וואָס איז דאָ און וועט זיין—אַלץ איז גוט.

און אויך דאָס, וואָס זי האָט זיך אַ גאַנץ לעבען אַזוי געפּייניגט, און דאָס, וואָס זי איז איצט אַזוי גליקליך—אַלץ איז גוט אויף אייביג.

זיך אַנידערגעשטעלט אויף די קניה, די אויגען אויפגע־הויבען צום הימעל, אַ שמייכעל געטהאָן און זיך צעוויינט. דער שיין פון די שטערען, אַ בלויער, שאַרפער און לאַנגער, האָט זיך געבראָכען אין איהרע טרעהרען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער, דער שיין, לייכט נישט איבער איהר, נאָר אין איהר, פּונקט ווי ער און זי זענען איינס.

זי האָט געוויינט, געדאַנקט גאָט און געבעטען צו איהם. „אָבער ביי קאַראָלינע׳ן איז דער מאַן געשטאָרבען,—האָט זי זיך פּלוצלונג דערמאָהנט.—נו, מילא, אַזוי האָט גאָט געוואָלט. איהר מאַן איז געשטאָרבען און מיינער לעבט...״—האָט זי זיך כמעט ווי געזאָגט און זיך ווידעראַמאָל שטאַרק איבערגעשראָקען: „גאָט אין הימעל, וואָס רייד איך, וואָס רייד איך! ווי געמיין איך בין!.. אָבער דאָס נעהמט זיך דאָך דערפון, וואָס איך האָב איהם צופיעל ליעב—מען טאָר נישט ליעבען אַזוי, דאָס איז אַ זינד, גאָט וועט בעשטראָפען דערפאַר... נו, זיי-זשע מיר מוחל, זיי מיר מוחל, גאָט!״

ווידער אַ שמייכעל געטהאָן און זיך צעוויינט: זי האָט גע־וואוסט, אַז גאָט וועט מוחל-זיין, אַז ער האָט שוין מוחל-גע־ווען,—און אַלץ איז גוט אויף אייביג.

צווייטעס קאַפּיטעל.

איך האָב אַ קליינעם פיבער, פון קרים, וואַהרשיינליך...

—ווי לאַנג האָבען זיי איהם, אייער מאַיעסטעט?

—פון באַכטשיסאַראַי. אין באַכטשיסאַראַי בין איך געקומען שפעט אין אָווענד און איך האָב געוואָלט טרינקען. פּיאָדאָראָוו האָט מיר געבראַכט באַרבאַריסענזאַפט. איך האָב אפילו געמיינט, אַז דער זאַפט איז זויערליך, אָבער פּיאָדאָראָוו האָט געזאָגט, אַז ער איז פריש. האָב איך אויסגעטרונקען אַ גלאָז און זיך אַנידערגעלעגט אין בעט, אָבער ביינאַכט האָב איך דערשפירט אַ שטאַרקען וועהטאָג אין בויך. שפּעטער האָב איך געהאַט אַ לייכטען מאָגען און האָב געמיינט, אַז דערמיט איז געענדיגט. אָבער אין פערקאָפּ האָב איך ווידער גענומען פיבערן און פון דעמאָלט-אָן פיבערט עס...

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און צוגעגעבען:

—און אפשר קומט עס נאָך פון פריהער, פון סעוואַסטאָפּאָל: אָהן אַנ׳אויבערציהער בין איך געפאָהרען צום געאָרגיען-מאָנאַסטיר. בייטאָג איז אפילו געווען הייס, אָבער ביינאַכט בלאָזט אַ קאַלטער ווינד אין סטעפּ—נו, האָב איך מיך צוגעקיהלט.

—הייסט עס, אַז איהר זענט שוין אַ וואָך צייט קראַנק?

—יאָ, מעגליך, אַ וואָך צייט. און צוריקגערעדט, ווייס איך אַליין נישט...

—כּינין האָט איהר איינגענומען?

—ניין, איך האָב פיינט רפואות. דאָס וועט אַליין אַדורכ־געהן.

—אָבער ווי אַזוי, אייער מאַיעסטעט, קאָן עס דורכגעהן אַליין? איהר פערגעסט אַלץ, אַז ווען מיר דערנעהנטערן זיך צום פינפטען צעהנדליג, זענען מיר שוין נישט דאָס, וואָס צו צוואַנ־ציג יאָהר...

—יאָ, ברודער, אַלט איז נישט יונג, דאָס ווייס איך נישט ערגער פון דיר. אָבער דער פיבער זאָל דיך גאָרנישט קימערן—נאַרישקייטען, עס וועט גאָרנישט זיין.

דער קייזער האָט זיך איינגעוואַשען און איבערגעטהאָן אינ'ם קליינעם טואַלעטצימערל, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט זיין קאַבינעט און שלאָפצימער. אַלעמאָל פלעגט ער זיך וואַשען מיט קאַלט וואַסער, איצט אָבער האָט ער געבעטען וואַרים וואַ־סער: ער האָט, אפנים, מורא־געהאַט, די פערקיהלונג זאָל זיך נישט פערשטאַרקען דערפון. וואָלקאָנסקי איז געשטאַנען מיט אַ האַנדטוך אויפ'ן אַקסעל און האָט איהם פון אַ קרוג געגאָסען וואַ־סער אויף די הענד. גענעראַל־אַדיוטאַנט פירשט וואָלקאָנסקי, וואָס איז אַמאָל געוועזען שעף פון הויפטשטאַב און היינט דער קיי־זערינס הויפמאַרשאַל, פלעגט עפטער בעדיענען דעם קייזער אַלס קאַמערדיענער. פינפאונדרייסיג יאָהר איז ער געוועזען זיין דיאַדקע, האָט איהם שטענדיג בעגלייט אין אַלע זיינע נסיעות און האָט איהם געזעהן אין אַלע פייערליכע מאָמענטען, ווי אויך אין די סאַמע שווערע דערנידעריגענדיגע סיטואַציעס. דער קייזער איז זיך מיט'ן פירשט בעגאַנגען נישט זעהר צערטליך. „וואָס איך שטעה־אויס פון איהם, דאָס קאָן זיך קיינער לחלוטין נישט פאָר־שטעלען"—פלעגט וואָלקאָנסקי זאָגען און נישט איינמאָל האָט ער געוואָלט אַרויס אין דימיסיע, אָבער ער האָט זיך אַלץ נישט בעשלאָסען. ער איז געווען אַ שוואַכער און אַ גוטער, און האָט

ליעב געהאַט דעם קייזער, ווי אַ גוטע ניאַנע איהר קינד.

דער קייזער טהוט איהם איצט אויך זעהר לייד. ער האָט געזעהן, אַז ער איז זעהר קראַנק און פערבאָרגט, ווי אַלעמאָל, זיין קראַנקהייט: ער וויל זי איבערשטייגען.

—עך, מען ברענט שוין!—האָט דער קייזער געזאָגט, אָבּווישענדיג זיך די הענד און אַרויסקוקענדיג אין פענסטער: די שטאָדט איז אילומינירט געוואָרען.

—לכבוד אייער קומען, מאַיעסטעט!

—די טרייע אונטערטאַנען!—האָט זיך דער קייזער פערקרימט מיט עקעל.—נו, און וואָס הערט זיך דאָ?

—אַלץ אין אָרדנונג, גאָט צו דאַנקען!

—וואָס מאַכט די קייזערין?

—אויך, גאָט צו דאַנקען, געזונד. זי האָט נאָך אייך זעהר געבענקט.

דאָס וואַשען זיך האָט דעם קייזער איינגעמאַטערט, און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט'ן האַנדטוך אין די הענד. דעם האַנדטוך האָט ער פערגעסען אָבצוגעבען וואָלקאָנסקי'ן. ער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די הענד, און פון דערדאָזיגער בעוועגונג איז געווען קענטיג, אַז ער איז זעהר קראַנק.

—וואָלט איהר זיך אפשר צוגעלעגט, און איך וואָלט אַריינגערופען איהר מאַיעסטעט צו אייך...

—ניין, וואָס רעדסטו? איך בעט דיך, ברודערל, זאָלסט איהר גאָרנישט זאָגען.

—איהר מאַיעסטעט וועט דאָך אָבער אַליין דערזעהן...

—זאָל זי זעהן, אָבער ריידען זאָלסטו גאָרנישט. צו וואָס בעאונרוהיגען זי? איך זאָג דאָך דיר, אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט: איך וועל מיך אויסרוהען, וועל איך געזונד ווערען... נו, גיב מיר דעם סורטוק. איך וועל געהן צו איהר. זי וואַרט דאָך מסתמא.

וואָלקאָנסקי האָט דערלאַנגט דעם סורטוק. דער קייזער האָט איהם אָנגעטהאָן, אַ קוק געגעבען איליג און נישט זיכער אין שפּיגעל אַריין, ווי דאָס טהוען קראַנקע מענשען, אַ פיהר-

נעטהאָן מיט'ן בערשטעל איבער די האָהר, וואָס זענען געווען פערקאָמט אויף צוריק—פון די שלייפען צו דעם גלאַטען שטערען; נאָכדעם האָט ער זיך פערשפיליעט, פעררוכט אויף זיך דעם סור-טוק—קיין קנייטשען זאָלען נישט זיין און איז אַרויס פון צימער. און לויט דער בעוועגונג, ווי אַזוי ער איז אַרויס פון צימער, אַ געבויגענער און אַנ'איינגעהויקערטער, איז ווידעראַמאָל געווען קענטיג, אַז ער איז זעהר קראַנק. וואָלקאָנסקי האָט איהם נאָכ-געקוקט און עפּיס געמורמעלט אונטער דער נאָז, ווי אַנ'אַלטע צאַרטע ניאַנע, וואָס קוקט אונצופרידען אויפ'ן קראַנקען קינד.

די קייזערין האָט אָבגעוואַרט דעם קייזער אַ זייגער פינף, לויט'ן מאַרשרוט. אָבער דער זייגער האָט שוין געשלאָגען פינף און זעקס און זיבען און האַלב אַכט, און דער קייזער איז נאָך אַלץ נישט געקומען. ערשט דריי פיערטעל אַכט האָט זי דער-זעהן דורכ'ן פענסטער דעם עקיפּאַזש, וואָס איז געפאָהרען טריט-ביי-טריט, מיט אַנ'אויפגעהויבענער בויד. אפשר איז דאָס אַ לע-דיגער עקיפּאַזש? ניין, אָט איז ער, איינגעטוליעט אין וואַרי-מען שינעל און די פיס זענען איהם בעדעקט מיט בערנפעלץ. אפשר איז עפּיס געשעהן? אפשר איז ער קראַנק? זי וואָלט איהם אַנטקעגען געלאָפען, אָבער זי האָט זיך נישט דערוועגט: ער האָט פיינט געהאַט צו בעגריסען זיך מיט מענשען פאַר'ן אַרומ-וואַשען זיך. זי האָט בעשלאָסען צו וואַרטען און איז געזעסען אַליין אין קאַבינעט און זיך צוגעהערט, ווי דאָס זייגערל—דאָס פאַרצעלאַן-פאַסטוכעל מיט'ן צובראָכענעם הענדטעל—קלאַפּט זיין טיק-טאַק, טיק-טאַק. יעדע מינוט האָט איהר אויסגעזעהן ווי אַנ'-אייביגקייט. צולעצט, האָט זי שוין נישט אויסגעהאַלטען, אַריינ-גערופען לאָנגינאָוו'ן, איהר סעקרעטאַר, און געהייסען, ער זאָל געהן אַ פרעג טהאָן, וואָס איז געשעהן. לאָנגינאָוו איז אַוועק און איז פערפאַלען געוואָרען. זי האָט זיך דערמאָהנט, אַז בשעת דער פערפלייצונג האָט זי איהם אויך אַזוי אַוועקגעשיקט און דעמאָלט איז ער אויך אַזוי פערפאַלען געוואָרען, ווי איצט. אָבער זי האָט מעהר קיין כח נישט געהאַט צו וואַרטען, האָט זי זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק צו דער טהיר. אָבער אין דער אייגענער

רגע האָבען זיך דערהערט טריט: „ער! ער!“

זי האָט קיין זאַך נישט געדענקט, נישט געהערט און נישט געזעהן—זי האָט בלויז געפיהלט, אַז ער איז מיט איהר.

—ליזע, נו, אָט בין איך דאָ! נו, גאָט צו דאַנקען, גאָט צו דאַנקען!

אין אַזוינע מינוטען פלעגט זי זיך שטענדיג פיהלען גליק־ליכער, איידער ער, און אין דערדאָזיגער נישט-גליקליכקייט איז געלעגען אַ טראָפּעלע גיפט. איצט אָבער איז קיין גיפט נישט גע־ווען. דאָס ערשטע מאָל אין לעבען האָט זי געפיהלט, אַז זיי זע־נען גלייך גליקליך.

זי איז געקומען צו די געדאַנקען און האָט איהם אויפ־מערקזאַם בעטראַכט.

—איהר זענט קראַנק?

—אַ קלייניגקייט! עס לוינט זיך נישט צו ריידען וועגען דעם. מאָרגען וועל איך זיין געזונד... נו, און איהר?

זי האָט נישט געענטפערט און האָט איהם טיעפער בע־טראַכט. „יאָ, ער זעהט-אויס שלעכט, אויסגעמאָגערט געוואָרען. אָבער ניש׳קשה. פאַראיאָהרען, בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבען די רויז אויפ׳ן פוס, האָט ער אויסגעזעהן ערגער...“

—נו, ליזע, עס וועט זיכער גאָרנישט זיין,—האָט ער אַרויס־געזאָגט,—פּונקט ווי ער וואָלט פערשטאַנען איהרע געדאַנקען, און האָט איהר אַ שמייכעל געטהאָן. און זי האָט זיך פון דאָסניי פערגעסען, זיך צוגעטוליעט צו איהם און פערמאַכט די אויגען מיט אַ גליקליכען שמייכעל: זי האָט נישט געקאָנט זיין אומ־גליקליך—ער איז מיט איהר און אַלץ איז גוט אויף אייביג.

—נו, וואָס שטעהען מיר?—האָט זי פּלוצלונג בעמערקט, אַז איהם איז שווער צו שטעהן,—זעצט זיך דאָ, אויפ׳ן דיוואַן. לעגט זיך צו. אפשר ווילט איהר אַ קישען? עס טרויסעלט אייך? טהוט-אָן דעם שאַרף. אפילו אַ שלעכטער שאַרף, אָבער עס שאַדט נישט—קיינער וועט נישט זעהן. דאָס איז מיין אָרימער אַמאָל־בענס שאַרף. אַ מאוס׳ער שאַרף, ממש צום לאַכען, אָבער איך האָב איהם ליעב—ער איז וויך און וואַרים. „מיין ליעבע מוהמעלע“

אַזוי הייסט ער. שטענדיג, ווען מיך טרויסעלט פון קעלט, טוליע איך מיך אין איהם. אפשר ווילט איהר טיי?

זי האָט גערעדט און אַליין נישט געוואוסט, וואָס זי רעדט, אָבער זי האָט געפיהלט, אַז מען טאָר נישט שווייגען.

—יאָ, הייסען טיי מיט לימאָן,—האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ קינדיש-נעבעכדיגען טאָן און אין זיינע אויגען האָט זיך עפּיס דורכגעשאָטענט. וואָס פאָרט אַזוינס? גאָרנישט, גאָרנישט. מען בעדאַרף נאָר נישט שווייגען און טראַכטען בעדאַרף מען אויך נישט.

—נו, דערצעהלט, ווי אַזוי איהר האָט זיך צוגעקיהלט, וואו איז דאָס געשעהן? אָבער דעם אמת, דעם גאַנצען אמת...

און ער האָט איהר דערצעהלט דאָס אייגענע, וואָס וואָלקאָנסקי'ן, אָבער נישט אַזוי ערנסט. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער איבערלויפען די געשיכטע וועגען דער קראַנקהייט און אָנהויבען ריידען וועגען עפּיס אַנדערש.

—יאָ, ליזע, וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגען?.. יאָ, וועגען אָרעאַנדאַ: איך האָב דאָך געקויפט אָרעאַנדאַ...

פון דער זייטיגער קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַפּ׳׳ר און אַוועקגעלעגט אויפ'ן טיש: דאָס איז געווען אַ פּלאַן פון אַ קליינינטשקער ווילע בלויז פאַר זיי ביידען, און ער האָט איהר דערקלערט:

—קליינינטשקע צימערלעך, אפשר קלענער פאַר די, דערפאַר אָבער היימליכע, ליכטיגע, ווייסע מיט אַ גרויסער טעראַסע און קאָלאָנעס און מיט טרעפּ צום ים. אַלץ איז אין גריכישען סטיל און פּאַסט זיך צו דער לאַנדשאַפט. אָבער וואָס פאַר אַ לאַנדשאַפט—אַן אמת'ער גן-עדן! קיפּאַריסען, לאָרבערבוימער, אייביג-גרינע מירטען ביים בלויען ים, ביים סאַמע בלויען ים, ווי עס ווערט דערצעהלט אין די מעשה'לעך. איצט אין נאָוועמבער, בליהען נאָך רויזען.

ער האָט אַרויסגענומען פון מאַרשרוט-ביכעלע אַ געטריקענטע טיי-רויז און האָט איהר דערלאַנגט.

—גיט נאָר אַ שמעק: עס שמעקט נאָך איצט אויך. און

וואָס פאַר אַ שטילקייט איז דאָרט און וואָס פאַר אַנ'איינזאַמקייט! ווי גוט דאָרט וועט אונז זיין זאַלבענאַנד...

אַנטשוויגען געוואָרען און צוגעגעבען מיט שטילען אומעט:

—און איך האָב דאָך אַמאָל געהאָפט, אַז מיר וועלען זיין זאַלבעדריט. נו, יאָ, אַ קלייניגקייט, איינגיכען...

ער האָט שיער נישט געזאָגט: „איינגיכען וועלען מיר זיין צוזאַמען"—די ווערטער, וואָס סאָפיע האָט געזאָגט פאַר'ן טויט.

ער האָט שווייגענדיג אַ קוק געטהאָן אויף דער קייזערין און פון דאָסניי האָט זיך איהם עפּיס דורכגעשאָטענט אין די אויגען. די קייזערין האָט זיך דערשראָקען. זי האָט געוואָלט אָנהויבען ריידען, איבעררייסען דאָס שטילשווייגען, אָבער זי האָט שוין נישט געקאָנט: זי האָט בלויז געפיהלט, אַז דאָס גליק געהט־אַרויס פון האַרצען, ווי וואַסער דורך אַ געפּלאַצטען גלאָז.

אַריין פירשט וואָלקאָנסקי און געמאָלדען וועגען דעם לייב־דאָקטאָר ווילי.

—עך, ביזטו מיר אַ מענש! איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וויל איהם נישט זעהן. ער איז מיר נמאס־געוואָרען מיט זיינע רפואות,—האָט דער קייזער געשעפּטשעט.—נו, מילא, פערפאַלען. רוף איהם אַריין.

אַריין ווילי און אַ קוש געטהאָן דער קייזערין די האַנד. נאָכדעם האָט ער אַ פרעג געטהאָן דעם קייזער, ווי שפירט ער זיך.

—אויסגעצייכענט, מיין פריינד! אָט, איך האָב מיך אָנגעטרונקען מיט טיי, איז מיר וואַרימער געוואָרען. איך מוז האָבען עטוואָס היץ, מסתמא.

ווילי האָט געטאַפּט דעם פּולס און געשוויגען.

—יאַקאָוו וואַסיליעוויטש, טהו מיר אַ טובה,—האָט דער קייזער ווידער געזאָגט—און בערוהיג זי. זאָג איהר, אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט. וואָרום מיר גלויבט זי נישט...

—אַ נאַרישקייט, נאַטירליך. אָבער מען בעדאַרף זיך היילען, אייער מאַיעסטעט. איהר האָט דאָך אָבער פיינט רפואות...

—נו, איך ווייס, ברודער, איך ווייס... קום נאָר אַהער,—

האָט ער אַ רוף געטהאָן דעם פירשט וואָלקאָנסקי,—וואָס, מיינסטו, איז דאָס?—און ער האָט איהם אַנגעוויזט אויפ'ן פּלאַן.

—עפּיס אַ הויז.

—אָבער וועמעס הויז

—איך ווייס נישט.

—דאָס הויז פונ'ם גענעראַל אין דימיסיע—אַלעקסאַנדער פּאַוולאָוויטש ראָמאַנאָוו. איך וועל דאָך איינגיכען אַרויס אין די-מיסיע.

—ווערט אפשר נישט זיין צו-פריה?

—וואָס פאַר אַ צו-פריה, איך בעט דיך: פינפאונצוואַנציג יאָהר דיענסט—אפילו אַ סאָלדאַט ווערט דאָך בעפרייט נאָך אַזאַ טערמין. געה דו, ברודער, אויך אַרויס אין דימיסיע, וועסטו זיין מיין ביבליאָטעקאַר...

מען האָט גערעדט פרעהליך, רוהיג. אָבער פון דערדאָזיגער רוהיגקייט האָט זיך די קייזערין ווידעראַמאָל דערשראָקען: זי האָט געשפּירט ווי פון דעם געפּלאַצטען גלאָז ווערט אַלץ מעהר און מעהר אַנטרונען דאָס וואַסער.

ווילי האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער און בעמערקט, אַז דעם קייזער איז שוין צייט צו געהן שלאָפען.

—און איך האָב שוין פריהער פערשטאַנען, אַז דו וועסט מיך אַוועקיאָגען שלאָפען. אָבער איך פיהל מיך דאָ זעהר גוט. נו, גוט, גוט, איך געה שוין—איך וועל נאָר זאָגען „אַ גוטע נאַכט".

ווילי און וואָלקאָנסקי זענען אַרויס פון צימער.

—נו, וואָס, ליזע, האָט איהר זיך בערוהיגט?—האָט דער קייזער געפרעגט און זיך אויפגעהויבען.

זי האָט געוואָלט ענטפערן און האָט ווידער נישט געקאָנט.

—וואָס איז דאָס מיט אייך, ליזע? כלעבען, מען טאָר אַזוי נישט. מיר וועלען דאָך איינע די אַנדערע אויסמאַטערן: דאָ זענט איהר קראַנק און איך געה-אַרום אָהן אַ קאָפּ, און דאָ בין איך קראַנק און איהר געהט-אַרום אָהן אַ קאָפּ. ווי דער בער מיט'ן ציגעלע אין יענעם שפּיעלכעל, איהר געדענקט? גיסטו

ציה רעכטס—פאַלט דער בער אויפ'ן ציגעלע, טהוסטו א ציה לינקס—פאַלט דאָס ציגעלע אויפ'ן בער..

—ניין, איך מיין גאָרנישט... אָבער איך בין געוועז אזוי גליקליך...—האָט זי אָנגעהויבען און נישט געענדיגט: די טרעה־רען האָבען זי געשטיקט. דאָס גלאָז האָט אפילו געפּלאַצט אבער פון דאָסניי איז עס אָנגעפּילט געוואָרען מיט וואַסער.

—מיין ליעבער, מיין ליעבער!—האָט זי זיך צוגעטוליעט צו איהם און זיך צעוויינט—גאָט זאָל אייך בעצאָהלען פאַר אייער... פריינדשאַפט צו מיר!

קיין מוט נישט געהאַט צו זאָגען: ליעבע.

—נו, גאָט זאָל אייך בעשירמען,—האָט זי איהם געוואַלט איבער'צלמ'ען אויף דער נאַכט

—ניין, ליזע, שפּעטער. קומט-אַריין צו מיר, ווען איך וועל מיך לעגען.

ער איז אַוועק צו זיך אין קאַבינעט, זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש און גענומען איבערקוקען די געקומענע פּאָסט. צווי־שען די בריף און פּאַפּירען האָט ער געפונען אַ מיטטיילונג פון גענעראַל קליינמיכעל: „די בעשרייבונג פונ'ם פערברעכען אין גרוזינאָ.״

דער קאָפּ האָט איהם וועה געטהאָן און אין די אויגען האָט געפינטעלט פון היץ. לייענען כסדר האָט ער נישט גע־קאָנט און ער איז בלויז אַדורכגעלאָפען מיט די אויג

„לויט די בעווייזען פונ'ם רוצח, איז די פערשטאָרבענע אַנידערגעפאַלען און גענומען שרייען; אין דער אייגענער צייט האָט ער איהר איבערגעשניטען דעם האַלז און אָבגעשניטען דעם קאָפּ אַזוי, אַז ער איז געבליבען הענגען אויף איין ביינדעל״...

און צום סוף: „עס קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין, אַז דער גראַף זאָל זיך איצט בעשעפטיגען מיט זיינע מלוכה-ענינים, אָבער איך בין זיכער, אַז ער וועט זיי נישט פערלאָזען, קוים וועט מען איהם עטוואָס בערוהיגען אין זיין הויז-לעבען.״

דער קייזער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און געטראַכט: ווי אַזוי זאָל מען איהם בערוהיגען? זאָל מען איהם אַנ'אַנדער נפקא

אָבזוכען, צי וואָס? אָבער ניין, נאָך אַזאַ איינע וועט זיך שוין נישט אַבגעפינען. דער פּאָטער פּאַטיוס רופט-אָן דידאָזיגע חיה איז מענשענגעשטאַלט „מערטירערין", אָבער מיט גליהענדיגע צוואַנגען האָט זי אויסגעברענט איהר שטובמיידעל דאָס פּנים דערפאַר, וואָס יענע האָט איהר די האָהר נישט גוט פערקעמט.

ער האָט מעהר נישט געלייענט. עס האָט געעקעלט, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר דערפאַר, וואָס ער לייענט, עקעלט איהם.

דערזעהן אַ בריף פון אַראַקטשייעוו'ן, האָט ער איהם גע-עפענט, אָבער אויך נישט געלייענט, בלויז אַ קוק געטהאָן.

„אַך, פּאָטערל, איך וואָלט געפלויגען צו אייך קיין טאַ-גאַנראָג, וואָרום קיין איין זאַך בעגעהר איך נישט אַזוי, ווי זעהן מיין גוטסטהוער. אָבער דער וועהטאָג אין ברוסט איז אַזוי גרויס, אַז איך שרעק מיך צו לאָזען זיך אין וועג אין אַ שלעכט וועטער. מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל עס נישט איבערטראָגען. פון וויטען נעהם איך אַרום אייערע קניה און קוש אייך די הענד".

דער קייזער האָט ווידעראַמאָל אַ שמייכעל געטהאָן: ווי אַזוי וואָלט ער איצט בעגעגענט אַראַקטשייעוו'ן, ווען ער וואָלט געקומען צופאָהרען? איבעריגענס, צו וואָס זיין בייז אויף איהם? „וואוהין איהר געהט, דאָרט געהט ער אויך; וואָס איהר זענט, דאָס איז ער אויך. ער אַליין איז נישטאָ, ער איז בלויז אייער שאָ-טען."—„יאָ, ער איז מיין שאָטען. בשעת די זון איז געשטאַנען הויך, איז דער שאָטען געלעגען ביי די פיס, אָבער אַז די זון איז פערגאַנגען, איז דער שאָטען אויסגעוואַקסען..." אַ ריזיגער שאָטען, אַ קאָמיש שרעקבילד. „די מיליטערישע קאָלאָניעס זענען אַ גרויס אונרעכט, וואָס נאָר אַ ווילדער טיראַן האָט זיי געקאָנט אויסטראַכטען".—דער קייזער האָט זיך דערמאָהנט אָן אַלילויעווס מסירה און אָן דעם שטילען געיאָמער פון פאָלק: „זיי מציל, קייזער, דאָס פראַוואָסלאַוונע פאָלק פון אַראַקטשייעוו'ן!" ער האָט אַמאָל געטרוימט פון גאָטס מלוכה אויף דער ערד און אָט האָט ער געשאַפען אַראַקטשייעווס מלוכה, די מלוכה פון אַ חיה... יאָ, זיי זענען גערעכט...

דער קאָפּ האָט געשווינדעלט און אין די אויגען האָט אַזוי געפינטעלט, אַז עס האָט געקעהרט צו חלשות. ער האָט זיך אויפגעהויבען, אַוועק צום דיוואַן און זיך אַנידערגעלעגט. ער האָט פערמאַכט די אויגען, אָבער ער האָט נישט געשלאָפען, און ווי אין אַ חלום האָט ער געזעהן: אַ פּאָסט-טראַקט אויף דער סטאַנציע וואַסיליעווקע, פינפאונצוואַנציג וויאָרסט פון דער שטאָדט אָרעכאָוו; מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז ער דאָרט פאַרבייגעפאָהרען: דאָרט האָט ער געטראָפען דעם פעלדיעגער מאַסקאָוו, וואָס איז געקומען מיט דעפּעשען פון פּעטערבורג און טאַגאַנראָג. דער קייזער האָט איהם געהייסען נאָכפאָהרען נאָך זיין עקיפּאַזש: פון דער קומענדיגער סטאַנציע האָט ער איהם געוואָלט שיקען קיין טאַגאַנראָג מיט אַ בריף צו דער קייזערין. דער קייזער האָט זיך אַנידערגעזעצט אין עקיפּאַזש און איז אַוועקגעפאָהרען. דער טראַקט איז געגאַנגען משופּע באַרג-אַראָב, צו אַ בריק איבער אַ טייכעל. דער עקיפּאַזש האָט זיך בשלום אַראָבגעלאָזט איבער'ן טראַקט, איז אַריבערגעפאָהרען די בריק און האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען אויפ'ן צווייטען ברעג. מאַסקאָוו האָט זיך אויך אַנידערגעזעצט אין זיין קוריערן-טראָיקע און האָט אַ געשריי געטהאָן צום קוטשער: „פּאָהר!” דערביי האָט ער ווילד און צוהיצט אַ פּאָך געטהאָן מיט'ן שווערד איבער'ן קוטשער, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די פעלדיעגערס. ער האָט זיך מסתמא אָנגע'שכור'ט אויף דער סטאַנציע. דער קוטשער האָט אַ טרייב געטהאָן די פערד. דער עקיפּאַזש האָט זיך אַ ריס געגעבען פון אָרט און זיך אַוועקגעטראָגען באַרג-אַראָב. אָבער ביי דער בריק האָט דער קוטשער נישט געקאָנט איינהאַלטען די פערד און איז מיט אימפּעט אַרויפגעפאָהרען אויף אַ בערגעל. דער עקיפּאַזש איז שטאַרק אָבגעשפּרונגען פון דער ערד, מאַסקאָוו איז אַרויסגעפאַלען, זיך איבערגעדרעהט אין דער לופטען און מיט'ן גאַנצען אימפּעט אַ קלאַפּ געטהאָן דעם קאָפּ אָן אַ שטיין. דער קייזער האָט עס דערזעהן און אַ געשריי געטהאָן. ער האָט באַלד געהייסען טאַראַסאָוו'ן לויפען ראַטעווען דעם פעלדיעגער. אָבער

 אויף דער קומענדיגער סטאַנציע, אין אָרעכאָוו, האָט טאַראַסאָוו

געמאָלדען דעם קייזער, אַז מאַסקאָוו איז געשטאָרבען אויפ'ן אָרט פון מאַרכצוטרויסלונג, און די קאָפּ-ביינער זענען צושמעטערט. שוין דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבען דער פיבער, אָבער בשעת טאַראַסאָוו האָט דערצעהלט, האָט ער זיך אַזוי געשטאַרקט, אַז צאָהן אָן צאָהן האָבען געקלאַפּט. „און ווי וואָלט געווען,—האָט ער געטראַכט,—ווען איך וואָלט מאַסקאָוו'ן אַוועקגעשיקט פאָראויס מיט'ן בריף צו דער קייזערין? דעמאָלט וואָלט איך געשריבען אַזוי: „איך שיק אייך מאַסקאָוו'ן און וועל קומען באַלד נאָך איהם.“ דאָס וואָלט דאָך געווען דאָס אייגענע, ווי די ליכט בייטאָג—אַ סימן, אַז אַ מת...“

איצט, אַז ער איז געלעגען אויפ'ן דיוואַן מיט צוגעמאַכטע אויגען, האָט ער געזעהן, ווי מאַסקאָוו פאַלט-אַרויס פונ'ם עקיפּאַזש און ער האָט געהערט דאָס קנאַקען פון ביינער, פון קאָפּ-ביינער. „אָט פאַרוואָס דער קאָפּ טהוט אַזוי וועה—צוליעב דער דאָזיגער ביינער-קנאַקעריי. דער קאָפּ ווערט צושפּאָלטען דערפון... אַ מאוס'ע זאך! שוין בעסער אויפהויבען זיך פון דיוואַן...“

ער האָט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צום טיש און ווידער גענומען אַריינקוקען און זוכען צווישען די פּאַפּירען. לאַנג האָט ער געזוכט עפּיס אַ פּאַפּיר און צולעצט געפונען. דאָס איז געווען אַ בריף אָהן אַ נאָמען, איינע פון יענע נאַרישע מסירות, מיט וועלכע מען האָט איהם אַזוי פערשאָטען זי לעצטע צייט. דעמדאָזיגען בריף האָט ער כמעט געקאָנט אויף אויסווענדיג. מען האָט איהם כמעט נישט בעדאַרפט לייענען. אָבער ער האָט זיך דאָך נישט געקאָנט איינהאַלטען.

„אייער קייזערליכע מאַיעסטעט! אין תהלים, דאָרט, וואו עס רעדט זיך וועגען האַרען און ערדישע מלכים, ווערט געזאָגט: „געטער זענט איהר און קינדער פונ'ם אויבערשטען. אָבער איהר וועט שטאַרבען, ווי מענשען.“ מאַיעסטעט, אַלע אייערע טרייע אונטערטאַנען ווייסען, אַז איהר זענט אַ גרויסער אַליינהערשער, דאָך אָבער האַלט איהר זיך נישט פאַר אַנ'ערדישען גאָט, און איהר האָט עס אפילו פערבאָטען דורך אַ בעפעהל צום הייליגען

סינאָד אין אַלע צערקווועס, ווייל איהר האָט, קענטיג, אין דער מחשבה די לעצטע שעה פון אייער לעבען.

„אייער מאַיעסטעט, ווי אַ טרייער אונטערטאַן און ווי אייע־רער אַנ׳אויפריכטיגער פריינד, וואָס איז אייך אפילו אונבעקאַנט, און אויך ווי אַ זוהן פון מיין פאַטערלאַנד, בעשווער איך אייך אין נאָמען פון גאָט, איהר זאָלט געדענקען דידאָזיגע שעה. מעהר ווי אַנ׳אַנדערש מאָל בעדאַרפט איהר זי היינט האָבען אויף דער מחשבה, ווייל זי, דידאָזיגע שעה, קומט שוין אָן: די מערדערי־שע פּלאַנען פון אייערע פיינד ווערען שוין פערווירקליכט!

ביז אַהער איז דער בריף געווען געשריבען אין רוסיש, ווייטער אָבער — אין אַ שלעכטען פראַנצויזיש.

„די רוצחים האָבען זיך לאַנג מישב־געווען, וואָס פאַר אַ געוועהר צו געברויכען: צי אַ קויל, צי אַ קינזשאַל אָדער גאָר סם. אָבער צולעצט האָבען זיי אויסגעקליבען סם. אפשר איז שוין שפעט, אפשר פליסט שוין דער סם אין אייערע אָדערן? אויב אָבער עס איז נאָך נישט שפעט, זאָלט איהר זיך היטען; איהר זאָלט זיך היטען פאַר די אַלע, וואָס רינגלען אייך אַרום. היט זיך פאַר אייער קאַמערדיענער, פאַר אייער קוכער, פאַר אייער דאָקטאָר; גלויבט זיי קיינעם נישט; זיי זענען אַלע פעררעטער און אַלע אונטערגעקויפט. איהר זענט אַרומגערינגעלט פון רוצחים. דאָס ברויט, וואָס איהר עסט, איז פער׳סמ׳ט; דאָס וואַסער, וואָס איהר טרינקט, איז פער׳סמ׳ט; די לופט, מיט וועלכער איהר אָטעמט, איז פער׳סמ׳ט; די רפואות, וואָס איהר נעהמט־איין, זע־נען פער׳סמ׳ט. איידער איהר געהט עסען אָדער טרינקען, הייסט די אַלע, וואָס דערלאַנגען עס אייך, זיי זאָלען עס פריהער אַליין פּרובען. דעמדאָזיגען כּלל בעדאַרפט איהר געדענקען טאָג און נאַכט — אַלע טאָג, אַלע שעה, אַלע מינוט. געדענקט, אַז אומעטום קאָן זיך געפינען סם. מענשען שטאַרבען דאָך אַזוי אָפט פון פערשידענע סבות: פון טשאַד, פון געשטויסענעם גלאָז אין ברויט. מען וועט אייך דער׳הרג׳ענען, מען וועט אייך לאַנגזאַם פער׳־סמ׳ען און דערנאָך וועט מען זאָגען, אַז איהר זענט געשטאָרבען מיט אַ נאַטירליכען טויט.

„איך שרייב עס אייך פון ריינעם האַרצען מיט דער היץ און פייער פון אַ טרייען אונטערטאַן, באַלד דערויף ווי איך האָב מיך דערוואוסט פון די מערדערישע פּלאַנען. גאָט זאָל אייך בעשיצען!

אַ רשע, וואָס איז אַ בעל-תשובה געוואָרען און וואָס איז היינט אייער טרייער אונטערטאַן סאַמע ביז׳ן קבר.״

„יאָ, מען האָט נישט בעדאַרפט לייענען: נאַריש, מאוס און עס עקעלט צו טויט. פּלוצלונג האָט ער זיך עפּיס דערמאָהנט און זיך שטאַרק גע׳חדוש׳ט: דעמדאָזיגען בריף האָט ער, דאַכט זיך, פערברענט? האָט ער איהם ווירקליך פערברענט? יאָ, ער געדענקט זעהר גוט, ווי אַזוי דאָס איז געווען: ער האָט בעקומען דעם בריף, און אויף מאָרגען אינדערפריה, ביים טיי, האָט ער געפונען אינ׳ם ברויט אַ שטיינדעל. האָט ער געשיקט נאָך דיביטש׳ן, געוויזען איהם דאָס ברויט און געהייסען, ער זאָל דערגעהן, וואָס דאָס איז אַזוינס און ווי אַזוי האָט עס געקאָנט אַריינפאַלען אינ׳ם ברויט. „מיט וואָלקאָנסקי׳ן וויל איך מיך נישט שאַפען,—האָט ער געזאָגט,—ווייל ער איז אַנ׳אַלטע באַבע און ווען דאָ גאָרנישט קאָנען מאַכען, ווי געהעריג״. דיביטש האָט אַריינגערופען ווילי׳ען און דער דאָקטאָר האָט איינגעפונען, אַז דאָס איז אַ געוועהנליך שטיינדעל. דער בעקער, נאַטירליך, האָט זיך ענטשולדיגט און געזאָגט, אַז דאָס שטיינדעלע איז אַריינגעפאַלען על-פּי-טעות! דעמאָלט האָט דער קייזער געוואָלט ווייזען דיביטש׳ן די גאַנצע מסירה, אָבער ער האָט זיך געשעמט און האָט זיך אויך געשראָקען דאָס צו טהאָן. געשראָקען האָט ער זיך נישט דערפאַר וואָס אין דער מסירה ווערט געזאָגט, נאָר דערפאַר, ווייל דיביטש האָט געקאָנט גלויבען דערין. דעמאָלט איז ער אַוועק צו זיך אין קאַבינעט, האָט אָבגעזוכט דעם בריף און איהם פערברענט.

„ווי אַזוי קומט איצט אַהער דער בריף? בין איך פון זינען אַראָב, צי וואָס?״ ער האָט איהם געהאַלטען אין דער האַנד, בעטאַפּט און בעטראַכט, פּונקט ווי ער וואָלט געהאָפט, אַז ער וועט איהם אַנטרונען ווערען פון די הענד. אָבער ער איז נישט

אַנטרונען געוואָרען. האָט ער איהם צוגעטראָגען צו די ברענדיגע ליכט און געפּרובט אָנצינדען—ברענט ער נישט; האָט ער איהם אַ וואָרף געטהאָן—פאַלט ער נישט; ער קלעבט זיך און קלעבט זיך צו די הענד, פּונקט ווי ער וואָלט בעשמירט געוועזען מיט קליי. אָבער אויך די ליכט ברענען שטאַר, ווי דעמאָלט, בייטאָג, פאַר אַ מת און אַ שוואַרץ-געלבער נעבעל פילט-אָן דאָס צימער, און עמיץ שטעהט הינטער׳ן רוקען, אָבער ער ווייס, ווער—כאָטש ער האָט זיך נישט אָבגעקעהרט און האָט נישט געזעהן: דאָס איז דער ווייסער, גלאַטינקער זקן; די אויגלעך זענען בלוי, „פּונקט ווי ביי אַ קעלבעלע״, ווי ביי איהם אַליין אין שפּיגעל; דאָס איז פיאָדאָר קוזמיטש, דער בעטלער און שלעפער, וואָס האָט נישט קיין פּאַספּאָרט און האָט נישט קיין נאָמען.

ער האָט אויסגעשריען, געקומען צו די געדאַנקען און דערזעהן, אַז ער ליעגט אויפ׳ן דיוואַן. דעמאָלט האָט ער פערשטאַנען, אַז ער איז נישט געזעסען ביים טיש און אַז דאָס זענען בלויז געוועזען היץ-חלומות.

אַריין די קייזערין.

—איהר שלאָפט נאָך נישט?

—ניין, ליזע, איך וואַרט אויף אייך.

—איך האָב אָנגעקלאַפּט, איהר האָט נישט געהערט.

—איך האָב נישט געהערט. טויב געוואָרען. פון היץ ווער איך אַלעמאָל טויב. געדענקט איהר, פאַראַיאָהרען, בשעת די רויז האָט זיך אָנגעהויבען, בין איך אויך טויב געוואָרען. טויב ווי אַ טעפּעל... נו, גיט מיר אַ קוש. איך וועל מיך לעגען אין בעט אַריין. איצט איז מיר גוט, איינגאַנצען גוט,—האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן אַזוי אויפריכטיג, אַז זי האָט האַלב געגלויבט.—איהר בעאונרוהיגט זיך נאָר נישט, מיין פריינד. אַ גוטע נאַכט.

זי האָט איהם איבערגע׳צלמ׳ט און אַ קוש געטהאָן.

אַז זי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט יעגאָריטש אָנגעקלאַפּט אין טהיר. דער קייזער האָט אָבער נישט געהערט, און ער האָט לאַנג געקלאַפּט. צולעצט, איז ער אַריין אין צימער.

—ווילט איהר זיך אויסטהאָן, אייער מאַיעסטעט?

—אויסטהאָן? יאָ... ניין, שפּעטער. איך וועל אָנקלינגען.

יעגאָריטש איז צוגעגאַנגען צום טיש און גענומען אויס־ריינינגען די ליכט.

—ווייסטו, יעגאָריטש, איך בין דאָך זעהר קראַנק,—האָט דער קייזער געזאָגט.

—מען בעדאַרף זיך היילען, אייער מאַיעסטעט.

„ער ווייס אַלעמאָל, וואָס מען בעדאַרף”,—האָט דער קייזער אַ טראַכט געטהאָן. אָבער יעגאָריטש'עס רוהיגקייט איז איהם געווען אָנגענעהם.

——ניין, ברודער, עס איז שוין צו־שפּעט.—אַ ווײַלע האָט ער געשוויגען און נאָכדעם געזאָגט:—אָבער די ליכט געדענקסטו?

—וואָסערע ליכט?

—נו, ווי אַזוי געדענקסטו דאָס נישט? דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט: „אַז ליכט ברענען בייטאָג, וועט זיין אַ מת אין שטוב...”

—גאָט זאָל אויסהיטען, אייער מאַיעסטעט!—האָט יעגאָריטש אַרויסגעמורמעלט, אַ בלאַסער, און זיך גענומען צלמ'ען.

—נו. וואָס האָסטו זיך דערשראָקען, שוטה. מען טאָר נישט שפּאַסען? שרעק זיך נישט, איך וועל נאָך דיך בעגראָבען... געה דיר.

יעגאָריטש איז אַרויס פון צימער, אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ געצלמ'ט. ער האָט ליעב געהאַט דעם קייזער און איז אויסער זיך געווען.

דער קייזער איז אויפגעשטאַנען און גענומען געהן אויף־און־אָב איבער'ן צימער. דער פיבער האָט זיך געשטאַרקט און יעדער טריט האָט זיך פיינליך אָבגערופען אין קאָפּ. אָבער לעגען דיך אין בעט אַריין איז נאָך ערגער געווען—ער האָט זיך זעהר געשראָקען פאַר די היץ־חלומות. מען האָט זיך אָבער בעדאַרפט בעדאַכטען, אָננעהמען עפּיס אַ בעשלוס. וואָס איז מיט איהם? יאָ, ער איז קראַנק, אפשר זעהר קראַנק. אָבער וואָס האָט ער זיך אַזוי דערשראָקען? פאַר'ן טויט האָט ער מורא? ניין, נישט פאַר'ן טויט. אַז ער גלויבט גאָרנישט, ער זאָל שטאַרבען. דאָס האָט ער בלויז יעגאָריטש'ן אויסגעפּרובט און האָט זיך שטאַרק

גע׳חדוש׳ט, וואָס יענער האָט אַזוי לייכט געגלויבט דעריןּ. ניין, נישט פאַר׳ן טויט שרעקט ער זיך, נאָר פאַר עפּיס אַנדערש, וואָס איז שרעקליכער פון טויט... „דאָס ברויט, וואָס איהר עסט, איז פער׳סמ׳ט; דאָס וואַסער, וואָס איהר טרינקט, איז פער׳סמ׳ט; די רפואות, וואָס איהר נעהמט-איין, זענען פער׳סמ׳ט...” איז דאָס איבעריגענס, געווען אַזאַ מסירה? געווען, אודאי געווען, און ער האָט זי פערבערענט, נאָכדעם ווי ער האָט געפונען דאָס שטיינדעל אין ברויט. דאָס איז נישט קיין היץ-חלום, דאָס געדענקט ער אויך איצט, אויפ׳ן וואָהר. שוין-זשע האָט ער דעמאָלט געגלויבט און גלויבט נאָך איצט אויך? נישט אומזיסט האָט זיך אין היץ איהם געקלעבט דעם מסור׳ס פּאַפּירעל צו די הענדאָט קלעבט זיך עס צו דער נשמה... וואָס פאַר אַ מאוס׳ע זאַך!..

ער האָט זיך צוגעשטעלט, צוגעטראָגען די הענד צו די אויגען און אַ קוק געטהאָן, ווי די נעגעל זענען איהם בלוי געוואָרען פון פיבער און, מעגליך, פון עפּיס אַנדערש. ער האָט אַ לעק געטהאָן מיט דער צונג דעם גומען: יאָ, ער האָט נאָך אַלץ דעמזעלבען מעטאַלישען געשמאַק אין מויל. אין מויל איז נאָך אַלץ פאַרהאַן די אייגענע איבעלקייט און דער אייגענער שליים און אין בויך נאָגט נאָך אַלץ דער אייגענער עקעלהאַפטער און לאַנגזאַמער וועהטאָג; אַזוי האָט ער זיך געשפירט דעמאָלט, אין באַכטשיסאַראַי, בשעת ער האָט געטרונקען דעם זויערן זאַפט. „אפשר איז שוין ווירקליך שפּעט? אפשר פליסט שוין אין אייערע אָדערן דער סם?..” פּלוצלונג איז איהם בעפאַלען עפּיס אַ גרימצאָרן. שוין-זשע איז ער באמת דערגאַנגען דערצו? אַ שטיינדעלע אין ברויט, זויערער זאַפט—דאָס איז דאָך משוגעת!

יאָ, ער איז געוויס פער׳סמ׳ט געוואָרען. אַך, וואָס פאַר אַ לאַנגזאַמער, לאַנגזאַמער ג׳פט! נאָך דעמאָלט, אין יענער שרעקליכער נאַכט פון 11-טען מערץ איז ער פּער׳סמ׳ט געוואָרען מיט דעמדאָזיגען סם. און זיי ווייסען עס. זיי זענען גערעכט—אָט וואו עס ליעגט זייער כח, אָט מיט וואָס זיי ווען איהם טויטען פון דערווייטענס. איז דאָך פאַרהאַן אַזאַ מין כשוף: מען מאַכט אַ מענשען פון וואַקס און מען שטעכט איהם דורך דאָ׳

האַרץ מיט אַ נאָדעל — און דער שונא שטאַרבט-אַוועק. יאָ, אַ סם פליסט אין זיינע אָדערן און דערדאָזיגער סם איז — פּחד. פאַר-וואָס שרעקט ער זיך? יאָ, ווען עס וואָלט פאַרט עפּיס געווען! אָבער ער האָט שוין לאַנג פאַרשטאַנען, אַז עפּיס אַ פּחד איז שרעקליכער פון אַלץ אין דער וועלט. דאָס איז נישט קיין שרעק פאַר עפּיס, נאָר סתּם גאָלע פּחד, יענער געמיינער זינגלאָזער חיה׳-שער פּחד, וואָס דרעהט-איבער די געדערים און מאַכט זיי קאַלט און צוטרויסעלט אַזוי דעם גוף, אַז צאָהן אָן צאָהן קלאַפּט. דאָס איז פּחד לשם פּחד. צוויי שפּיגלען שטעהען געגענאיבער איינאַנדער, איינער שלאָגט זיך אָב אין צווייטען און ביידע פאַרטיעפען זיך אָהן אַ שום גרעניץ. און דאָס ליכט פון בעוואוסטזיין, ווי דאָס פייער פון אַ ליכט צווישען צוויי שפּיגלען, ווערט שטאַר און בלאַס און פאַרזינקט אין דער אונענדליכער טיעפקייט — און דאָ קומט שוין פינסטערניש, פינסטערניש, משוגעת...

און דאָ האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאָהנט, ווי אַמאָל, נאָך יונגעלווייז, האָט דער ברודער קאָנסטאַנטין פאַר׳סמ׳ט אין אַ שפּיעל אַ הונד: ער האָט אַריינגעלעגט אַ נאָדעל אין אַ קיילע-כעל ברויט. „נו, מילא, אַ הונד — זאָל ער פאַרדייען אַ הינדטישען טויט!" — האָט דער קייזער אַ שמייכעל געטהאָן מיט אַ רוהיגער פאַראַכטונג. און אין דערדאָזיגער פאַראַכטונג איז אַלץ פאַרזונקען געוואָרען: בושה, וועהטאָג, שרעק.

ער האָט אַריינגערופען דעם קאָמערדיענער, זיך אויסגע-טהאָן שנעל און שווייגענדיג און זיך אַריינגעלעגט אין בעט אַריין. די נאַכט איז אַדורכגעגאַנגען שווער און שלעכט, ער האָט נישט געשלאָפען, אָבער אינדערפריה האָט ער געשוויצט און איז איינגעשלאָפען.

אויף מאָרגען האָט ער כמעט קיין היץ נישט געהאַט. ער איז אָבער געווען שוואַך און געלב, „געלב, ווי אַ לימאָן", ווי ער אַליין האָט זיך געוויצעלט, אַריינקוקענדיג אין שפּיגעל. ער האָט זיך אָנגעטהאָן, זיך אַרומגעוואַשען, אַרומגעראַזירט, ווי אַלעמאָל. נאָכדעם איז ער אַריין אין קאַבינעט און זיך געוואַרימט ביים קאַמין. וואָלקאָנסקי האָט איהם געלייענט די פּאַפּירען און דער

קייזער האָט איהם אַלץ געבעטען, ער זאָל לייענען העכער. ער האָט שלעכט געהערט. „טויב, ווי אַ טעפּעל",—האָט ער ווידעראַמאָל געשפּאַסט.

דעם גאַנצען טאָג איז ער געווען אויף די פיס און אין דער אוניפאָרם. ווילי האָט איהם געוואָלט געבען די רפואה, אָבער דער קייזער האָט געזאָגט, ער זאָל איהם געבען אין אָוונד, נאָר אַז ווילי האָט זיך איינגעןעקשנ'ט, האָט דער קייזער אָנגעשריען אויף איהם:

—געה אַוועק פון מיר!

ער האָט געמיטאָגט מיט דער קייזערין. צוערשט האָט מען דערלאַנגט אַ זופּ פון פּערלגריץ. אויפגעגעסען דעם זופּ, האָט ער געזאָגט:

—איך האָב מעהר אַפּעטיט, ווי איך האָב גערעכענט.

דערנאָך האָט מען דערלאַנגט אַ לימאָן-זשעלע. ער האָט פּערזוכט און זיך פּערקרימט:

—דאָס האָט עפּיס אַ מאָדנעם טעם. פּערזוכט נאָר.

—אפשר צו-זויער?

—ניין, נאָר עפּיס אַ מעטאַלישען טעם האָט עס. איהר שפּירט דען נישט?

ער האָט געהייסען אַריינרופען דעם מעטרדאָטעל: זאָל ער עס פּרובען פאַר איהם אין די אויגען.

—איך בעמערק עס שוין נישט דאָס ערשטע מאָל. דו גיב, ברודער, אַכטונג, מען זאָל גוט וואַשען די געפעסען.

נאָכ'ן מיטאָג האָט ער אָבגערוהט אויפ'ן דיוואַן און די קייזערין האָט געלייענט אַ בוך. ווילי האָט ווידעראַמאָל געזאָגט, אַז מען בעדאַרף נעהמען די רפואה.

—מאָרגען,—האָט דער קייזער געזאָגט.

—איהר האָט דאָך אָבער צוגעזאָגט, אַז היינט.

—אָט, אַ מאָדנער מענש! נו, וואָס קאָן איך מיט דיר מאַכען? אַז איך זאָל איינגעהמען אויף דער נאַכט, וועל איך דאָך נישט שלאָפען.

—איהר וועט שלאָפען. עס וועט ווירקען ביז נאַכט

די קייזערין האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם מיט בּאַזאָרג- טע אויגען.

—איהר גלויבּט, ליזע?

—יאָ, איך בּעט אייך.

—נו, גוט, גיבּ אַהער.

ווילי איז אַוועק צוגרייטען די רפואה און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ער געבּראַכט אַכט פּילען.

—וואָס איז דאָס?—האָט דער קייזער געפרעגט.

—זעקס גראַן קאַלאָמעל און אַ האַלבּע דראַכמע יאַלאַפּען- וואורצעל. אייער געוועהנליך אַבּפיהרמיטעל.

—קאַלאָמעל איז קוועקזילבּער?

—יאָ, זיס קוועקזילבּער.

—סם?

—אַלע רפואות זענען סם, אייער מאַיעסטעט, ווי די רוסען זאָגען: איין האָלץ טרייבּט דאָס צווייטע.

—איין קלין זעצט-אַרויס דעם צווייטען.

—יאָ, אַזוי מיינט מען טאַקי: איין סם זעצט-אַרויס דעם צווייטען: דער רפואה-סם זעצט-אַרויס דעם קראַנקהייט-סם.

ער האָט אַראָבּגעשלונגען די פּילען און איז אַוועק צו זיך. דעם אָוועגד האָט ער ווידער פערבּראַכט מיט דער קייזערין. מען האָט פרעהליך געשמועסט, אָדער עס האָט בּלויז אויסגעזעהן אַזוי; מען האָט געשמועסט פון די טאַגאַנראָגער פּליאָטקעס, פון דעם געריכטס-פּאָרזיצערס ווייבּ, אוליאַנע אַנדרעיעווגע, וועלכע מען האָט געכאַפּט אויפ'ן בּוידעם, וואו זי איז געשטאַנען מיט אַ שפּאַקטיוו בּיי די אויגען און האָט געקוקט אין די פענסטער פון פּאַלאַץ. מען האָט זיך אויך דערמאָהנט, אַז מאָרגען, דעם 7-טען נאָוועמ- בּער, איז דער יאָהרצייט פון דער פּעטערבּורגער פערפלייצונג. „זאָל גאָט געבּען, אַז דאָס יאָהר זאָל גליקליכער זיין".

פּלוצלונג האָט ער זיך אויפגעהויבּען און געבּעטען, זי זאָל אַרויסגעהן.

—וואָס איז מיט אייך?

—גאָרנישט. דאַכט זיך, אַז די רפואה האָט געווירקט.

עס האָט אויסגעצייכנט געווירקט. ער האָט זיך דערשפּירט לייכטער, און די היץ איז אָבגעפאַלען.

—נו, אָט זעהט איהר, ליזע, איך האָב אייך געזאָגט, אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט, אַז עס וועט גאָרנישט זיין.

—גאָט צו דאַנקען! און איהר האָט נאָך נישט געוואָלט איינגעהמען די רפואה.

אָבער אויף מאָרגען האָט ער זיך מודה-געווען איהר, אַז ער האָט זי נעכטען געבעטען אַרויס פון צימער נישט דערפאַר, וויל די רפואה האָט געווירקט, נאָר דערפאַר, ווייל איהם איז פּלוצלונג בעפאַלען אַזאַ נודנעקייט, אַז ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טהאָן מיט זיך. ער האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז עמיץ זאָל איהם זעהן אין אַזאַ צושטאַנד.

קיין טאַגאַנראָג איז ער געקומען דאָנערשטאָג. פרייטאָג, שבת, זונטאָג איז ער אַלץ געווען קראַנק: נישט בעסער, נישט ערגער, אָדער דאָ בעסער, דאָ ערגער. אָבער אַז מען האָט איהם געפרעגט, ווי ער שפּירט זיך, האָט ער שטענדיג געענטפערט איינס-און-דאָסזעלבע:

—גוט, זעהר גוט!

זיין אַרט לעבען האָט זיך לחלוטין נישט געענדערט. דעם גאַנצען טאָג איז ער געווען אויף די פיס און אין דער אוני-פאָרם. אויב דער פיבער האָט איהם זעהר געפייניגט, האָט ער זיך עטוואָס צוגעלעגט אויפ׳ן דיוואַן און זיך צוגעדעקט מיט דער דעקע אָדער מיט׳ן אַלטען פעלצמאַנטעל. אין דער שטענדיגער שעה איז ער אויפגעשטאַנען, געמיטאָגט, געגעסען אָווענדברויט און געגאַנגען שלאָפען. אַז ער האָט זיך געזעצט צום טיש, אויס-צוטרינקען אַ גלאָז ברויט- אָדער עפּעלוואַסער צומישטע מיט יאַ-האַניסבערנזאַפט האָט ער זיך איבערגע׳צלמ׳ט, ווי פאַר אַנ׳עכטען מיטאָג, און האָט שטאַרק געלויבט:

—אַ גרויסאַרטיגער געטראַנק, ממש ער דערפרישט! וואָל-קאָנסקי האָט מיר געגעבען. ער, ווידער, האָט איהם בעקומען פון דער שוועסטער, און דער שוועסטער, ווידער, האָט עמיץ אַנ׳-אונבעקאַנטער געגעבען אין וועג. מען זאָגט, אַז ער העלפט זעהר

צו געלזוכט. בעסער פון אַלע רפואות...

און אויף ווילי'ען האָט ער געקוקט, ווי אַ וואָלף. אַז יענער האָט איהם פאָרגעלעגט דאָס סאַמע אונשולדיגסטע אָבפיהרמיטעל, האָט ער געשוויגען, געמאַכט אַ קרומע מינע אָדער זיך געפּרובט אַרויסדרעהען מיט אַ וויצעל:

—עך, יאַקאָוו וואַסיליעוויטש, ביזט מיר דערעסען ווי אַ ביטערע ציבעלע!

און, צולעצט, האָט ער זיך געבייזערט:

—לאָזט מיך געמאַך! ווי אַזוי זעהט איהר עס נישט, אַז איך בין קראַנק געוואָרען פון אייערע רפואות? וואָרום אַז איך נעהם-איין אַ רפואה, ווערט מיר באַלד ערגער...

ער האָט זיך נאָך אַלץ בעשעפטיגט מיט זיינע ענינים אָדער ער האָט געמאַכט אַנ'אָנשטעל, אַז ער איז בעשעפטיגט.

—וואָלט איהר וועניגער פּאַפּירען געלייענט, אייער מאַיע-סטעט. דאָס ווירקט אויף אייך שלעכט,—האָט וואָלקאָנסקי בעמערקט.

—איך וואָלט עס אויך זעהר געוואָלט, מיין ליעבער, אָבער איך קאָן נישט: שוין צוגעוועהנט. אַז איך טהו גאָרנישט, איז מיר פּוסט אין קאָפּ. אָט אַז איך וועל אַרויס אין דימיסיע, וועל איך דורכלייענען גאַנצע ביבליאָטעקען אָדער איך וועל משוגע-ווערען פון אומעט.

אין דער בעשטימטער שעה פלעגט ער אַוועקשיקען די קייזערין שפּאַצירען.

—פאַרוואָס האָט איהר היינט נישט שפּאַצירט? איהר מוזט זיין אויף דער פרישער לופט.

זי האָט זיך נישט דערוועגט צו זאָגען, אַז זי האָט מורא אַוועקצוגעהן פון איהם. אַז זי פלעגט איהם נישט זעהן עטליכע שעה נאָכאַנאַנד און נאָכדעם איהם פּלוצלונג אַריינקוקען אין פּנים אַריין, פלעגט איהר אַ פּחד צונויפפּרעסען דאָס האַרץ אַזוי טעמפּ, אַז דער וועהטאָג פלעגט זיך כמעט נישט שפּירען: אַזוי בייסען הערבסט-פליגען. דערנאָך פלעגט פון דאָסניי קומען די האָפנונג; דאַ פּחד, דאַ האָפנונג, ווי די קאַלטע און וואַרימע לופטשטראָ-

מען אין אַ שטילער זומערנאַכט. אָבער אויך דורכ׳ן פחד פלעגט זי שפירען יענס בעקאַנטע גליק און יענע בעזונדערע היימליכ-קייט, וואָס זי האָט אַלעמאָל געשפירט, בשעת ער פלעגט זיין קראַנק, פונקט ווי ער וואָלט זיין אַ קלייניטשקער און זי טענ-טעלט זיך אַרום איהם.

זי פלעגט איהם ברענגען צייטונגען, זשורנאַלען. איבער-הויפט אָבער האָט ער ליעב געהאַט מאָדע-זשורנאַלען. ער איז געווען אַ בקי אין פרויען-מאָדעס. צוזאַמען פלעגען זיי אַרומקו-קען די בילדלעך און צוזאַמען פלעגען זיי פונאַנדערלעגען די מושלען, וואָס זיי פלעגען צונויפזאַמלען ביים ברעג ים, נעבען די קאַראַנטינבאַראַקען.

—איהר ברענגט מיר שפיעלכלעך, ווי פאַר אַ קינד, מיין ליעבע מאַמעלע!—פלעגט ער לאַכען.

איז איהם נאָר עטוואָס לייכטער געוואָרען, האָט ער אַ סך גערעדט, געשפאַסט, געבויט פלאַנען, ווי אַזוי זיי וועלען וואוינען אין אָרעאַנדאַ אָדער ער פלעגט דערצעהלען טאַגאַנראָגער וויצען: וועגען דער דעפּוטאַציע פון קאַלמיקישע פירשטען, וועלכע האָ-בען דערהערט שפיעלען קלאַוויר ביים פּאָלקאָווניק פרעדעריקס, דעם פּאַלאַץ-קאָמענדאַנט, האָבען זיי זיך פון אָנהויב שטאַרק דערשראָקען, אָבער דערנאָך זענען זיי אַריינגעפאַלען אין אַזאַ התפעלות, אַז מען האָט אָהן געלעכטער נישט געקאָנט קוקען אויף זיי; וועגען דעם פראַנצויז מעניע, אַנ׳אויעזדנער דאָקטאָר און שרעקליכער בעריהמער; ער טראָגט עפּיס אַ פּערסישען אָרדען און אַ גרינע לענטע איבער׳ן אַקסעל און פערזיכערט, אַז ער היילט דעם שאַך און זיין האַרעם.

איינמאָל האָט מען געשמועסט וועגען בייראָנ׳ען. די קיי-זערין האָט דעמאָלט געהאַלטען אין לייענען די לעצטע ליעדער פון דאָן-זשואַן, וואו עס ווערט נישט זעהר בכבוד׳יג גערעדט וועגען דעם רוסישען צאַר.

—זיין גענִיע איז עהנליך צו דעם גלאַנץ פון אַ שעדליכען מעטעאָר,—האָט דער קייזער געזאָגט.—זיין פּאָעזיע רופט-אַרויס די זאַנדען און די לאָוועליעס. לויבען בייראָנס פּאָעזיע איז דאָס

אייגענע, ווי לויבען א געפעהרליך געוועהר, וואס איז געמאכט געוואָרען אומצוברענגען די מענשהייט. אזא פערווענדונג פון א טאלענט פערדיענט נישט קיין שום כבוד, וואס ווערט אָבגעגעבען א געניע, און ער האָט קיין שום ווערט נישט, בעזונדערס צווישען קריסטען...

זי האָט נישט איינגעשטימט און האָט אויפגעוויזען, אז ביייאָן איז נישט קיין שלעכטער מענש, נאָר ער איז א רויב פון גלייכען וועג.

—איבעריגענס,—האָט דער קייזער בעמערקט,—האָבען מיר היינט אין רוסלאַנד אויך אונזערע בייראָנס. אייער געליעבטער פושקין, צום ביישפיעל...

—יאָ, מיין געליעבטער! און איהר האָט איהם נישט ליעב? ער איז דער רוהם פון רוסלאַנד, דער רוהם פון אייער רעגירונג...

—וואס רעדט איהר, מיין ליעבע, גאָט זאָל אונז אויסהיטען פון אזא רוהם! ער האָט פערפלייצט גאַנץ רוסלאַנד מיט מרידהליעדער. דערדאָזיגער מאַן איז פעהיג אויף אַלץ. מען זאָגט, אז ער האָט זיין אייגענעם פאָטער שיער נישט דער׳הרג׳עט...

—נישט ריכטיג! נישט ריכטיג! דאָס איז געמיינע רכילות! ווי קאָנט איהר עס אזוי זאָגען? איהר ווייסט דאָך אַליין, וואָס זשוקאָווסקי האָט געזאָגט!...—האָט זי געשריען און זיך פלוצלונג דערשראָקען: „וואָס טהו איך, אויף א קראַנקען שריי איך!" זי האָט זיך דערשראָקען, אָבער גלייכצייטיג אויך זעהר דערפרעהט: הייסט עס, אז ער איז נישט זעהר קראַנק.

אז ער פלעגט זיך שפירען שלעכט, פלעגט ער אַוועק אין קאַבינעט. דאָרט פלעגט ער זיך בעהאַלטען פון איהר אָדער ער פלעגט זיך לעגען אויפ׳ן דיוואַן און בעטען, זי זאָל איהם לייענען עפּיס א בוך און נישט קוקען אויף איהם. פלעגט זי מאַכען אַנ׳אָנשטעל, ווי זי לייענט, אָבער זי פלעגט יאָ קוקען אויף איהם בגנבה, פון אונטער׳ן בוך אַרויס, און דעמאָלט פלעגט איהר דער פּוד פון דאַסניי צונויפּפּרעסען דאָס האַרץ מיט אזא טעמפּקייט,

אַז זי פּלעגט כּמעט קיין וועהטאָג נישט שפּירען, פּונקט ווי דער ביס פון אַ בייזער הערבסט-פליג.

איינמאָל האָט ער געשלאָפען און זי איז געזעסען דערביי מיט אַ בוך אין דער האַנד. פּלוצלונג האָט ער געעפענט די אויגען און זיך אַרומגעקוקט מיט עפּיס אַ פרעהליכען שמייכעל און באַלד דערויף פון דאַנעי אַנטדרעמעלט געוואָרען. ערשט שפּעטער, אין די סאַמע שווערסטע מינוטען, האָט זי פערשטאַנען, וואָס דערדאָזיגער שמייכעל בעדייט.

אין דער נאַכט פון זונטאָג אויף מאָנטאָג האָט ער שטאַרק געשוויצט, און עטליכע מאָל האָט מען איהם געמוזט טוישען די וועש. אויף מאָרגען האָט ער קיין היץ נישט געהאַט. ווילי האָט טריאומפירט און דערקלערט, אַז די קראַנקהייט איז אַזוי גוט, ווי דורכגעגאַנגען. אויב זי זאָל זיך אפילו צוריקקעהרען, וועט זי אויך נישט אָנהאַלטען כּסדר און וועט באַלד אינגאַנצען פערשווינדען. „דאָס איז אַ פּיבער-מאָגען-גאַל-קראַנקהייט״,—האָט ער אָנגערופען די מחלה—און אַלע האָבען זיך בערוהיגט.

דער קייזער האָט פּערוועהרט צו שרייבען אין פּעטערבורג, אַז ער איז קראַנק.

—איך שרעק מיך פאַר דער עקסטרא-פּאָסט. מען זאָל מיר נישט דערשרעקען די מוטער.

די לעצטע פּאָסט האָט מען אָבגעהאַלטען, און זונטאָג, אַז ער האָט זיך געשפּירט בעסער, האָט ער געהייסען שרייבען דער קייזערין-מוטער מאַריע פיאָדאָראָוונע און דעם טראַנספּאָלגער, אַז ער איז געווען קראַנק און די קראַנקהייט האָט געמידען. ער האָט אויך געהייסען דיבּיטש׳ן, ער זאָל שיקען אַ קוריער נאָכ׳ן פירשט וואָלעריאַן מיכאַילאָוויטש גאָליצין.

„גאָט צו דאַנקען, ער שפּירט זיך שוין אַ סך בעסער,—האָט די קייזערין געשריבען אין דעם אייגענעם טאָג צו איהר מוטער, דער הערצאָגין פון באַדען.—אַז איהר וועט בעקומען דעמדאָזיגען בריף, וועט מען מיט גאָטס הילף נישט בעדאַרפען מעהר ריידען וועגען דער קראַנקהייט.״

אָבער אין דעם אייגענעם טאָג, צו אָוונד, איז איהם ער-

גער געוואָרען. ער האָט זיך אָבער געהאַלטען פעסט און גענומען דערצעהלען דעם אַנעקדאָט וועגען די קאַלמיקישע פירשטען: ער האָט, משמעות, פערגעסען, אַז ער האָט שוין איינמאָל דערצעהלט דעמדאָזיגען אַנעקדאָט.

—פאַרוואָס אייגענטליך, האָט איהר נישט געטראָגען קיין טרויער נאָכ'ן קעניג פון בייערן,—האָט ער זי פּלוצלונג אַ פרעג געטהאָן.

—איך האָב איהם אַראָבגענומען אין טאָג פון אייער קומען, און דערנאָך האָב איך איהם שוין נישט געוואָלט אָנטהאָן.

פאַרוואָס האָט איהר נישט געוואָלט?—האָט ער ווידעראַמאָל געפרעגט און אַ קוק געטהאָן אויף איהר אויך אַזוי, ווי ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף יעגאָריטש'ן, בשעת ער האָט איהם געפרעגט וועגען די ליכט.

זי איז רויט געוואָרען און האָט אַליין נישט געוואוסט, פאַרוואָס. זי האָט גאָרנישט געטראַכט פון דעם, און ערשט איצט, ווען ער האָט אַ פרעג געטהאָן, האָט זי פערשטאַנען.

—וועל איך מאָרגען אָנטהאָן,—האָט זי איילינג אַרויסגעזאָגט.

—עט, ס'איז אַלצאיינס...

אַריין ווילי׳ע, און לויט דעם, ווי אַזוי ער האָט אויסגעצויגען דאָס פנים, בשעת ער האָט געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן חולה, האָט זי פערשטאַנען, אַז די זאַך האַלט שלעכט.

ביינאַכט האָט ער געהאַט שטאַרקע היץ און האָט נישט געשלאָפען. אינדערפריה האָט ער ווידעראַמאָל איינגענומען זעקס אָבפיהר-פילען. ער האָט באַלד בעקומען שרעקליכע מאָגענקראַמפען, איבעלקייט, אָבפיהרונג און האָט שטאַרק געבראָכען. ער איז אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרען, אַז ער האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס.

ער איז געלעגען אויפ'ן דיוואַן, אונטער דעם אַלטען שינעל, מיט אַ פלאַנעל-בינט אויפ'ן בויך און האָט מיט פערמאַכטע אויגען געטראַכט, צי ער וועט זיך מוזען אויפהויבען נאָכאַמאָל אָדער עס וועט דורכגעהן אַזוי. ער האָט געטראַכט וועגען דעם און בעת-מעשה געקוקט אויף נאַפּאָלעאָנס אונבעוועגליך געזיכט,

פונקט ווי פון קופער אויסגעהאַקט, וואָס איז לאַנגזאַם אַרויסגע־שוואומען פון דעם רויטען נעבעל פון זיינע אויגענלאָדען. דאָס־דאָזיגע געזיכט האָט זיך דערנעהנט צו איהם און די פעסט־פער־דריקטע דינע ליפען האָבען זיך פונאַנדערגעעפענט, זיך בעוועגט און עפּיס גערעדט צו איהם. ער האָט געוואוסט, אַז די ליפען שעפּטשען עפּיס זעהר וויכטיגעס און נויטווענדיגעס, וואָס דערפון איז אפשר אָבגעהאַנגען זיין לעבען אָדער זיין טויט, אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט הערען, ווייל ער איז געווען „טויב, ווי אַ טעפּעל".

פּלוצלונג איז נאַפּאָלעאָנס געזיכט אַנטרונען געוואָרען, און אויף זיין אָרט האָט זיך בעוויזען יעגאָריטשעס פּנים. זיינע לי־פּען האָבען זיך אויך פונאַנדערגעעפענט, אָבער זיי האָבען זיך בעוועגט אָהן אַ שום קלאַנג.

ער איז געקומען צו זיך און האָט פערשטאַנען, אַז יעגאָ־ריטש שטעהט ווירקליך פאַר איהם.

—נו, וואָס ווילסטו? רייד העכער, העכער! וואָס שעפּטשעט איהר אַלע, איך פרעג אייך?

—דער פּאָלקאָווניק ניקאָלאַיעוו, אייער מאַיעסטעט! אַריינ־רופען איהם?—האָט יעגאָריטש געשריען.

דער קייזער האָט זיך דערמאָהנט, אַז נעכטען, בשעת ער האָט זיך דערשפּירט בעסער, האָט ער געהייסען ניקאָלאַיעוו'ן קומען, איצט אָבער האָט ער זיך געפיהלט אַזוי שלעכט, אַז ער האָט זיך געוואַקעלט, צי ער וועט האָבען כּחות צו ריידען מיט איהם. צולעצט, האָט ער זיך אָנגערופען:

—רוף איהם אַריין.

אַז דער קייזער איז געקומען קיין טאַגאַנראָג, האָט ער נאָך באַלד אין די ערשטע טעג בעמערקט דעם פּאָלקאָווניק ניקאָלאַ־יעוו פונ'ם לייב־גוואַרדישען קאָזאַקען־פּאָלק. דערדאָזיגער פּאָל־קאָווניק איז אויך געווען דער קאָמענדאַנט פון דער פּאַלאַץ־וואַך. דעם קייזער איז געפעלען געווען זיין געזיכט, אַ געוועהנליך גע־זיכט, וואָס איז געווען נישט איבעריגס שען, נישט איבעריגס קלוג, דערפאַר אָבער אָפענהערציג, עהרליך און גוטמוטיג; בשעת

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם קייזער, האָט ער אויפ׳ן סאָלדאַטישען שטייגער אויסגעשריען: „געזונד ווינש איך אייער קייזערליכער מאַיעסטעט!" און דער קייזער האָט אונגערן אַ שמייכעל געטהאָן און בעת-מעשה געטראַכט: „אַ בראַווער יונג". און דערנאָך, אַז ער פלעגט זיך אָנבעגעגענען מיט איהם, פלעגט ער שטענדיג שמייכלען און ניקאָלאַיעוו פלעגט איהם קוקען גלייך אין די אויגען אַריין מיט יענער בעגייסטערט-טרייער פערליעבטקייט, וואָס דער קייזער האָט אַממעהרסטען געשעצט אין מענשען.

אָנהויב נאָוועמבער, בשעת דער קייזער האָט בעקומען דורך אַראַקטשייעוו׳ן שערוואודס בריף מיט דער בקשה, אַז קיין כאַרקאָוו זאָל אַרויסגעשיקט ווערען אַ זיכערע פערזאָן, וואָס זאָל דאָרט קאָנען אָננעהמען ענטגילטיגע מיטלען אויפצודעקען די פערשוועררונג,—האָט דער קייזער בעשלאָסען צו שיקען אַהין ניקאָלאַיעוו׳ן. אָבער ער האָט אַלץ אָבגעלעגט און זיך געוואַקעלט, און דערנאָך, אַז ער איז קראַנק געוואָרען, האָט ער זיך אַלץ געפייניגט: איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט נישט בעווייזען און וועט דורכלאָזען דעם בעשטימטען טערמין—דעם 15-טען נאָוועמבער. צוליעב דעם האָט ער איהם היינט בעשטעלט: היינט איז געווען דער 10-טער און ביז דעם 15-טען זענען פערבליבען בלויז פינף טעג.

אַז ניקאָלאַיעוו איז אַריין אין צימער, האָט איהם דער קייזער געהייסען פערשליסען די טהיר אויפ׳ן שלאָס און זיך נעהנטער אַנידערזעצען נעבען איהם. דערנאָך האָט ער איהם אויספיהרליך אויסגעפרעגט, ווער זענען זיינע עלטערן, וואו איז ער דערצויגען געוואָרען, וואו האָט ער געדיענט און אין וואָסערע פעלדצוגען האָט ער זיך בעטייליגט. און וואָס מעהר ער האָט געקוקט אויף איהם, אַלץ מעהר איז ער איהם געפעלען געווען.

—ניקאָלאַיעוו, איך האָב צו דיר זעהר אַ וויכטיגען ענין.

—איך בין גליקליך צו דיענען אייער קייזערליכער מאַיעסטעט!

דער קייזער האָט פערמאַכט די אויגען און האָט פלוצלונג דערשפירט, אַז ער קאָן נישט ריידען. אין די שלייפען האָט גע-

האַקט און אין די אויגען איז פינסטער געוואָרען, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט באַלד חלש'ן. ער האָט לאַנג געשוויגען. צולעצט, האָט ער זיך אָנגענומען מיט כחות, און ווי אַ שטערבליך-פערוואונדעטער, וואָס שלעפט אַליין אַרויס די קויל פון דער וואונד, האָט ער אָנגעהויבען:

—פאַרהאַן אין רוסלאַנד אַ פּאָליטישע פערשווערונג...

און ער האָט דערצעהלט אַלץ, וואָס ניקאָלאַיעוו האָט בעדאַרפט וויסען וועגען דער געהיימער געזעלשאַפט.

—פאָהר קיין כאַרקאָוו. דו מוזט דאָרט זיין נישט שפעטער פונ'ם 15-טען נאָוועמבער, כדי דו זאָלסט קאָנען איבערנעהמען די פּאַפּירען, וואָס דער פּראָפּאָרשטשיק וואַדקאָווסקי האָט אַרויסגעשיקט פון פעטערבורג דורכ'ן פּאָרוטשיק גראַף ניקאָלאַי בולאַגרי. אין די פּאַפּירען וועסטו געפינען דעם צעטעל פון די פערשווערער. און שערוואוד וועט דיר שוין זאָגען, וואָס מען בעדאַרף טהאָן.

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און צוגעגעבען:

—צו שערוואודס עצות און דערקלערונגען זאָלסטו זיך בעציהען פּאָרזיכטיג... נו, וואָס נאָך? זאָלסט זעהן, אַז קיינער זאָל נישט וויסען. זאָלסט מיט קיינעם נישט ריידען דערפון, דו הערסט?

—צו בעפעהל, אייער מאַיעסטעט!

דער קייזער האָט זיך אויפגעהויבען און איז שיער נישט אומגעפאַלען. ניקאָלאַיעוו האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם, אונטערגעהאַלטען איהם און צוגעפיהרט צום טיש. דאָרט האָט ער אָבגעשלאָסען אַ שאַכטעל, אַרויסגענומען געלד און אַ רייזעפּאַס אויף ניקאָלאַיעווס נאָמען. ער האָט איהם אויך געגעבען אַ בעפעהל פון גענעראַל דיביטש, דעם שעף פונ'ם הויפטשטאַב, צו דעם אונטעראָפיציר שערוואוד. דאָס אַלץ איז נאָך פון נעכטען צוגעגרייט געוואָרען. אין בעפעהל איז געזאָגט געוואָרען:

„לויט אייער פּאַפּיר פונ'ם 20-טען סעפּטעמבער צו דער גענעראַל פון אַרטילעריע גראַף אַראַקטשייעוו, ווערט דער פּאָלקאָווניק ניקאָלאַיעוו פונ'ם לייב-גוואַרדישען קאָזאַקען-פּאָל

ארויסגעשיקט, לויט אלערהעכסטען בעפעהל, אין דער שטאדט כארקאוו, צו ווירקען אין דעם בעקאנטען ענין מיט דער פולער פאלמאכט פון זיין מאיעסטעט."

נאכדעם ווי ער האט עס איהם אלץ איבערגעגעבען, האט ער זיך אומגעקעהרט צוריק צום דיוואן און זיך אנידערגעלעגט.

—האסטו פערשטאנען?

—צו בעפעהל, אייער מאיעסטעט,—האט ניקאלאיעוו געזאגט, און נאכדעם, ווי ער האט א ווילע געטראכט, האט ער געפרעגט:

—די פערשוועדער הייסט איהר ארעסטירען?

דער קייזער האט גארנישט געענטפערט. ווידעראמאל האט ער פערמאכט די אויגען. ער האט געוואוסט, אז ער דארף בלויז ארויסזאגען דאס ווארט: „ארעסטירען"—און באלד קומט א סוף צו אלץ; די קויל פון דער וואונד וועט ארויסגענומען ווערען און ער איז א גערעטעטער, אנ'אויסגעהיילטער; ער האט עס אלץ אויסגעצייכענט גוט געוואוסט, און דאך האט ער נישט געקאנט ארויסזאגען דאסדאזיגע ווארט. די קויל האט זיך איבערגעקעהרט אין דער וואונד, אבער זי איז נישט ארויסגעגאנגען.

—הייסט איהר ארעסטירען די פערשווערער, אייער מאיעסטעט?—האט ניקאלאיעוו נאכאמאל געפרעגט: ער האט געמיינט, אז דער קייזער האט נישט דערהערט זיין פראגע.

דער קייזער האט געעפענט די אויגען און א קוק געטהאן אויף איהם מיט אזא בליק, אז דער פאלקאווניק האט זיך דערשראקען.

—טהו, ווי דו פערשטעהסט. איך פערלאז מיך אינגאנצען אויף דיר...

—צו בעפעהל,—האט ניקאלאיעוו ארויסגעזאגט און איז בלאס געווארען.

—אלוזא, געה מיט גאטס הילף... ניין, ווארט-נאר א ווילע, גיב מיר דיין האנד...

ניקאלאיעוו האט איהם דערלאנגט די האנד און דער קייזער האט זי לאנג געהאלטען אין זיינער, און לאנג און שווי-

בענדיג האָט ער איהם אויך געקוקט אין די אויגען אַריין.

—ביזטו אַ טרייער דיענער?—האָט דער קייזער אַ פרעג געטהאָן.

—צו בעפעהל, אייער מאַיעסטעט!—האָט ניקאָלאַיעוו גע-ענטפערט און אין זיינע אויגען האָט אויפגעלויכטען די בעגייסטערט-טרייע פערליעבטקייט.—איך בעט ביי גאָט נאָר איין זאַך: איך זאָל קאָנען אָבגעבען מיין לעבען פאַר אייער מאַיעסטעט...

—יאָ, דו ביזט זעהר אַ גוטער!.. אַ דאַנק, טייבעלע. גאָט זאָל דיר העלפען! קום, וועל איך דיך איבער'צלמ'ען.

ניקאָלאַיעוו האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניה און זיך צעוויינט. דער קייזער האָט איהם אַרומגענומען און זיך אויך צעוויינט.

אין דעם אייגענעם טאָג, אין אָוונד, איז ער געלעגען ביי זיך אין קאַבינעט. ווי אַלעמאָל, איז די קייזערין געזעסען נעבען איהם מיט אַ בוך אין דער האַנד און האָט נישט געלייענט, נאָר בגנבה געקוקט אויף איהם.

—פאַרוואָס האָט איהר רויטע אויגען, ליזע?

—דער קאָפּ טהוט מיר וועה. מען האָט פריה צוגעמאַכט דעם אויוועו אין שלאָפצימער: מסתמא זיך פערטשאַדעט דעם קאָפּ...

זי האָט זיך פערשעמט: זי האָט נישט געקאָנט לייגען. ער האָט זי אָנגעקוקט און אַ טראַכט געטהאָן: „אפשר זאָגען איהר אַלץ? ניין, שוין צו-שפעט... און צו וואָס, ווידער, פייניגען זי? זי האָט רויטע אויגען, ווי ביי יענעם, צום טויט-פעריאָגטען פערד מיט'ן בלוטיגען שוים אויף די צייהן. אָרימע! אָרימע!"

ער האָט אַ קוש געטהאָן איהר האַנד און געשמייכעלט.

—נו, גענוג, גענוג, זענט אַ קלוגע!

ווילִיע האָט צוגעגרייט אַ געטראַנק אין אַ גלאָז און האָט עס דערלאַנגט דעם קייזער.

—וואָס איז דאָס?

—עטליכע טראָפּען acidum muriaticum. איהר קלאָגט זיך

דאָך אַלץ, אַז איהר שפּירט אַ שלעכטען טעם אויפ׳ן גומען, ווען איהר עס איינגעהמען.

דער קייזער האָט אָהן ווערטער אָבגעשטויסען זיין האַנד. אָבער ווילי האָט ווידעראַמאָל צוגעטראָגען דאָס גלאָז.

—אייער מאַיעסטעט, טרינקט עס אויס.

—מען בעדאַרף נישט.

—איך בעט אייך, טרינקט-אויס...

—מען בעדאַרף נישט! געה-אַוועק פון מיר!

ווילי האָט אָבער אַלץ גערוקט דאָס גלאָז. דער קייזער האָט עס אַ כאַפּ געטהאָן און אַ וואָרף געגעבען אויף דער פּאָדלאָגע.

—צום טייוועל! געהט צו אַלדי שוואַרציאָהר! מערדער! רוצחים! אָב׳סמ׳ער!—האָט ער זיך צושריען און דאָס פּנים, אויסגעקרימט פון רציחה, איז געוואָרען ענליך צו דעם געזיכט פונ׳ם קייזער פּאַוועל I.

די קייזערין איז אַרויסגעלאָפען פון צימער. ווילי האָט געמאַכט עטליכע טריט אויף צוריק און האָט פערדעקט מיט די הענד דאָס געזיכט. יעגאָריטש האָט זיך איינגעבויגען און האָט צונויפגעקליבען די שטיקלעך גלאָז.

דער קייזער איז אָהן כחות אַנידערגעפאַלען אויפ׳ן קישען און איז עטליכע מינוט געלעגען אָהן בעוועגונג. נאָכדעם האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף ווילי׳ן און געזאָגט:

—יאַקאָוו וואַסיליעוויטש, אַ יאַקאָוו וואַסיליעוויטש, וואו ביזטו? נו, זיי נישט בייז. לאָמיר שלום ווערען... אָבער ווי זעהסטו דאָס נישט, אַז איך האָב אַ גרונד אַזוי זיך צו בעגעהן?

—וואָס פאַר אַ גרונד, אייער מאַיעסטעט? אויב איהר האָט צו מיר קיין צוטרוי נישט, טאָ רופט אייך אַנ׳אַנדער דאָקטאָר. אָבער איך קאָן נישט, איך קאָן נישט צוזעהן, ווי איהר מאַכט אַ תל פון זיך...

און ער האָט זיך צעוויינט. דער קייזער האָט איהם אָנגעקוקט און זיך בע׳חדוש׳ט: ער האָט איהם קיינמאָל נישט געזעהן וויינענדיג.

—הער-נאָר, מיין ליעבער, איך ווייס נישט ערגער פון דיר, וואָס פאַר מיר איז גוט און וואָס שלעכט. איך בעדאַרף נאָר האָבען מנוחה...

ער האָט אַ ווײלע געשוויגען און דערנאָך צוגעגעבען אויף פראַנצויזיש:

—איהר בעדאַרפט נעהמען אין אַכט מיינע נערוועז: זיי זענען זעהר צורודערט. טאָ צורייצט זיי כאָטש נישט מיט אייערע נאַרישע רפואות...

ווילי האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך פערטראַכט.

—איך האָב דיך פערמוטשעט, יאַקאָוו וואַסיליעוויטש,—האָט דער קייזער אַ שמייכעל געטהאָן מיט זיין גוטען שמייכעל און געדריקט דעם דאָקטאָר די האַנד.—זאָג טאַראַסאָוו'ן, ער זאָל זיצען נעבען מיר און דו געה זיך אָברוהען.

„ער גלויבט מיר נישט”,—האָט ווילי אַ טראַכט געטהאָן און זיך בעליידיגט. אָבער ער האָט די בעליידיגונג דערשטיקט אין זיך: ער האָט אויך אַזוי געזשאַלעוועט און ליעב געהאַט דעם קייזער, ווי וואָלקאָנסקי און אַניסימאָוו.

—אייער מאַיעסטעט, היילט זיך ביי וועמען איהר ווילט, אָבער נאָר היילט זיך! אויב איהר ווילט נישט איינגעהמען קיין רפואות, קאָן מען אייך לאָזען בלוט...

—לאָזען בלוט?—האָט איהם דער קייזער אָנגעקוקט און אַ שמייכעל געטהאָן.—און דו שרעקסט זיך גאָרנישט?

—וואָס איז זיך דאָ וואָס צו שרעקען? אַ קלייניגקייט...

—בלוט איז אַ קלייניגקייט?—האָט דער קייזער ווידער געשמייכעלט.—אַז מען קוקט אויף געוועהנליך מענשליך בלוט נעהמט דאָך אָן אַ שרעק, היינט ווי איז שוין אויף דעם צאַרס בלוט? דעמאָלט איז דאָך נאָך שרעקליכער? אָדער דאָס איז אַלצאיינס—איין מין בלוט?.. איך ווייס, ברודער, אַז דו ביזט אַ גרויסער בקי אין לאָזען בלוט. געניטע הענד ווייסען שוין, ווי מען מאַכט דאָס, אָבער עס טרעפט אַמאָל, אַז דער בקי אַליין שרעקט זיך... ניין, מען בעדאַרף נישט קיין בלוט!

ער האָט צונויפגעלעגט די הענד, ווי צו אַ תּפילה און האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

—רבונו-של-עולם, זיי מיך מציל פון בלוט!

און ער האָט ווידעראַמאָל אַ קוק געטהאָן אויף ווילִיע'ן.

—וואָס פאַר אַ שרעקליכע זאַך דאָס איז, מיין פריינד, וואָס פאַר אַ שרעקליכע זאַך!—האָט ער אַרויסגעזאָגט, און ווילִיע'ן האָט זיך געדאַכט, אַז ער רעדט פון היץ. ער האָט זיך פּאַוואָליע אויפגעהויבען, אַרויס פון צימער און אַריינגעשיקט טאַראַסאָוו'ן.

—איך בין מעהר נישט פערראַנטוואָרטליך,—האָט ווילִיע געזאָגט וואָלקאָנסקי'ן.—אַלץ געהט זעהר שלעכט און מען בעדאַרף זיך ריכטען אויף דאָס סאַמע ערגסטע. ער וויל קיינעם נישט הערען, איז איינגעשפּאַרט...

שיער נישט אַרויסגעזאָגט נאַפּאָלעאָנס ווערטעל: „ער איז איינגעשפּאַרט, ווי אַ מוילאייזעל...”

—ער איז אפילו אַנ'אַליינהערשער, אָבער אַ קראַנקהייט איז אַ גרעסערער אַליינהערשער. און וואָס איז מיט איהם? וואָס איז מיט איהם?—האָט ער פערטראַכט אַרויסגעזאָגט—וואָלט נאָר מעגליך געווען צו וויסען, וואָס איז מיט איהם?..

—מיינט איהר, אַז דאָס איז נישט קיין פיבער?—האָט וואָלקאָנסקי געפרעגט.

—ניין, נישט דאָס,—האָט ווילִיע בעמערקט—דאָס איז נישט די קראַנקהייט, יעדענפאַלס, נישט די קראַנקהייט אַליין...

ווילִיע און וואָלקאָנסקי האָבען געשמועסט אין דעם גרויסען אוידיענצזאַל, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דעם קייזערס קאַבינעט. עס איז געווען פינסטערליך, און אין אַ ווייטען טונקעלען ווינקעל איז געשטאַנען די קייזערין מיט'ן פּנים צו דער וואַנד און געוויינט. זיי האָבען זי נישט בעמערקט. האָט זי אויפגעהערט צו וויינען און זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס זיי ריידען. נאָכדעם איז זי פּאַוואָליע אַרויס פון צימער און איז אַוועק צו זיך קאַבינעט. דאָרט האָט זי זיך אַנידערגעלעגט אויפ'ן דיוואַן מיט'ן פּנים אין קישען אַריין און אַלץ איז אין איהר פערגליווערט, פערשטיינערט געוואָרען.

„וואָס איז מיט איהם? וואָס איז מיט איהם? די פערשווע-רער, די געהיימע געזעלשאַפט—אָט וואָס. און איך האָב עס גאָר פערגעסען, וועגען זיך האָב איך בלויז געטראַכט. ער וועט אַוועקשטאַרבען דערפון און איך וועל גאָרנישט, גאָרנישט, גאָר-נישט קאָנען העלפען דערצו!"

פלוצלונג האָט זי זיך דערמאָהנט, ווי זי איז געווען גליק-ליך אין דער לעצטער נאַכט פאַר זיין קומען פון קרים. זי האָט דעמאָלט געקוקט אויף די שטערען, געדאַנקט גאָט, געבעטען צו איהם און געוויינט. יאָ, גאָט בעשטראָפט זי דערפאַר, וואָס זי האָט צופיעל ליעב. אָבער פאַרוואָס בעשטראָפט ער זי גראָד דע-מאָלט, ווען זי איז גליקליך? פאַרוואָס? צו וואָס?

אין די ווייטערדיגע טעג, פון דעם 11-טען ביז דעם 13-טען נאָוועמבער, איז אַלץ געווען דער אייגענער צושטאַנד, וואָס פרי-הער. ווידעראַמאָל נישט ערגער, נישט בעסער, אָדער דאָ ער-גער, דאָ בעסער, די קרענק האָט געשפּיעלט מיט איהם, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. אינדערפריה פלעגט ער זיך נאָך אויפהויבען, זיך אָנטהאָן, אָבער ער פלעגט געהן מיט גרויסע שוועריגקייטען, און על-פּי-רוב פלעגט ער ליעגען אויפ'ן דיוואַן. זיינע קרעפטען האָבען זיך, קענטיג, אויסגענומען. די היץ איז נישט געפאַלען און דער פיבער האָט כסדר אָנגעהאַלטען. וועגען דער פיבער-גאַל-מאָגען-קראַנקהייט האָבען שוין די דאָקטוירים נישט גערעדט. זיי האָבען זיך געשראָקען פאַר אַ היץ-קראַנקהייט. בעזונדערס האָט זיי געשראָקען דעם חולה'ס שלעפעריגקייט. האָט מען איהם געוועקט, נישט געלאָזט אַ סך שלאָפען.

—וועקט מיך נישט, לאָזט מיך שלאָפען,—האָט ער זיך יתומ'דיג געבעטען,—לאָזט מיך געמאַך, האָט רחמנות, לאָזט מיך געמאַך! איך בעדאַרף האָבען מנוחה. און מיר איז אַזוי גוט, רוהיג...

און ער פלעגט ווידער איינשלאָפען.

„אָבער דאָס איז דאָך דער טויט?—האָט ער איינמאָל אַ טראַכט געטהאָן,—נו, מילא, אויב דאָס איז דער טויט, איז גאָט צו דאַנקען."

עס איז נישט געווען קיין שום פּחד, נאָר אַ געפיהל פון דערלייזונג, פון דער לעצטער בעפרייאונג, עס איז געווען אַן אונענדליכע האָפנונג, יענער געהיימער רוף, וואָס ער האָט געהערט אין די קראַניכגעשרייען און אינ׳ם האַסטיגען פאַלען פונ׳ם קאָמעט.

אין איינער פון די זעלטענע מינוטען, ווען ער האָט זיך געפונען ביים פולען בעוואוסטזיין, האָט ער אַ רוף געטהאָן דיביטש׳ן און געפרעגט:

—האָט מען געשיקט נאָך גאָליצינ׳ען?

—צו בעפעהל, אייער מאַיעסטעט,—האָט דיביטש געענטפערט און געוואָלט נאָך עפּיס זאָגען, אָבער דער קייזער איז געווען אַזוי שוואַך, אַז דיביטש האָט גאָרנישט געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

דריטעס קאַפּיטעל.

שבת, דעם 14-טען נאָוועמבער, איז דער קייזער ווי-אַלעמאָל, אויפגעשטאַנען האַלב זיעבען אַ זייגער אינ-דערפריה. ער האָט זיך אָנגעטהאָן, איבערגעגאַנגען פון קאַבינעט אין טואַלעטצימער און יעגאָריטש האָט איהם צוגעהאָלפען, ווייל ער איז געווען זעהר שוואַך. דאָרט האָט ער זיך אַנידערגעזעצט ביים קליינעם טואַלעטטישעלע מיט'ן קיילעכיגען שפּיגעל און האָט זיך געהייסען געבען די ראַזיר-מכשירים. יעגאָריטש האָט געבראַכט וואַרים וואַסער, אַ שיסעלע מיט זייפענפּראָשעק און אַ ראַזירמעסער. דער קייזער האָט זיך אָנגעהויבען ראַזירען. פון שוואַכקייט האָבען איהם געציטערט די הענד. ער האָט זיך איינגעשניטען די גאָמבע און האָט דערזעהן בלוט. דעמאָלט איז ער בלאַס געוואָרען, זיך אַ וואַקעל געטהאָן אויפ'ן שטוהל און באַלד דערויף אַנידערגעפאַלען אויף דער פּאָ-דלאָגע. דאָס טישעל איז אויך אומגעפאַלען און דער שפּיגעל איז צובראָכען געוואָרען.

יעגאָריטש, וואס איז אויף אַ ווייַלע אַרויס פון צימער און

האָט דערהערט אַ קלאַפעריי פון פאַלענדיגע זאַכען, איז באַלד אַריינגעלאָפען צוריק אין צימער, אָבער אַז ער האָט דערזעהן ווי דער קייזער ליעגט, אַ גע׳חלש׳טער, אויף דער פאָדלאָגע, האָט ער זיך העענדום-פּענדום געלאָזט פון טואַלעטצימער אין קאַבינעט, פון קאַבינעט אין זאַל און פון זאַל אין אַלע צימערן מיט שרעקליכע געשרייען:

—ראַטעוועט! ראַטעוועט! דער קייזער שטאַרבט-אַוועק!

די גאַנצע שטוב איז אויפגערודערט געוואָרען. אַלע האָבען משוגע׳נערווייז גענומען לויפען און שרייען.

ווילייע איז אַריינגעלאָפען אין טואַלעטצימער. דערזעהן בלוט אויף דעם קייזערס גאָמבע און האַלז, האָט ער געמיינט, אַז דער קייזער האָט זיך איבערגעשניטען דעם האַלז, האָט ער זיך אַזוי איבערגעשראָקען, אַז ער האָט כמעט פערלאָרען דאָס בעוואוסטזיין.

דער קייזער איז נאָך אַלץ געלעגען אויף דער פאָדלאָגע, אָבער קיינער האָט גאָרנישט געטהאָן; מען האָט בלויז געקרעכצט און געשריען. אַניסימאָוו האָט זיך גע׳צלמ׳ט און געכליפּעט. דער אַלטעטשקער שטאָפּרעגען, דער קייזערינס לייב-דאָקטאָר, האָט געוואָלט עפּענען אַ פלעשעלע אָדעקאָלאָן און נישט געקאָנט. וואָלקאָנסקי, אין אַ שלאָפראָק און בלויזע וועש, איז געשטאַנען אין טהיר, פערשטיינערט פון שרעק און קיינער האָט נישט געקאָנט אַדורכגעהן צוליעב איהם, און אַז די קייזערין האָט געוואָלט אַריינלויפען אין צימער, האָט זי איהם געמוזט אָבשטויסען. זי איז נאָר-וואָס אַראָבגעשפּרונגען פון בעט, האַלב אויסגעטהאָן, מיט דער נאַכטהויב אויף אַ זייט. דערזעהן דעם קייזער, האָט זי געמיינט, אַז ער שטאַרבט, אָבער זי האָט זיך נישט פערלאָרען, ווי אַלע. איהר געזיכט האָט פּלוצלונג אָנגענומען אַ רוהיגען און אַנטשלאָסענעם אויסדרוק. זי האָט געהייסען, מען זאָל איהם אויפהייבען און איבערטראָגען אין שלאָפצימער.

האָט מען איהם אויפגעהויבען און אַוועקגעלעגט אויף דער שמאָלער פעלדבעט, אויף וועלכער ער האָט שטענדיג געשלאָפען. ווילייע האָט איהם אָבגעוואַשען די גאָמבע מיט זייף און האָט איינגעפונען, אַז דאָס בלוט האָט זיך געוויזען פון אַ קליין קראַצל

מיט׳ן ראַזירמעסער. דעמאָלט האָט ער זיך בערוהיגט און האָט אויך בערוהיגט די קייזערין: דער קייזער האָט פשוט גע׳חלש׳ט פון שוואַכקייט. ער איז טאַקי באַלד געקומען צו זיך.

—וואָס איז דאָס געווען, ליזע?

—גאָרנישט, מיין פריינד. איך איז נישט גוט געוואָרען, האָבען מיר איך איבערגעטראָגען אין בעט.

—איהר האָט זיך גוט דערשראָקען צוליעב מיר? ווי נאַריש... צו וואָס?...—האָט ער גערעדט און האָט, אפנים, נישט אינגאַנצען פערשטאַנען דאָס, וואָס ער האָט גערעדט.—און וואו איז ע ר?

—ווער מיינסטו?

אָבער דער קייזער האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט זיך אַרומגעקוקט, פונקט ווי ער וואָלט ערשט איצט געקומען צו די געדאַנקען.

—אָבער געהט-אַוועק, געהט-אַוועק! זאָגט זיי, ליזע, זיי זאָלען אַוועקגעהן. מען בעדאַרף דאָ קיינעם נישט, איך וויל שלאָפען...

ער האָט פערמאַכט די אויגען און האָט פערלאָרען דאָס בעוואוסטזיין. אַזוי האָט זיך געצויגען אַ גאַנצען טאָג. ער האָט געהאַט שטאַרקע היץ, שווער געאָטעמט, זיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער און זיך געקלאָגט אויף קאָפּ-וועהטאָג, בעזונדערס אין דעם לינקען שלייף. אויף דער פּאַטילניצע און הינטער די אויערן איז רויט געוואָרען די הויט. דאָס פנים האָט געצוקט, ווי אין קראַמפען און ער האָט נישט געקאָנט שלינגען.

די דאָקטוירים האָבען זיך געשראָקען פאַר געהירנענטצינדונג. מען האָט געוואָלט שטעלען פּיאַווקעס הינטער די אויערן, אָבער ער האָט בשום אופן נישט דערלאָזט און האָט אַלץ געשריען:

—לאָזט מיך, לאָזט מיך, מוטשעט מיך נישט, האָט רחמנות!

אין דעם אייגענעם טאָג, ביינאַכט, האָבען זיך די דאָקטוירים בעראַטען אינ׳ם אוידיענצזאַל און דערביי איז געווען די קייזערין און פירשט וואָלקאָנסקי.

—ער געפינט זיך אין אזא צושטאנד, אז ער פערשטעהט נישט, וואס ער רעדט און וואס ער טהוט. דא מוז מען ווירקען מיט געוואלט. קיין אנדער מיטעל איז נישטא,—האט ווילי געזאגט.

—פארהאן נאך איין מיטעל,—האט וואלקאנסקי בעמערקט.

—וואס פאר א מיטעל?

—מען בעדארף פארשלאגען זיין מאיעסטעט, ער זאל רופען א גלח מתודה-צו-זיין זיך: דער גלח, ווידער, בעדארף איהם צו-ריידען, ער זאל נעהמען די רפואות.

אלע האבען געשוויגען און געווארט, וואס די קייזערין וועט זאגען.

—און איהר, ווילי, גלויבט?—האט זי אנגעהויבען און נישט געענדיגט.

—יא, ווען אייער מאיעסטעט...

—טאקי איצט?

—וואס פריהער, איז אלץ, נאטירליך, בעסער.

איהר פנים האט ווידער בעקומען א רוהיגען און ענטשלאסענעם אויסדרוק. זי האט זיך איבערגע'צלמ'ט און אריין צום חולה אין צימער. דארט האט זי זיך אנידערגעזעצט נעבען זיין בעט. ער האט זי אויפמערקזאם אנגעקוקט:

—וואס ווילט איהר, ליזע?

—איך האב צו אייך א בקשה,—האט זי אנגעהויבען אויף פראנצויזיש,—אזוי ווי איהר האט זיך אבגעזאגט פון אלע רפואות, וואלט איהר אפשר בעוויליגט אויף מיין פארשלאג?

—וואס פאר א פארשלאג?

—רופען א גלח.

ער האט געוואוסט, אז ער שטארבט, דאך האט ער זיך גע'חדוש'ט.

—שוין-זשע האלט איך אזוי שלעכט?

—ניין, מיין פריינד,—האט זי געזאגט און דאס געזיכט איז איהר נאך רוהיגער געווארען,—אבער יעדער קריסט געברויכט דאס מיטעל אין א קראנקהייט...

—רופט-אַריין ווילי׳ען,—האָט דער קייזער געבעטען. אַריין ווילי.

—בין איך אַזוי קראַנק, אַז איך בעדאַרף שוין רופען אַ גלח?—האָט ער געפרעגט.—זאָג דעם אמת, שרעק זיך נישט.

—איך קאָן נישט פערבאָרגען פון אייער מאַיעסטעט, אַז אייער לאַגע איז אַ געפעהרליכע...

—גוט, רופט-אַריין אַ גלח.

מען האָט געשיקט רופען דעם פאָטער אַלעקסעי פּיאָדאָראָוו, דער אייגענער, וואָס האָט אויף דעם שמחה׳לע ביים גאָראָדניטשי דונאַיעוו פאָרגעזאָגט, אַז „איהר וועט בעקומען אַ פייג אונטער דער נאָז!"

דער פאָטער אַלעקסעי איז געווען אַ שכור. אין דערדאָזיגער נאַכט איז ער געווען טויט-שכור, ווייל ער האָט געהאַט אין שטאָדט פיער חתנות ביי קופּצעס. אַז מען איז איהם געקומען רופען פון פּאַלאַץ, האָט איהם דאָס ווייב נישט געקאָנט אויפוועקען פון שלאָף. אָבער אַז ער האָט דאָך געעפענט אַמאָל די אויגען און האָט פערשטאַנען, אַז מען רופט איהם צום קייזער, האָט ער זיך אַזוי דערשראָקען, אַז הענד און פיס האָבען איהם געציטערט. „פון שרעק דעם קאָפּ פערלאָרען",—האָט ער דערנאָך דערצעהלט. נאָכדעם, ווי ער האָט אַרויפגעגאָסען אויפ׳ן קאָפּ אַנ׳עמער קאַלט וואַסער, איז ער ווי-עס-איז געקומען צו זיך און איז אַוועקגעפאָהרען אין פּאַלאַץ.

אין דער אייגענער צייט האָט דער קייזער אַזוי געשוויצט און איז אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרען, אַז די דאָקטוירים האָבען בעשלאָסען אָבצעוואַרטען מיט׳ן גלח.

פינף אַ זייגער פאַרטאָג האָט דער קייזער געפרעגט:

—וואו איז דער גלח?

—דעמאָלט האָט מען דעם פאָטער אַלעקסעי אַריינגעפיהרט אין צימער.

—בעגעהט זיך מיט מיר, ווי מיט אַ געוועהנליכען קריסט און פערגעסט מיין מאַיעסטעט,—האָט איהם דער קייזער געזאָגט דאָס אייגענע, וואָס ער פלעגט תמיד זאָגען אַלע זיינע גייסטליכע.

דער גלח האָט איהם אָנגעהויבען מתודה-זיין.

וויפיעל מאָל אין לעבען האָט ער געטראַכט וועגען דער-דאָזיגער מינוט און וויפיעל מאָל אין לעבען האָט ער זיך גע-פּרובט פאָרשטעלען, וואָס ער וועט שפּירען, ווען דידאָזיגע מי-נוט וועט קומען. אָבער אָט איז זי געקומען און ער האָט גאָר-נישט געשפּירט. ער האָט גערעדט וועגען די סאַמע העסליכע, שרעקליכע און געהיימע זאַכען פון זיין לעבען און בעת-מעשה האָט ער געקוקט אויף דעם גלח'ס גרויע בכּבוד'דיגע באָרד, וואָס אַלע איהרע העהרעלעך זענען גוט צוגעקעמט געווען. ער האָט אויך געקוקט אויף זיינע תּמיד פרעהליכע, לויפיגע, מיט פעטס-פערשוואומענע, אָבער איצט דערשראָקענע אויגלעך און האָט גע-טראַכט: „ניין, דער וועט נישט פערגעסען מיין מאַיעסטעט". ער האָט אויך בעמערקט, אַז די העקלעך פון זיין טונקעל-פיאָלעטען גלח'ישען בגד זענען נישט גלייך פערשפּיליעט, אפנים, פון איילע-ניש: דער אויבערשטער העקעל האָט נישט געהאַט קיין שלייף. ער האָט געקוקט אויף די רויט-בלויע אָדערלעך פון זיין נאָז און האָט געטראַכט: „ער שכּור'ט מסתמא". פּלוצלונג האָט ער זיך געכאַפּט: „וואָס טהו איך דאָס, גאָט אין הימעל, וואָס טהו איך דאָס אין אזאַ מינוט?.." ער האָט זיך געוואָלט דערשרעקען, אָבער קיין שרעק איז נישט געווען. עס איז גאָרנישט געווען, אויסער לאַנגווייליע און אַ געפיהל וואָס גיכער פּטור-צו-ווערען.

אַז דער גלח האָט געענדיגט, זענען אַלע אַריין אין צימער און דער קייזער האָט קאָמוניצירט.

אַלע האָבען איהם בעגריסט. ער האָט געקוקט אויף ד פייערליכע פנים'ער און האָט געפיהלט, אַז פון אָנשטענדיגקייט וועגען האָט מען בעדאַרפט עפּיס זאָגען. ער האָט זיך אַרומגע-קוקט, אָבגעווכט מיט די אויגען די קייזערין און אַרויסגעזאָגט דייטליך, לאַנגזאַם, דוקא אין רוסיש, אַז אַלע זאָלען פערשטעהן:

—איך האָב מיך נאָך קיינמאָל נישט געשפּירט אַזוי גע-טרייסט, ווי איצט. איך דאַנק אייך, מיין פריינד.

—נו. דאַכט זיך, אַלץ?—האָט ער אַ טראַכט געטהאָן.—ניין, פאַרהאַן נאָך עפּיס..."

דער פּאָטער אַלעקסעי האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניה. אין איין האַנד האָט ער געהאַלטען דעם צלם, אין דער צווייטער דעם קעלש. דער קייזער האָט איהם אָנגעקוקט פער'חדוש'ט.

—נו, וואָס נאָך? וואָס איז דאָס אַזוינס? שטעהט-אויף, הויבט זיך אויף! קאָן מען דען שטעהן אויף די קניה מיט'ן קעלש?..

דערין, וואָס גלחים פאַלען פאַר איהם אויף די קניה, האָט ער שטענדיג געזעהן באַטלעסטערונג. וויפיעל מאָל האָט ער זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען דאָס נישט טהאָן, און אָט פאַלען זיי ווידער אין אַזאַ מינוט.

—איהר האָט געהיילט אייער נשמה, מאַיעסטעט. אין נאָמען פון דער צערקווע און פון דעם גאַנצען פאָלק בעט איך אייך מיט תחנונים, איהר זאָלט אויך היילען אייער קערפּער...— האָט דער פּאָטער אַלעקסעי אַרויסגעזאָגט, קענטיג, אַנ'אויסגע'חזר'טע פראַזע.

—אָבער שטעהט-אויף! שטעהט-אויף!—האָט דער קייזער נאָכאַמאָל דערמאָהנט מיט עקעל.

אָבער דער פּאָטער אַלעקסעי איז נישט אויפגעשטאַנען.

—נעהמט-אָן די הילף פון די דאָקטוירים, אייער מאַיעסטעט, פּיאַוווקעס שטעלען...

—מען בעדאַרף נישט, מען בעדאַרף נישט, לאָזט מיך!— האָט דער קייזער אָנגעהויבען און נישט געענדיגט. ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, ווי אַ מענש, וועלכען עס איז זעהר לאַנגווייליג—נו, אַ סוף, טהוט, ווי איהר ווילט...

דער גלח איז אָבגעטראָטען און די דאָקטוירים זענען צוגעגאַנגען. פינפאונדרייסיג פּיאַוווקעס האָבען זיי איהם געשטעלט אויפ'ן נאַקען און הינטער די אויערן. צו די הענד און לענדען האָט מען צוגעלעגט זענעפטפלאַסטערס און צום קאָפּ קאַלטע קאָמפּרעסען. מען האָט אויך אַריינגעשטעלט אַ קליסטיר און מען האָט אַריינגעטהאָן רפואות פון אינוועניג. צוויי שעה צייט האָט מען געהאַט צו טהאָן אַרום איהם. אָבער ער האָט זיך אַלץ געלאָזט טהאָן, און אַז מען האָט געענדיגט, איז ער געוועזען אַזוי

אַבגעשוואַכט, אַז ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ מין חלשות.

שפעט ביינאַכט איז דער דעזשורנער דאָקטאָר טאַראַסאָוו אַרויסגעגאַנגען זיך מישב-זיין וועגען עפּיס מיט ווילי׳ען. ביים קראַנקען אין צימער איז קיינער נישט געווען, אויסער אַניסימאָוו׳ן. דער קייזער איז געקומען צו די געדאַנקען און האָט געהייסען אַניסימאָוו׳ן, ער זאָל איהם אַראָבנעהמען די זענעפט-פלאַסטערס.

—די דאָקטוירים הייסען נישט, אייער מאַיעסטעט. איהר וועט עטוואָס צולייַדען...

—לייד אַליין!—האָט דער קייזער אַ געשריי געטהאָן און האָט גענומען אַראָבריסען די זענעפטפלאַסטערס.

יעגאָריטש האָט איהם געהאָלפען. דער קייזער איז ווידער אַריינגעפאַלען אין אַ מין חלשות. דערנאָך האָט ער פלוצלונג געעפענט די אויגען און אָנגעהויבען ריידען מיט אַ פערענדערטען קול:

—יעגאָריטש, אַ יעגאָריטש, וואו איז ער?

—וועמען מיינט איהר, אייער מאַיעסטעט?

—קוזמיטש, פיאָדאָר קוזמיטש, דו קאָנסט איהם נישט?—האָט דער קייזער שנעל און שוואַך געענטפערט.—אויפ׳ן מאַרק זיצט ער, אַן׳אַלטעטשקער בעטלער איז ער. איבער די טראַקטען געהט ער און נדבות אויף צערקוועס קלויבט ער. פיאָדאָר קוזמיטש הייסט ער... געה און פרעג זיך נאָך אויף איהם. אָבער גיכער, וואָס גיכער, אַנישט, וועט זיין שפעט. איך בעדאַרף מיט איהם עפּיס ריידען. יעגאָריטש, טייבעלע, האָב רחמנות. אָבער קיינער זאָל נישט וויסען, דו הערסט? גאָט זאָל אויסהיטען, אַז דיביטש זאָל זיך דערוויסען, ער וועט איהם מיט׳ן קנוט פערשמייסען, ער וועט זאָגען: אַ שלעפער, אָהן אַ פאַספּאָרט...

יעגאָריטש האָט זיך געצלמ׳ט, אַ בלאַסער. ער האָט פערשטאַנען, אַז דער קייזער רעדט פון היץ. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז נישט אַלץ איז דאָ בלויז פלוידעריי און היצ־רייד.

—נו, וואָס שטעהסטו? וואָס שרעקסטו זיך?—האָט דער קיי-

זער געפּרעגט.—איך זאָג דאָך דיר, אַז ער איז אַ צדיק און איז אַ סך ריינער פון אונז ביידען. אָט ווער עס האָט בעדאַרפט זיצען אויפ׳ן טראָן! ער איז באמת אַ גאָטסאַלבטער פון גאָט!.. אָבער ער וועט נישט געהן אויפ׳ן טראָן. צו וואָס בעדאַרף ער עס? ער איז אַזוי אַ מלך אָהן אַ מלוכה. אַ בעטלער, אָבער אַ מלך. זאָל מען אַזאַ שמייסען מיט׳ן קנוט? אַ מלך מיט׳ן קנוט? אַלצאיינס, ווי מען וואָלט מיך געשמיסען... און מיט׳ן געזיכט איז ער עהנליך צו מיר. נישט זעהר, אָבער עהנליך. אַ ווייסינקער, אַ גלאַטינקער, מיט בלויע אויגען, פּונקט ווי ביי אַ קעלבעלע, ווי ביי מיר, בשעת איך קוק אין שפּיגעל אריין... בשעת איך האָב מיך נישט לאַנג געראַזירט און בין אַראָבגעפאַלען פון שטוהל, האָב איך, ווען מיינסטו, געזעהן אין שפּיגעל? איהם, איהם, איהם טאַקי, פיאָדאָר קוזמיטש׳ן. אָבער זאָלסט קיינעם, ברודער, נישט זאָגען דערפון, וואָרום איך דערצעהל עס דיר על-פי-סוד...

—אייער מאַיעסטעט! אייער מאַיעסטעט!—האָט יעגאָריטש געמורמעלט אין שרעק.

דער קייזער האָט געוואָלט נאָך עפּיס זאָגען און האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען. אָבער ער איז באַלד אַנידערגעפאַלען אויפ׳ן קישען און האָט, אַנ׳אָבגעשוואַכטער, פערמאַכט די אויגען. דערנאָך האָט ער זיי ווידער געעפענט און האָט אַזוי ווי פערוואונדערט אָנגעקוקט יעגאָריטש׳ן.

—נו, וואָס איז געשעהן ווידער? וואָס שטעהסטו און קוקסט אויף מיר אַזוי? וועגען וואָס האָב איך מיט דיר נאָר-וואָס גערעדט?

—ניע מאָגו זנאַט, אייער מאַיעסטעט. וועגען פיאָדאָר קוזמיטש׳ן...

—נאַרישקייטען! וואָס ביזטו געשטאַנען און זיך צוגעהערט? דוראַק! געה, רוף-אריין טאַראַסאָוו׳ן.

די גאַנצע נאַכט האָט ער גערעדט פון היץ, געקרעכצט און זיך געוואָרפען אויף אַלע זייטען. ער האָט נאָר געפּרעגט אויף סאָפיע׳ן, ווי אויף אַ לעבעדיגער און האָט אויך געפּרעגט, צי פירשט וואַלעריאַן מיכאַילאָוויטש וועט באַלד קומען?

אינדערפריה האָט ער זיך דערשפירט אַזוי שלעכט, אַז אַלע האָבען געמיינט, ער עקט זיך שוין. פיער טעג, ווי ער האָט געאָרנישט געגעסען—די גאַנצע צייט האָט איהם געעקעלט. טייל-מאָל פלעגט ער אַראָבשלינגען אַ לעפעלע לימאָנאַייז. פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער כמעט נישט גערעדט, אָבער אַז די קייזערין פלעגט צוגעהן צו איהם, פלעגט ער איהר שווייגענדיג שמייכלען. ער פלעגט נעהמען איהר האַנד אין זיינער, פלעגט זי קושען און זי לעגען צו זיך אויפ'ן קאָפּ אָדער אויפ'ן האַרץ.

—איהר זענט מיד? פאַרוואָס שפּאַצירט איהר נישט?—האָט ער זי איינמאָל אַ פרעג געטהאָן צוויי אַ זייגער ביינאַכט: טאָג און נאַכט זענען איהם, אפנים, צונויפגעמישט געוואָרען.

טיילמאָל פלעגט ער צונויפלעגען די הענד און מורמלען צו נאָט עפּיס אַ תפילה.

דינסטאָג אינדערפריה, דעם 17-טען נאָוועמבער, האָבען איהם די דאָקטוירים צוגעשטעלט צום נאַקען שפּאַניענפליגען, און ער האָט געשריען. שפּעטער האָט ער שוין נישט געקאָנט שרייען און ער האָט בלויז געקרעכצט מיט אַנ'איינטעניגען אונאויפהערליכען קרעכצען:

—אָך-אָך-אָך-אָך!..

די קייזערין האָט נישט דערקאָנט זיין קול: אין דעמדאָזיגען קרעכצען איז געלעגען עפּיס שרעקליכעס, עהנליך צום וואָיען פון אַ הונד. זי האָט זיך פערשטעלט די אויערן און איז אַרויסגעלאָפען פון צימער. אָבער אויך דורך די וועגד האָט זי געהערט, און זי איז אַרויסגעלאָפען אין גאָרטען.

עס איז געווען אַ לויטערער פריהמאָרגען. אַ גאָלדענע זון, אַ בלויער הימעל און אַ בלויער ים מיט אַ ווייסען זעגעל. די לופט איז געווען שטיל, קלאָר און דורכזיכטיג. די קייזערין האָט געקוקט אויף אַלץ און זיך גע'חדוש'ט. צווישען דעמדאָזיגען לויטערן פריהמאָרגען און יענער האַווקענדיגער קרעכצעריי איז געלעגען אַ שרעקליכע סתירה. זי האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און זיך דערמאָהנט: „ב ע ט, ו ו ע ט א י י ך ג ע ג ע ב ע ן ו ו ע ר ע ן".—„נו, איך בעט, איך בעט, איך בעט! טהו אַזוי, טהו

אַזוי, טהו אַזוי!" זי האָט נישט געבעטען, נאָר אַזוי ווי בעפוילען.

זיך אומגעקעהרט צוריק אין צימער. קיין קרעכצען האָט זיך שוין נישט געהערט. אין אורידיענצזאַל האָט ווילינ עפּיס גע-רעדט צו די דעזשורנע דאָקטוירים: צו טאַראַסאָוו'ן און דאָ-בערט'ן. זי איז צוגעגאַנגען און זיך צוגעהערט.

—דאַכט זיך, אַז די שפּאַניענפליגען ווירקען. גיט-זשע אַכ-טונג, ער זאָל זיי נישט אַראָפּרייסען, ווי די נעכטיגע זענעפט-פלאַסטערס. און אין ערגסטען פאַל, אויב מען וועט בעדאַרפען...

ער האָט פערענדיגט שעפּטשענדיג. זי האָט נישט גע-הערט, אָבער פערשטאַנען: „די הענד זאָל מען איהם בינדען, ווי אַ משוגע'נעם, צי וואָס? ניין, ניין, בעסער וועל איך אַליין..."

זי איז אַריין אין קאַבינעט. ער האָט אויסגעזעהן, ווי אַ קינד, וואָס איז בעליידיגט געוואָרען און וואָס האָט נאָר-וואָס אויפגעהערט צו וויינען. ער האָט זי דערקאַנט און, ווי אַלעמאָל, אַ שמייכעל געטהאָן.

די שטאָרען זענען אַראָפּגעלאָזט געווען. ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיי און געזאָגט:

—הויבט זיי אויף.

מען האָט אויפגעהויבען די שטאָרען, די זון האָט פערגאָ-סען דאָס צימער מיט שטראַהלען.

—וואָס פאַר אַ שען וועטער!—האָט ער אַרויסגעזאָגט ריין און דייטליך, כמעט מיט זיין געוועהנליכען קול.

ער האָט געוואָלט אויפהויבען די האַנד צום נאַקען, אָבער די קייזערין האָט זי איינגעהאַלטען.

—וואָס איז עס?—האָט ער געפרעגט.—פאַרוואָס טהוט עס אַזוי וועה?

—מען האָט אייך געשטעלט שפּאַניענפליגען, אָבצוציהען דאָס בלוט.

ער האָט ווידער אויסגעצויגען די האַנד און זי האָט איהם ווידער איינגעהאַלטען. און דאָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט. זי האָט איהם געגלעט, זיך געבעטען ביי איהם און נישט דער-לאָזט. און אין דערדאָזיגער צאַרטער אָנשטרענגונג איז געלעגען

עפּיס פונ'ם אמאליגען, וואס האט דערמאהנט אן די ערשטע ליע-בע-לאסקעס:

גענוואלט האט איינמאל גאט אמאר
די שענע פּסיכע כאפּען...

ער האט דערזעהן יעגאריטש'ן און האט אויך צו איהם א שמייכעל געטהאן.

— נו, וואס, ברודער, ביזט מיד? געה, רוה זיך אויס...

— עס מאכט נישט אויס, אייער מאיעסטעט, אבי אייך זאל זיין לייכטער...

— מיר איז דאך בעסער, זעהסט נישט?

— נו, געלויבט צו גאט! — האט זיך יעגאריטש איבערגע'צלמ'ט. — ער וועט זיך אויסהיילען, געזונד ווערען! — האט ער א שעפּטשע געטהאן צו דער קייזערין מיט אזויפיעל גלויבען, אז זי האט אויך גענומען גלויבען.

„טהו אזוי, טהו אזוי, טהו אזוי!" — האט זי געבעטען צו גאט און זי האט שוין געוואוסט, אז ער האט אזוי געטהאן — א נס איז געשעהן.

„טייערע מוטער, — האט זי אין דעם טאג געשריבען צו דער קייזערין מאריע פיאדאראוונע — אין זיין צושטאנד איז היינט אריינגעטראטען א קענטיגע בעסערונג, און דערפאר — טויזענד דאנקען דעם אויבערשטען! א, גאט מיינער, וואס פאר א שווערע מינוטען איך האב איבערגעלעבט! איך קאן מיר אויך פארשטעלען אייער אונרוהיגקייט. איהר בעקומט דאך דעם ביולעטען, בעדארפט איהר אלזא, וויסען, וואס מיר האבען איבערגעלעבט נעכטען און נאך היינט ביינאכט. אבער היינט האט אונז ווילייע געזאגט, אז זיין צושטאנד איז בעפרידיגענד. איך בין ממש אויסער זיך און קאן אייך מעהר גארנישט שרייבען. בעט מיט אונז צו גאט..."

פינף א זייגער אין אוונד איז זי געזעסען נעבען זיין בעט און געהאלטען זיין האנד אין איהרער. זיין האנד האט פון דאסניי געברענט: די היץ האט זיך געשטארקט. עפּעטער פלעגט ער פערלירען דאס בעוואוסטזיין און פלעגט קוים ארויסמורמלען:

— אפשר וואלט מען געקאנט, זאג מיר עפּיס... — האט ער

אָנגעהויבען אויף פראַנצויזיש און נישט געענדיגט. צולעצט, האָט ער שוין געזאָגט אויף רוסיש:

—גיט מיר...

מען האָט איהם געפּרובט געבען טיי, לימאָנאַד, אייז, אָבער פון זיינע אויגען איז געווען קענטיג, אַז ער מיינט נישט דאָס. צולעצט, האָט ער אַ רוף געטהאָן וואָלקאָנסקי'ן:

—גיט מיר...

—וואָס האָט איהר געוואָלט, אייער מאַיעסטעט?

דער קייזער האָט איהם אָנגעקוקט און געזאָגט.

—מויל-וואַסער.

וואָלקאָנסקי האָט גענומען צוגרייטען דאָס וואַסער, הגם ער האָט געוואוסט, אַז דער קייזער קאָן שוין נישט שווענקען דאָס מויל פון שוואַכקייט. איבעריגענס, האָט ער באַלד פון דאָסניי פערלאָרען דאָס בעוואוסטזיין.

און נאָך עטליכע מאָל האָט ער געבעטען:

—אפשר וואָלט מען געקאָנט?

צולעצט האָט ער אַרויסגעזאָגט קוים צום הערען:

—אָבגעבען אַ חשבון דער וועלט.

אָבער אין צימער איז קיינער נישט געווען אויסער דער קייזערין און וואָלקאָנסקי'ן, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקעל, אַזוי אַז דער קראַנקער האָט איהם נישט געקאָנט זעהן.

—אָ, איך בעט אייך, איך בעט אייך!..—האָט ער איבער-געחזר'ט מיט תחנונים, פונקט ווי ער וואָלט עפּיס געבעטען און מען וויל עס איהם נישט געבען.

און פּלוצלונג האָט ער, ווי פריהער, דייטליך און הויך אַרויסגעזאָגט, כמעט מיט זיין געוועהנליכען קול:

—איך וויל שלאָפען.

דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער, וואָס די קייזערין האָט געהערט.

ער איז געלעגען הויך אויף די קישענס—כמעט ווי געזעסען, און אַז ער האָט געזאָגט „איך וויל שלאָפען"—האָט ער אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און פערמאַכט די אויגען. מאַכטלאָז זע-

נען איהם געפאַלען די הענד אויף דער דעקע. ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן, ווי דעמאָלט, בשעת ער איז קראַנק געוואָרען און זי האָט נאָך נישט פערשטאַנען, וואָס עס בעדייט דערדאָזיגער שמייכעל. איצט האָט זי פערשטאַנען. דאָס געזיכט איז שטיל, ליכטיג און שען. אַזאַ האָט זי איהם קיינמאָל נישט געזעהן. „אַ מלאך, וואָס ווערט געפייניגט,—האָט זי אַ טראַכט געטהאָן.—און ווי מאַכט מען, איך זאָל איהם נאָכמעהר ליעב האָבען, ווען...”— זי האָט זיך געוואָלט זאָגען: „ווען ער וועט געזונד ווערען”. און פלוצלונג האָט זי פערשטאַנען—פאַר דער גאַנצער צייט פון דער קראַנקהייט האָט זי בלויז איצט צום ערשטען מאָל פערשטאַנען,—אַז ער וועט שוין נישט געזונד ווערען, אַז דאָס איז דער טויט.

ער האָט געעפענט די אויגען און זי אָנגעקוקט. זי האָט געזעהן, אַז ער וויל איהר עפּיס זאָגען און האָט זיך אָנגעבויגט צו איהם.

—נישט שרעקליך, ליזע, נישט שרעקליך...—האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט אַזוי שטיל, אַז זי האָט נישט געהערט. ער האָט געוואָלט זאָגען: „נישט שרעקליך אַריינצופאַלען אין די הענד פון לעבעדיגען גאָט”, אָבער אַז ער האָט זי אָנגעקוקט, האָט ער פערשטאַנען, אַז מען בעדאַרף נישט ריידען, אַז זי פערשטעהט אַזוי אויך אַלץ.

אין אוידיענצזאַל האָבען זיך איבערגעשעפּטשעט וואָלקאָנסקי מיט דיביטש'ן.

—מיין לאַגע, פירשט, איז זעהר אַ שווערע. איך, אַלס שעף פונ'ם גענעראַלשטאַב, בעדאַרף וויסען צו וועמען איך האָב מיך צו ווענדען אין פאַל, ווען זיין מאַיעסטעט וועט צומאַכען די אויגען,—האָט דיביטש געזאָגט.

—איך מיין, אַז צום טראָנפאָלגער, צו קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש'ן,—האָט וואָלקאָנסקי בעמערקט.

וועגען דעם, אַז קאָנסטאַנטין האָט זיך אָבגעזאָגט פון טראָן, האָבעןביידע נישט געוואוסט, אָבער דערדאָזיגער נאָמען האָט אין זיי, ווי אין אַלעמען, דערוועקט עפּיס ספקות.

—יאָ, צו קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש'ן,—האָט דיביטש ווי-

טער געזאָגט,—דאָך איז אונז נישט בעקאַנט זיין לעצטער רצון..

—וועגען וואָס האָט איהר, אלזאָ, פריהער געטראַכט?—האָט וואָלקאָנסקי אונגעדולדיג אַרויסגעזאָגט.

—דערלויבט מיר אייך צו דערמאָהנען, פירשט, אַז איך האָב שוין נישט איינמאָל געהאַט דעם כבוד צו מעלדען אייער דורכלויכט,—האָט אויך דיביטש אונגעדולדיג געענטפערט.

—וואָס-זשע האָט איהר מיר געמאָלדען און אַליין גאָרנישט געטהאָן?

—איך האָב געמיינט, אַז עס איז נישט אָנשטענדיג..

—האָט איהר, הייסט עס, געוואָלט, אַז איך זאָל מיך בע-געהן נישט אָנשטענדיג פאַר אייך?

ביידע זענען געשטאַנען קעגען איינאַנדער, ווי העהנער, וואָס זענען גרייט צו שלאָגען זיך. וואָלקאָנסקי האָט געקוקט אויף דיביטש'ן פון אויבען אַראָב, ווייל ער האָט, גאָר פשוט, אַנדערש נישט געקאָנט: דיביטש'עס קאָפּ האָט איהם געגרייכט ביז'ן אַקסעל. דוביטש איז געווען אַ קליינינטשקער, אַ פּיזשיקעל, מיט אַ בייכעלע און קרומע פיסלעך. אַז ער האָט מאַרשירט אין פראָנט, האָט ער בעדאַרפט אונטערשפּרינגען. זיינע בעוועגונגען זענען געווען קרום-זייטיגע, אומגעלומפּערטע, קריכענדיגע, ווי ביי אַ קראַב. אויסגע-זעהן האָט ער פערשלאָפען און אָבגעלאָזט. אויפ'ן סורטוק האָט ער שטענדיג געהאַט עפּיס אַ פוכעל אָדער אַ פעדערל; די רויטע האָהר זענען געווען צושויבערט, דאָס פנים מיט בלוט אָנגעגאָ-סען: דער עולם האָט געשמועסט, אַז ער איז אַ שכור. אָבער זיין אויסערליכקייט האָט גענאַרט: ער איז געווען אונגעהויער טעטיג, היציג, קאָכיג, פייער און פלאַם (שפּעטער, אין טערקישען פעלדצוג האָבען איהם די סאָלדאַטען נישט אומזיסט גערופען: „סאַמאָוואַר-פּאַשאַ"). אָבער צוזאַמען דערמיט איז ער אויך געווען קאַלטבלוטיג, קלוג, געשיקט און דורכדרינגליך. דעם קייזער האָט ער אין אַלץ נאָכגעגעבען, אָבער ער, דער קייזער, האָט זיך גע-שראָקען פאַר איהם. „דיביטש'ן זאָלסטו אַ פינגער אין מויל נישט לעגען",—פלעגט ער זאָגען.

דיביטש און וואָלקאָנסקי האָבען איינאַנדער פיינט געהאַט,

איינער איז געווען אַ רוסישער פירשט, אַ רוסישער שררה פון קאָפּ ביז די פיס; דער צווייטער אָבּער איז געווען אַן׳אויפגעקומענער, אַ מענש פון אַ פּראָסטער סביבה, אַ זוהן פון אַן׳אָרימען קאָפּראַל אויס פּרייסיש-שלעזיען, וואָס איז געקומען קיין רוסלאַנד במעט ווי צופוס, מיט אַ פּעקעל אויפ׳ן רוקען. דיביטש האָט גערופען דעם פירשט „אַלטער קאָלאָש״ און וואָלקאָנסקי איהם — „אַראַקטשייעווס היה״, „שלאַנג״. אָבער ווי שטאַרק ער האָט נישט פיינט געהאַט דיביטש׳ן, האָט ער דאָך געשפּירט, אַז די צוקונפט געהערט נישט איהם, דעם רוסישען פירשט, נאָר איהם, דעם אויפגעקומענעם דייטש.

— וואָס ווילט איהר, אייגענטליך, פון מיר, עקסעלענץ? — האָט וואָלקאָנסקי, צולעצט, אַ פרעג געטהאָן און זיך קוים איינגעהאַלטען.

— וועט איהר אפשר אַזוי גוט זיין און עס מעלדען איהר מאַיעסטעט דער קייזערין?

— נו, איך דאַנק אייך! איהר קאָנט אַליין מעלדען...

דיביטש׳עס שטאָהלענע אויגען זענען אָנגעגאָסען געוואָרען מיט האַס און דאָס פּנים איז רויט געוואָרען — דער „סאַמאָוואַר״ האָט גענומען קאָכען.

— ווי איהר ווילט אייך, פירשט, אָבער געדענקט, אויב עס וועט עפּיס געשעהן, וועט עס זיין נישט מיין שולד. אַז איך האָב מיך געווענדט צו אייער דורכלויכט, האָב איך משער-געווען, אַז אין אַזאַ מינוט בעדאַרפען פערגעסען ווערען אַלע פּערזענליכע עולות און מען בעדאַרף נאָר געדענקען דעם חוב געגען צאַר און פאָטערלאַנד. אָבער איך זעה, אַז איך האָב מיך טועה-געווען... איך האָב די עהרע...

— וואַרט-נאָר, — האָט איהם וואָלקאָנסקי אָבגעהאַלטען, — אויב איהר ווילט, קאָנען מיר מאַכען אַזוי: מיר וועלעןביידע אַריין צו דער קייזערין און איהר וועט עס איהר מעלדען אין מיין געגענוואַרט.

דיביטש האָט איינגעשטימט. זיי זענען אַריין אין קאַבּינעט. דער קראַנקער איז געלעגען אָהן בעוואוסטזיין. די קייזערין איז

געשטאַנען אויף די קניה, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט אויפ'ן ברעג פון בעט און דאָס געזיכט פערדעקט מיט די הענד. אַז זיי זעגען אַריין אין צימער, האָט זי אָבגעקעהרט דעם קאָפּ און זיך אויפגעהויבען. זי האָט פערשטאַנען, אַז זיי ווילען איהר עפּיס זאָגען און איז צוגעגאַנגען צו זיי.

דיביטש האָט אָנגעהויבען ריידען, אָבער זי האָט לאַנג נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס ער רעדט.

—נאָר גאָט אַליין קאָן דאָ העלפען און מציל-זיין דעם קייזער, אָבער די רוה און זיכערקייט פון רוסלאַנד פאָדערן, אַז עס זאָלען אָנגענומען ווערען די געהעריגע מיטלען אויף יעדען פאַל. איך בעט, אייער מאַיעסטעט זאָל מיר זאָגען, צו וועמען האָבען מיר זיך צו ווענדען אין פאַל פון אַ קאַטאַסטראָפּע?

צולעצט, האָט זי פערשטאַנען וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, אָבער זי האָט זיך דערשפּירט אַזוי בעליידיגט, אַז איהר האָט זיך געוואָלט שרייען, טופּען מיט די פיס און אַרויסיאָגען איהם פון צימער: איהר האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל פון לעבעדיגען קייזער אַראָבנעהמען אַ מאָס פאַר אַ טרומנע.

—איהר בעדאַרפט זיך, נאַטירליך, ווענדען צום טראָנפאָלגער קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש,—האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט גרויס אָנשטרענגונג; זי האָט נישט געוואוסט, וואָס זי רעדט, אָבער זי האָט געוואָלט פטור-ווערען פון איהם. ביים נאָמען קאָנסטאַנטין האָט זי זיך עפּיס דערמאָהנט, אָבער זי האָט איצט נישט געקאָנט טראַכטען דערפון.

—צו בעפעהל, אייער מאַיעסטעט,—האָט דיביטש געזאָגט. ער האָט געוואָלט נאָך עפּיס זאָגען, אָבער זי האָט איהם אָבגעהאַלטען:

—איך בעט אייך, לאָזט מיך צורוה...

און זי איז אַוועק צום חולה. אָבער דיביטש איז נאָך אַלץ געשטאַנען, פּונקט ווי ער וואָלט געוואַרט אויף עפּיס. ער האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן קייזער און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז

688 יענער קוקט אויף איהם. „אפשר זאָל איך איהם אַ פרעג טו-

האָט ער געטראַכט, אָבער ער האָט אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

שוין די פינפטע נאַכט, ווי קיינער האָט אין פּאַלאַץ נישט צוגעמאַכט מיט אַנ'אויג. ווילּיע איז פון מידקייט קראַנק געוואָרען; וואָלקאָנסקי'ן איז עטליכע מאָל נישט גוט געוואָרען; יעגאָריטש האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. בלויז די קייזערין אַליין האָט זיך נישט פערלאָרען. שטענדיג אַ קראַנקע און אַ שוואַכע, איז זי איצט געווען שטאַרקער פון אַלעמען.

אין די פענסטער ווערט פינסטער, אין די פענסטער ווערט ליכטיג; די לאָמפּען ווערען אָנגעצונדען, די לאָמפּען ווערען אויסגעלאָשען,—פאַר איהר איז שוין קיין צייט נישט געווען.

דער קראַנקער האָט שטענדיג געשפּירט, אַז זי געפינט זיך נעבען איהם. ריידען האָט ער שוין נישט געקאָנט, האָט ער בלויז בעוועגט מיט די ליפּען, און זי האָט שוין פערשטאַנען, וואָס ער וויל: פלעגט זי איהם לעגען די האַנד אויפ'ן האַרצען, אויפ'ן קאָפּ, און גאַנצע שעה'ן פלעגט זי אַזוי האַלטען די האַנד. איינמאָל האָט זי דערשפּירט אויף איהר באַק צוויי שוואַכע ליפּענבעוועגונגען: דאָס איז געווען זיין לעצטער קוש.

אַ צווייט מאָל האָט ער דערזעהן וואָלקאָנסקי'ן און האָט אַ שמייכעל געטהאָן צו איהם. און אַז וואָלקאָנסקי האָט איהם גע־מ'מען קושען די האַנד, האָט ער איהם געגעבען אַ צייכען דורך די אויגען, אַז מען בעדאַרף נישט קושען די האַנד.

פון מינוט צו מינוט האָט מען געוואַרט אויפ'ן סוף. מיטוואָך אינדערפריה, דעם 18-טען נאָוועמבער האָט ער ווידער בעקומען קרעמפּען אין געזיכט. געאָטעמט האָט ער אַזוי שווער און הייזעריג, אַז מען האָט געהערט אין צווייטען צימער. ער האָט שוין געהאַט אַ געזיכט פון אַ טויטען; די נאָז איז שאַרף געוואָרען, די אויגען זענען איינגעפאַלען און בעצויגען געוואָרען מיט טויט-שפּינוועבס. מען האָט געמיינט, אַז דאָס איז שוין דער סוף. האָט מען אַריינגערופען אַ גלח, ער זאָל זאָגען די תפילות, וואָס ווערען געזאָגט ביי דער גסיסה פון אַ מענשען. אָבער די קראַמפּעז זענען ביסלעכווייז איינגעשטילט געוואָרען. דער זייגער האָט

אויסגעשלאָגען ביין. דער קייזער האָט אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן זיי-
גער, און זיין בליק איז געווען פול לעבען. דערנאָך האָט ער אַ
קוק געטהאָן אויפ׳ן דעזשורנעם הויפדאָקטאָר דאָבערט, וועלכען
ער איז נישט געוועהנט געווען צו זעהן ביי זיך אין צימער, און
לאַנג האָט ער געקוקט אויף איהם און זיך, קענטיג, גע׳חדוש׳ט,
פונקט ווי ער וואָלט איהם געוואָלט פרעגען, וואָס טהוט ער דאָ.
און פלוצלונג האָבען אַלע פון דאָסניי גענומען האָפען. כדי
ער זאָל נישט שטאַרבען פון הונגער, ווייל ער האָט שוין לאַנג
נישט געקאָנט שלינגען, האָט מען איהם אַריינגעשטעלט צוויי
קליסטירען מיט בוליאָן, אויפגעקאָכט אויף סמאָלענסקער גרויפען.
אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט די האָפנונג: אין דעם
אייגענעם טאָג, אַרום האַלבע נאַכט, האָט זיך אָנגעהויבען די
אַגאָניע.

די קייזערין האָט געהאַלטען זיין קאָפ אין איהרע הענד.
טיילמאָל האָט זי גענעצט איהרע פינגער אין קאַלט וואַסער און
האָט אַדורכגעפיהרט מיט זיי איבער זיינע פערשמאַכטע ליפען —
זיי זאָלען עטוואָס אָבגעפרישט ווערען. ער האָט געזויגען איהרע
פינגער, און זי האָט געשמייכעלט צו איהם, ווי אַ מוטער צו אַ
קינד, בשעת זי זויגט.

די אַגאָניע האָט זיך געצויגען די גאַנצע נאַכט ביז אינ-
דערפריה. אינדערפריה, דעם 19-טען נאָוועמבער, איז געווען אַ
טריב וועטער. אין אַלע צערקוועס האָט מען געבעטען פאַר׳ן
קייזערס געזונד. פאַר׳ן פלאַץ, נעבען פאַלאַץ איז געשטאַנען אַ
היבשער המון.

דער קייזער איז אויסגעגאַנגען ביים פולען בעוואוסטזיין.
עפטער פלעגט ער עפענען די אויגען און קוקען אויף דער קליי-
נער קרייצונג אין אַ גאָלדענעם מעדאַליאָן, זיין פאָטערס אַ מתנה,
וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנד און נאָכדעם פלעגט ער אָנ-
שטעלען די אויגען אויף דער קייזערין. זיין אָטעם איז געוואָרען
אַלץ זעלטענער און זעלטענער, אַלץ שוואַכער און קירצער. עטלי-
כע מאָל האָט זיך דער אָטעם אינגאַנצען אָבגעשטעלט און דער-
נאָך ווידעראַמאָל זיך אָנגעהויבען. לסוף האָט ער אַ לעצט מאָל 690

איינגעאָטעמט אין זיך די לופט און שוין מעהר נישט אַרויסגע-אָטעמט.

אַלע האָבען געוויינט, בלויז די קייזערין האָט נישט גע-וויינט. זי האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניה און זיך געבוקט דעם מת צו די פיס. נאָכדעם איז זי אויפגעשטאַנען, צוגעמאַכט איהם די אויגען און לאַנג געהאַלטען די פינגער אויף די אויגען-לאָדען—זיי זאָלען זיך נישט עפענען. נאָכדעם האָט זי צונויפגע-לעגט אַ טאַשענטיכעל און אונטערגעבונדען איהם די אונטערשטע קינבאַק. זי האָט איהם איבערגע׳צלמ׳ט און אַ קוש געטהאָן אין שטערען, ווי זי פלעגט עס שטענדיג טהאָן פאַר׳ן געהן שלאָפען. נאָכאַמאָל האָט זי זיך טיעף פערנויגט צו זיינע פיס און איז אַרויס פון צימער.

פיערטעס קאַפּיטעל.

ערוהיג, גאָט, די נשמה פון דיין פערשטאָרבענעם קנעכט, דעם פרומען קייזער אַלעקסאַנדער דעם ערשטען!—האָט מען געזונגען איבער דעם מת, און קיינער האָט זיך נישט געוואונדערט, וואָס דער צאַר ווערט אָנגערופען קנעכט.

אַרומגעוואַשען און אָנגעטהאָן אין ריינעם וועש און אין אַ ווייסען שלאָפראָק, איז ער געלעגען דאָרט, וואו ער איז געשטאָרבען, אין זיין קאַבינעט און שלאָפצימער, אין אַ שמאָלען אייזערנעם פעלדבעטעל. צוקאָפּענס איז געשטאַנען די איקאָנע פון קריסטוס, צופוסענס—אַ געבעטטישעל מיט'ן עוואַנגעליום. פיער ליכט האָבען געברענט מיט אַ שטאַרען טריבען טאָג-פלאַם, ווי דעמאָלט, מיט אַ חודש צוריק, בשעת ער האָט בייטאָג, פאַר אַ ליכט, געלייענט דאָס פּאַפּיר וועגען דער געהיימער געזעלשאפט. אין די שטראַהלען פון דער זון (דרויסען האָט זיך אויסגעלייטערט) האָבען זיך געשפרייט בלויע ווייערך-וואָלקענס.

די אונטערשטע קינבאַק איז נאָך אַלץ געווען אונטערגע-

בונדען—דאָס מויל זאָל זיך נישט עפענען. דער קנופּ פון טיכעל איז געווען גוט איינגעצויגען און אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ האָבען גע-שטעקט צוויי עקען. דאָס פּנים איז יונגער, שענער געוואָרען, און עס האָט געהאַט אַזאַ אויסדרוק, פּונקט ווי דער קייזער האָט גע-טהאָן דאָס, וואָס ער האָט בעדאַרפט טהאָן, און איצט איז איהם גוט—„אַלץ איז גוט אויף אייביג״.

ביי דער ערשטער הזכרה איז געווען די קייזערין, אָבער זי האָט נאָך אַלץ נישט געוויינט. איהר געזיכט איז אויך געווען אַזוי רוהיג, ווי דאָס פּנים פון מת.

אויף מאָרגען, פרייטאָג, דעם 20-טען נאָוועמבער, זיעבען אַ זייגער אין אָוועגד, האָט מען דעם קייזער געפּאַלמעסט. דערביי זענען געווען: דער שעף פון׳ם גענעראַלשטאַב, גענעראַל דיביטש, גענעראַל טשערנישעוו און ניין דאָקטוירים, דערינגען וויליע, שטאָפ-רעגען און טאַראַסאָוו.

די דאָקטוירים האָבען איינגעפונען, אַז דער מאַרך איז פון דער לינקער זייט שוואַרץ געוואָרען. דער קייזער האָט זיך טאַקי געקלאָגט, אַז דערדאָזיגער אָרט פערשאַפט איהם יסורים. אין פּראָטאָקאָל איז געזאָגט געוואָרען: „נאָכדעם, ווי עס איז אָבגעזעגט געוואָרען דער אויבערשטער טייל פון׳ם קאָפּ-שאַרבען, זענען פון דער נאַקען-זייט אַרויסגעפלאָסען צוויי אונצען וועגאָ-זעס בלוט, און אַז מען האָט אַרויסגענומען דעם מאַרך, האָט מען געפונען ביז צוויי אונצען דורכזיכטיג בלוטסערום (serositas). דידאָזיגע אַנאַטאָמישע אויספאָרשונג בעווייזט, אַז אונזער דערהוי-בענער מאָנאַרך האָט געליטען פון אַ שאַרפער קראַנקהייט, וואָס האָט צוערשט פערכאַפּט דעם לעבער און די איבעריגע אָרגאַנען, וועלכע דיענען צו דער אויסטיילונג פון דער גאַל. ביסלעכווייז איז דידאָזיגע קראַנקהייט איבערגעגאַנגען אין אַ שטאַרקער היצקראַנק-הייט צוזאַמען מיט אַ געהירנענטצינדונג, און דאָס איז, אַלזאָ, גע-ווען די טויט-אורזאַך פון זיין קייזערליכער מאַיעסטעט.״

אַריבערצופיהרען דעם קערפער קיין פּעטערבורג, כמעט פאַר צווייטויזענד וויאָרסט, האָט מען איהם געמוזט באַלזאַמירען. די-דאָזיגע אַרבייט האָט דיביטש איבערגעגעבען דעם לייב-דאָקטאָר

טאַראַסאָוו, אָבער אַז יענער האָט זיך אָבגעזאָגט דערפאַר „וואָס ער האָט דעם קייזער ליעב ווי אַ זוהן און האָט גרויס יראה פאַר איהם”, איז די אַרבייט אָנגעטרויט געוואָרען די הויפדאָקטוירים ריינגאָלד און דאָבערט.

באַלד נאָכ׳ן פאַלמעסען איז מען טאַקי אין דעם אייגענעם צימער גלייך צוגעטראָטען צו דער באַלזאַמירונג. עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען, אַז מען זאָל עס מאַכען פאַר איין נאַכט, ביז אינדערפריה.

צוויי אַ זייגער ביינאַכט האָט דיביטש אַוועקגעשיקט אין פאַלאַץ אַריין זיין אַדיוטאַנט, ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש שעניג, אַ יונגער שטאַב-אָפיציר,—ער זאָל זעהן, ווי געהט דאָרט צו די באַלזאַמירונג.

אין פאַלאַץ האָט שעניג קיינעם נישט געפונען. ביי דער טהיר איז בלויז געשטאַנען אַ קאָזאַקען-אָפיציר אויף זיין וואַכפּאָסט. אויף דער צייט פון באַלזאַמירען און אָנטהאָן דעם מת, איז די קייזערין איבערגעפאָהרען אין שאַכמאַטאָווס דערבייאיגען הויז.

שעניג איז אַדורכגעגאַנגען איבער טונקעלע און לעדיגע צימערן און איז געבליבען שטעהן פאַר דער טהיר פון קאַבינעט. די טהיר איז געווען פערשפאַרט. ער האָט אָנגעקלאַפּט. עמיץ האָט זיך אָבגערופען פון אינווייניג און, צולעצט, געעפענט די טהיר.

אַז ער איז אַריין אין צימער, איז איהם בעפאַלען דער שווערער ריח פון רפואות, אַראָמאַטישע גראָזען, עסיג און ספּירט. דערביי האָט ער געשפּירט עפּיס אַ זייטיגען ריח—אַ שווערען, אָבער פערשטאַנען האָט ער ערשט דערנאָך, אַז דאָס איז אַ ברמינן-ריח. אינמיטען צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער קיך-טיש; אַרום טיש האָבען זיך געבאָמבעלט מענשען אין ווייסע פאַרטוכער; אויפ׳ן טיש איז געלעגען אַ לאַנגע און אַ ווייסע זאַך. ער האָט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער ער האָט עס נישט געוואָלט אָנקוקען. ער האָט פערזשמורעט די אויגען, זיך געסטאַרעט נישט צו אָטעמען מיט דער נאָז און אַזוי איז ער צוגע-

גאַנגען די הויפּדאָקטוירים—ריינגאָלד און דאָבערט. זיי זענען געזעסען ביים קאַמינפייער און האָבען עפּיס אויפגעקאָכט אין צוויי קעסעלעך. עפּטער פלעגען זיי אַראָבנעהמען די שוים און אויפמישען די פליסיגקייט מיט צוויי צינלעפעל. דערביי האָבען זיי גערויכערט ציגאַרען. ריינגאָלד איז געווען אַ לאַנגער און אַ דאַרער, דאָבערט—אַ נידעריגער, מיט אַ בייכעלע. אינ'ם רויטען שיין פון קאַמינפייער זענען ביידע געווען עהנליך צו מכשפים, וואָס האָבען געקאָכט עפּיס אַ פער'כשופ'ט געטראַנק.

—לויט'ן אויפטראַג פון זיין עקסעלענץ, דעם הער גענעראַל דיביטש, האָב איך די עהרע אָנצופרעגען, ווי אַזוי געהט-צו די באַלזאַמירונג פונ'ם הויכזעליגען קייזער?—האָט שעניג געפרעגט.

ריינגאָלד האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט זיך רוהיג ווייטער געמישט די פליסיגקייט אין קעסעלע. דאָבערט האָט אַרויסגענומען פון מויל דעם ציגאַר און האָט איהם געהאַלטען צווישען דעם גראָבען און קליינינקען פינגער—זיינע הענד זענען געווען פערשמוצט. נאָכדעם האָט ער אָנגעקוקט שעניג'ן מיט אַ קאַלט-בייזער מינע.

—ווי אַזוי געהט-צו די באַלזאַמירונג? אפשר ווילט איהר אַ קוק טהאָן?—האָט ער אַ שאָקעל געגעבען מיט'ן קאָפּ צום טיש, וואו עס איז עפּיס געלעגען לאַנג און ווייס.

שעניג האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ער האָט כלומר'שט אַ קוק געטהאָן דערויף, אָבער ער האָט פערזשמורעט די אויגען און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

—רעדט איהר דייטש?—האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

—איך רייד.

—נו, זעהט איהר, זאַלזאָ, הער אָפיציר, גענעראַל דיביטש פאָדערט, מיר זאָלען אַלץ פערענדיגען אין איין נאַכט: איינס, צוויי, דריי, אויפ'ן מיליטערישען שטייגער. אָבער דאָס איז אונמעגליך. דאָס איז געגען אַלע כללים פון דער וויסענשאַפט. באַלזאַמירען איז אַ שווערע זאַך. אויב מען וויל עס מאַכען, ווי געהעריג, בעדאַרף מען עטליכע טעג האַלטען דעם קערפּער אין ספּירט. אָבער מיר האָבען אפילו נישט די נויטיגע צאָהל ספּירט

דערצו, שלעכטער רוסישער בראָנפּען איז פאַרהאַן איבערגענוג, אָבער גוטער ספּירט איז נישטאָ. פון אַנדערע בויטיגע זאַכען רייד איך שוין נישט. אפילו ריינע ליילעכער און האַנדטיכער קאָן מען דאָ נישט בעקומען. אין פּאַלאַץ איז קיין זכר פון אַ מענשען נישטאָ: אַלע זענען זיך צולאָפען. ווי לאַנג האָבען אַלע געפּלאַטערט פאַר זיינעם אַ בליק? האָט ער אָבער צוגעמאַכט מיט אַנ'אויג, האָבען איהם אַלע פערלאָזט...

—רוסישע חזירים!—האָט ריינגאָלד אַרויסגעזייט דורך די ציינער און האָט גענומען זויגען דאָס שטינקענדיגע שטיקעל ציגאַר.

—איך וועל עס תיכף אַלץ איבערגעבען זיין עקסעלענץ,—האָט שעניג געזאָגט און געוואָלט אַוועקגעהן: דער ריח פון מת האָט איהם זעהר געשטיקט.

—ניין, וואַרט נאָך אַ ווילע, וועט איהר זיך אַליין איבער-צייגען.

דאָבערט האָט גענומען שעניג'ן אונטער'ן אָרעם און האָט איהם צוגעפיהרט צום טיש, און דאָ האָט ער דערזעהן דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זעהן: דעם קייזערס קערפּער, אָהן שום בושה אויפגעדעקט. הגם דער אויסדרוק פון זיין געזיכט האָט זיך שטאַרק פערענדערט, נאָכדעם ווי מען האָט איהם צוריק אַרויפ-געזעצט דעם אָבגעזעגטען טייל שאַרבען און צוזאַמענגענייהט די קאָפּ-הויט, דאָך אָבער האָט איהם דער יונגער אָפיציר באַלד דערקאָנט. ער האָט איהם דערקאָנט, אָבער ער האָט נישט גע-גלויבט, אַז דאָס איז ער.

מיט אַ מינע פון אַ למדן, פּונקט ווי ער וואָלט געלייענט אַ לעקציע, האָט דאָבערט דערקלערט, ווי אַזוי עס ווערט געמאַכט די באַלזאַמירונג. נאָכ'ן פּאַלמעסען האָט מען אַרויסגענומען דעם מאַרך, דאָס האַרץ און נאָך אַנדערע אינערליכע אָרגאַנען און מען האָט זיי אַריינגעלעגט אין אַ זילבערנעם קיילעכיגען קאַסטען, וואָס זעהט-אויס ווי אַ געוועהנליך צוקערקעסטעל מיט אַ דעקעל און אַ שלאָס. דאָבערט האָט טאַקע אין דער אייגענער רגע פערשלאָסען דאָס קעסטעל און דערלאַנגט דעם שליסעל שעניג'ן, ער זאָל איהם איבערגעבען דעם גענעראַל דיביטש.

—דער שליסעל צום האַרץ פון זיין מאַיעסטעט,—האָט דאָ־בערט אַ שפּאַס געטהאָן און זיך באַלד געכאַפּט. איז ער ערנסט געוואָרען און זיך ווידער גענומען צו דער לעקציע.

אַז מען האָט אַרויסגענומען די אינעווייניגסטע אָרגאַנען, האָט מען אויסגעשניטען די פליישיגע טיילען. די אַלע לעדיגע ערטער האָט מען אָנגעשטאָפּט מיט באַלזאַמגראָזען, וואָס זענען פריהער גוט אויפגעקאָכט געוואָרען. דידאָזיגע גראָזען האָבען עס ריינגאָלד מיט דאָבערט'ן אויפגעקאָכט אין קעסעלע. נאָכדעם האָט מען דעם קערפּער פערבינטעוועט מיט ברייטע לייוועגדענע טאַשמעס, פּונקט ווי מיט וויקעלעך.

בשעת דאָבערט מיט שעניג'ן זענען צוגעגאַנגען צום טיש, האָבען די פעלדשערס, וואָס האָבען געאַרבייט אַרום טויטען קערפּער, אַ ווילע אָבגערוהט.

—נו, גיכער, גיכער, חברה!—האָט דאָבערט אָנגעשריען אויף זיי.—עי, וואַסיליעוו, ציה אָקאָרשט פעסטער צוזאַמען די טאַשמעס: צווייטויזענד וויאָרסט פאַר אַ מת איז נישט קיין קלייניגקייט!

די פעלדשערס האָבען זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט. פון דאָסניי האָבען זיי גענומען בינטעווען דעם קערפּער, פּונקט ווי זיי וואָלטען געוויקעלט אַ קינד.

—אָבער זעהט נאָר, וואָס פאַר אַ הערליכער קערפּער!—האָט דאָבערט געזאָגט.

—יאָ, דער פערשטאָרבענער איז געווען אַ קרעפטיגער מאַן,—האָט ריינגאָלד, וואָס איז אויך צוגעגאַנגען צום טיש, בעמערקט.—ער איז געבויט, ווי אַנ'אַטלעט. ווען נישט דידאָזיגע נאַרישע היצקראַנקהייט, וואָלט ער נאָך געקאָנט לעבען אַ וואָסערע פיערציג יאָהר.

—איך האָב נאָך אין מיין לעבען נישט געזעהן אַ מענשען, וואָס זאָל זיין אַזוי שען געבויט,—האָט דאָבערט ווידער געזאָגט.—די הענד, די פיס, בכלל די אַלע קערפּערטיילען וואָלטען געקאָנט דיענען אַלס מאָדעלען פאַר אַ סקולפּטאָר. און די הויט, די הויט—פּונקט ווי ביי אַ יונג מיידעלע!

אַז מען האָט איבערגעקעהרט דעם טויטען קערפּער, איז איין האַנד אַראָבגעפאַלען פון טיש און איז כמעט אַזוי געבליבען הענגען אין לופטען. שעניג האָט בעמערקט דידאָזיגע האַנד, און ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי אַמאָל, ביים פּאַראַדירען דאָס מי-ליטער, האָט דער קייזער געריטען פאַר'ן פראָנט, און בשעת די דרייסיגטויזענד סאָלדאַטען האָבען ווי איין מענש אַ געשריי גע-טהאָן: „הוראַ!"—האָט דער קייזער זיך פערנויגט און אויפגעהוי-בען די האַנד צו דעם הוט; דערביי האָט ער געשמייכעלט מיט זיין חנ'עוודיגען שמייכעל. אָ, ווי שעניג האָט איהם דעמאָלט ליעב געהאַט, און ווי שטאַרק איז ער דעמאָלט דורכגעדרונגען געוועזן מיט דעם איין פערלאַנג, אַז דידאָזיגע האַנד זאָל דורך איין פאָך אַוועקשיקען זיי אַלעמען צום טויט! אָבער איצט איז דידאָזיגע האַנד אַליין טויט.

טרעהרען זענען איהם צוגעטראָטען צום האַלז. ער האָט זיך שנעל צוזעגענט מיט די דאָקטוירים און איז אַרויס פון צימער.

אינ'ם טונקעלען פאָרהויז האָט ער זיך פערררוקט אין אַ ווינקעל, בעדעקט מיט די הענד דאָס געזיכט און זיך צעוויינט. און געוויינט האָט ער נישט פון צער און אַנגסט און אויך נישט פון רחמנות, נאָר פון געריהרטקייט, פון עקסטאַז, פון ליעבע-געפיהלען.

פון די הויפּלייט האָט קיינער נישט געוואוסט די צערעמאָ-ניעס פון אַ קייזערליכער לויה. אין דעם פערשטאָרבענעמס פּאַפּי-רען האָט מען, צום גליק, געפונען דעם צערעמאָניאַל, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פאַר דער קייזערין יעקאַטערינע II. דעמדאָזיגען צערעמאָניאַל האָט דער קייזער בסוד אַרויסגענומען פונ'ם הויפמייסטער-דעפּאַרטאַמענט, איידער ער איז אַוועקגעפאָה-רען קיין טאַגאַנראָג. צי האָט ער דעמאָלט געטראַכט, אַז די קיי-זערין וועט זיך שוין נישט צוריקקעהרן אַ לעבעדיגע, אָדער ער האָט פאָרגעזעהן זיין אייגענעם טויט?

דעם גרויסען אוידיענצזאַל, וואָס האָט זיך געגרענצט מיט'ן קאַבינעט, האָט מען בעשלאָגען מיט שוואַרצען געוואַנד און מען האָט אויפגעשטעלט אַ הויכען קאַטאַפאַלק, וואָס האָט אויסגעזעהן 698

זי אַ טראָן, מיט טרעפּעלעך. אויפ׳ן קאַטאַפאַלק האָט מען אַרויפגעשטעלט די טרומנע. די אינערליכע טיילען פון דער טרומנע זענען געמאַכט געווען פון בליי. אָבער אַזוי ווי עס איז געווען ווייניג בליי, האָט מען זיך באַנוצט מיט׳ן בלעך, וואָס דער פאַרשטאָרבענער קייזער האָט געקויפט, צו פאַרריכטען דעם דאַך. דער דאַך פון הויז האָט איהם איצט געדיענט פאַר אַן׳אייביגען אָבדאַך. די אויסערליכע טיילען פון דער טרומנע זענען באַשטאַנען פון דעמב, באַשלאָגען מיט גאָלד און מיט צווייקעפּיגע אָדלערס.

פאַר׳ן באַלזאַמירען האָט מען דעם קייזער אָנגעטהאָן אין דער גאַלאַ-אוניפאָרם פון אַ גענעראַל מיט׳ן שטערען פון אַנדרעיאָרדען און די איבעריגע אָרדענס אינ׳ם קנאָפּלאָך, אָבער אָהן לענטעס און אָהן דעם שווערד. אויף די אַקסלען האָט ער געהאַט דעם פורפורנעם קייזערמאַנטעל און אויפ׳ן קאָפּ — אַ גאָלדענע קרוין. אַזוי האָט מען איהם אַריינגעלעגט אין טרומנע און באַדעקט מיט טיול.

אַ גענעראַל, אַ שטאַבאָפיציר און צוויי אָבעראָפיצירען פונ׳ם דאָנער לייב-גוואַרדישען קאָזאַקען-פאָלק זענען טאָג און נאַכט געשטאַנען אויף דער וואַך ביי דער טרומנע, מיט בלויזע שווערדען אין די הענד. גלחים האָבען די גאַנצע צייט געלייענט דאָס עוואַנגעליום. דער יעקאַטערינאָסלאַווער אַרכיערייי און דער גריכישער אַרכימאַנדריט פונ׳ם באַרבאַטיוס-מאָנאַסטיר האָבען צוזאַמען מיט די איבעריגע גייסטליכע צוויי מאָל אין טאָג — אינדערפריה און אין אָווענד — מזכיר-געווען דעם פערשטאָרבענעם קייזער.

נאָך יעדער אזכרה האָט דער הויפמאַרשאַל פירשט וואָלקאָנסקי אַרויסגעפיהרט אַלעמען פון אוידיענצזאַל. איבערגעלאָזט האָט ער נאָר איין גלח און צוויי וואַכאָפיצירען, וואָס האָבען זיך נישט געטאָרט באַוועגען און האָבען געמוזט האַלטען אַראָבגעלאָזט די אויגען. אין זאַל פלעגט דעמאָלט אַריינקומען די קייזערין שטיל, ווי אַ שאָטען, אין טרויערקליידער און מיט אַ לאַנגען שוואַרצען וואוּאַל אויפ׳ן געזיכט. זי פלעגט זיך אויפהויבען אויף די טרעפּעלעך פון קאַטאַפאַלק, פלעגט שעפּטשען אַ תפילה און פלעגט קושען דעם טויטען קערפּער דורך דעם טרומנע-טיול. פאַר

די לעצטע טעג איז זי אַזוי אָבגעקומען, אַזוי זיך אַראָבגערוקט, אַז דאָס לעבעדיגע געזיכט איבער דער טרומנע האָט אויסגעזעהן טויטער פון מת.

אין דידאָזיגע טעג האָט זי געשריבען צו איהר מוטער, דער הערצאָגין פון בייערן:

„איך שרייב אייך בלויז דערויף, איך זאָל אייך קאָנען זאָגען, אַז איך לעב נאָך. אָבער איך קאָן נישט אויסדריקען דאָס, וואָס איך פיהל. טייל מאָל שרעק איך מיך, אַז מיין אמונה און גאָט וועט נישט אויסהאַלטען. איך זעה גאָרנישט אַרום זיך, איך פערשטעה גאָרנישט און ווייס גאָרנישט, פונקט ווי אין אַ חלום. ווילאַנג ער וועט זיין דאָ, וועל איך אויך דאָ זיין, אָבער אַז מען וועט איהם אַוועקפיהרען, וועל איך אויך מיטפאָהרען: איך ווייס אָבער נישט, ווען און וואוהין. וועגען מיר בעאונרוהיגט זיך נישט — איך בין געזונד. אָבער צי וואָלט עס אייך זעהר מצער־געווען, מיין ליעבע מאַמעלע, ווען גאָט וואָלט זיך דערבאַרימט איבער מיר און וואָלט מיך אויך צוגענומען צו זיך? איך ווייס, אַז איך לייד נישט פאַר איהם, נאָר פאַר זיך. איך ווייס אויך, אַז איצט איז איהם גוט, אָבער דאָס לינדערט נישט מיין וועה. קיין זאַך לינדערט נישט מיין וועה. איך בעט ביי גאָט הילף, אָבער מיין בעטען טויג זיך, קענטיג, נישט...״

אַז זי איז געקומען פון שאַכמאַטאָווס הויז אין פאַלאַץ אַריין, איז אויף איהר אָנגעפאַלען אַזאַ אומעט, אַז זי האָט גע־מיינט, זי וועט נישט אויסהאַלטען, זי וועט משוגע־ווערען. זי איז געגאַנגען פון צימער צו צימער, ווי דעמאָלט, בשעת זי איז גע־קומען קיין טאַגאַנראָג און ער האָט אַלץ געפרעגט: „געפעלט אייך, ליזע? ווירקליך, עס געפעלט אייך? דאָס האָב איך דאָך אַליין אַלץ פונאַנדערגעשטעלט, אָבער איך האָב מיך זעהר גע־שראָקען, אַז אייך וועט נישט געפעלען...״ אָט איז איהר גע־ליעבטער דיוואַן פון צאַרסקאָיע סעלאָ. אויף דעמדאָזיגען דיוואַן זענען זיי דעמאָלט געזעסען, און ער האָט איהר געזאָגט: „נו, ליזע, אָט זענען מיר צוזאַמען, אויף אייביג זענען מיר איצט צו־זאַמען!״ און אָט איז דאָס פאַרצעלאַן־פאַסטוכעל מיט׳ן אָבגעבראָ־ 700

כּעגעם הענדטעלע: דאָס טיש-זייגערל, וואָס הערט אַלץ נישט אויף צו קלאַפּען זיין טיק-טאַק. זי האָט זיך צוגעהערט צום טיק-טאַק פון דעמדאָזיגען זייגערל און האָט פּלוצלונג אַלץ פערגעסען: ער לעבט און איז געזונד. ער איז נאָר-וואָס אַרויס פון צימער, אָבער ער וועט באַלד ווידער אַריין. זי האָט געזעהן זיין געזיכט און געהערט זיין קול: „איז אייך גוט, ליזע? האָט איהר דאָ אַלץ?..״

—בערוהיג, גאָט, די נשמה פון דיין פערשטאָרבענעם קנעכט!—האָט מען געזונגען איבער דעם מת, אָבער איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי שלאָפט און איהר חלומ׳ט זיך אַ שלעכטער חלום: אָט-אָט וועט זי אויסשרייען און זיך אויפכאַפּען.

און ביינאַכט איז זי געלעגען אין בעט, געקוקט אין דער-פינסטער מיט ברייט-פונאַנדערגעעפּענטע אויגען און געטראַכט: „נו, אָט איז ער פון דאָסניי, דער חלום, פון דאָס-ניי! ווען פאָרט וועל איך מיך אויפכאַפּען?..״

זי האָט זיך געוואונדערט, ווי עס וואונדערט זיך דער מענש, ביי וועלכען מען נעהמט-אַראָב אַ פוס און ער כאַפּט זיך נאָכדעם, ווי ער קומט צו זיך, אַז דער פוס איז נישטאָ. דאָס האָט איהר צוטרויסעלט דעם מח. אָבער זי האָט קיינמאָל נישט פערלאָרען דאָס בעוואוסטזיין, פערקעהרט, וואָס שטאַרקער עס זענען געווען די יסורים, אַלץ קלערער איז געווען דאָס בע-וואוסטזיין, און וואָס קלערער עס איז געווען דאָס בעוואוסטזיין, אַלץ שטאַרקער זענען געווען די יסורים—און אַזוי כּסדר. איהר זענען געקומען אויפ׳ן זכּרון די ווערטער, וואָס זי האָט אַמאָל אַריינ-געשריבען אין איהר טאָגבוך: „קאָנסט קיינמאָל נישט וויסען, ווי אַזוי דו וועסט נאָך ליידען, וויפיעל דו וועסט נאָך ליידען און צי איז בכלל פאַרהאַן אַ סוף צו די ליידען...״ איצט האָט זי געוואוסט, אַז עס איז קיין סוף נישטאָ.

קושען דעם טויטען קערפּער און שפּירען בעת-מעשה אַ קעלט דורך דעם טרומנע-טיול—דאָס איז איהר בלויז געבליבען פון איהר געליעבטען דאָ, אויף דער ערד: אָבער וואָס וועט זיין דאָרטען, אויפ׳ן הימעל—וועגען דעם האָט זי זיך געסטאַרעט

נישט צו טראַכטען. פון דער פּראַקטיק האָט זי געוואוסט, אַז דאָס העלפט ווייניג.

טיילמאָל האָט זיך איהר געוואָלט אויפהויבען דעם טיול און אַ קוק טהאָן אויף זיין געזיכט, אָבער זי האָט זיך נישט דערוועגט. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז ער, וואָס האָט אַזוי ביים לעבען געזאָרגט וועגען זיין אויסערליכקייט און איז געוועזן אַזוי עלעגאַנט, וועט זיך שפּירען שלעכט און איהם וועט זיין נישט אָנגענעהם, ווען מען וועט זעהן, ווי ער האָט זיך פערענדערט. און אַז ער האָט זיך טאַקי אַזוי פערענדערט, אַז מען קאָן איהם שוין נישט דערקענען—דאָס האָט זיך אויך געלאָזט זעהן דורך דעם טרומ:ע-טיול. „וואָס פון איהם איז געוואָרען,—האָט זי געטראַכט.—דאָס איז נישט ער! נישט ער!..”

אַז זי איז איינמאָל צוגעגאַנגען צו דער טרומנע און האָט דערשפּירט, אויסער דעם געוועהנליכען, שווער-געדיכטען ריח פון ספּירט, עסיג און באַלזאַמגראָזען, נאָך עפּיס אַ ריח, האָט זי לאַנג נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס דאָס איז אַזוינס. אָבער פּלוצלונג האָט זי פערשטאַנען. זי האָט דעמאָלט נישט פערלאָרען דאָס בעוואוסטזיין, נישט משוגע-געוואָרען, אָבער איהר האָט זיך געדאַכט, אַז ווען זי וואָלט געקאָנט משוגע-ווערען, וואָלט איהר לייכטער געוואָרען.

אין דעם אייגענעם טאָג, שפּעט אין אָוועגד, איז זי אַליין געזעסען ביי זיך אין שלאָפצימער. זי האָט געהערט, ווי דער ווינד האָט געוויינט אין קוימען, ווי אַ קרומער רעגען האָט געקלאַפּט אין די פענסטער און די בוימער פון גאָרטען האָבען גערוישט. ערגעץ, נישט ווייט, וואַהרשיינליך אויפ׳ן דאַך פון פּארקהייזעל, האָט אַ פליוגער, שטאַרק בעוועגט פון ווינד, געסקריפּעט, געקרעכצט און געיאָמערט, פּונקט ווי פערזשאַווערט אייזען. די קייזעריך האָט אַ טראַכט געטהאָן: „אַזוי קלאָגט אַ נשמה אין יסורים”,—און האָט זיך פּלוצלונג דערמאָהנט אָן דעם ריח פון מת. און, ווי דעמאָלט, בשעת זי האָט לאַנג נישט געקאָנט פערשטעהן דעם ריח פון מת און האָט דערנאָך, פּלוצלונג, מיט אַמאָל
702 פערשטאַנען, אַזוי האָט זי אויך איצט מיט אַמאָל, פּלוצלונג פער-

שטאַנען דאָס אונאויפהערליכע קרעכצען פונ׳ם אייזען.

— באַלד! באַלד! — האָט זי אַזוי ווי געענטפערט אויף עמיצענס רוף. זי האָט זיך באַלד אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צום טיש, אַרויסגערוקט אַ שופלאַד און אַרויסגענומען פון דאָרט צוויי שליסלען. נאָכדעם האָט זי אַראָבגעריסען פון קאָפּ דעם לאַנגען שוואַרצען וואָאַל און אָנגעטהאָן איהר אַלטע אַמאָלכען-טוך, די אייגענע טוך, וואָס האָט געהייסען „ליעבע מוהמע". באַלד דערויף האָט זי גענומען אַ ליכט, אַרויסגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער פון צימער, זיך צוגעשטעלט אַ ווײַלע און צוגעהערט זיך — עס איז טויט-שטיל; הינטער דער וואַנד כראָפּעט עמיץ, מסתמא די הויפדאַמע וואַליריעוואַ און פון ווייטען קלינגט דעם גלח׳ס איינטעניגער קול, פונקט ווי אַ ביהן וואָלט געזשומט.

די קייזערין איז דורכגעגאַנגען נאָך עטליכע צימערן און איז אַריין אין פּאָרהויז מיט אַ בעזונדער טהיר פון גאָרטען, וואָס איז געוועזן ספּעציעל געמאַכט פאַר איהר. זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס ליכט אויפ׳ן פענסטער און האָט אָבגעזוכט צווישען די קליידער, וואָס זענען דאָ געהאַנגען, אַנ׳אַלט אָבגעקראָכען פוטערל. דאָסדאָזיגע פוטערל האָט געהערט צו איינער פון איהרע קאַמערמיידלעך. זי האָט עס אָנגעטהאָן, נאָכדעם אָבגעשלאָסען די טהיר און אַריין אין גאָרטען. אַ שרעקליכער ווינד איז איהר מיט אַמאָל בעפאַלען און שיער נישט אומגעוואָרפען. ערגעץ זעהר נאָהנט, אַזוי ווי סאַמע איבער איהר אויער האָט גענומען קרעכצען און יאָמערן דאָס פערראָסטעטע אייזען פון פליוגער. די קייזערין איז אין דערפינסטער געגאַנגען פאָראויס; בלומענבייטען, קוסטעס און צווייגען האָבען איהר געשטערט, נישט געלאָזט געהן, פערהאַלטען איהר די טריט, אָבער זי האָט פאָרט דערגרייכט דעם פאַרקאַן, דערטאַפּט זיך צו דער פאַרקאַן-טהיר און אַריינגעשטעקט דעם שליסעל אין שלאָס. זי האָט שוין געעפענט די טהיר און געמאַכט אַ טריט איבער דער שוועל, אָבער אין דער אייגענער רגע האָט איהר עמיץ אַ כאַפּ געטהאָן ביי דער האַנד.

— אייער מאַיעסטעט! אייער מאַיעסטעט! — האָט זיך דערהערט פירשט וואָלקאָנסקי׳ס קול

די קניה זענען איהר אָבגעשוואַכט געוואָרען, די האָט שטיל אויסגעשריען און איז כמעט אַנידערגעפאַלען אויף זיינע הענד.

אַז זי איז געקומען צו זיך, איז זי ווידעראַמאָל געזעסען אַליין ביי זיך אין שלאָפצימער, פונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן. וואָלקאָנסקי איז נישט געווען נעבען איהר: ער האָט זיך זעהר געאיילט. ער האָט מיט איהר נישט גערעדט און זי גאָרנישט געפרעגט, בשעת ער האָט זי געפיהרט, כמעט ווי אויף די הענד געטראָגען אַהיים. שוין-זשע האָט ער פערשטאַנען, וואוהין און נאָך וואָס זי איז געגאַנגען? יאָ, עס איז סיי-ווי אַלצאיינס: אויב נישט איצט, איז שפּעטער, אָבער געשעהן וועט עס. און געשעהן וועט עס נישט דאָ, נישט נעבען דעם, וואָס ליעגט אין טרומנע, נאָר ווייטער ערגעץ, אַז קיינער זאָל נישט זעהן, אַז קיינער זאָל נישט שטערען. גוט איז אפילו אין אַזאַ נאַכט, ווי די, אָדער שפּעטער, בשעת עס וועט קומען דער ווינטער מיט די גרויסע זאַווערוכעס—גוט איז זיך אויפצוהויבען און געהן און געהן, אָהן אַ וועג און אָהן אַ שטעג, איבער דער נאַקעטער סטעפּ, איבער'ן שניי, ביז זי וועט אַנידערפאַלען אין אַ טהאָל, אונטער אַ באַרג שניי, וואו קיינער זאָל זי קיינמאָל נישט געפינען און נישט דערקענען. אָדער גאָר אַראָבשפּרינגען פון אַ משופּע'דיגען ברעג גלייך אין ים אַריין,—אַראָבשפּרינגען מיט'ן קאָפּ אַראָב אין די רוישענדיגע כוואַליעס... יאָ, סוף-כל-סוף איז עס אַלצאיינס, ווען און וואו און ווי, אָבער געשעהן וועט עס. דאָס, וואָס זי האָט בעשלאָסען, דאָס וועט זי טהאָן. בלויז וועגען דעם קאָן זי טראַכטען אָהן שרעק, בלויז דאָס אַליין איז מציל פון דעם, וואָס איז שרעקליכער פון משוגעת, פון טויט, פון זיין טויט: נאָר דאָס קאָן זי מציל-זיין פון דעם געדאַנק, אַז אַלץ, אין וואָס זי האָט געגלויבט, איז ליגען, מאוס'ער ליגען, און אַז דער איינציגער אמת איז בלויז פאַרהאַן אינ'ם ריח, אינ'ם קרעכצען און יאָמערן פונ'ם פערראָסטען אייזען: „דאָרט וועט זיין געוויין און צייהן-קריצעריי", און דאָ איז ווי דאָרט—אייביגע יסורים, אייביגער טויט...

זי האָט לאַנג געקוקט אויפ'ן פייער פונ'ם ליכט, און נאָכ-

דעם, אַז זי האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען, האָט זי עפּיס דערזעהן. אויפ'ן טיש איז געלעגען אַנ'אַלט, גוט בעקאַנט בוך, אין אַנ-אויסגעריבענעם לעדערנעם איינבונד. דאָס איז געווען די פראַנ-צויזישע איבערזעצונג פון דער ביבעל.

שוין לאַנג, אַ צייט מיט יאָהרען, ווי דער קייזער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט מיט דעמדאָזיגען בוך. אומעטום, אין פעלדצוג, צי אין אַ נסיעה האָט ער עס שטענדיג געהאַט מיט זיך, און יעדען טאָג האָט ער אָבגעזאָגט אַ קאַפּיטעל פון אַלטען און אַ קאַפּיטעל פון נייעם טעסטאַמענט, לויט'ן פּלאַן, וואָס פירשט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש גאָליצין האָט צוזאַמענגעשטעלט.

זי האָט זיך דערמאָהנט, אַז וואָלקאָנסקי האָט צוגעזאָגט צו ברענגען איהר דאָס בוך. דעריבער איז ער מסתמא געקומען אַזוי שפּעט: ער האָט געאיילט, ווייל ער האָט גערעכענט, אַז זי וויל עס וואָס גיכער האָבען ביי זיך.

זי האָט געעפענט דאָס בוך. די שפּיצען פון די בלעטלעך זענען שוין טונקעל געוואָרען פון בלעטערן, און אויף די ראַנדען זענען פאַרהאַן בעמערקונגען מיט זיין כתב; מאַנכע שורות זענען אונטערגעשטריכען. זי האָט גענומען לייענען, אָבער זי האָט נישט פערשטאַנען און אויך נישט געטראַכט וועגען דעם, וואָס זי האָט געלייענט.

„באמת, באמת זאָג איך אייך: עס וועט קומען די שעה, און זי איז שוין געקומען, ווען די טויטע וועלען דערהערען די שטים פון גאָטס זוהן; און די, וואָס וועלען דערהערען, די וועלען אויפלעבען".

—וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?—האָט זי זיך געוואָלט דערמאָהנען און נישט געקאָנט. זי האָט פערמאַכט די אויגען און האָט זיך צוגעהערט צום וויטען קול, וואָס האָט געקלונגען איינ-טעניג, ווי אַ ביהן, און האָט זיך פּלוצלונג דערמאָהנט.

ער איז שוין דעמאָלט געלעגען אין טרומנע, אָבער נאָך נישט אין זאַל, אויפ'ן קאַטאַפאַלק, נאָר ביי זיך אין צימער. מען האָט געמאַכט אַנ'אזכרה. עס איז געווען אַ לויטערער טאָג, און די שטראַהלען פון דער זון זענען געפאַלען גלייך אויף די פענסטער,

ווי צוויי טעג פאַר זיין טויט, בשעת ער איז געקומען צו די גע-דאַנקען, האָט אַ קוק געטהאָן אין פענסטער און געזאָגט:

—וואָס פאַר אַ שען וועטער!

דעמאָלט, בשעת דער אזכרה, האָט זי אַ קוק געטהאָן אין פענסטער און געטראַכט: „דאָס גרייט מען איהם צו אַ יום-טוב אויפ׳ן הימעל.“ נאָכדעם האָט זי זיך צוגעהערט צו דעם גלח׳ס ווערטער.

—„באמת, באמת זאָג איך אייך: עס וועט קומען די שעה, און זי איז שוין געקומען, ווען די טויטע וועלען דערהערען די שטים פון גאָטס זוהן; און די, וואָס וועלען דערהערען, וועלען אויפלעבען.“

און פלוצלונג האָט זי דערזעהן, אַז זי שטעהט צווישען דער טרומנע און דעם טרומנעדעקעל, צוגעשפּאַרט צו דער וואַנד: זי איז, אַלזאָ, געווען מיט איהם אין דער טרומנע, אין טויט, ווי אין לעבען. האָט זי זיך זעהר דערפרעהט און גענומען גאָט בע-טען, אַז אין טאָג פון תחית-המתים זאָל זי אויך אַזוי שטעהן, ווי איצט. זי האָט געבעטען צו גאָט און האָט געוואוסט, אַז איהר תפילה ווערט אָנגענומען און אַז אַזוי וועט זיין.

„אַזוי וועט זיין!“—האָט זי אויך איצט געוואָלט אַרויסזאָ-גען, איבערלייענענדיג די אונטערגעשטראָכענע שורות, אָבער זי האָט נישט געקאָנט. זי האָט בלויז געפרעגט: „צי וועט טאַקי אַזוי, אַזוי זיין?“ קיין ענטפער איז נישט געקומען. זי האָט אָבער געוואַרט אויפ׳ן ענטפער און האָט געוואוסט, אַז איצט איז שוין נישט לאַנג צו וואַרטען...

מיט יעדען טאָג האָבען זיך די דאָקטוירים אַלץ מעהר און מעהר איבערצייגט, אַז די באַלזאַמירונג איז נישט געלונגען און אַז דער קערפּער הויבט-אָן פוילען. ריינגאָלד אָדער דאָבערט, איינער פון די צוויי הויפּדאָקטוירים האָבען שטענדיג דעזשורעט ביים מת, אָבצונעצען איהם דאָס געזיכט מיט אַראָמאַטישען עסיג. אַרום דער טרומנע זענען געשטאַנען שאָלען, ענהליך צו אַש-אורנעס, וואָס זענען אויך אָנגעפילט געווען מיט דער אייגענער פליסיגקייט, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפען. אַלע פענסטער און

טהירען זענען געווען צוגעמאַכט, און פון די ברענענדיגע ליכט איז אין צימער געשטאַנען אַ היץ, וואָס האָט דערגרייכט איבער 20 גראַד. די שווערע דאַמפען פון דער באַלזאַמירונגס-פליסיגקייט, צונויפגעמישט מיט דעם נאָכמעהר שווערען ריח פון מת, האָבען געווירקט צום חלש׳ן. אפילו די מונדירען פון די וואַכאָפיצירען זענען אַזוי דורכגעזאַפּט געוואָרען מיט דעמדאָזיגען ריח, אַז ער האָט געשלאָגען פון זיי גאַנצע דריי וואָכען צייט.

דאָס פּנים ביים מת איז פון טאָג צו טאָג אַלץ טונקעלער און שוואַרצער געוואָרען, אַזוי, אַז מען האָט עס שוין גאָרנישט געקאָנט דערקאָנען. און אַז די דאָקטוירים אַליין האָבען געקוקט אויף דערדאָזיגער שוואַרצער ליאַלקע אין פורפורנעם קייזערמאַנטעל אין דער גאָלדענער קרוין, האָבען זיי זיך געפרעגט: „ווער איז דאָס?״

איינמאָל איז שעניג געשטאַנען אויף דער וואַך, און אַז דאָבערט איז צוגעגאַנגען און האָט אויפגעהויבען דעם טיול אָבצונעמען דאָס פּנים פון מת, האָט איהם שעניג אָנגעוויזען אויף אַנ׳עקעלע פון האַלזטוך, וואָס האָט איהם אַרויסגעשטעקט פון אונטער׳ן קאָלנער. דאָבערט האָט אַ ציה געטהאָן דאָס עקעלע און האָט דערזעהן, אַז דאָס איז נישט דער האַלזטוך, נאָר הויט, און איז, פון דערשראָקענער, אַוועקגעלאָפען צו ווילי׳ען.

מען האָט זיך לאַנג מישב-געווען און, צולעצט, בעשלאָסען איינצופריהרען דעם מת. נאָך די הערבסטגעוויטערס איז צו דער צייט מיט אמאָל געוואָרען ווינטער. האָט מען געעפענט טהיר און פענסטער און אַוועקגעשטעלט אונטער דער טרומנע אַ צעבער מיט אייז. אויפ׳ן וואַנד האָט מען אויפגעהאַנגען אַ טערמאָמעטער, וואָס זאָל ווייזען נישט וועניגער פון צעהן גראַד קעלט. אויף דער צייט פון די אָווענד- און פריהמאָרגען-אזכּרות פלעגט דאָס צימער אָנגעוואַרימט ווערען, ווייל די קייזערין פלעגט קומען.

נאָך דעם קייזערס טויט האָט דער אָרימער יעגאָריטש גאָר אָנגעהויבען שכּור׳ען פון גרויס צער. שכּור׳ען פלעגט ער צוזאַמען מיט׳ן פאָטער אַלעקסעי פעדאָטאָוו. נאָך יעדער אזכּרה פלעגט דער גלח בעזוכען יעגאָריטש׳ן אין זיין האַלבטונקעלען צימער נע-

בען דעם קייזערס טואַלעטצימער, און דאָרט איז שוין שטענדיג געשטאַנען אַ קליין געדעקט טישעל. ביידע, דער גלח און יעגאָריטש, פלעגען דאָרט שכור׳ען, צובייסען, דערמאָהנען דעם פערשטאָרבענעם קייזער און ביידע פלעגען זיך דערביי איבערשמועסען, שעפּטשענדיג.

—האָב איך אייך נישט געזאָגט, אַז איהר וועט האָבען אַ פייג אונטער דער נאָז!—פלעגט דער פּאָטער אַלעקסעי איבער׳חזר׳ען זיין געליעבט ווערטעל.—איהר האָט דאָך מיר נישט געגלויבט, אָבער איצט זעהט איהר אַליין, אַז איך בין גערעכט...

—פאַרוואָס מיינט איהר אַזוי, פּאָטערל, און וואָס איז דאָס פאַר אַ פייג אונטער דער נאָז?

דער פּאָטער אַלעקסעי פלעגט ענטפערן נישט באַלד: קודם פלעגט ער מאַכען דעם גוטען שנאַפּס און צובייסען מיט אַ הייסער אזכרה-בלינצע; נאָכדעם פלעגט ער אויסטרינקען אַ גלאָז דולינקעס-שנאַפּס און צובייסען מיט אַ צווייטער אזכרה-בלינצע; נאָכדעם פלעגט ער נעהמען זשמורען מיט אַנ׳אויג, פּאַוואָליע צווינקען און ערשט דערנאָך פלעגט ער זיך אָנבויגען סאַמע צו יעגאָריטשעס אויער און איהם איינרוימען:

—אָבער ווער, מיינסטו, ליעגט אין טרומנע, האַ?

יעגאָריטש, וואָס פלעגט, קענטיג, פריהער דערשפּירען דידאָזיגע פראַגע, פלעגט נעהמען ציטערן אויפ׳ן גאַנצען לייב און דאָס פּנים פלעגט איהם בלאַס ווערען.

—כ׳לעבען, פּאָטער, איהר האַקט ווידער דאָס אייערגע; ווער אַנ׳אַנדערער זאָל ליעגען אין טרומנע, אויב נישט זיין מאַיעסטעט, אונזער מלאך און גוטסטהוער? אָט, איהר פערשאַפט מיר נאָר עגמת-נפש מיט אייערע רייד, איהר שאַנעוועט מיך נישט, דעם בידנעם יתום...

—ניין, איך שאַנעווע דיך. איך שאַנעווע דיך אפשר צופיעל און דעריבער זאָג איך דיר: דו גיב נאָר אַכטונג, זאָג איך, וועמען דו ביזט מקבר, צי טאַקע דעם אייגענעם...

—וועמען דען אַנדערש? וועמען דען אַנדערש? פּאָטער

אַלעקסעי, דערבאַרימט זיך! איהר האָט דאָך איהם אַליין מתודה-געווען, קאָמוניצירט...

—נו, ברודער, וועגען דעם זאָלסטו שוין גאָרנישט ריידען, שוייג בעסער און מיש מיך נישט אַריין אין דעמדאָזיגען ענין. אין יענער נאַכט, בשעת מען איז געקומען נאָך מיר פון פאַלאַץ, בין איך געווען יענץ... ביים קופּעץ וואַכראַמעיעוו אויף דער חתונה האָט מען גוט אונטערגעשנאָסקעט... און אויב מען וועט מיך פרעגען, וועל איך פשוט זאָגען, אַז איך געדענק גאָרנישט. ובאַט ניע זנאַיו, ווערדאַט ניע ווערדאַיו...

—וואָס רעדט איהר, וואָס רעדט איהר, פאָטער אַלעקסעי?..

—נישט איך רייד, נאָר דו גיה און לעג-צו אַנ'אויער, וואָס דער נאַראָד רעדט. ווייסט דאָך, אַז מען קלינגט, איז אַ חגא: דער קייזער לעבט און אין טרומנע ליגט נישט זיין קערפּער, נאָר עפּיס אַ ליאַלקע, אָדער גאָר אַ סאָלדאַט, וואָס איז אַנטלאָפען פונ'ם היגען טורמע-שפּיטאָל. די אויסוואורפען האָבען איהם געוואָלט אומברענגען, איז ער אַנטלאָפען און מען ווייס נישט, וואו ער האָט זיך אויסבעהאַלטען. איצט, נאַטירליך, בעהאַלט ער זיך אויס, אָבער אַז עס וועט קומען די צייט, וועט ער זיך אפשר צוריק ווייזען... פון קוזמיטש'ן, פון פיאָדאָר קוזמיטש'ן האָסטו געהערט?

—וואָס נאָך פאַר אַ פיאָדאָר קוזמיטש?..—האָט יעגאָריטש אָנגעהויבען און די צונג איז איהם פערגליווערט געוואָרען. ער האָט געעפענט דאָס מויל און אַרויסגעקאַטשעט אַ פּאָר אויגען פון גאַפונג און אימה: אויפ'ן זכרון זענען איהם פלוצלונג געקומען די ווערטער, וואָס דער קייזער האָט גערעדט פון היך.—האָספּאָדי פּאָמילוי! האָספּאָדי פּאָמילוי!—האָט ער געשעפּטשעט און זיך געצלמ'ט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט משוגע.

—דו, ברודער, שרעק זיך נישט,—האָט איהם דער פּאָטער אַלעקסעי געטרייסט.—מיר זענען דאָ גאָט די נשמה שולדיג. דו האַלט נאָר ס'מויל. אָבער אַ שען שטיקעל אַרבייט האָבען זיי דאָ אָבגעטהאָן, האַ? „בערוהיג, גאָט, די נשמה פון דיין פערשטאָרבענעם קנעכט...״ אָבער וואו איז דאָ קנעכט און וואו איז דאָ

צאַר—אַ מכה, דאָס וועסטו נישט וויסען. ווי אין דער הייליגער שריפט שטעהט געשריבען, פון דעם שטאַרקען איז אַרויס דאָס זיסע. און אפשר וועט עס זיך נאָך איבערדרעהען: פון דעם זיסען וועט אַרויס דאָס שטאַרקע און ביטערע?.. אָט האָסטו דיר אַ פאָקוס-פאָקוס! אָט האָסטו דיר אַ פייג אונטער דער נאָז!

אויפ'ן דריטען טאָג נאָך דעם קייזערס טויט האָבען די טאַגאַנראָגער איינוואוינער געשוואָרען אינ'ם אוספענישען סאָבאָר, דעם קייזער-טראָנפאָלגער קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש. אין דעם אייגענעם טאָג האָט דער שעף פונ'ם גענעראַלשטאַב, גענעראַל דיביטש, אַוועקגעשיקט צום טראָנפאָלגער קיין וואַרשוי אַ קוריער מיט אַ פּאַקעט. אויפ'ן פּאַקעט איז געווען געשריבען: „פאַר זיין קייזערליכער מאַיעסטעט דעם קייזער קאָנסטאַנטין דעם ערשטען.״

אין טאַגאַנראָג האָט מען פון טאָג אויף טאָג אָבגעוואַרט דעם נייעם קייזער. איבערהויפט האָט איהם אָבגעוואַרט וואָלקאָנסקי.

„דרייצעהן טעג האָב איך נישט געגעסען און נישט געשלאָפען, און איך בין אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרען, אַז איך האַלט זיך קוים אויף די פיס,—האָט ער געשריבען צו איינעם פון זיינע פעטערבורגער פריינד.—גאַנץ אַליין אין מיין גרויסען צער, מוז איך נאָך איינאָרדנען די טרויער-צערעמאָניע. צווייטויזענד וויאָרסט וויט פון דער רעזידענצשטאָדט, אין אַ ווינקעל פון דער אימפעריע, וואו מיר האָבען קיין שום מיטלען נישט און וואו די סאַמע נויטווענדיגסטע זאַכען קאָן מען נישט בעקומען אָהן גרויס מיה און אָנשטרענגונג, בין איך געצוואונגען צו שיקען קוריערן אויף רעכטס און אויף לינקס. איך ווייס נישט, ווי וואָלט עס אַלץ איינגעאָרדענט געוואָרען, ווען איך וואָלט דאָ נישט געווען. וואָרום אַלע געהען דאָ אַרום אָהן קעפּ. איך וואַרט מיט גרויס אונגעדולד אויפ'ן קייזער קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש, און איך ווייס נישט, מיט וואָס דאָס אַלץ וועט זיך ענדיגען.״

ווילי̇ע איז אויך געווען נישט וועניגער צומישט.

איינמאָל האָט ער בעטראַכט דעם מת און איז אַריבער··

אייזצימער אין קייזערס געוועזענעם קאבינעט. דאָרט האָט ער זיך געוואַרימט מיט וואָלקאָנסקי'ן ביים קאַמין.

—ווי מיינט איהר, יאַקאָוו וואַסיליעוויטש, מיר וועלען איהם דערפיהרען בשלום?—האָט וואָלקאָנסקי געפרעגט.

—אויב די פרעסט וועלען אָנהאַלטען, וועלען מיר אפשר בשלום דערפיהרען; אויב אָבער עס וועט זיין אַ וואַרים וועטער, איז אַרויסגעוואָרפען די אַרבייט.

דער טאָג איז געווען אַ זוניגער. די ווייסע פראָסט-בלומען אויף די פענסטער האָבען זיך לייכט געשמאָלצען. ווילי׳ע האָט זיי אָנגעקוקט מיט פערדרוס: ער האָט זיך אַלץ געשראָקען, אַז דער פראָסט וועט פּלאַצען.

—אויך מיר אַ טרומנע,—האָט ער בעמערקט.—קוים אַריינגעשטופט דעם מת. איצט פערפּאַק איהם אויף גאַנצע צוויי־זענד וויאָרסט. איהר וועט נאָך זעהן, דאָס בליי וועט צוקוועטשען דעם קאָפּ... ווי קאָן מען מאַכען אַ טרומנע פון דאַך-בלעך?

—אָך, רעדט שוין גאָרנישט!—האָט וואָלקאָנסקי אָבגעזיפצט.—וואָס וועט עס זיין, וואָס וועט עס זיין, גאָט מיינער!..

—איך האָב אייך שוין לאַנג געוואָלט זאָגען, פירשט,—האָט ווילי׳ע אין אַ ווילע אַרום געזאָגט,—אין שטאָדט שמועסט מען מאוס'ע זאַכען.

—וואָס שמועסט מען?

—אַ חרפה איבערצו'חזר'ען...

—איהר מיינט די ליאַלקע?

—איהר האָט אויך געהערט? יאָ, דאָס מיין איך טאַקי... דער קייזער איז, הייסט עס, געשטאָרבען נישט מיט זיין טויט...

—דאָס זעבען אויסוואורפען!—האָט וואָלקאָנסקי אויסגעשריען מיט כעס.—נו, וואָס קאָן מען מאַכען מיט דידאָזיגע טפשים?

—וואָס הייסט, וואָס? כאַפּען בעדאַרף מען זיי, אין טורמע אַריינפּאַקען און גוט אַריינצימבלען. און בעזונדערס דעמדאָזיגען, דעם גלח זייערן, ווי הייסט ער דאָרטען? פיאָדאָר, פיאָדאָר קוזמיטש, אַזוי דאַכט זיך?

—און אפשר זענט איהר גערעכט... האָט איהר גערעדט מיט דיביטש׳ן וועגען דעם?

—גערעדט.

—נו, וואָס?

—איהר קאָנט דאָך איהם. ער טרינקט זיך זיין פונש און רוף איהם קנאַקניסעל. „איך האָב,—זאָגט ער,—אַזוי אויך גענוג אַרבייט. צו וויבערשע פליאָטקעס האָב איך קיין צייט נישט.“ אָבער זאָגט אַליין, פירשט: דאָס ריהרט דאָך אָן מיין כבוד און דעם זכרון פון מיין גוטסטהוער. איך קאָן עס אַזוי נישט לאָזען. איך בעט אייער דורכלויכט באַלד צו מעלדען דערפון דעם טראָנ-פאָלגער, ווען ער וועט קומען אַהער...

—יאָ, געוויס, געוויס... וואָלט ער נאָר געקומען! וואָלט ער באָר געקומען!—האָט וואָלקאָנסקי ווידעראַמאָל אָבגעזיפצט.

—וועט ער דען נישט קומען אַזוי גיך?

—מען קאָן גאָרנישט וויסען. אַ קוריער נאָך אַ קוריער שיק איך צו איהם און אין קול ואין עונה. אויך דיביטש וואַרט איהם היינט אָב פון מינוט צו מינוט. ער האָט בעדאַרפט קומען אַהער, אָבער ער קומט עפּיס נישט. אפשר זאָלען מיר שיקען נאָך איהם?.. אָבער אָט געהט ער טאַקי. ווען מען וואָלט דערמאָהנט משיח׳ן, וואָלט ער אויך געקומען.

עס האָט זיך געעפענט די טהיר פון דעם מת-צימער, און פון דאָרט האָט אַ ווערע געטהאָן מיט פראָסט, פונקט ווי די איינ-געפראָהרענע מומיע וואָלט אַנ׳אָטעם געטהאָן מיט איהר טויטען פראָסט-אָטעם.

—נו, עקסעלענץ, וואָס הערט זיך?—האָט זיך וואָלקאָנסקי אויפגעהויבען אַנטקעגען דיביטש׳ן.

—יענער האָט גאָרנישט געענטפערט און איז צוגעגאַנגען צום טיש, וואו עס איז שטענדיג געשטאַנען פאַר איהם אַ פלאַש ראָם. האָט ער אָנגעגאָסען אַ גלעזעל, אויסגעטרונקען און זיך שווער אַראָבגעלאָזט אין פאָטעל ביים קאַמין. אין זיינע קרומזיי-טיגע, קריכענדיגע בעוועגונגען, ווי ביי אַ קראַב, וואָס פערבע-האַלט זיך אונטער אַ שטיין, אין זיין אויסגעקרימטען געזיכט, אין

די רויטע צושויבערטע האָהר און אין די לויפיגע אויגעלעך איז געלעגען עפּיס אונהיימליכעס, ווי אַ בייזע נבואה.

„איז ער אַמאָל נישט שכור?“—האָט וואָלקאָנסקי אַ טראַכט געטהאָן.

—וואָס הערט זיך?—האָט דיביטש, צולעצט, אַרויסגעזאָגט מיט אַ פערשטיקטען קול און פונאַנדערגעשפּיליעט דעם קראַגען פון מונדיר, פּונקט ווי עס וואָלט איהם איינג געווען.—אָט האָט איהר בייעס: דער קוריער איז געקומען פון וואַרשוי מיט גאָרנישט...

—וואָס הייסט מיט גאָרנישט?

—גאָר פּשוט מיט לעדיגע הענד: מיינע דעפּעשען זענען נישט געעפענט געוואָרען, מיין קוריער איז נישט אויפגענומען געוואָרען. אין דער אייגענער נאַכט האָט מען איהם משלח-געווען פון דער שטאָדט און מען האָט איהם פערבאָטען צו זעהן זיך מיט וועמען-עס-איז...

—וואָס רעדט איהר? וואָס רעדט איהר?—האָבען ווילי און וואָלקאָנסקי אויסגעשריען אין איין קול.

—מיינע הערן, איהר גלויבט מיר נישט? איך האָב אויך נישט געגלויבט. ווילט איהר אפשר איבערלייענען דעמדאָזיגען בריף?

דיביטש האָט זיי דערלאַנגט אַ בריף. וואָלקאָנסקי האָט גע-נומען לייענען און איז בלאַס געוואָרען.

—וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? גאָט מיינער!..

ווילי האָט אויך גענומען לייענען און בעת-מעשה געמאַכט אַ קעלבּיש געזיכט.

דאָס איז געווען אַ בריף פון גרויספירשט קאָנסטאַנטין פּאַ-ווּלאָוויטש. ער האָט מיטגעטיילט, אַז מיט דער דערלויבניש פון'ם הויכזעליגען קייזער האָט ער אָבגעטראָטען דאָס טראָנפאָלגעררעכט דעם יונגערן ברודער, דעם גרויספירשט ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש, לויט'ן אַלערהעכסטען רעסקריפּט פון 2-טען פעברואַר 1822.

„און דעריבער קאָן איך אין קיין שום פעראָרדנונגען נישט אַריינגעהן, איהר וועט זיי בעקומען פון פּעטערבורג פון דעם געהעריגען אָרט. איך פערבלייב דאָ און וועל זיין דעם בייעס

קייזער אַזאַ טרייער אונטערטאַן, ווי איהר. איך ווינש אייך אַל-דאָס גוטס.״

—וואָס איז דאָס פאַר אַ רעסקריפּט?—האָט ווילי אַ פרעג געטהאָן, נאָכדעם ווי ער איז געקומען צו זיך.

—איך ווייס נישט,—האָט דיביטש געענטפערט

—האָט אייך דער קייזער גאָרנישט געזאָגט?

—גאָרנישט.

—אָבער זיין לעצטער ווילען?..

—זיין לעצטער ווילען איז אונז אונבעקאַנט.

—ווי אַזוי האָט ער זיך נישט דערמאָהנט פאַר׳ן טויט?

—נו, זעהט איהר, ער האָט זיך נישט דערמאָהנט,—מסתמא. פערגעסען.

—און איהר האָט אויך פערגעסען?

—איך? ניין, איך האָב נישט פערגעסען. נישט איין מאָל האָב איך געהאַט די עהרע צו מעלדען וועגען דעם זיין דורכ-לויכט,—האָט דיביטש בייז אַ קוק געטהאָן אויף וואָלקאָנסקי׳ן.

אָבער יענער האָט גאָרנישט געענטפערט: ער איז געזעסען, ווי אַ שטיין.

—וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?..—האָט ער געשעפּטשעט פּונקט ווי אין היץ. פּלוצלונג, מיט אַמאָל איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט, אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד און אויסגעשריען:— אָבער די שבועה, די שבועה!..

— נו, וואָס איז דאָ אַזוי? נעכטען האָט מען געשוואָרען איינעם, מאָרגען וועט מען שווערען אַ צווייטען,—האָט דיביטש אַ שמייכעל געטהאָן און זיין פּנים האָט זיך נאָכמעהר אויסגע-קרימט.—אָבער עס איז נאָך אַ פראַגע, צי ניקאָלאַי וועט אָננעה-מען די קרוין... פאָרלויפיג האָבען מיר קיין קייזער נישט. דער קייזער איז געשטאָרבען, קיין טראָנפאָלגער איז נישטאָ, און עס איז נישט בעוואוסט, צו וועמען רוסלאַנד געהערט...

דיביטש האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צום טיש. ער האָט אָנגעגאָסען אַ גלעזעל שנאַפּס און אויפגעהויבען די האַנד:

—מיינע הערן, איך האָב אייך די עהרע צו גראַטולירען מיט צוויי מלכים, אָדער... מיט קיין איינעם נישט!

און ער האָט אויסגעטרונקען. ווילי האָט געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבער דיביטש האָט איהם אָבגעהאַלטען.

—וואַרט נאָר, דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דאָס איז סור־פּריז נומער איינס. אַט האָט איהר סורפּריז נומער צוויי. אין דעם פערשטאָרבענעמס פּאַפּירען האָב איך געפונען אַנ'אָנווייזונג וועגען זעהר אַ גרויסער פערשווערונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אַרמעען פון דער גאַנצער אימפּעריע. היינט־מאָרגען וועט אויס־ברעכען אַ רעוואָלוציע. און אפשר האָט זי שוין אויסגעבראָכען, אָבער מיר זיצען דאָ און וויסען גאָרנישט...

—אָט האָסטו דיר פיינע נייעס!—האָט וואָלקאָנסקי אַרויס־געמורמעלט. ער האָט געוואָלט נאָך עפּיס זאָגען, אָבער די צונג איז איהם פערגליווערט געוואָרען, ווי ביי אַ טויטען: ער האָט גע'חלש'ט.

—צו אַלדי שוואַרציאָהר! מעהר ווי דאָס פעהלט אונז נאָך נישט!—האָט דיביטש אַרויסגעוואָרטשעט.—וואָס איז מיט איהם געשעהן? אַפּאָפּלעקסיע, צי וואָס?

ווילי האָט איהם בענעצט די שלייפען מיט וואַסער, אָבגעשפּיליעט איהם דעם האַלזטוך און געגעבען צו שמעקען ריש־זאַלץ. וואָלקאָנסקי איז געקומען צו זיך, אָבער שרעקליך אָבגע־שוואַכט איז ער געווען און האָט נישט געקאָנט מעהר ריידען.

„אַלטער קאַלאָש!"—האָט דיביטש אַ טראַכט געטהאָן מיט פעראַכטונג.

די טהיר פון טואַלעטצימער האָט זיך פּלוצלונג געעפענט מיט גערויש. אַזוי ווי אונגערן האָט זיך בעוויזען יעגאָרישעס קאָפּ און איז תיכף פערשוואונדען געוואָרען. אין צימער איז אַריין דער פאָטער אַלעקסעי, און זיין לאַנגער זיידענער גלח'ישער בגד האָט גערוישט. ער האָט אויסגעזעהן אַזוי דערהויבען און פייערליך, אַז קיינער וואָלט נישט געגלויבט, אַז דער דאָזיגער גלח איז צוזאַמען מיט'ן שכור'ען לאַקיי געשטאַנען אונטער דער טהיר און זיך צוגעהערט וואָס מען שמועסט דאָרט. אַז ער איז פאַר־

בייגעגאַנגען פאַרביי וואָלקאָנסקי׳ן, דיביטש׳ן און ווילי׳ען, האָט ער זיך מיט גרויס דרך-ארץ פערנויגט. אָבער זיי האָבען איהם כמעט ווי נישט בעמערקט. וואָלטען זיי זיך בעסער צוגעקוקט צו איהם, וואָלטען זיי געזעהן, אַז ער שמייכעלט זיך אין דער ווייסער באָרד אַריין מיט אַזאַ גיפטיגען שמייכעלע, פונקט ווי ער וואָלט געזאָגט:

—נו, אָט האָט איהר אייך אַ פייג אונטער דער נאָז!

אין דעם אייגענעם טאָג און אין דער אייגענער שעה איז אַרויס פון טאַגאַנראָג אַ מענש פון אַ יאָהר פופציג, מיט אַ פאַק אויכ׳ן רוקען, מיט אַ שטעקען אין האַנד און אַ צלם אויפ׳ן האַלז; ער איז געווען העלבלאָנד, פליכעוואַט, בלויאויגיג, גרויסגעוואַקסען, אַ יונג מיט ביינער, ווי עס טרעפט צווישען אויסגעדיענטע סאָלדאַטען. מ׳ט׳ן פנים איז ער געווען עהנליך צום קייזער, „אפשר נישט זעהר, אָבער עהנליך", ווי דער פערשטאָרבענער קייזער האָט געזאָגט יעגאָריטש׳ן פאַר׳ן טויט. געגאַנגען איז ער מיט דעם ברייטען יעקאַטערינאָסלאַווער פאָסטטראַקט און געווען איז ער אַ בראָדיאַגע, אָהן אַ היים און אָהן אַ פאַספאָרט, וואָס האָט נישט געדענקט זיין אָבשטאַמונג, איינער פון יענע נע-ונד׳ניקעס-בעטלער, וואָס געהען איבער די גרויסע טראַקטען און קלייבען נדבות אויף אַ קלויסטער.

און געהייסען האָט ער פיאָדאָר קוזמיטש.

פינפטעס קאפיטעל.

שוין מקבר-געווען ?

—מקבר-געווען.

—ווי אזוי איז עס פארגעקומען, גאליצין ? דערצעהלט.

—פארגעקומען איז עס אזוי. איהר ווייסט דאך, פעסטעל, אז דער פאדפארוטשיק זאאיקין האט גענומען צו בעהאלטען די „רוסישע וואהרהייט" צוזאמען מיט די איבעריגע פאפירען.

—יא, איך ווייס: איך האב עס איהם אליין געגעבען, בשעת דער עולם האט זיך דערוואוסט, אז די פערשווערונג איז שוין נישט קיין סוד, און איך האב געווארט פון מינוט צו מינוט, אז מען וועט קומען מיך נעהמען. וואו האט ער זיי אבער בעהאלטען ?

—אונטער דער פאדלאגע, ביי זיך אין שטוב, אינ'ם שטעדטעלע נעמיראוו. דערנאך האט ער זיי איינגעניהט אין קישען און געבראכט קיין טולטשין. „טהוט מיט זיי,—זאגט ער,—וואס איהר ווילט, אבער ביי מיר איז נישט זיכער: שפיאנעס האבען זיך בעוויזען, און מייז..."

—מייז פרעסען די „רוסישע וואָהרהייט“. איז עס נישט אַ מין אַלעגאָריע, גאַליצין?

—יאָ, פעסטעל, דאָס איז, כּלעבען, אַן׳אַלעגאָריע..

—וואָס האָט איהר, אַלוזאָ, בעשלאָסען?

—מיר האָבען לאַנג נישט געקאָנט בעשליסען: מאַנכע זאָגען „פערברענען“; אַנדערע אָבער טענה׳ן: „צו וואָס, קאָן מען דען פערברענען אַזוינע פּאַפּירען? מען בעדאַרף זיי בעגראָבען אין דער ערד.“ און דאָס האָבען מיר בעשלאָסען. לכתּחילה האָבען מיר זיי געוואָלט פערגראָבען אויפ׳ן טולטשינער בית-עולם, אָבער דאָ דרעהען זיך אַרום אַ סך מענשען און נאַטשאַלסטוואָ איז נאָהנט. האָט מען זיי ווידעראַמאָל פערפּאַקט און אַוועקגעפיהרט אינ׳ם דאָרף קירנאַסאָווקע, וואָס ליעגט ביים באַלטער טראַקט, פּופּצעהן וויאָרסט פון טולטשין. מען האָט זיי געוואָלט בעגראָבען אין גאָרטען אָדער אין פעלד, אָבער אויך דאָ איז געפעהרליך. אַז די פּויערים וועלען דערזעהן, וועלען זיי מיינען, אַז דאָס איז אַן׳אוצר (זיי זוכען דאָך אַלץ אוצרות), וועלען זיי אויסגראָבען די פּאַפּירען און אַוועקפיהרען צו נאַטשאַלסטוואָ. האָט מען ווידער לאַנג געטראַכט, זיך מישב-געווען, און בעשלאָסען מען זאָל זיי פערגראָבען אויסערן דאָרף, אויף אַ לעדיגען פּלאַץ. האַלבע נאַכט האָבען מיר זיך אַלע פערזאַמעלט ביי שלמה׳קען אין קרעטשמע, וואָס שטעהט ביים וועג, פּונקט ווי קאָנטראַבאַנדיסטען אָדער ווי מאַכער פון פאַלש געלד, און אַז דער יוד מיט זיין יודענע האָבען זיך געלעגט שלאָפען, האָבען מיר זיך פערשלאָסען אין צימער און גענומען איינפּאַקען די פּאַפּירען—צוערשט אין אַ בלייענעם מוניציאָנסקאַסטען און דערנאָך אין אַ הילצערנעם...

—הייסט עס, צוויי טרומנעס, ווי מען איז זיך נוהג ביי דער קבורה פון הויכגעשטעלטע לייט.

—אָט-אָט. דער קאַסטען איז אַ לאַנגליכער, אפילו נישט זעהר קיין גרויסער, אַ מין טרומנעלע פאַר אַ קינד. אַז מען האָט פערקלאַפּט דאָס דעקעל מיט טשוועקעס, האָט זיך געדאַכט, 718 אַז מען פערקלאַפּט אַ טרומנע. צו דער „רוסישער וואָהרהייט“ האָב

איך אויף יעדען פאַל צוגעלעגט מוראַוויאָווס „קאַטעכיזיס“: זאָל מען זיי געפינען צוזאַמען...

—גאָר אַזוי? הייסט עס, אַז איך מיט מוראַוויאָוו׳ן ליעגען צוזאַמען אין איין טרומנע?

—יאָ, צוזאַמען... נו, אַ שווערער קאַסטען געווען. אויף די הענד האָט מען איהם נישט געקאָנט טראָגען, האָבען מיר איהם אַריינגעלעגט אין אַ וואָגען און אַוועקגעפיהרט. מיר האָבען מיטגענומען לאַמטערנעס: געווען אַ פינסטערע נאַכט, פינסטער ווי אין אויער. אַ שניי איז געפאַלען. האָבען מיר זיך, נאַטירליך, פערבלאָנזשעט... אייך זענען בעקאַנט דידאָזיגע ערטער?

—בעקאַנט.

—דאָס אָרט ליעגט לינקס פון באַלטער טראַקט, ביי אַ האַלבען וויאָרסט הינטער דעם פּאָפּס פרוכטגאָרטען, ביים טייכעל קאָזיאַריכאַ. אַ ווילד אָרט, דאָ וואַקסען בלויז סטעפּ־ראָזען און דיסטלעס. מען זאָגט, אַז אַמאָל האָבען דאָ גזלנים דער׳הרג׳עט אַ פוילישע פּאַנע. אויף איהר קבר שטעהט אַ צלם. די פּויערים מיידען־אויס דאָס אָרט, האָבען מורא: ביינאַכט, זאָגען זיי, שטעהט־אויף די פּאַנע פון קבר. האָבען מיר נישט ווייט פון צלם אויסגעגראָבען אַ גרוב, פּונקט ווי אַ קינדערשען קבר און אַראָבגעלאָזט דעם קאַסטען. אָבער אַז מען האָט אָנגעהויבען פערשיטען דעם גרוב מיט ערד, און די ערשטע שטיקלעך ערד האָבען זיך אָנגעקלאַפּט אָן דעקעל, האָט זיך ווידער געדאַכט, אַז מען פערשיט אַ קבר. און עמיץ האָט געשפּאַסט: „אַנ׳אזכרה האָט מען בעדאַרפט מאַכען: בערוהיג גאָט די נשמה פון דיין פערשטאָרבענעם קנעכט!“ אַז מען האָט פערשאָטען דעם גרוב און דער אָנגעפאַלענער שניי האָט אויסגעגלייכט דאָס אָרט, איז שוין גאָרנישט געווען קענטיג, בלויז דער צלם האָט זיך געזעהן...

—גאָליצין, איהר האָט ליעב אַלעגאָריעס?

—ליעב צי נישט ליעב, אָבער ווי קאָן מען זיך אַרויסדרעהען פון זיי? יאָ, נעבען מיר איז געשטאַנען דער פּאָרוטשיק באָברישטשעוו־פּושקין. אַז מען האָט בעדאַרפט אַוועקגעהן, האָט ער אַראָבגענומען דעם הוט, זיך איבערגעצלמ׳ט און געדריקט מיר

די האַנד. מיר האָבען גאָרנישט געזאָגט איינאַנדער, אָבער מיר האָבען זיך פערשטאַנען: מיר האָבען זיך שטומערהייד געגעבען אַ וואָרט אַלץ צו טהאָן, אַז דער מת זאָל אויפשטעהן פון קבר...

—ווי די דער'הרג'עטע פאַנע?

—ניין, אַ לעבעדיגער.

—נו, דערויף וועט איהר נאָך לאַנג וואַרטען.

—זאָל זיין לאַנג, אָבער דאָך... געדענקט איהר, פעסטעל, ווי עס ווערט געזאָגט וועגען זענעפט-קערנדעל? בשעת עס ווערט געזייהט, איז עס קלענער פון אַלע זוימען, אָבער בשעת עס וואַקסט-אַרויס, איז עס גרעסער פון אַלע תבואה-קערנער.

—ווידער אַן'אַלעגאָריע? נו, גענוג שוין מיט אַלעגאָריעס. לאָמיר בעסער ריידען פון עפּיס אַנדערש.

געשמועסט האָט מען אין פעסטעלס קאַבינעט, אינ'ם פליגעל פונ'ם פערלאָזטען פירשטליכען הויז, אין לינצי. אין דעם אייגענעם קאַבינעט האָבען זיי געשמועסט מיט צוויי און אַ האַלבען חודש צוריק. גאַליצין האָט מקים-געווען זיין הבטחה צו בעזוכען פעסטעל'ן באַלד נאָכ'ן לעטשינער לאַגער. געקומען איז ער אָבער איצט, סוף נאָוועמבער.

אין קאַבינעט האָט אַלץ אויסגעזעהן, ווי פריהער. די פירשטען סאַנגושקאָ, די זיידעס און עלטערזיידעס, האָבען אויך איצט בייז און שאַרף אַרויסגעקוקט פון די שוואַרצגעוואָרענע לייוואַנדען, פונקט ווי זיי וואָלטען פאַוואָליע בעוועגט מיט די שוואַראַפּלען צו די-יעניגע, וואָס האָבען געקוקט אויף זיי. אויך ווי פריהער האָט דאָ געשמעקט מיט מייז און פייכטקייט און, ווי פריהער, איז דאָ אויך געווען אומעטיג און איינזאַם.

דער לאָמפּ האָט שטאַרק געברענט. אין קאַמין איז אויסגעלאָשען געוואָרען דאָס פייער; פאַרביי פענסטער האָבען זיך געטראָגען זיילען שניי, פונקט ווי בלאַסע גייסטער, און די אַלטע בוימער האָבען גערוישט און בעוועגט מיט די צווייגען, פונקט ווי מיט הענד אין פערצווייפלונג.

גאָליצין האָט געהערט דעם געיאָמער פון ווינד און האָט זיך דערמאָהנט, אַז פאָהרענדיג קיין לינצי, האָט ער געבלאָנזשעט.

אין וועג און איז עיער נישט דערפראָהרען געוואָרען. אין דעם געיאָמער פון ווינד אָדער אין דעם געיאָמער פון וועלף, האָט איהם דער פוהרמאַן ראַדקאָ, אַנ׳אַלטער קאָזאַק, דערצעהלט אַ מעשה׳לע וועגען דעם הייליגען געאָרג—יורקאָ, דעם שר איבער די וועלף, וואָס שלאָגט די שדים מיט דונערפיילען. די וועלף העלפען איהם צו אין זיין אַרבייט און פרעסען גע׳פגר׳טע שדים. „אָבער ווען דער דונער וואָלט זיי נישט איינגעשלונגען און די וועלף וואָלטען זיי נישט געפרעסען, וואָלטען זיך די שדים אַזוי פערמעהרט, אַז מען וואָלט די וועלט נישט אַרויסגעזעהן...״

—יאָ, איך זאָל נאָר נישט פערגעסען: איך האָב דאָ עטליכע פּאַפּירלעך,—האָט פעסטעל געזאָגט. ער האָט אַרויסגערוקט אַ שופלאָד פון טיש און האָט אַרויסגענומען אַ פּעקעל פּאַפּירען.—נו, דידאָזיגע פּאַפּירען וועלען שוין נישט קומען צו דער קבורה, נאָר זיי וועלען גלייך פערברענט ווערען.

און ער האָט זיי גענומען וואַרפען אין קאַמין אַריין. דאָס פייער האָט אויפגעפלאַמט פון דאָסניי, און די בלאַסע גייסטער זענען צוגעשוואומען צו די שויבען, פונקט ווי זיי וואָלטען אַריינגעקוקט אין צימער מיט בלינדע אויגען. אין קוימען האָט געווייַנט דער ווינד, ווי אַ מחנה הונגעריגע וועלף. „יורקעס וועלף פרעסען די גע׳פגר׳טע שדים״,—האָט גאָליצין געטראַכט.—וואָס פאַר אַנ׳אומעט, וואָס פאַר אַנ׳איינזאַמקייט!

—דעם גאַנצען ווינטער וועט איהר דאָ פערברענגען?

—דעם גאַנצען ווינטער.

—איז אייך נישט לאַנגווייליג?

—ניין, שוין צוגעוועהנט. היי-יאָהר האָבען מיר, גאָט צו דאַנקען, אַ פריהיגען ווינטער. אַז עס וועלען זיך אָנהויבען די זאַווערוכעס און די עבייען, וועלען מיר זיין אָבגעשניטען פון דער גאַנצער וועלט. דעמאָלט איז גוט, רוהיג: איך וועל מיר ליגען, ווי אַ בער אין דער נאָרע, די לאַפּע וועל איך זויגען או, לויט צאַראַקעלס עצה, וועל איך מיך אָבגעבען מיט אַלייןדערקענונג. מען קאָן אָנשרייבען אַ גאַנצע יידישע וואָרהייט.

איך וועל שרייבען און איהר וועט בעגראָבען. אַזוי וועט דאָס לעבען אַוועק אונבעמערקט...

גאָליצין האָט איהם אויפמערקזאַם בעטראַכט: ער איז געזונד, קיין פיבער האָט ער נישט, אָבער זעהן זעהט ער עפּיס אויס נאָך ערגער, ווי פריהער, און, ווי דעמאָלט, איז דאָס פּנים זיינס אונבעוועגליך, פערגליווערט, עהנליך צו אַ מאַסקע.

דער שמועס האָט זיך עפּיס נישט געקלעבט: יעדער האָט געטראַכט זיינס און האָט בעת-מעשה געשפּירט, אַז דער צווייטער טראַכט עפּיס אַנדערש. אוןביידען איז עפּיס געווען נישט הענדטיג, ווי צוויי פערוואונדעטע אין איין בעט: בעוועגט מען זיך, פערשאַפט מען יסורים אָדער זיך אָדער יענעם.

פעסטעל האָט אָהן אינטערעס אויסגעפרעגט גאָליצינ'ען וועגען לעשטשינער לאַגער, וועגען דער פעראייניגונג פון די סלאַווען מיט דער דרום-געזעלשאַפט, וועגען דער שבועה.

—און איהר האָט אויך געשוואָרען, גאָליצין?

—געשוואָרען.

—צו וואָס שווערען, ווען מען קאָן נישט מקיים-זיין די שבועה?

—פאַרוואָס קאָן מען נישט מקיים-זיין?

—איהר ווייסט אַליין, אַז מען קאָן נישט מאַכען דעם צווייטען שריט אָהן דעם ערשטען. כּל-זמן דער צאַר לעבט, וועט קיינער נישט אָנהויבען... און איהר איילט זיך ווידער, גאָליצין? ווילט איהר נישט פערברענגען ביי מיר?

—איך קאָן נישט. איך מוז פאָהרען.

—אָט אַנ'אונרוהיגער מענש. וואוהין פאָהרט איהר איצט?

—קיין קיעוו.

פעסטעל האָט איהם שאַרף אָנגעקוקט, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט עפּיס זאָגען, אָבער ער האָט נישט געזאָגט. גאָליצין האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען. ביידע זענען פון דאָסניי אַנטשוויגען געוואָרען און ביידע האָבען זיך דערשפּירט אונבעקוועם.

—איין זאַך פערשטעה איך נישט,—האָט פעסטעל אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט,—פאַרוואָס אַרעסטירט מען אונז נישט. מיר

זיצען דאָ אין שרעק, מיר ברענען פּאַפּירען, מיר פערגראָבען זיי אין דער ערד, און עס קאָן זיין, אַז די גאַנצע אַרבייט איז אַנ׳-איבעריגע. שוין דריי וואָכען, ווי מען האָט אויפגעדעקט די פער-שווערונג און אַזויפיעל מסרים זענען פאַרהאַן: שערוואוד, וויט, מאַיבאָראָדאַ—יאָ, איהר זענט גערעכט, גאָליצין, מאַיבאָראָדאַ איז אויך אַ מסור—און דאָך איז קיין איינער נישט אַרעסטירט געוואָ-רען. וואָס פּאָרט וואַרטען זיי? וואָס מיינען זיי? איז דאָס אַנ׳-אונטערגעשטעלטע פּאַסטקע, אַ כיטרע שפּיצעל, אָדער פּשוט משוגעת?.. געדענקט איהר, גאָליצין, איהר האָט געזאָגט, אַז קו-מען צום קייזער מיט תשובה און וואַרטען אויף זיין חסד, איז נישט קיין געמיינהייט, נאָר משוגעת...

ער האָט ווידער נישט געענדיגט, פּלוצלונג אַנטשוויגען גע-וואָרען און אָנגעהויבען ריידען פון עפּיס אַנדערש.

—און דער קייזער איז טאַקי זעהר קראַנק געוועןַ?

—ער איז נאָך איצט אויך קראַנק.

—דאַכט זיך, אַז איהם איז שוין בעסער?

—ניין, ווידער ערגער.

—ווירקליך? נו, ער וועט דאָך אָבער געזונד ווערען. אַ קליין פיבערל, נאַרישקייטען...

פּעסטעל האָט אַריינגעוואָרפען אין פייער דאָס לעצטע בוי-געלע פּאַפּיר. דאָס פייער האָט אויסגעברענט, דער לאָמפּ האָט גענומען אויסגעהן: אפּנים, מעהר קיין אייל נישט געווען אין לאָמפּ. די שוואַרצע שאָטענס אין די ווינקלען זענען שוואַרצער געוואָרען און די בלאַסע גייסטער אין פענסטער זענען בלאַסער געוואָרען.

די טהיר איז געווען אָפען און אין קאַבינעט האָט אַריינ-געקוקט דאָס צווייטע גרויסע פינסטערע צימער. פון דאָרטען האָט זיך דערטראָגען אַ שעפּטשען און אַ רוישען, אַ קנאַקען און אַ סקריפּען פון דער פּאָדלאָגע, ווי עס טרעפט שטענדיג ביינאַכט אין אַ פערוואָרפענעם לעדיגען הויז, פונקט ווי עמיץ וואָלט דאָרט שטיל און פערבאָרגען אַרומגעגאַנגען.

—דאָס זענען מייז און טרוקען האָלץ, וואָס סקריפּעט פון

שלעכטען וועטער,—האָט פּעסטעל בעמערקט, בשעת גאָליצין האָט זיך אַרומגעקוקט.—סאַווענקאָ זאָגט, אַז דאָס זענען גייסטער, אָבער איך האָב זיי נישט געזעהן. און די טהיר האַלט איך אומישנע אָפּען. אַז זי איז צוגעמאַכט, דאַכט זיך, אַז עמיץ שטעהט הינטער דער טהיר און הערט זיך צו, וואָס מען רעדט... שפּיאָנעס, „שפּיגאָנעס”. דאָס דאַכט זיך אַזוי, ווייל דאָס געוויסען איז, אפנים, נישט ריין...

דאָס פייערל אין לאָמפּ האָט אַלץ גע'גוסס'עט. עס האָט געציטערט, מיט אַמאָל אויפגעפלאַמט און איינגעלאָשען געוואָרען. דער שוואַכער שיין פון קאַמין, וואו דאָס פייער האָט אויך גע'גוסס'עט, האָט קוים בעלויכטען דאָס צימער.

—עי, סאַווענקאָ! סאַווענקאָ!—האָט פּעסטעל גענומען שרייען.—וויפיעל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, דו זאָלסט אויף דער נאַכט צוגיסען אייל אין לאָמפּ! ער הערט נישט, דער פּאָדלעץ. איצט וועסטו איהם מיט האַרמאַטען נישט אויפרייסען פון שלאָף...

—הערט-נאָר, פּעסטעל,—האָט גאָליצין פּלוצלונג געזאָגט, פּונקט ווי אין דערפינסטער וואָלט איהם זיין לייכטער צו רייַדען,—איך האָב אייך פריהער נישט די וואָהרהייט געזאָגט: איך פאָהר נישט קיין קיעוו...

—וואוהין פאָהרט איהר?

—קיין טאַגאַנראָג.

—קיין טאַגאַנראָג צום קייזער?

—יאָ, צום קייזער.

—גאָר אַזוי!—האָט זיך פּעסטעל גע'חדוש'ט, אָבער נישט זעהר. גאָליצין האָט כמעט נישט געזעהן זיין געזיכט. אָבער פון זיין קול האָט ער פערשטאַנען, אַז ער שמייכעלט.

דער קוריער, וואָס דיביטש האָט אַרויסגעשיקט אויפ'ן בעפעהל פון קייזער, האָט אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט געפינען גאָליצינ'ען, ווייל ער האָט געהאַלטען אין איין אַרומפאָהרען: דאָ איז ער געווען אין טולטשין, דאָ אין זשיטאָמיר, דאָ אין קיעוו. אָבער אַז ער האָט איהם, צולעצט, געפּאַקט אינ'ם דאָרף קירנאַסאָווקע, האָט ער איהם נישט געוואָלט אָבלאָזען: ער האָט גע-

פאָדערט, אַז גאַליצין זאָל מיטפאָהרען מיט איהם. גענעראַל יד־שנעווסקי האָט געמוזט ערוב־זיין פאַר גאַליצינ׳ען; דער קוריער איז אַוועקגעפאָהרען פאָראויס. גאַליצין איז אויך באַלד אַרויסגע־פאָהרען, אָבער ער האָט נישט געוואָלט ברעכען זיין וואָרט, וואָס ער האָט געגעבען פעסטעל׳ן, צו זעהן זיך מיט איהם, כאָטש דאָס שטעדטעל לינצי איז איהם נישט געלעגען ביים וועג. פע־סטעל׳ן האָט ער צוגעזאָגט, אַז איידער מען וועט אָנהויבען דעם אויפשטאַנד, וועט ער פערפאָהרען צו איהם, און איצט האָט גאַ־ליצין פאָרגעפיהלט דעם אָנהויב אָדער דעם סוף פון אַלץ.

—אַלזאָ, פאָהרט איהר קיין טאַגאַנראָג, צום קייזער?—האָט פעסטעל איבערגע׳חזר׳ט מיט דעם אייגענעם שמייכעלע.—פאַרוואָס האָט איהר פריהער נישט געזאָגט? מאָדנע מענשען זענען מיר, כלעבען—פונקט ווי מיר וואָלטען געשפּיעלט אין זשמורקעס. אָבער, גאַליצין, איך האָב דאָך געוואוסט, אַז איהר פאָהרט קיין טאַ־גאַנראָג...

—פעסטעל, איהר האָט געוואוסט?

—נו, איך האָב אפילו נישט געוואוסט, אָבער איך האָב עס אַזוי ווי פאָרגעפיהלט. צוליעב דעם האָב איך געוואַרט אויף אייך און מיינע אַלע געדאַנקען האָבען זיך געדרעהט בלויז אַרום דעם איין פונקט. מיר האָבען דאָך נאָך אייגענטליך נישט געענדיגט יענעם שמועס וועגען געמיינהייט... אָדער משוגעת. אָבער ענדיגען מוז מען. סוף־כל־סוף זענען מיר דאָך ביידע נישט קיין געמיינע יונגען אָדער משוגעים. און אויב איינס פון די צוויי מוז אויס־געוועהלט ווערען, איז שוין בעסער משוגעת. נישט וואָהר, האַ?

גאַליצין האָט געשוויגען. ער האָט נישט געקוקט אויף פע־סטעל׳ן, אָבער ער האָט דאָך געפיהלט, אַז זיין בליק דריקט איהם, ווי אַ שווערע משא.

—ווייסט איהר וואָס, גאַליצין,—האָט ער פלוצלונג אָנגעהוי־בען מיט אַ פערענדערטען קול—פאָהרען מיר צוזאַמען...

—צוזאַמען? וואוהין?

—קיין טאַגאַנראָג.

—צו וואָס?

—ווייסט איה־ פּלומר׳שט נישט, צו וואָס?

גאַליצין האָט געוואוסט, אָבער פּלוצלונג האָט ער זיך דער־שפּירט אַזוי אונהיימליך און שרעקליך, פּונקט ווי אין אַ שלעכטען חלום. ער האָט אַלץ געוואָלט און אַלץ נישט געקאָנט געדענקען עפּיס וועגען סאָפיע׳ן און וועגען צאַר און וועגען עפּיס אַזוינס, וואָס האָט איהם געפּייניגט אין אָט די אַלע לעצטע חדשים: „דער׳הרג׳ענען מוז מען, אָבער נישט איך, נאָר אַן׳אַנדערער.”

—דעמאָלט האָט איהר געזאָגט,—האָט פּעסטעל זיך ווידער אָנגערופען,—אַז מיר זענען קוויט: מיר ווייסען ביידע, וואָס מען בעדאַרף טהאָן און ביידע טהוען מיר גאָרנישט. הייסט עס, אַז מיר ביידע זענען געמיינע מענשען. אָבער מיר האָט איהר עס געזאָגט פון רחמנות וועגען און זיך וועט איהר עס, מסתמא, נישט זאָגען?.. נו, גענוג, גענוג, מיר וועלען גאָרנישט בעשלי־סען, אָבער מיר וועלען פאָהרען צוזאַמען, צוזאַמען וועלען מיר זעהן, וואָס קאָן מען טהאָן, צוזאַמען פּרובען זיך... זאָגט מיר נישט אָב, גאַליצין, זאָגט נישט אָב!—האָט ער איבערגע׳חזר׳ט מיט עפּיס אַ מאָדנעם דראָהענדיגען תחנונים-טאָן און זיין בליק איז אַלץ שווערער און שווערער געוואָרען.—איהר ווילט נישט?..—האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט און דערנעהנט זיין געזיכט צו גאַ־ליצינ׳ען.

„ווען ער וועט מיר איצט אַ שפּיי טהאָן אין פּנים, וועט ער אויך זיין גערעכט,”—האָט גאַליצין אַ טראַכט געטהאָן.

—גוט, מיר וועלען פאָהרען צוזאַמען,—האָט ער געזאָגט און האָט באַלד דערשפּירט, אַז עס איז נישט בלויז געזאָגט געוואָרען, נאָר עס איז עפּיס ענטשידען געטהאָן געוואָרען: צי ער וועט דער׳הרג׳ענען, צי נישט,—עס איז שוין אַלצאיינס ווי ער וואָלט דער׳הרג׳עט.

—נו, גאָט צו דאַנקען, גאָט צו דאַנקען! איך האָב טאַקי געשפּירט, אַז איהר וועט מיר נישט אָבזאָגען,—האָט פּעסטעל אָב־געזיפצט מיט אַ לייכטערן געמיט.

און ווידעראַמאָל איז מען אַנטשוויגען געוואָרען, און אינ׳ם שטילשווייגען האָט זיך פון צווייטען צימער דערטראָגען אַ שע־

פסשען און א רוישען און א סקריפען פון דער פאדלאגע, פונקט ווי עמיץ וואלט דארט שטיל און פערבארגען ארומגעגאנגען. די טריט האבען זיך אזוי דייטליך געהערט, אזביידע האבען זיך פלוצלונג איבערגעקוקט און ביידע האבען מיט אמאל דערזעהן, אז אין דער אפענער טהיר שטעהט עמיץ אין ווייסען. אפשר איז עס אריין אין שטוב איינער פון די בלאסע גייסטער, וואס בלאנדזשען-ארום ביי די פענסטער?

—ווער איז דא? ווער איז דא?—האבען ביידע אין איין קול אויסגעשריען.

—דאס זענט איהר, פעסטעל?—האט יענער, וואס איז געשטאנען ביי דער טהיר, א פרעג געטהאן אויף פראנצויזיש.

—ע, דער רוח זאל דיך נעהמען, מיין ליעבער! האב איך מיך עס א ביסעלע איבערגעשראקען... איך האב שוין געמיינט, אז א גייסט שטעהט דא,—האט פעסטעל געזאגט אויף פראנצויזיש און זיך צולאכט.

גאליצין האט דערקאנט דעם שטאבראטמיסטער פונ'ם לייב-גווארדישען גוסארישען פאלק, פירשט אלעקסאנדער איוואנאוויטש באריאטינסקי; ער איז געווען א מיטגליד פון דער געהיימער געזעלשאפט.

פעסטעל האט זיך ווייניג גע'חדוש'ט, וואס דער גייסט האט זיך בעוויזען אזוי אונגעריכט. „אהן דער מינע פון א פערשווערער קאן ער אפילו א גלאז וואסער נישט אויסטרינקען",—האט ער איבער איהם געשפאסט. באריאטינסקי פלעגט עפטער בעזוכען פעסטעל'ן אין לינצי און וואוינען פלעגט ער אין דעם אייגענעם הויז, נאר אין א צווייטען פליגעל מיט א בעזונדער טהיר. ער האט אפילו געהאט אנ'אייגענעם שליסעל צו דער טהיר. ער איז נאר-וואס געקומען צופאהרען און איז אריין אין שטוב מיט שטילע טריט, ווייל ער האט נישט געוואלט אויפוועקען דעם דענשטשיק.

—נו, קום-אריין, קום-אריין און ציה-אראב דעם ווינטער-מאנטעל. דו ביזט געקומען אקוראט צו דער צייט: איך האב שוין

געוואָלט שיקען נאָך דיר... זענט איהר בעקאַנט, מיינע הערן? פירשט וואַלעריאַן מיכאַילאָוויטש גאָליצין...

—יאָ, מיר זענען בעקאַנט, ביי יושנעווסקי'ן האָבען מיר זיך געטראָפען,—האָט באַריאַטינסקי געענטפערט; ער האָט אויסגעטהאָן דאָס היטעל, דעם ווינטערמאַנטעל, דעם שאַרף און די טיעפע ווינטערקאַלאָשען. אַלץ איז געהען פערשאָטען מיט שניי, און ער איז באמת עהנליך געווען צו אַ וויסען געשפענסט.

באַריאַטינסקי איז געווען אַ שענער יונגערמאַן מיט אַ מזרח'ישער שאַטירונג. ער האָט געהערט צו דער הויכער געזעלשאַפט און איז געווען אַדיוטאַנט ביים הויפטקאָמאַנדיר גראַף וויטענשטיין; ער איז אויך געווען אַ דיכטער, אַ מאַטעמאַטיקער, אַ פילאָזאָפעטעאיסט און אַ פער'עקשנ'טער רעפובליקאַנער; זעהר אַ גוטער און נישט זעהר קלוג; פעסטעל'ן איז ער געווען אַזוי טריי און איבערגעגעבען, אַז ווען דער מחבר פון דער „רוסישער וואָהרהייט" וואָלט באמת געוואָלט „ווערען אַ קייזער", ווי מאַנכע האָבען געמיינט, וואָלט עס באַריאַטינסקי'ן גאָרנישט אויפגערעגט.

—וואָס זיצט איהר עס אין דערפינסטער?—האָט ער זיך גע'חדוש'ט.

—דער לאָמפ איז אויסגעלאָשען געוואָרען און דער דענשטשיק שלאָפט—ווערסט איהם נישט אויפרייסען פון שלאָף. איך בעדאַרף דאָ ערגעץ האָבען אַ ליכט, גיב נאָר אַ זוך,—האָט פעסטעל געזאָגט.

באַריאַטינסקי האָט געפונען דאָס ליכט אויפ'ן טיש און איז אַרויס אין פאָרצימער. דאָרט האָט ער פאַוואָליע-ער זאָל נישט אויפוועקען סאַווענקאָ'ן, וואָס איז געלעגען און געכראָפעט—אָנגעצונדען דאָס ליכט אין דעם נאַכטלעמפעלע, וואָס האָט געברענט אין אַ ווינקעל.

—מיינע הערן, איך האָב זעהר וויכטיגע נייעס!—האָט ער זיך אָנגערופען, אַריינגעהענדיג אין קאַבינעט. ער איז געווען זשטאַמלער (און אַזוי האָט מען איהם טאַקי גערופען—דער שטאַמלער), אָבער איצט איז ער געווען אויפגערעגט און האָט נאָכמעהר ווי אַלעמאָל געשטאַמעלט. ער האָט לאַנג נישט געקאָנט

אויסריידען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט און האָט, צולעצט, קוים אַרויסגעמורמעלט:—געשטאָרבען... דער קייזער געשטאָרבען...

—וואָס רעדסטו? עס קאָן נישט זיין!—האָט פעסטעל אויסגערופען מיט יענער פערוואונדערונג, וואָס דערוועקט זיך אין יעדען מענשען ביי דער ערשטער ידיעה פון אַ פלעצליכען טוית.

—דער קייזער איז געשטאָרבען? עס קאָן נישט זיין!—האָט ער נאָך אַלץ נישט געגלויבט און זיך אַלץ גע'חדוש'ט.—איז דאָס אמת? ווער האָט דיר געזאָגט?

—נעכטען, ביין אַ זייגער אין אָוועגד, האָט דער שטאַב בעקומען די ידיעה דורכ'ן קוריער, וואָס גענעראַל דיביטש האָט אַרויסגעשיקט פון טאַגאַנראָג.

—אַ וואונדערליכע זאַך! אַ וואונדערליכע זאַך!—האָט פעסטעל שטיל אַרויסגעזאָגט און זיך אַזוי ווי פערטראַכט.—ערשט ריידען מיר דאָ וועגען איהם—און פלוצלונג... אפשר איז דאָס אויך אַנ'אַלעגאָריע, גאָליצין?

גאָליצין האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז בלאַס געוואָרען און בעדעקט מיט די הענד דאָס געזיכט. צולעצט איז איהם געקומען אויפ'ן זכרון דאָס, וואָס ער האָט זיך שוין לאַנג געוואָלט דערמאָהנען און נישט געקאָנט.

גאָרישקינס דאַטשע ביי דעם פעטערהאָפער טראַקט; עס איז אַ לויטערער פריהמאָרגען; אַרום איז שטיל, ווי עס טועפט אָפט אין אַ פריהיגען פריהלינג אויף אַ לעדיגער זומערוואוינונג. עס זינגען פויגעל, עס הערט זיך דער שאָרך פון גראַבליעס און אַ ווייטער קלאַפּ פון אַ האַק—אַ פישער פעררייכט, קענטיג, זיין שיפעל ביים ברעג ים. אַ היימליך צימערל, „אַנ'עכטער ליעבע-נעסט פאַר מיין בידנע, בידנע מיידעלע", ווי מאַריע אַנטאָנאָווגע פלעגט זאָגען. די טהיר איז אָפען אויפ'ן באַלקאָן, אינ'ם פריהלינגספריהמאָרגען איז דער ריח פון בעראָזע-קנאָספען צוזאַמענגעמישט מיט'ן שווערען ריח פון רפואות. גאָליצין שטעהט פאַר סאָפיע'ן אויף די קניה און זי בויגט זיך אָן צו איהם און שעפּטשעט איהם עפּיס אויפ'ן אויער:

—מיר האַט זיך נישט לאַנג גע'חלומ'ט אַ חלום. מירביידע

געהען-אַריין אין דעמדאָזיגען צימער און ביי מיר אויפ'ן בעט ליעגט עמיצער, דעם קאָפּ אַריבערגעדעקט, ווי אַ מת אין תכריכים, און דאָס פנים קאָן מען נישט זעהן. און דו האָסט אין האַנד אַ מעסער און דו גנב'עסט זיך—דו ווילסט דער'הרג'ענען יענעם, וואָס ליעגט ביי מיר אין בעט. און איך טראַכט בעת-מעשה: „און ווי איז, אַז יענער איז טויט? אַ לעבעדיגען קאָן מען דער'הרג'ענען, אָבער ווי אַזוי דער'הרג'עט מען אַ טויטען?" וויל איך אויסשרייען, קאָן איך נישט. אָבער איך האַלט דיך ביי דער האַנד און לאָז דיך נישט. ביזטו אין כעס געוואָרען, האָסטו מיך אָבגעשטויסען, דיך אַ וואָרף געטהאָן און אַ קלאַפּ געגעבען מיט'ן מעסער... די תכריכים זענען אַראָבגעפאַלען... און ערשט האָבען מיר דערזעהן, ווער דאָס איז געווען..."

—דער'הרג'ענען אַ טויטען, דער'הרג'ענען אַ טויטען!—האָט גאָליצין אַרויסגעמורמעלט. ער איז געקומען צו זיך, האָט לאַנג-זאַם-לאַנגזאַם אויפגעהויבען די האַנד—זי איז געווען אַ שווערע, פונקט ווי אין חלום—און האָט זיך איבערגע'צלמ'ט.

נאָך מיט אַנ'אָווענד פריהער האָבען די טולטשינער יודען געשמועסט אין מאַרק, אַז דער קייזער איז געשטאָרבען. קיינער האָט זיי נישט געגלויבט, דאָך אָבער האָבען אַלע געפיהלט, אַז עס געשיהט עפּיס אונגעוועהנליכעס, וואָרום עס איז נישט געוועזן דער טאָג, אַז אין וואַרשוי זאָלען נישט קומען אַ דריי-פיער פעלד-יעגערס. אָבער בשעת דיביטש'עס קוריער האָט, צולעצט, געבראַכט דידאָזיגע ידיעה אין שטאַב, איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ בעפעהל, אַז די אַרמעען זאָלען שווערען קאָנסטאַנטינ'ען. אָבער דאָס איז נאָך דערווייל אויך נישט זיכער, וואָרום עס געהען-אָרום קלאַנגען, אַז קאָנסטאַנטין האָט זיך אָבגעזאָגט פון דער קרוין און אַז דער יונגערער ברודער ניקאָלאַי איז, לויט אַ געהיימער צוואה פון קייזער, דער געזעצליכער טראָנפאָלגער. אויב די אַרמעען וועלען שווערען קאָנסטאַנטינ'ען און די שבועה וועט דערנאָך דערקלערט ווערען פאַר נישטווירקליך, קאָן דאָס אַמאָל האָבען גאַנץ שווערע פאָלגען.

—נאָך אַזאַ געלעגענהייט וועלן מיר אפילו איז פונפציג

יאָהר אַרום אויך נישט האָבען,—האָט באַריאַטינסקי פערענדיגט,— און אויב מיר וועלען זיך נישט בענוצען מיט איהר, וועלען מיר פּשוט זיין געמיינע יונגען.

—וואָס איז אייער מיינונג, גאָליצין?—האָט פעסטעל אַ פרעג געטהאָן.

—מיין מיינונג איז די אייגענע, וואָס אַלעמאָל: מען בע־דאַרף אָנהויבען.

—לאָמיר, אַלזאָ, אָנהויבען מיט גאָטס הילף! אַז אָנהויבען, איז אָנהויבען!—האָט פעסטעל אַרויסגעזאָגט און אַ שמייכעל געטהאָן און פון דעמדאָזיגען שמייכעל איז זיין פּנים, ווי תּמיד, יונגער און שענער געוואָרען.

גאָליצין האָט איהם אָנגעקוקט און דערפיהלט מיט אַמאָל, אַז די שווערע לאַסט, וואָס האָט איהם אַזוי געדריקט אין דער לעצטער צייט, איז איהם ראַפּטום אַראָבגעפאַלען פון דער נשמה.

מען האָט זיך בעראַטהן, ווי אַזוי אָנצוהויבען דעם אויפ־שטאַנד, און מען האָט בעשלאָסען, אַז פעסטעל מיט באַריאַטינ־סקי'ן זאָלען פאָהרען קיין טולטשין, צוגרייטען די דאָרטיגע מיט־גלידער פון דער סעקציע. גאָליצין, ווידער, וועט פאָהרען קיין פעטערבורג, צו פעראייניגען די צפון'דיגע געזעלשאַפט מיט דער דרום'דיגער, וואָס איז איצט בעזונדערס נויטווענדיג. פעסטעל איז געווען זיכער, אַז אין פעטערבורג וועט זיך אָנהויבען.

—איהר, מיינע הערן, וועט אָנהויבען דאָרטען און מיר דאָ. אַז דער וויאַטקער פאָלק וועט פערנעהמען די קאַזאַרמעס אין טולטשין, וועלען מיר אַרעסטירען די הויפּטקוואַרטיר, דעם שעף פון שטאַב און דעם הויפּטקאָמאַנדיר. דערמיט וועלען מיר אָנ־הויבען...

—די אויפשטאַנדס-פאָלקען וועלען לכתּחילה געהן קיין קיעוו, נאָכדעם קיין מאָסקווע און פעטערבורג. גלייך ביי די ערשטע ערפאָלגען פון אויפשטאַנד, וועלען דער סינאָד און סענאַט זיין בעצוואונגען, אויב זיי וועלען זיך נישט אונטערגעבען מיט'ן גוטען ווילען, אַרויסצולאָזען צוויי מאַניפעסטען. דער סינאָד-מאַניפעסט וועט אויפפאָדערן די בעפעלקערונג צו שווערען דער צייטוויייליגער רע-

גירונג, וואָס וועט בעשטעהן פון די דירעקטאָרען פון דער גע-היימער געזעלשאפט. דער סענאַט-מאַניפעסט, ווידער, וועט פראָ-קלאַמירען די קינפטיגע רעפובליק.

מען האָט געשמועסט אַ גאַנצע נאַכט ביז אינדערפריה. אינ-דערפריה איז די זאַוויערוכע איינגעשטילט געוואָרען. אַ העלע זון איז אויפגעשטאַנען. די איינגעפּראָהרענע פענסטער זענען בלוי און ראָז געוואָרען. די זון האָט געשפּיעלט אויף זיי, און גאָליצין האָט זיך דערמאָהנט, ווי ער האָט איינמאָל, ביי רילייעוו׳ן אויף אַ פערזאַמלונג, געהערט ריידען פעסטעל׳ן. ער האָט דעמאָלט פער-גלייכט פעסטעל׳ס געדאַנקען צו די אייזקריסטאָלעכלעך, אין וועל-כע עס שפּיעלט דאָס לבנה-ליכט. אפשר עט וואיצט אָנהויבען שפּיעלען אין זיי נישט דאָס טויטע לבנה-ליכט, נאָר דאָס לעבע-דיגע זון-פייער?

אין פאָרצימער האָט זיך שוין געטענטעלט דער דענשטשיק: ער האָט איינגעהייצט אין אויוען און געשטעלט דעם סאַמאָוואַר.

—טיי ווילט איהר?—האָט פעסטעל פאָרגעלעגט.

—לכבוד דער שמחה האָט מען אייגענטליך געמעגט מאַכען אַ ברכה איבער שאַמפּאַניער!—האָט באַריאַטינסקי געזאָגט.—ע, סאַ-ווענקאָ, גיב, ברודערל, אַ שפּרונג צו מיין שליטען און ברענג-אַריין דעם זאַק מיט פלעשער.

סאַווענקאָ האָט אַריינגעבראַכט צוויי פלעשער. מען האָט זיי געעפענט און אָנגעגאָסען די גלעזער. באַריאַטינסקי האָט געוואָלט זאָגען אַ טאָסט.

—פאַר דער פר... פר...—האָט ער גענומען שטאַמלען. ער האָט געוואָלט זאָגען: פאַר דער פרייהייט.

מען בעדאַרף נישט,—האָט איהם גאָליצין אָבגעהאַלטען.—דאָס, וואָס מיר ווילען זאָגען, וועלען מיר סיי-ווי נישט זאָגען, טאָ לאָמיר בעסער אויסטרינקען אָהן ווערטער...

—יאָ, אָהן ווערטער, אָהן ווערטער,—האָט פעסטעל צוגע-שטימט.

—זיי האָבען אויפגעהויבען די גלעזער און שווייגענדיג אָנ-געקלאַפּט.

אַז מען האָט אויסגעטרונקען, האָט גאָליצין דערפיהלט, אַז שכּור איז מען אייגענטליך געווען נאָך פריהער, בשעת מען האָט געשמועסט פון די קינפטיגע אַקציעס. אפשר דערפאַר האָט עס די אויסגעוויזען אַזוי לייכט, וויל פאַר אַ שכּור'ען זעגען נישטאָ קיין שווערע זאַכען? „נו,—האָט גאָליצין אַ טראַכט געטהאָן,—אין ווײן ליעגט די וואָהרהייט און אין אונזער ווײן—די אייביגע וואָהרהייט...‟

אויף די פערפראָהרענע פענסטער האָט געשפּיעלט די זון, ווי גאָלדענער ווײן. אָבער גאָליצין האָט געוואוסט, אַז דער ווינטערטאָג איז קורץ און אַז באַלד וועט די גאָלדענע זון פערוואַנדעלט ווערען אין רויטען בלוט.

—אייער דורכלויכט,—די פערד שטעהען שוין גרייט,—האָט סאַוויענקאָ געמאָלדען.

גאָליצין האָט זיך גענומען זעגענען. פעסטעל האָט איהם אָבגעפיהרט אין דער זייט און געזאָגט:

—געדענקט איהר, ווי איהר האָט מיר געלייענט פון עוואַנגעליום: „די פרוי, וואָס געהט צו קינד, לײדט יסורים, ווייל איהר שעה איז געקומען, אָבער אַז זי געווינט שוין דאָס קינד, טראַכט זי שוין נישט פון די יסורים און זי איז פול מיט שמחה.‟ אונזער שעה איז געקומען. איך נאַר מיך נישט. אפשר איז דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבען פריהער גערעדט, בלויז טפשות, אַלע וועלען מיר אומקומען און וועלען גאָרנישט אויפטהאָן... אָבער דאָך וועט זיין אַ גרויסע שמחה, אַ גרויסע שמחה וועט זיין!

—יאָ, פעסטעל, עס וועט זיין אַ גרויסע שמחה!—האָט גאָליצין געענטפערט.

פעסטעל האָט אַ שמייכעל געטהאָן. ער האָט אַרומגענומען גאָליצינ'ען און אַ קוש געטהאָן איהם.

—נו, פאָהרט מיט גאָטס הילף!

ער האָט עפּיס אַרויסגענומען פונ'ם קעסטעלע און אַריינגערוקט גאָליצינ'ען אין דער האַנד אַריין.

—איהר קאָנט נישט מיין שוועסטער, אָבער איך וואָלט גע-

וואָלט, זי זאָל אייך אויך קומען אויפ'ן זכרון, בשעת איהר וועט זיך דערמאָהנען אָן מיר...

אין גאַליצינ'ס האַנד איז געלעגען אַ קליינטשיק בריטעלע, אויסגעשטריקט פון בלויער וואָהל. מיט ווייסע פערל איז דערויף געווען אויסגענייהט: Sophie.

מען איז אַרויס אויפ'ן גאַניק.

—פאָהרט איהר, אַלזאָ, גלייך קיין פעטערבורג, גאַליצין?—האָט באַריאַטינסקי געפרעגט.

—יאָ, קיין פעטערבורג, אָבער איך וועל נאָך פריהער אַריינפאָהרען קיין וואַסילקאָוו, צו מוראַוויאָוו'ן.

—פאַניע, היינט איז דער ערשטער שליטוועג! בעדאַרפט איהר געבען אויף אַ שנעפּסעלע,—האָט דער פוהרמאַן געזאָגט.

פעסטעל האָט צום לעצטען מאָל אַרומגענומען גאַליצינ'ען.

—נו, פאָהרט מיט גאָטס הילף! פאָהרט מיט גאָטס הילף!

גאַליצין האָט זיך אַריינגעזעצט אין שליטען.

—שוין פאַרטיג?

—שוין פאַרטיג, מיט גאָטס הילף!

דער שליטען האָט זיך גערירהרט, די שליטענשינעס האָבען גענומען סקריפּען איבער'ן שניי, די גלעקעלעך האָבען געקלונגען.

—עי, קאָטער, כאַפּט דיך דער פּיפּערנאָטער!—האָט דער פוהרמאַן אַ פייף געטהאָן און גענומען דרעהען מיט דער בייטש.

די טראָיקע האָט זיך אַוועקגעטראָגען און האָט איבערגעלאָזט אויפ'ן גלאַטען שניי, איבער וועלכען קיינער איז נאָך נישט געפאָהרען, צוויי ווייכע פאַסען. זי האָט זיך געטראָגען שנעל און אָהן אַ שום שאָרך, פונקט ווי זי וואָלט געפלויגען אין דער לופטען, און די פראָסטיג-זוניגע לופט האָט פער'שכור'ט, ווי גאָלדענער ווייך.

גאַליצין האָט אַראָבגענומען דעם הוט און זיך איבערגעצלמ'ט: ער האָט געטראַכט פונ'ם קומענדיגען גרויסען טרויער און גרויסער פרייד.

—מיט גאָטס הילף! מיט גאָטס הילף.

פערלאג „יודיש", ווארשא.

23) אונטער א ווייסען פארהאנג ..... דוד קאסעל.

(„די ברייט-געשילדערטע לאנדשאפטען, די בולט'ע בילדער, פארבען און געשטאלטען און דער פיינער פסיכאלאגישער אנאליז — דאס אלץ זענען גאר נייע טענער אין דער יודישער ליטעראטור").

24,25,26) דריי דורות .... יואל מאסטבוים.

(„דאס איז א גרויס ווערק, וואס כאפט-ארום א שטיק לעבען פון דריי דורות מיט זייערע איבערגאנגען און טראגיזם, וואס מאכט א געוואלדיגען רושם אויפ'ן לעזער").

27,28) מאיר יעזעפאוויטש .... ע. ארזשעסקא.

(„מאנכע האנדלונגען און טיפען פון דעם דאזיגען בוך זענען אזוי שפאנענדיג און אזוי שטארק, אז דער איינדרוק בעהערשט דעם לעזער, ווי עפיס אנ'אונגעוועהנליכע מאכט").

29,30) פוילען .... נח פרילוצקי.

(„דאס זענען די סאמע וויכטיגסטע און העכסט-בעלעהרענדיגסטע בילדער וועגען פוילען, און יעדער יוד, וואס וויל זיך אריענטירען אין די פראגען וועגען פוילען, מוז אונבעדינגט זיי האבען אונטער דער האנד").

31) דאס בוך פון דער צייט .... דוד איינהארן.

(„א שלייער פון פאעזיע ליגט אויף איינהארנס פראזע און די געדאנקען לייכטען-ארויס, ווי גאלדענע פונקען").

פרייז 15 מ.

32) בעגייסטערונג .... משה בראדערזאן.

(„די יודישע פאעזיע ווערט דא בערייכערט מיט נייע קלאנגען און פארבען, וואס קומען באמת פון ריינער גאט-געבענשטער בעגייסטערונג").

פערלאַג „יודיש", וואַרשא.

33) טורמע-וואַנדערונגען .... וו. קאָראָלענקאָ.

(„דאָס איז דאָס שענסטע און דאָס שטאַרקסטע, וואָס דער גרויסער קינסטלער און קעמפער קאָראָלענקאָ האָט געשאַפען אויפ'ן געביט פון טורמע-פיין און סיבירער וואַנדערונגען").

34) סיבירער דערצעהלונגען ... וו. קאָראָלענקאָ.

(„קיינער פון די רוסישע קינסטלער האָט אַזוי טיף און ברייט נישט געשילדערט דאָס לעבען און די שטרענג-שענע לאַנדשאַפטען פון דער ווייטער סיביר").

35,36) דאָס 93-טע יאָהר .... וויקטאָר הוגאָ

(„וויקטאָר הוגאָ געהערט צו די גרעסטע שטערען פון דער וועלט-ליטעראַטור און דאָס „93—טע יאָהר"—צו די שענסטע ווערק, וואָס זענען איבערגעזעצט געוואָרען אין אַלע שפּראַכען").

37) סטרונעס . . . . ז. סעגאַלאָוויטש.

(„ז. סעגאַלאָוויטש איז איינער פון די שענסטע ליריקער אין יודיש, און זיינע לידער, וואָס קומען אַריין אין דעמדאָזיגען באַנד, זענען ווירקליך קלאַנגען פון צאַרטע סטרונעס, אַמאָל מעלאַנכאָלישע און אַמאָל אָבער שטורמישע, ווי דער ווינד אויפ'ן ים").

38) דאָס טעאַטער-בוך ....

(„אַ זאַמלונג פון די בעסטע איינאַקטערס, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען און געשפּילט געוואָרען אויף די גרעסטע ביהנעס אין אייראָפּא און אַמעריקאַ").

39) רעגינע (פּאָעמע) . . . . ז. סעגאַלאָוויטש.

(„אויף אַ דורכזיכטיגען לייוונט איז דאָ אויסגעמאָלט די פּויליש-יודישע פּרוי, מיט צאַרטע פאַרבען איז געשילדערט איהר סביבה און צוזאַמען דערמיט אויך דעם דיכטערס איבערלעבונגען").